STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08633

FUN SHPANYE BIZ HOLAND

Leib Malach

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב מלאר

פון שפאניע ביז האלאנד

(מערב־אייראפעישע רעפארטאזשן)

ארויסגעגעבן דורכן
לייב מלאך־קאמיטעט אין פאריז

פארלאג „ליטעראַרישע בלעטער"

Printed in Poland

LEJB MAŁACH
Fun Szpanie biz Holand

Wyd. „Literarisze Bleter"
Warszawa 1937

Druk. „Grafia", Nowolipki 7

געדרוקט אין 1900 עקזעמפּליאַרן

אינהאַלט

זייט

שפּאַניע

די מייז אנטלויפן קיין פּאָרטוגאַל 5
ביי די גרענעצן 8
אין סעווילע קלינגען נישט די גלאָקן 10
צווי יום טובים אין סעווילע 15
די הויפּט־שטאָט פון באַפרייטער רעפּובליק 20
ערשטער מאי אין באַרצעלאָנע 26
די אַלגעמיינע לאַגע 30
שפּאַניע אויסערלעך און אינערלעך 36
דער קאַמף צווישן אָקס און מענטש 38
דער יום־טוב פון בוך 43
א קאַפּיטל „יידישע געשיכטע" 45
ביי די אנוסים אין פּאָרטוגאַל 52

פראַנקרייך

פּרעלודיע צו דער שטאָט פּאַריז 56
צווי מאָנמאַרטס 61
מוזיי 62
דער 14־טער יולי 68
בלומען אויף היינעס קבר 73
א בראַניק פון פייער און טויט 76
מערץ 1936 82
די שטאָט מעץ 85
שטראַסבורג 91
ניצע 98

איטאַליע

דאָס לאַנד פון וויין געזאַנג און הונגער 102
אין די טעג פון דער מאָביליזאַציע 106
די טויבן הונגערן אין ווענעציע 111
רוים 114
דער שטאַט וואַטיקאַן 119
לייבעלע ווערט א פאַשיסט 124

בעלגיע

אַנטווערפּען 129
בריסל 137
אינטערנאַציאָנאַלע וועלט־אויסשטעלונג 145
יידישע אימיגראַציע אין בעלגיע 151

מאָנטע קאַרלאָ 154
לוקסעמבורג 159
דייטשלאַנד
אַ באַזוך אין קרופּס פאַבריק 170
בערלין, געטאָ 1936 177
דייטשלאַנד צום צווייטן מאָל 183
שמואל און גרעטאַ 188
ווין
ווין בעטלט 195
דאָס רויטע ווין 199
טשעכאָסלאָוואַקיי 203
לאָנדאָן
די שטאָט 209
ווייטשעפּל 211
דאָס טויער פון לאָנדאָן 221
דער פּאַרלאַמענט 224
דער פּאַנטעאָן 227
פּיקאַדילי 229
„דזשאָן ביל" — דער אַרבעטער פון ענגלאַנד 230
לוויה פון ענגלישן קעניג 233
פון „מיקי מײַזל" ביזן ענגלישן לייב 238
האָלאַנד
בלומען אין אַמסטערדאַם 242
„יאָדנשטאָט" 247
יאָדיש, ייִדיש אין אַמסטערדאַם 249
נײַ־ייִדיש 253
ראָטערדאַם 255
אַ מוזיי פאַר אַרבעט־באַשיצונג 260
דער מוזיי פון זאַק־וויב 266
אַ באַזוך אינם „שלום־פּאַלאַץ" אין האַג 269



די מיוז אַנטלויפן קיין פּאָרטוגאַל

איך בין אָנגעקומען קיין פּאָרטוגאַל, אויף מיין וועג קיין שפּאַניע, מיט דער שיף „ארלאנזא" דעם 7-טן אַפּריל 1936. אויף דער שיף האָט מיך באַגריסט אַ דעלעגאַציע פון ליסאַבאָנער יידן, געוועזן צווישן זיי אַפילו אַ פאָרשטייער פון די אנוסים.

מיט די דאָזיקע יידן האָב איך געדאַרפט פאַרברענגען אַ טאָג, זיי האָבן אָבער געפונען פאַר נויטיק מיך „אָפּצוהאַלטן" פון פאָרן קיין שפּאַניע אין איצטיקן מאָמענט, ביז עס וועט „איבערגיין".

גיי דערציי זיי, אַט די פשוטע מענטשן, אַז איך איל זיך טאַקע צו זען דאָס, וואָס דאָרט קומט פאָר, דעם „ערב-פרילינג". אין פּאָרטוגאַל ציטערט מען איצטער צו הערן דאָס וואָרט „שפּאַניע". שפּאַנישע צייטונגען לאָזט מען דאָ נישט אַריין. מען לאָזט נאָר אַריין די מ יי ז.

ווער זיי זענען די „מייז"? אין די טויזנטער זענען זיי, באַהאָנגען מיט גראָבע, גילדענע האַלז-בענדער און גוידערס, באַלייגט מיט בריליאַנטענע רינגלעך און ברעלאָקן, באַשטעקט מיט „בראָשן", באַרייפט מיט בראָנזלעטן.

דער שפּאַנישער אַדל. די נעכטיקע הערשער, גלחים און קרובים למלכות, די, וואָס האָבן זיך געשראָקן פאַר די טויזנטער באַפרייטע, וואָס זיי האָבן אויף „אייביק" געשיקט אין די תפיסות און פאַראורטיילט צום טויט, און נאָר על-פּי-נס זענען זיי נאָך נישט געקעפּט געוואָרן. איצטער זענען זיי, יענע „טויטע", לעבעדיק געוואָרן און זענען אויפגעשטאַנען צו מאָנען אַ חשבון פאַר זייערע שוין דערהרגעטע חברים.

אין שפּאַניע „טוט זיך עפּעס"! זעט, ווי די האָטעלן אין ליסאַ־באָן, אין די פּאַרטן און גרענעץ-שטעטלעך זענען איבערפולט מיט אָט די „גראַנדן" מיט די מאַנאָקלען אין די אויגן, מיט זייערע טעכטער, זין, מיט קליינע קינדער און גרויסע קינדער.

די שפּאַנישע שפּראַך איז איצטער דאָמינירנד אין די ליסאַבאָ־נער גאַסן און קאַפעען. די שטאָט ווערט „אויפגעריכט". מיינע פרייַנט פירן מיך פון איין האָטעל צום אַנדערן, אומעטום — באַזעצט. די האָטעל-פּאָיעס און די וואַרט-זאַלן זעען אויס ווי וואָקזאַלן, אין יעדן ווינקל — וואַליזעס און וועג-קאַסטנס. עס חידושט נאָר, ווי אַזוי האָבן זיי, אָט די „ריטער", וואָס האָבן דערשפּירט זייער זינקענדיקע שיף און געמאַכט פּליטה, אַרויסגעפירט אַזוי פיל געלט, גאָלד און דימענטן, בעת די גרענעצן פון שפּאַניע זענען שטרענג באַוואַכט און מען היט שטאַרק, מען זאָל נישט אַרויסנעמען פון דאָרט אָט דאָס אַלץ.

קלאָגן זיי זיך טאָקע שטאַרק און דערציילן מיט ביטערניש (און די גאָלדענע שווערע קייטן אונטער די גוידערס באַמבלען צו, און די בריליאַנטן אין די גרויסע קעם צעפינקלען זיך), אַז פיל, זייער פיל פון זייערע נאָענטע האָט מען אויסגעטון אדם-נאַקעט, אָדער חוה נאַקעט און צוגענומען דאָס, וואָס זיי האָבן אַרויסגעפירט. נאָר אַ סך האָט עס „אָפּגעגליקט", אַ סך האָבן עס „פאַרויסגעזען" און ביסלעכווייז אַריבער־געפעקלט זייער פאַרמעגן. איצטער זענען זיי געקומען ווי צו זיך.

אין פּאָרטוגאַל זענען זיי געשיצט: זיי האָבן דאָ אַ טרייען היי־טער, דעם דיקטאַטאָר סאַלאַזאַר, דער פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמיע, דער אַלטער בחור און אומענדלעך-פאַנאַטישער יעזואיט, דער שטרענ־גער קאַטאָליק, וועמען די גענעראַלן, וואָס האַלטן די שווערד אויף דעם האַלז פון פאָלק, האָבן אָנפאַרטרויט צו פירן דאָס לאַנד. און דאָס לאַנד ווערט געפירט אין גייסט פון מוסאָליני און אין די אינטערעסן פון ענגלאַנד מיט אַן אייזערנער פויסט, שוין אַזוי צען יאָר. אַלע גוטע צייטן אונטער דער ליבעראַלער רעפּובליק זענען איצטער, ווי ווייטע זיסע זכרונות.

פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע. פון צוויי ביז זעקס עסקודעס טאָג-לוין פאַר אַרבעט. רעכנט דאָס איבער אויף אַמעריקאַנער געלט, פון צען ביז פינף און צוואַנציק סענט. דערפון גייט אַראָפּ צוויי פּראָ־צענט פאַרן אַרבעטסלאָזן-פאָנד. אָבער אין דער צייט פון אַרבעטסלאָ־זיקייט קריגט מען גאָרנישט.

זעט מען זיי, די אַרבעטס-מענטשן, מיט געלאָשענע פּנימער, אָפּגעלאָזן, באָרוועס און אָפּגעריסן. דער מאָלצייט באַשטייט פון אַ געטריקנטן פיש מיט אַ גלאָז ווײַן. די שמאָלע, קרום-ברוקירטע גאַסן פון האַנדלס-צענטער אין ליסאַבאָן ווערן פאַרשריגן פון הונדערטער געהאָדערטע קינדער. זיי רײַסן דעם פאַרבײַגייער, דעם טוריסט, זיי שפּילן אויף דער לעצטער קאָרט: רחמנות, זיי מוזן עסן!

און נישט נאָר מיט לאָטעריע-צעטלען, אויך מיט אַנדערע ענלעכע „סחורה", אויך מיט צײַטונגען. די „סוחרים" זענען נישט עלטער פון זעקס יאָר, זיי קאָנען נאָך צומאָל נישט דערטראָגן דעם פּאַק צײַטונגען. נאָר עס זענען פאַראַן גליקלעכערע פון זיי, די, וואָס אַרבעטן אין די קאַפעען און רעסטאָראַנען און האָטעלן. מאַסן קינדער זענען באַשעפטיקט אויף די אַרבעט-פּלעצער, אַפילו אין די נאַכט-לאָקאַלן האָבן זיי, די קינדער, אַן אויפגאַבע צו טראָגן „צעטעלעך" פאַר ראַנדעוועןן פון די לעבּ-הערן צו די זונות, און כיטרע שוין אויסצוזאָגן „סודות", ווער די דאַמען זענען, וואָס טראָגן מאַסקעס פאַר די אויגן.

אויפן קוק מיינט מען, אַז פּאָרטוגאַל איז אַ לאַנד פון חכמה און וויסנשאַפט, אַז בלויז געלערנטע זענען דאָ פאַראַן. מען באַגעגנט אין די גאַסן און אויף פּלאַצעס יונגעלייט אין פאַרשידענעם עלטער מיט די ברייטע שוואַרצע טאָגעס, פעלערינעס אַזעלכע, לאַנגע ביז צו דער ערד און מעשה אַלט-גריכיש — פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען. דאָס זענען סטודענטן. אין דער אמתן זענען דאָ זייער ווינציק פון דעם מין, וואָס פלאַטערן אין די שוואַרצע פאָלעס. דאָס רוב פאָלק איז אומוויסנדיק. אַכציק פראָצענט פון דער באַפעלקערונג זענען הוילע אַנאַלפאַבעטן. נישט אומזיסט זעט מען אַזוי פיל פראַנצויזישע ביכער אין די פענסטער פון די בוכהאַנדלונגען און אַזוי ווייניק פּאָרטוגעזישע. יעדער, וואָס איז געלערנט אַ ביסל, לייענט פראַנצויזיש. פאַר דעם היימישן געברויך דרוקט מען ווינציק, עס פעלן אָפּנעמער.

און דאָס פאָלק שטילט זײַן גייסטיקן דורשט אין די באַקאַנטע געסלעך, אין די „פאַנדאָס", די „ווײַן"-שענקעלעך, און אין די קאַפעען, ווו הייזעריקע זינגער און דורכגעבּרענטע זינגערינס זינגען די „פאַדאָס"—סענטימענטאַלע פאָלקס-לידער וועגן נישט-דערגרייכטער ליבע און נישט-געשטילטער בענקשאַפט. אין ספּעציעלע קאַפעען, דעקאָרירט אין מורישן סטיל, אָט אַזוי ווי די פאַדאָס אַליין זענען אַן איבערבלײַבעניש פון די אַראַבער, זיצט מען, ווער עס האָט מיט וואָס צו

באַצאָלן, ביז אין די פּאַרטאָגן, און ווער עס האָט נישט, שטופּט זיך ביי די פענסטער און לאָדנס, טירן און פלויטן — כּדי אויפצוכאַפּן דעם מאָטיוו, וואָס מען האָט אים נישט געלאָזט אויסזינגען אונטער דעם פענסטער פון זיין געליבטער.

אַמאָל איז עס געווען צוליב אַ שיסל מיט „זרש'ס" מאַטעריאַל, וואָס אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע האָט אַראָפּגעגאָסן, כּדי פון אים פּטור צו ווערן, און היינט איז עס צוליב אַן איינפאַכן פאַרבאָט פון פּאָליציי, ווייל עס זענען מער קיין סערענאַדעס נישט דערלויבט. הייסן הייסט עס, אַז פּאָרטוגאַל דאַרף זיך אָפּוואַנדן פון די „ווילדע" מנהגים, וואָס באַנדעס בחורים פלעגן מיט גיטאַרעס אין די הענט זיך צווּעקשטעלן אונטער די מיידלעכס פענצטער און אויסזינגען זייערע האַרצנס לידער. אָבער עס האָט געטראָפן, אַז די דאָזיקע סערענאַדעס זענען גאָר געווען פון אַן אַנדער מין: נישט וועגן ליבע און ליידנשאַפט, נאָר וועגן קנעכטשאַפט און באַפרייאונג. די דאָזיקע רויטע סערענאַדעס זענען געוואָרן אַלץ אָפט און אָפטער, און פּונקט ווי עס טאָר נישט זיין קיין פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניקונג, אָדער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, אַזוי טאָר מען נישט זינגען אָדער רעדן, וואָס דער „צעדרייטער פּראָפעסאָר", דער דיקטאַטאָר סאַלאַזאַר, וויל נישט. זינגען מעג מען, נאָר אין דער קירכע, עקויסטירן מעגן נאָר גלחים-אָרדערס. די קירכע איז אָפּגעטיילט פון דער מלוכה, אָבער די הערשערין איז די קירכע, און דער דיקטאַטאָר איז איר געטרייסטער דינער.

איז נישט קיין ווונדער, וואָס די שפּאַנישע גלחים, „שוועסטער", באַנקירער, געוועזענע הויף-לייט, גוט-באַזיצער, געכטיקע האַרן, קומען זוכן שוץ אין קאַטוילישן פּאָרטוגאַל.

ביי די גרענעצן

אַ בילד פון בהלה, פון פּאַניק, פון פאַרצווייפלונג שטעלט מיט זיך פאָר שפּאַניע ביי אירע גרענעץ-פּונקטן, און אין די גרענעץ-שטעטלעך אַרום שפּאַניע.

דער אָפּשיין פון שרפות און דער אָפּהילך פון באָמבע-אויפרייסן, צוקומענדיק צו די שפּאַנישע גרענעץ-פּאָסטנס, קאָן מען מיינען, אַז גאַנץ שפּאַניע שטייט אין פלאַמען.

די דאָזיקע בהלה־שטימונג פאַרשפּרייטן די וואָס אַנטלויפן, די, וועלכע פאָרן דערווייל אַרויס פון לאַנד, „איבערוואַרטן״ אין די שכינותדיקע לענדער. פּאָרטוגאַל. יאָ, דער עיקר איז פּאָרטוגאַל. ווייל די, וואָס אַנטלויפן האָבן אַן אויסרייד, אַז זיי זענען... פאַרפאָלגטע צוליב דער רעליגיע, אַז דאָס אַפּיקורסישע געזינדל, וואָס זיצט איצט ביי דער מאַכט, צינדט קירכן, דערמאָרדעט גלחים און שענדעט נאָ־נעס... און דאָס פרומע, קאַטוילישע פּאָרטוגאַל נעמט אויף אָט די אַנטלאָפענע פון דער „אינקוויזיציע״ גאָטספאָרכטיקע קריסטן און מאַכט זיי אַלע קאָנצעסיעס און באַקוועמלעכקייטן.

און נישט נאָר פּאָרטוגאַל, נאָר אַפילו דער פריי־פּאָרט גיבראַל־טאַר, וואָס ליגט זיך אין דער מיט פון שפּאַניע און שפּאַניש מאַראָ־קאָ אונטער ענגלישן פּראָטעקטאָראַט, אויך דאָרט פילן זיך די נייע „מאַראַנען״ זיכער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פּיצעלע מדינהלע, דאָס רעפּובליקל אַנדאָראַ, וואָס געפינט זיך צווישן שפּאַניע און פראַנקרייך, שטרעקט אויך אויס אָפענע אָרעמס צו די „פּליטים״, אָבער עס איז קלאָר, אַז דאָס טוט מען צוליב... געשעפט. וואָרום אַנטלויפן, אַנטלויפן דאָך נישט די פּאָלקס־מאַסן, נאָר די רייכע, די גאָר רייכע, די גרויס־אינדוסטריעלער, די פאַבריקאַנטן און גוט־באַזיצער. מען אַנטלויפט מיט ווייב און קינד, כאָטש עס שטייט פאַרלויפיק נישט פאַר קיין שום געפאַר, נישט פאַר זייער לעבן און נישט פאַר זייער פאַרמעגן. אָבער דאָס זענען אַזעלכע, וואָס האָבן „מורא פאַרן מאָרגן״, מען אַנטלויפט, כדי... אַרויסצופירן דעס פאַרמעגן, וויפל עס לאָזט זיך, און אין אַלערליי פאָרמען.

די שפּאַנישע גרענעץ־וואַך איז פאַרשאַרפט. מען מאַכט גרינטלע־כע רעוויזיעס ביי די, וואָס פאָרן אַרויס — עס איז אָבער אוממעג־לעך צו פאַרהיטן. ס׳רוב שמוגלט מען זיך דורך זייטיקע וועגן און הינטער־גרענעצן. דאָס אַרויספירן פאַרמעגן, געלט, פּאַפּיר און גאָלד, קאָסטבאַרע חפצים איז קאָלאָסאַל. דאָס רואינירט דאָס לאַנד. דער נייער געזעץ, וואָס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין קאָרטעז (פּאַרלאַמענט), זעט פאָר, אַז די אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס, הייזער, פאַבריקן, גיטער פון די אַנטלאָפענע זאָלן קאָנפיסקירט ווערן און די אונטערנעמונגען זאָלן נאַציאָנאַליזירט ווערן. צי וועט עס העלפן—איז אַ גרויסער ספק.

נאָך ערגער ווי די קאָסטבאַרע חפצים, וואָס די לייט שמוגלען אַרויס, זענען די „ידיעות״, וואָס זיי פאַרשפּרייטן אין אויסלאַנד. אין

לאַנד גופא עקזיסטירט אַ שטאַרקע צענזור, וואָס דערלאָזט נישט פאַרשפּרייטן קיין פּאַניק-שטימונג אין אויסלאַנד. אָבער דאָ, האַרט ביי שפּאַניעס גרענעצן, ווערט געפירט אַ וויסטע העצע און עס ווערט געשאַפן אַ בייזע שטימונג.

אָבער נישט בלויז דאָס בילד פון אַנטלויפנדיקע קאָן מען זען ביי די שפּאַנישע גרענעצן נאָר אויך צוריקקומענדיקע. יעדן טאָג קומען צוריק מאַסן אַרבעטער, וואָס זענען אַנטלאָפן נאָך דעם „6-טן אָקטאָבער". תמיד זענען ביי שפּאַניעס גרענעצן פאַראַן דעלעגאַציעס פון אַרבעטער-פאַריינען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס וואַרטן אָפּ די צוריקקערנדיקע. דאָס זענען סצענעס, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרגעסן — דאָס באַגעגענען זיך פון אייגענע און נאָענטע, פּאַרטיי-טוער און רעוואָלוציאָנערן. מען קומט אַנטקעגן מיט אָרקעסטערס און פענער!

דאָ, ביי די גרענעצן, קאָן מען זען דאָס כאַראַקטער-בילד פון איצטיקן שפּאַניע. דאָס פּאַנישע אַנטלויפן פון איין זייט און דאָס טריומפירנדיקע צוריקקומען פון דער צווייטער זייט.

■■■■

אין סעווילע קלינגען נישט די גלאָקן פון דער קאַטעדראַל

איך האָב אויסגעקליבן מיין וועג איבער שפּאַניע גראָד פון דרום צו, פון גיבראַלטאַר, מאַלאַגע און גרענאַדע, צו דער בלומיקער אַנדאַלוזיע, צו דער הייליקער סעווילע. עס איז גראָד די „הייליקע וואָך" אין סעווילע, „סעמאַנא סאַנטאַ". פון גאַנץ שפּאַניע איז מען יעדעס יאָר עולי רגל, ווער אין די לוקסוס-צוגן, און ווער — אין די שמוציקע, אָנגעשפּיגענע, פול מיט בלאָטע און שטויב דריטע-קלאַס-וואַגאָנען. ווער עס שלעפּט זיך אַהין אויף גרויסע רעדער, געמאַכט פון דורכגעזעגטע ביימער, געשפּאַנט אין אָקסן, און ווער—אין די לעצטע מאָדעלן אויטאָמאָבילן, ווער עס פאָרט רייטנדיק אויפן אייזל און ווער עס פליט אויף עראָפּלאַנען.

די וואָך פון פסח איז די הייליקסטע אין סעווילע. די ליכט ווערן גאַנצע זיבן טעג נישט געלאָשן אין דער באַרימטער קאַטעדראַלע, און די שווערע געפּאַנצערטע טירן זענען טאָג און נאַכט אָפן.

דער ווייִרויך דעמפּט זיך און דער אָרגל צעגיסט די פרומע טענער. אָן אויפהער שטראָמען מענטשן, איבערהויפּט יונגע פרויען אין שוואַרצן געקליידט, און אויף די קעפּ—שוואַרץ-זיידענע, ווי דער דינסטער שפּינגעוועבס, שאַלן אויפגעהאָנגען אויף די גרויסע האָר-קעם. אַ וועלט מיט רייץ, מיט עראָטיק ליגט אין אָט דעם פרומען הילך. איך בין געשטאַנען ביי דעם אָפּבילד פון דער „סעניאָראַ דע לאַ עספּעראַנזאַ״ און געקוקט, געקוקט אויף די בריליאַנטענע טרערן און פאַר זיך געזען די אַלע מאַדאָנעס אין שוואַרצן געקליידט, מיט די דינע זיידענע קאָפּטיכלעך, און הגם זיי האָבן אַזוי ערפורכטיק געקניט, איז זייער געבעט אַ פּשוטער, אַ מענטשלעכער, אַז זי, די סאַנטאַ, זאָל זיי צושיקן זייערע באַשערטע, די זיווגים...

נאָר פונדעסטוועגן פאַרלאָזן זיך נישט די פרויען אויף דער געטלעכער הייליקייט, נאָר מען טוט, וואָס מען קאָן. מען פירט אונטער מיט לייכטעד בלוי-טונקעלער שמינקע די אויגן, כדי דאָס מין ווייבלעכקייט זאָל אַרויסקומען מיסטעריעזער און לאָקנדיקער. און עפּעס שמירט מען זיך אַריין אין די ווייסלעכצער פון די אויגן, כדי זיי זאָלן באַקומען אַ בלוילעכן אָפּשיין. און אַפילו די שוואַרצאַפּלען ווערן אָנגעגאָסן מיט עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט זיי פייכט און גלאַנציק, אַן אָנווונק פון דער „עספּעראַנזאַס״ טרערן.

ווען איך וואָלט געוועט שרייבן מיינע איינדרוקן פון סעווילע אין דער צייט, וואָס כ׳האָב געהאַט אַ נייגונג צו די „שפּאַנישע באַלאַדן״, וואָלט איך זיך מסתמא אויך אַנטציקט פון אָט-אָ-די לעבעדיקע מאַדאָנעס, וואָס זענען איינגערעמט אין פּשוטע פענסטער-ראַמען, און אונטער אייזערנע קראַטעס, ווי פּאַר תּפיסות. קיין קליינע נר-תּמיד-פלעמעלעך פלאַטערן נישט איבער די שטערנס פון די „מאַדאָנעס״, דערפאַר ציטערן הערצער און עס מורמלען ליפּן. די מאַדאָנעס רעדן אויך ווייניק. עס רעדן נאָר בלויז די מתפּללים צו די מאַדאָנעס, דאָס זענען דאָך די הייס-אויגיקע אַנדאַלוזיער בחורים, וואָס שטייען אַזוי אין די שענסטע פרילינגס-יאָרן פון זייער יוגנט פאַר אָט די פענסטער און רעדן זיך איבער, שושקענדיק, פליסטערנדיק מיט זייערע „געט-נס״, די סיניאָריטאַס...

אָבער היינט איז דער „סאַנטאַ סעמאַנאַ״-סעזאָן פון אַפּריל 1936 פאַרשטערט געוואָרן אין סעווילע.

עפּעס בלאָזן אַנדערע ווינטן.

איך פֿאָר פֿון פּאָרטוגאַל קיין שפּאַניע מיטן אויטאָבוס. דער וועג איז אַ שיינער און פֿאַרביקער. פֿאַרן אויג דרייט זיך אַדורך די גאַנצע אומגעגנט, שטעטלעך און דערפֿער. דער שאָסיי איז אַספֿאַלטירט פֿון ליסאַבאָן קיין סעווילע, כּדי די רייכע טוריסטן זאָל באַקוועמער זיין אָנצוקומען צו דער הייליקער שטאָט. נאָר דאָס יאָר זענען די וועגן פֿאַרשעמט, אָט ווי עמעצער, וואָס גרייט צו אַ סעודה פֿאַר געסט און די געסט קומען נישט... סך־הכּל גייט היינט איין אויטאָבוס און איז אויך מער ווי העלפֿט ליידיק. פֿאַראַיאָרן, זאָגט מיר דער שאָפֿער, איז יעדע שעה אַרויס אַן אויטאָמאָביל, אָבער היינט טראָגן זיך גרויסן פֿון דאָרט, פֿון דעם שוין איצט מיסטעריעז־געוואָרענעם שפּאַניע, אַז קיין פּראָצעסיעס וועלן נישט פֿאָרקומען און עס וועט זיין אַ מורא אָנצוטון די גאָלדענע און פֿיל מיט דימענטן, בריליאַנטן און פּערל באַזעצטע קרוינען אויף די קעפּ פֿון די הייליקע און מאַדאָנעס, און אַז די קאָסטבאַרע טראָגנען און לעקוטעס וועט מען נישט טראָגן.

די מערסטע טייל פֿון ״ ״ איצטיקע פּאַסאַזשירן זענען עס אין די בלויע בלוזן, מיט צעקאַרבטע הענט, אַרבעטס־מענטשן. דאָס זענען שפּאַניער, וועלכע זענען בעת די טויט־משפּטים אַנטלאָפֿן. זיי האָבן זיך אַ סך געראַטעוועט אין פּאָרטוגאַל. איצט פֿאָרט מען מאַסנווייז צוריק. עפּעס איז פֿאַראַן אַן אויפֿלעבונג אין זייערע אויגן, אַ הייטערקייט אין זייער רעדן און דאָס אַקצענטירן מיט די הענט איז אימפּולסיווער און שטאַרקער.

עס פֿאָרן אויך צוויי פּאָרטוגאַלישע גלחים.

זיי פֿאָרן, ווי יעדעס יאָר צו דער הייליקער וואָך אין סעווילע. פֿון יאָר צו יאָר שטייט אין זייערע אויערן דער קלונג פֿון די סעווילער קאַטעדראַל־גלאָקן. שוין עטלעכע יאָר ווי דער ראַדיאָ טראָגט פֿאַנאַנדער אָט די קלאַנגען פֿון דער סעווילער קאַטעדראַל. אין יענעם מאָמענט, בעת דער גלאָריע, שבת ביים זון־אויפֿגאַנג, צעטראָגן זיך דורך די ראַדיאָ־כוואַליעס די אָרגל־טענער און כאָר־געזאַנגען, אָבער נישט אַלע ווילן הערן דאָס ווידערקול פֿון אָט דעם און פֿאָרן אַליין. די צוויי גלחים פֿאָרן יאָר־איין יאָר־אויס. נאָר איצטער זיצן זיי צונויפֿגעפּרעסט און שווייגן.

ביי דער פּאָרטוגעזישער גרענעץ—אַ שטרענגע קאָנטראָל פֿון די, וואָס פֿאָרן אַרויס.

אפֿשר זענען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס מען דאַרף נישט אַרויסלאָזן.

די אינטערנאציאנאלע פאליציי פון פארטוגאל איז פארשטארקט ביי דער שפאנישער גרענעץ. איבערהויפט איז מען חוקר ודורש די, וואס זענען שוין עטלעכע מאל געווען אין שפאניען און צוריק.

שפאניען איז איצטער אנשטעקנדיק...

אבער בעת אלץ גייט דורך כשר, ווערן אבער די צוויי גלחים בשום אופן נישט ארויסגעלאזט.

פארוואס ?

ווייל גלחים זענען נישט זיכער אין שפאניע.

קלויסטערס ברענען.

די הייליקע שוועסטער פארטרייבט מען פון די מאנאסטירן.

די גלחים ווערן בלייך. זיי שווייגן עפעס פארשולדיקט בעת איינער פון די שפאנישע ארבעטער ווארפט אריין א ווארט:

— אין אסטוריאס גייט די באפעלקערונג אפגעריסן און אין ארגאמאסיליא הונגערט מען.

די גלחים בעטן זיך: אויף אונזער ריזיקע. נאר די אינטערנא-ציאנאלע פאליציי, וואס היט טריי אפ די יעזואיטישע איבערצייגונגען פון פארטוגאלישן דיקטאטאר, וויל בשום אופן די גלחים נישט ארויס-לאזן צו דער פייער-געפאר.

מיר פארן דורך די גרענעץ שוין אן די גלחים. פון דער פאר-טוגאלישער גרענעץ ביז דעם ערשטן שטעטל פראנטערא, פארט מען צען מינוט. אלץ שווייגט. דאס שטיקל שאסיי פון איין גרענעץ ביז דער אנדערער — איז ווי הפקר און דערפאר פול מיט גריבער און שפיציקע שטיינער. נאר אט, עס גיט א פלאטער די רעפובליקאנישע שפאנישע פאן, און באלד דערויף — א פריידיקער אויסגעשריי פון די פארער „וויוואַ לאַ ליבערטאַד עספּאַניאָלאַ!" און באלד דערויף — דאס געזאנג פון אינטערנאציאנאל. און מיט די קולות ווערט פאר-הילכט דער גרויסער מארק פון קליינעם שטעטל פראנטערא און מיט דעם געזאנג גייט דער עולם ארויס פון פארטוגאלישן אויטאבוס און גייט אריין אין דער פאליציי-שטעלע, פאס-קאנטראל און צאל-רעוויזיע.

* *

*

דער שפאנישער שאפער, וואס נעמט איבער דאס רעדל פון אויטאבוס, טראגט אין לאץ א רויט שלייפל און אויפן היטל — סערפ און האמער. פאר די סימנים זענען הונדערטער פארשיקט געווארן אין

די תּפיסות. אונזער שאָפער איז איינער פון זיי. ער דערקענט זיין פּובליקום. ער האָט זיך אומגעקערט פון טורמע און זיי — פון גלות. מען באַגריסט זיך אויפן פּאָרטוגעזישן שטייגער פון דריקן זיך ברוסט צו ברוסט און קלאַפּן אין דער פּלייצע. מען רופט זיך קאַמעראַד און אין דער נאָענטסטער שטאָט, ווו מיר קומען אָן, מוזן אַלע, אויפן חשבון פון שאָפער, טרינקען וויין אין אַ „פאַנדא", און אויך איך בתוכם, נאָך דעם ווי עס איז באַוווּסט געוואָרן, אַז איך בין נישט קיין פרומער עולה-רגל אויף דער סאַנטאַ סעמאַנאַ אין סעווילע, נאָר אַ ציימונגס-קאָרעספּאָנדענט, וואָס וויל באַשרייבן דאָס איצטיקע שפּאַניע.

דאָן קישאָטס וועגן זענען איצטער אַספאַלטירט, ברייט און גלאַנציק. שפּאַנישע שטעטלעך לייכטן מיט זייער ווייסקייט. מען פילט אַ באַזונדער יום-טוב אומעטום. מען זעט, ווי פאָלק איז אויפגערוימט. דאָס האַסטיקע שמועסן און דאָס שאַרפע באַטאָנען, דערציילט, אַז עפּעס ענדערט זיך, אַז עפּעס קומט אויף.

■■■■

צווייר יום-טובים אין סעווילע

דאָס יאָר איז די גרויסע פייערלעכקייט פון דער „סעמאַנאַ סאַנטאַ" עפּעס נישט דורכגעגאַנגען אַזוי פייערלעך אין שפּאַניע.

דער קלער האָט געטון אַלץ, כדי צו ווייזן, אַז די מאַכט פון דער קירכע איז נאָך שטאַרק, אַז סעווילע, די הייליקסטע שטאָט פון גאַנץ שפּאַניע, איז נאָך אַלץ הייליק. אַז כאָטש אין אַסטוריאַס ברענען קירכן, איז דאָס פאָלק פונדעסטוועגן נאָך פרום, און כאָטש מען איז נישט געקומען פון פּאָרטוגאַל און פון מאַדריד און פון וואַלענסיאַ און פון זאַראַגאָזאַ צו די רעליגיעזע פּראָצעסיעס, איז נאָך גענוג פרומער עולם אין אַנדאַלוזיע, און אין סעווילאַ גופא איז דאָס נר-תּמיד, דאָס פלעמל פון בוימל איבער די בראָנזענע טירן פון די פאַטיעס, נישט געלאָשן געוואָרן.

אָבער דער ראַדיאָ האָט דאָס יאָר נישט צעטראָגן די קלאַנגען פון די קאַטעדראַל-גלאָקן איבער די הייזער פון די פרומע און גלוי-קע. וואָרום יעדעס יאָר האָבן די כוואַליעס צעטראָגן דאָס וואָרט און דאָס געזאַנג, די תּפילות און דעם גלאָקן-קלאַנג איבער שטעט

און שטעטלעך. איצט אָבער איז אַרויס אַ פאַראָרדנונג, אַז דער ראַדיאָ דאַרף נישט דינען דער קירכע, און די, וואָס האָבן וועגן דעם נישט געוווּסט און האָבן אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ אויף סעווילע, האָבן זיך אָנטוישט: אָנשטאָט די געדעמפּטע טענער פון אָרגל-מוזיק, אָנשטאָט די רעליגיעזע געזאַנגען און אָנשטאָט דעם פעסטן מעטאַלענעם קלאַנג פון די קאַטעדראַל-גלאָקן, האָבן זיי איצט געהערט — לייכטע דזשאַז-מוזיק, וואַלענסיאַנער פאָלקס-לידער און רעדעס, וואָס זענען גראָד דעמאָלט געהאַלטן געוואָרן אויף אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען.

די מאַכט פון דער קירך ברעכט זיך אָבער נישט אַזוי לייכט. און די הייליקע שטאָט סעווילע גיט זיך נישט שנעל אונטער. איבעריקנס, פאָרלויפיק איז עס אַ פאָלקס-רעפּובליק. שפּאַניע געפינט זיך דאָך נישט אונטער די הערשאַפט פון די אַנאַרכיסטן, למשל, כאָטש זאַמאָרא, דער פרומער און אָפּגעהיטענער קאַטוילישער פּרעזידענט, איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון בענקל. אָט טאָקע בשעת דער „סעמאַנאַ סאַנטאַ" האָט דער עקס-פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, אָפן און פריי דעמאָנסטרירט זיין שייכות צו דער קירכע און האָט זי גענומען אונטער זיינע פּרעזידענטישע פליגל.

אָבער קיין אַנדערער פון די אָפיציעלע רעגירונגס-לייט נעמט נישט מער קיין אָנטייל אין רעליגיעזע פּראָצעסיעס. דאָך — די פּראָצעסיע אַליין ווערט דורכגעפירט מיט דער גאַנצער פּראַכט: אַ פאַרביק שטיק מיטלאַלטער קומט אויף איבער די אַספאַלטירטע גאַסן פון סעווילע. אַ משונהדיקע פּראָצעסיע. עס ווערן געטראָגן הייליקע בילדער, באַהאַנגען און באַלייגט מיט גאָלד און איידל-שטיינער, די גרויסע בריליאַנטן אין די קרוינען צעשפּילן זיך קעגן דער זון מיט הונדערטער בלענדנדיקע פאַרבן.

צווישן אַנדערן קומט אויך דער פאַראַד פון די מאַסקעס. דאָס זענען אומהיימלעכע, פחדימדיקע, שרעקנדיקע „פאַרשטעלטע", מענטשן, וואָס מען ווייסט נישט, צי זענען זיי מענער אָדער פרויען. זיי גייען אָנגעטון אין ווייסע, לאַנגע כאַלאַטן און אויף די קעפּ טראָגן זיי שפּיציקע מאַסקעס פון קאָפּ ביז צום האַלז. אייגנטלעך איז דער כאַלאַט מיט דער מיץ-מאַסקע פון איין שטיק געוואַנד. עס זענען נאָך אויסגעשניטן לעכלעך פאַר די אויגן.

די דאָזיקע פאַראַד-גייער דערמאָנען זייער שטאַרק די אינקוויזיציע-פּראָצעסיעס, וואָס זענען טאָקע דאָ, אויף די זעלבע גאַסן, פאָרגעקומען מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

איך שטיי אויף דעם שמאָלן שטיקל טראָטואַר, איינגעפּרעסט צווישן דער מאַסע. אַרום מיר רוישט מיט לעבן פון שוואַרץ-אויגיקע מיידלעך און יונגעלייט אין אויסגעבונדענע שלייף-טיכלעך אויף די העלזער. איך הער ווי זיי רעדן. זיי זענען ווייט נישט באַגייסטערט פון דער „דעמאָנסטראַציע". פאַרקערט, אַנדערע האַלטן, אַז מען דאַרף זיך נישט רייצן מיט די געפילן פון דער מאַסע און אַרויסברענגען אין דער גאַס אַט דאָס גאַנצע ביסל קאָסטבאַרקייט גראָד איצט, ווען די מאַסן אין שפּאַניע זענען אַזוי אויפגעברויזט...

און עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר שפּאַניע:

בעת די פּראָצעסיעס טראָגט מען בריליאַנטענע קרוינען, און לעבעדיקע מענטשן גייען באָרוועס און אָפּגעריסן.

די קירכע אין שפּאַניע איז אָבער אויך דעצידירט צו קעמפן. זי וועט נישט אָפּשטיין אַזוי לייכט פון איר פּאָזיציע. עס איז אַ געפערלעכע שפּיל, דאָס איצטיקע רייצן זיך, די פּראָצעסיעס, דאָס שפּילן פון אָרקעסטערס און דאָס רייטן פון די „פאַרשטעלטע", די גאַנצע מיסטעריע, וואָס ווערט איצט אָפּגעשפּילט אויף די סעווילער גאַסן און גראָד אין אַ מאָמענט, ווען אין אַ קירכע אין מיליענאַ האָט מען אַנטדעקט אַ פאַרזאַמלונג פון אַכציק פאַשיסטן, באַוואָפנט מיט מאַשין-געווער. און פון אַ קלויסטער אין עלטשע האָבן גלחים אַרויסגעכאַפּט אַ גרויסן אומגעהויערן אוצר פון גאָלד, געלט און בריליאַנטן און עס אַרויסגעפירט קיין אויסלאַנד.

אין שפּאַניע אָבער ווייסט מען די קונץ פון רייצן זיך. רייצן זיך איז דערגאַנגען צו אַ קולט, צו אַ געצנדינסט. אויף רייצן זיך איז דאָך געבויט די נאַציאָנאַלע שפּיל — די אָקסן-קאַמפן.

דער אָקס מוז צוערשט גוט, גאָר גוט צערייצט ווערן, און ערשט דאַן דערלאַנגט מען אים מיט דער שווערד אין רוקן.

איז עס נישט כימבאָליש פאַר שפּאַניען?

און דערווייל ציט זיך איבער די גאַסן פון סעווילע די גרויסע פּראָצעסיע. שווערע פויקן-קלעפּ, אימהדיקער קלאַנג פון הונדערטער האַנט-גלעקלעך, אַקאָמפּאַנירט מיט די שווערע קאַטעדראַלע גלאָקן-קלאַנגען, בונטע פאַרביקייטן פון פּורפּור, געהאָפטן מיט גאָלד און אויסגעשטיקט מיט זייד, ריטער און מיטלאַלטערלעכע קליידער און מיט שטאָלענע פּאַנצערס און שוץ-העלמען, לאַכטערן און ליכט. ליכט אָן אַ שיעור. עס דאַכט זיך נאָר, אַז ערגעץ-ווו וועט זיך די פּראָ-

צעסיע אָפּשטעלן, און ס׳וועט אויפפלאַמען דער אויטאָ־דאַ־פע, און ס׳וועט זיך אָנצינדן דער שייטער־הויפן.

•

און נאָך אַ יום־טוב אין סעווילע.

די „סעמאַנאַ סאַנטאַ״ האָט זיך געענדיקט. די פאַרביקע דעקאָ־ראַציע, וואָס ווערט יעדעס יאָר קאָנסטרואירט אין דער קאַטעדראַל, ווערט צוריק צענומען, און דער גאַנצער אוצר פון גאָלד, בריליאַנטן, פּערל און רובינען ווערט אַריינגעלייגט אין דער געפּאַנצערטער שאַנק־קאַמער אין דער זעלבער קאַטעדראַל (רייכע טוריסטן קאָנען דאָס אָנקוקן פאַר דריי פּעזעטעס)... אַלץ איז אַדורך דערוויל מיט חסד. און וואָס איבעראַיאָר וועט זיין, ווייסט קיינער נישט...

נאָר אָט איז אָנגעקומען אַ צווייטער יום־טוב. דאָס מאָל שוין אַ וועלטלעכער. אפשר וועלן צו דעם יום־טוב יאָ קומען טוריסטן, און דער היימישער עולם וועט זיך פייערלעכער פילן.

עס איז דער יום־טוב פון פרילינג.

גאַנצע פינף טעג דויערט עס. פון 18־טן ביזן 22־טן אַפּריל. דער יום־טוב איז פאַרבונדן מיט אַ „יאַריד״ און, פאַרשטייט זיך, מיט גאַנצע דריי „טאָראָס״. יעדן טאָג אַן אַנדער אָקסן־קאַמף. די גרעסטע טאָרעדאָס וועלן קעמפן.

אָט דער יום־טוב איז פאַרן פאָלק און נאָך מער — פאַר דער יוגנט. נאָר דאָס מאָל איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָליטי־שער מאַניפעסטאַציע. צום יום־טוב זענען געקומען: דער צייטווייליקער פרעזידענט פון דער רעפובליק. מאַרטינעז באַריאָ און דער פרע־זידענט פון דער פרייער קאַטאַלאָנישער רעפובליק, לואיז קאָמפּאַנאַס.

די מאַסע שטראָמט צום וואָקזאַל אויפצונעמען די צוויי געסט. זיי ווערן געטראָגן אויף די אַקסלען איבער די גאַסן פון סעווילע. איבערהויפּט איז גרויס די באַגייסטערונג פאַר קאָמפּאַנאַסן, וואָס כאָטש נישט אַלע זענען מיט אים מסכים און נישט אַלע אַקצעפּטירן זיין ליניע, איז ער אָבער, ערשטנס, דער, וואָס האָט געוואָרפן די הענטשקע און געגעבן דעם סיגנאַל צום אויפשטאַנד פון 6־טן אָקטאָ־בער, און צווייטנס, איז ער דאָך עפּעס אַ מאַרטירער, איז ער דאָך עפּעס פאַראורטיילט געוואָרן אויף צענדליקער יאָרן תפיסה און נאָר דער נצחון פון 16־טן פעברואַר האָט אים באַפרייט. און ועל־כולם: קאָמפּאַנאַס רעפּרעזענטירט דאָס קאַטאַלאָנישע פאָלק, וואָס האָט תמיד געקעמפט העראָיש פאַר זיין פרייהייט.

אויף די ווענט פון די הייזער הענגען פארשידענע פלאקאטן, בילדער און אויפשריפטן.

מען זעט א מאסע פלאקאטן מיט סערפ־און־האמערס, פייַלן און אנדערע עמבלעמען. טעלמאנס בילד אויף א ריזיקן פלאקאט שרייט אראפ פון די מויערן. מען זעט אויך מאסן אויפרופן פון סינדיקאטן און ארגאניזאציעס, וואס רעדן אראפ מיט פעטער גרויסער שריפט צו די דורכגייער.

עס זעען זיך אויך אן די אפישן פון דעם „פראנט פון אָרד־נונג״, צו וועלכן עס געהערן די מאנארכיסטן און גרויס־קאפיטאליסטן. זייערע פלאקאטן ווייזן צוויי וועגן, אייגער רעכטס — א רויק לעבן, ארבעט און צופרידנהייט... דער וועג לינקס פירט צו שרפות, אויפ־רייסן, צעטרייסלונגען און צעשמעטערטקייט...

אלס אן ענטפער אויף דעם קומט ווידער אן אפיש פון פאראייניקטן פראנט,—א הומאריסטישער פלאקאט, אויף וועלכן עס איז אויסגעמאלט אן אייזל, וואס האט דאס פנים פון דעם עקס־קעניג אלפאנס מיט א קרוין צווישן די צוויי גרויסע אויערן...

בכלל איז דער מין פלאקאטן אויף די שפאנישע גאסן א זייער אינטערעסאנט קאפיטל אין דער איצטיקער געשיכטע פון שפאניע. אן א שיעור טאלאנט און שארפזין איז דורך די קינסטלער אריינ־געלייגט געווארן אין דער פלאקאטן־ליטעראטור...

דער פרילינגס־יום־טוב אין סעווילע האט אויפגעהייטערט די באפעלקערונג. אפילו די „איידעלע טעכטער פון אנדאלוזיא״ מיט די טונקל־אונטערגעפירטע אויגן, מיט די גלאנציקע שווארצאפלען און די זיידענע שאלעכלעך אויף די הויכע קאמען, האבן זיך פון די מיסטעריעזע פאטיעס ארויסגעלאזט, — פארשטייט זיך, אין באגלייטונג פון זייערע מאמעס, — איבער די גאסן און פלאזעס, ווו עס האבן הייס געטאנצט קינדער פון פאלק, ארבעטער־ און מאסן־מענטשן. זיי האבן זיך פארזאמלט פארן האטעל „מאדריד״, ווו די געסט זענען איינגעשטאנען און זיי געגעבן אן עכטן אנדאלוזישן ספעקטאקל.

דער פרילינגס־יום־טוב אין סעווילע איז געווען א הילכיקער ענטפער אויף דעם פריערדיקן יום־טוב. דער פרילינגס־יום־טוב אין סעווילע האט סימבאליזירט דעם פרילינג פון שפאניע.

די הויפט-שטאט פון באפרייטער רעפובליק

1.

א קאמפאזיציע, אין וועלכער עס זענען אריינגעפלאכטן טענער פון הייסן דרום, ניגונים פון קאלטן סקאטלאנד, מאטיוון פון אפרי-קע, רייץ פון אנדאלוזיע, פוילקייט פון שפאניע, רירעוודיקייט פון אמעריקע, קולטור פון פראנקרייך און טענץ פון וואלענסיע.

דאס איז בארצעלאנע!

פון אלע זייטן גיסט זיך אויף איר זון. תמיד זון, א רעגן פון גאלד, זי קייקלט זיך פון די בערג, די זון, און פלייצט פון אפענעם ים. אזא רוישנדיקע ליכטיקייט. דער טאג אין בארצעלאנע איז א געוועב פון לייכטן בלא און העלן גאלד.

און די שאטנס דורך די אלייען פון פאלמעס זענען דינע גא-זעס, דורכזיכטיק ווי די שאלן אויף די קעפ פון די סעווילער פרויען, און טונקל באגרינט ווי די אויגן-לעדעלעך ביי די מאדרידער אריס-טאקראטישע דאמען און גאסן-פרויען.

ווייסע בנינים, א געמיש פון סטילן, ווענעציאניש און מאריש, זענען זיי טיילווייז א נאכמאכונג פון אייגענעם קאטאלאנישן געבוי.

גאסן אפענע, ליכטיקע, שפאציר-אלייען ווי די טאנץ-זאלן, די טראטואַרן גלאנציק-גליטשיק, העלער מארמאר. „פאסעא דע גראסיא" מאזאיק-טעראסעס, דער שפאציר פון דער אריסטאקראטיע. צווישן צוועלף און איינס בייטאג, און צווישן זיבן און אכט אין אוונט — אפעטיט-שפאציר פארן עסן. מען דארף זיך מאכן אפעטיט. דער גוף איז נישט אויסגעארבעט און וועט נישט איינגעמען אין זיך די אזוי פיל געריכטן, וואס זענען אויף די ווייסע טישטעכער צוגעגרייט,

מוז מען „אָפּאַרבעטן” דעם „חומר”, מען טרייבט אים אויפן שפּאַציר. דער שפּאַציר דויערט שוין אַזוי מסתמא הונדערטער יאָרן. דאָס איז דער פּאַראַד פון לײדיקגײער. וואַזעלינירטע הערן, גלאַנציקע קעפּ, געפאַרבטע וואָנצעס, אויפגעהויבענע דורך וואַטע אַקסלען, שאַרפע קנייטשן אין די הויזן, געשפּיגלטע שיך, זיי פירן אויף ניקל-קייט-לעך צו צוויי און דריי הינט.

פּאַסעאָ דע גראַסיאַ — און שלאַנקע דאַמען מיט קולטיווירטער שיינהייט זיצן ביי די רונדיקע קאַפע-טישלעך אינמיטן גאַס, ציגאַ-רעטן, פון וועלכע עס דעמפּט זיך אַ ריח פון פּאַרפום. צווײמאָל אין טאָג קומען זיי אויפן „אַפּעטיט-שפּאַציר” און באַווייזן די קליי-דער פון דער לעצטער מאָדע.

קאַטאַלאָניע איז רירעוודיק, דאָ רוישן די רעדער פון דער אינדוסטריע, דאָס איז דער נערוו פון גאַנץ שפּאַניע. דאָס איז די רעזידענץ פון נייעם מענטש — דער שעפער, דער אַרבעטער.

אַזוי פיל שנאה און גרינגשעצונג, ווי עס איז פאַראַן אין באַרצעלאָנע פון דער „ראַמבלאַ” צו דער „פּאַסעאָ”, זעט מען עס נישט אין ערגעץ.

די „ראַמבלאַ” איז די צווייטע שפּאַציר-אַליע פון באַרצעלאָנע, די „עמך”-גאַס, דאָס האַרץ פון דער שטאָט.

אינמיטן גאַס — אַ ברייטער טראָטואַר. דאָרט כוואַליעט אָן אויפהער פון מענגעס מענטשן. איןביידע זייטן, איינס האַרט ביים אַנדערן — צייטונג-קיאָסקן און בלומען-שטעלן. אַ וואַלד פון בלומען. אויף די ביימער — טויזנטער פייגל-נעסטן. אין דער גאָענט — דער פּאָרט און אין דער זייט — די פאַבריקן, שיף-מאַסטן, פאַבריק-קוי-מענס, ברייטע אַלייען, שמאָלע געסלעך, לוקסוסדיקע רעסטאָראַנען און אַרבעטער-קאַפעען.

.2

אַ שטאָט פון מאָנומענטן.

נאָר אָט איז צוגעקומען אַ נייער מאָנומענט, נישט פון אַ גע-נעראַל, וואָס זיצט אויף אַ פערד און פאָכעט מיט דער שטיינערנער אָדער בראָנזענער שווערד, נישט קיין הייליקער, אין איין האַנט אַ צלם און מיט דער אַנדערער — גרייט צו בענטשן... נישט קיין דיכטער מיט דער האַנט אויפן האַרץ. אַ מאָנומענט אַ — צעשאָסע-

נער ציפערבלאַט, קוילן-לעכער אין די ווענט, שויבן דורכגעביטענע פון הייס בליי און צעריסענע, האַלב-פאַרברענטע ביכער.

דאָס הויז פון פאַריין פון שטאַטישע אָנגעשטעלטע.

דאָס נישט-איינגעזאַפּטע בלוט פון זעקס אַרבעטער, וואָס זענען געפאַלן, פאַרטיידיקנדיק זייער פעסטונג.

דער נישט אויפגעשטעלטער מאָנומענט פון „6-טן אָקטאָבער".

3

די רעזידענץ פון אַ רעפּובליק.

באַרצעלאָנע איז די הויפּט-שטאָט, קאַטאַלאָניע איז זעלבסט-שטענדיק. עס איז אַ שטיקל טשאַד. די שטאָט וויגט זיך צווישן אָט די צוויי געפילן, נאַציאָנאַלע דערליידזונג און קלאַסן-באַפרייונג.

וועלכעס וועגט איבער?

דאָס פאָלק אָריענטירט זיך נאָך נישט. אַז קאַטאַלאָניע איז באַפרייט, איז עס דאָך אין זכות פון קאַמף און בלוט.

און די קאַטאַלאָנישע פאָן, די פיר רויטע און פיר גאָלד-שטרייפן, איז דער סימבאָל פון געפאַלענער קנעכטשאַפט.

ביז איצט פאַר אַרויסהענגען די קאַטאַלאָנישע פאָן איז מען געגאַנגען אויף לאַנגע יאָרן אין תפיסה.

פאַר זינגען דעם קאַטאַלאָניש-נאַציאָנאַלן הימן איז מען פאַר-שיקט געוואָרן אויף אייביקער פינצטערניש.

איצטער צירט זיך די שטאָט אין די נאַציאָנאַלע פאַרבן ווי אין אַ סימבאָל, פאַר וועלכן אַ פאָלק האָט געקעמפט.

איצטער זינגט אַלט און יונג, אין גאַס אין הויז, די „סאַר-דאַניאַ".

אין אַלע פּאַרקן, פּלאַצעס און טעראַסן טאַנצט מען די „סאַר-דאַניאַס".

און אַלץ פּוצט זיך אין די קאַטאַלאָניש-פאָלקסטימלעכע קליי-דער. מען האָט אַרויסגענומען פון די אַרכיוון די אַלטע מונדורן מיט די „לאַפּטשעס" און דאָס אָנגעטאָן דער פּאָליציי.

און דאָס קאַטאַלאָנישע לשון ווערט אַרויסגעשיקט אין גאַס אַריין, עס זאָל זיך צעקלינגען, עס זאָל זיך צעשפּילן אין די אויערן.

קאַטאַלאָניאַ איז פריי, קאַטאַלאָניאַ איז זעלבסטשטענדיק!

קאטאלאניא האט ברייט געגאסן פון פאלקס-פראנט, זי האט די ערשטע געוואונען, וואס איר קומט לויט יושר און לויט גערעכטיקייט – נאציאנאלע זעלבסטשטענדיקייט.

מעגלעכקייט פאר אן אייגענעם קולטורעלן אויפשטייג. קאטאלאנישע קונסט, ליטעראטור און טעאטער.

און –

די פאסעא דע גראסיא פראוט מיטמאכן דעם פאראד, אויך דארט, אין די שטאקיקע ווייסע הייזער און ראזע פאלאצן, הענגען ארויס נאציאנאל-קאטאלאנישע פאנען.

און בעת דאס פאלק אפלאדירט הילכיק די „סארדאניא דע סט' עספינא", און בעת די מאסן טאנצן די „סארדאניאס", ליידיקט מען דערוויייל אויס די בענק און מען שליסט די פאבריקן.

זיי וועלן קאנען זיין „הייסע" קאטאלאנישע פאטריאטן און – וווינען אין פארטוגאל, זיך שיצן אונטער די פרומע פאלעס פון גאטספארכטיקן דיקטאטאר סאלאזאר, און פון דער ווייטנס צוגרייטן דעם צוריק-וועג פון דער מאנארכיע, און במילא די צוריק-פארקנעכטונג פון קאטאלאנישער זעלבסטשטענדיקייט.

פאראלעלא איז באזארגט, נאר זי איז נישט איינציק אין איר זארג.

פון פאראלעלא ביז פאלאזא דע רעפובליקא אין אוויעדא, פון פארטא דע סאל אין מאדריד ביז פלאזא נועווא אין סעווילע, פון גראנאדא ביז באסקאיא, פון די קוילן-גרובן פון אסטוריאס ביז אראגאן, אומעטום, וועבט זיך איין שנור, איין באנד – דאס שפאניע פון מארגן.

.4

קאטאלאניע איז – זעלבסטשטענדיק, נאר קאטאלאניע איז א טייל פון גרויסן מארגן, וואס קומט איבער שפאניע.

בארצעלאנע איז אויפן וועג פון אייראפע קיין אפריקע. איר פענסטער איז דער מיטללענדישער ים. איר פאראד-איינגאנג צו פראנקרייך און איר הינטער-טיר – צום מיטלאלטער.

איז בארצעלאנע וועלטלעך און צוריקגעשטאנען. איז בארצעלאנע יונג ווי איצט געבוירן. פאכעט בארצעלאנע מיט אירע שווארצע פענער – דעם רויך פון די פאבריק-קוימענס און זינגט דאס ליד

פון די וועבעריינס ביי די שטאָלענע וועב־שטולן, און עס דרילט דער עקבער ביים דורכבויערן דאָס אייזן אין די אויטאָ־פאַבריקן, און עס קלינגט דאָס גלעקל ביי די פּרעזידיום־טישן אין די סינדי־קאַטן. באַרצעלאָנע איז דרום, דאָס אויג איז גליענדיק, דאָס בלוט הייס, און דאָס וואָרט שאַרף!

די הינטער־געסלעך, וואָס ליגן צופּוסנס דעם „יידן־באַרג", טראָגן אין אירע קאַרבן קרום און משופּעדיק די „אַרבעטער־הייזקעס", אַ ירושה אַזאַ פון קיניגלעכן גנאָד... און גראָד דאָרט שעמט זיך די זון צו באַווייזן, און גראָד פון דאָרט טרעט די פייכטקייט נישט אָפּ און גראָד דאָרט איז די נאַרונג — אימפּאָרטירטע לעטישע פיש, דין און געל ווי פּאַרמעט, דער „מ ן" פאַר די מאַסן.

איז דען אַ וווּנדער, וואָס אין אָט די געסלעך איז אויפגעשטאַנען דער ווילן פון אַבסאָלוטע פרייהייט. די פאָרם פון אַ פאָרמלאָזע אָרדנונג, דער סוף פון יעדער הערשאַפט — דער אַנאַרכיזם?

איצטער רעגנט עס דאָרט מיט באָמבעס. די נקמה פאַר פאַרלוירענער מאַכט, פאַר אָראָפּגעריסענע קיניגלעכע שליפעס טרעפט דאָרט. די קויל, וואָס איז אויסגעשאָסן געוואָרן אין קאַסאַס וויעכאַס, בלאָנדזשעט נאָך אַרום און שלאָגט זיך אָן אין די שוואַכע ווענט פון אַרבעטער־שטובן.

5.

די „געשיכטע" האָט געלאָזן ירושה.

ווי עס „פּאַסט" פאַר אַזאַ וועלט־שטאָט און אַ וועלט־פּאָרט, האָט באַרצעלאָנע איר „עקזאָטיק", די פון דיכטער באַזונגענע און ראָמאַניסטן באַשריבענע „באַריאָ־טשינע".

דער כינעזישער קוואַרטאַל.

דער אָפּגרונט, דער „ליבעס־באַזאַר", די „פאַרגעניגן־ווינקלען פאַר 20 סאַנטימאָס", דער עפּוש פון איבערגעבליבענער אָרדענונג, דער שוים פאַר פאַרצווייפלטע און — מאַגנעט פאַר די „גיניאָס דע ביען" — די לעב־יוגנט.

דער כינעזישער קוואַרטאַל. דאָרט פויזן אַרום אויסגעלאָשענע לעבנס, וואָס זוכן זיך נאָך אין עפּעס צו דערהאַלטן, צוזאַמען מיט ברודיקע קעץ אויף די בערגלעך מיסט ביי די קיך־טירן.

מאַטראָזן, וואָס ווייסן נישט, אַז מרידה־פלאַם קען אָנצינדן

נאָר אויפן מאָמענט. זיי קענען מער נישט צוריקגיין צו זייערע לאַסט־שיפן און הינטישע עלטסטע, די „באַריאָ־טשינע", ווערט שוין זייער אייביקע היים, די טאַנץ־מיידלעך — זייער פאַרגעטערונג.

דער סימן, אַז זייער בלוט איז נאָך נישט געלאָשן.

אין די „אַמוזירונגס־האַלעס" פון באַריאָ־טשינע טאַנצן מענער פאַרקליידט אַלס... פרויען. מיט אַלע „גראַציעס" און בייגונגען און עס פלאַטערן די דעקן פון די פאַרביקע שאַלן און עס קנאַקן צו די גראַגער־קאַסטאַנעטן, אַזש עס עקלט פון זייערע „ווייבלעכע" באַוועגונגען.

אין באַריאָ־טשינע ווייסט מען צו היטן די קעשענעס און נישט איין רעוואָלווער שפּייט אויס אַ רויט צינגעלע אויף דעם פּאָן פון מאַטן פּיאַלעטענעם ליכט, און נישט איין שטילעט גלאַנצט אויף און שניידט איבער דעם אַמאַראַנט־שטראַל פון רעפלעקטאָר־שיין. נאָר די טיפּיק־מוזיק שפּילט ווייטער דעם וואַלענסיענער טאַנץ, די דינע פּיס־לעך פון די מאַנסבילשע „דאַמען" קנאַקן אויף דעם גלאַטן דיל, עס טאָר נישט איבערגעריסן ווערן. די קאַוואַלערן פון פּאַסעאָ דע גראַסיאַ לאָזן איבער אין די היימען זייערע גאַווהדיקע פרויען מיט דער גאַנצער פוסטקייט אויף די זיידענע קישנס און קומען נאָך „עמאָציע" ביי דער געפאַלנקייט פון כינעזישן קוואַרטאַל.

אויף די הייזער פון כינעזישן קוואַרטאַל פאַלן נישט קיין באָמבעס, די הערשער פון נעכטן האָבן גאָרנישט צו דער „באַריא". אירע איינוווינער האָבן קיין באַריקאַדן נישט געשטעלט, זיי, די לייט פון באַריאָ־טשינע, זענען תמיד לאָיאַלע בירגער, אונטערטעניקע אונטערטאַנער פון דער פּאַסעאָ דע גראַסיאַ.

די „באַריאָ־טשינעס" זענען די פאַרבליבענע יתומים פון דער אַרומוואַלגערנדיקער קרוין,

וויפל גייסטיקער דינאַמיט עס וועט נויטיק זיין ביי די הער־שער פון מאָרגן דאָס אויסצורייסן און אָפּצורייניקן!

1-טער מאַי אין באַרצעלאָנע

ווען מען וואָלט געקאָנט האָבן די אויגן אויף גאַנץ שפּאַניע, כאָטש אויף אַסטוריאַס, צו זען די אימפּאָזאַנטע 1־טער מאַי־פייערונגען פון 1936, וואָלט עס זייער כדאי געווען! אָבער אין דער גרעסטער אינדוסטריע־שטאָט, אין באַרצעלאָנע, האָב איך מיטגעמאַכט דעם 1־טן מאַי־יום־טוב און דער איינדרוק איז אומגעהויער גרויס.

באַזונדערס איז איינדרוקספול, וואָס היינט, דעם 1־טן מאַי, ווערט געעפנט דער אויסערגעוויינלעכער קאָנגרעס פון די ק. נ. ט. (נאַציאָנאַלע אַרבעטער־קאָנפעדעראַציע) אין סאַראַגאָסאַ, די שטאָט, וואָס האָט געשפילט די ערשטע ראָלע ביים אויפשטאַנד פון אָקטאָבער בעת דעם גרויסן שטרייק. אויף דער קאָנפערענץ דאַרף אָנטשידן ווערן דער ווייטערדיקער גורל פון שפּאַניע.

נישט דער גרויסער מאַסן־מיטינג, גערופן געמיינזאַם פון די קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און סינדיקאַטן, און אפילו נישט דער גאַסן־צוג מיט פענער און פּלאַקאַטן האָט געשאַפן דעם איינדרוק, נאָר די פולשטענדיקע פּאַראַליזירטקייט פון דער שטאָט. גאַנץ פרי, ווען מען איז אַרויס אין גאַס, האָט מען נאָר געזען גרופּעס אַרבעטער, מענער און פרויען, צוזאַמען און באַזונדער, אויסגעפּוצטע, מיט אָפּצייכענונגען אין די לאַצן אָדער אויף די אַרבל, גייען אין פאַרשידענע ריכטונגען. אַלץ אַרום איז געווען שטיל. עס האָט זיך, ווי מען דריקט זיך אויס, נישט באַוועגט קיין בלעטל אויף אַ צווייג. קיין שום אַרבעט! נישט די טראַמווייען און נישט די אונטערגרונט־באַנען. ביסטו צוגע־גאַנגען צום ראַדיאָ צו הערן עפּעס נייעס — אָבער דער אַפּאַראַט איז שטום. פון געשעפט, פאַבריק און וואַרשטאַט איז דאָך אָפּגע-

רעדט. אויף יעדער גיר זענען געהאָנגען די „זיבן שלעסער״.

אין דער דאָזיקער שטילקייט הילכט עפּעס אַ שטאַרקער יום-טוב. ספּעציעל, ווען די קאָפּע־הייזער זענען פאַרשפּאַרט. דערצו איז מען גאָרנישט געוווינט אין שפּאַניע. באַזונדערס געדענקט מען פאַראַיאָרן, ווען די קאָפּעען זענען יאָ געווען אָפן, און די רעגירונג איז אַנט־קעגן געקומען די אײנהאַבער, און זיי, חלילה, נישט געלאָזט שטיין אָן מענטשן (די קעלנער האָבן נישט געאַרבעט), און געברענגט קעל־נער פון... די קאַזאַרמעס. יאָ, זעלנער זענען געווען די דערלאַנגער, עס איז שוין איינמאָל געווען „סימבאָליש״ מיליטער (צו וואָס זעלנער ווערן אַלץ גענוצט !...). איצטער קוקן די פאַרבײגייענדיקע צו די קאָפּעען מיט אַ שמייכל פון זיג און צופרידנקייט.

דער 1־טער מאַי פון 1936 איז אין שפּאַניע אַן אָפיציעלער יום־טוב, פּראָקלאַמירט פייערלעך אין פּאַרלאַמענט. זענען טאַקע אַלע רעגירונגס־געביידעס באַהאָנגען מיט פענער. בייטאָג און ביינאַכט אילומינירט, באַזונדערס פאַרביק איז טאַקע אין באַרצעלאָנע, וואָס איז באַשענקט מיט צווייערליי פענער, די אייגענע נאַציאָנאַלע, די רויט־געלד שטרייפן און די רעפּובליקאַנישע, רויט־געלד און לילע. אויך פון די קאָנסולאַטן־באַלקאָנען הענגען אַראָפּ די פענער פון זייערע לענדער. באַזונדערס איז אויפפאַלנד, וואָס אויף די מאַסטן ביים דייטשן־קאָנסול איז איינער נאָר באַפלאַגט, אויף איין שטאַנג פלאַטערט די פאָן פון „רייך״, דאַקעגן דער צווייטער שטאַנג, וואָס אויף איר פלאַטערט תמיד דער סימבאָל פון די נאַציס, דער האַקנקרייץ, איז נאַקעט. דער קאָנסול האָט פאַרשטאַנען, אַז דעם 1־טן מאַי, ווען באַרצעלאָנע וועט אַרויס פּראָטעסטירן קעגן פאַשיזם און אונטערדריקונג, קאָן דאָס פלאַטערן פון דער האַקנקרייץ זיין געפערלעך, האָט מען פאַרבויגן דעם נאַצישן כבוד, און די האַקנקרייץ־פאָן נישט אַרויס־געהאָנגען...

אויך מאַכט אַ שטאַרקן און אָנגענעמען רושם דער פּאָרט. אויך דאָרט איז שטיל. די שיפן, וואָס זענען געאַנקערט ביי די באַרצע־לאָנע־ברעגן, ווערן נישט געלאָדן. די פרעמדע מאַטראָזן שטייען ביי די אָנלענען פון די שיפן און קוקן אַראָפּ. ווייזט אויס, אַז מען דערלויבט זיי נישט אַראָפּצוגיין אין שטאָט אַריין און זיך באַטייליקן אין די מאַניפעסטאַציעס. אָבער אַרבעטן אַרבעט מען נישט. אַלע גאַלאַ־פענער זענען אויפגעצויגן, אַלע שיפן אַזוי באַפלאַגט מיט פענער

און פּענדלעך לכּבוד זיין מאַיעסטעט דעם אַרבעטער און זיין יום-טוב! אין די גאַסן זענען סטראַטעגיש צעשטעלט גרויסע פּאָליציי-פּאָסטנס, מיט ביקסן אויף די אַקסלען און רעוואָלווערן און שווערדן ביי די זייטן. אויך אין די קאַזאַרמעס איז דאָס מיליטער אין שאַרפער גרייטקייט. קעגן וועמען? קעגן די אַרבעטער? ניין! אָט גייען אַ גרופּע אַרבעטער מיט אַ פאָן צום מיטינג, זיי סאַלוטירן און אַרבעטער-קינדער שפּילעווען צו צו זייערע בלויע מונדירן רויטע שלייפעלעך. נאָר קעגן וועמען? קעגן די פּראָוואָקאַציעס, וואָס קאָנען אין אַזאַ פאַל מעגלעך זיין. ערשט נעכטן איז פאָ־געקומען די לויה פון די צוויי ברידער באַדיאַ, וואָס איינער פון זיי איז געוועזן פריערדיקער פּאָליציי-פּרעזידענט. ביידע זענען מיט צוויי טעג פריער דערשאָסן געוואָרן אין מיטן העלן טאָג, אין סאַמע באַלעבטן שטאָטטייל, און הגם דער דערשאָסענער עקס-פּאָליציי-פּרעזידענט האָט געהאַט אויף זיין געוויסן צוגענומענע לעבנס און פרייהייט פון אַרבעטער, פירט אָבער דער וועג פון מאָרד צו די פאַשיסטן. אַרבעטער זענען איצטער נישט פאַראינטערעסירט אין טעראָר־אַקטן. אַפילו די עקסטרעמע אַנאַרכיסטן אויך נישט, נישט איצטער איז די צייט פון נקמה, ווייל נקמה איז אַ שווערד מיט צוויי שאַרפן. אָבער די אַרעסטן, וואָס זענען די נאַכט פון 1־טן מאַי דורכגעפירט געוואָרן צווישן די פאַשיסטן און מאָנאַרכיסטן, פירן דעם וועג פון די מערדער טאַקע אין יענע רייען.

צוליב דעם די פאָרזיכטיקייט: די פּאָליציי־אַמבולאַנסן, די קריגסגרייטקייט אין די קאַזאַרמעס און די באַוואָפנטע פּאַטרולן.

10 איגדערפרי. דאָס ריזיקע טעאַטער פון גראַן-פּריסע איז איבערגעפּראָפּט. עס בלענדן אין די אויגן די בלויע בלוזן מיט די רויטע קראַוואַטן, און רויטע בלוזן מיט בלויע שניפּסן. דאָס שפּאַנישע מיידל, מעג עס זיין פון דער פאַבריק, וואָס האַלט זיך תמיד צוריקגעצויגן פון דער „פּאָליטיק”, איז דאָ אויך עמאַנציפּירט געוואָרן. זי טראָגט די אַרבעטער-בלוזע ווי אַ סימן פון איר אָנגעהעריקייט צום אַרבעטער-קלאַס און נישט דעם שפּאַנישן געבלומטן שאַל, דער צייכן פון „פּרווילעכקייט”. זי שטייט דאָ, צוגלייך מיט אירע חברים מענער, אויף דעם פּאָסטן אַלס אָרדנער, אָדער זיצט צווישן דעם פּובליקום, נישט ווי די בירגערלעכע טאָכטער זיצט אין טעאַטער מיט איר חתן אין באַגלייטונג פון דער... מוטער. זי פילט, אַז זי איז

נישט קיין אָביעקט פאַר דעם מאַן, און אַן „אורזאַך" פאַר ראָמאַנ־טיק און אייפערזוכט... זי איז אַ קעמפערין פאַר דער סאָציאַלער אויסגלייכונג פון איר מין און פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס.

דער טעאַטער־זאַל איז באַזעצט ביז דער העכסטער גאַלעריע. די בינע איז דעקאָרירט מיט די שוין סימבאָליש געוואָרענע דריי אותיות „או. ה. פּ." (אוניאָס הערמאַנאָס פּראָלעטאַריאָס), — פאַראייניקט אייך ברידער אַרבעטער. מיט דער לאָזונג האָבן די אַסטוריאַסער אַרבעטער געקעמפט און געפאַלן דעם 6־טן אָקטאָבער. אין הינטער־גרונט — אַ ים מיט הענט און אין די הענט—סערפּ, האַמער און ביקס. אויף דער בינע־פאַרשטייער פון אַלע אַרבעטער ריכטונגען. דער פאָרזיצער — אַ מיניסטער פון דער קאַטאַלאָנישער רעגירונג. נאָך די רעדעס—דער מאַרש צום רעגירונגס־הויז איבערצוגעבן די רעזאָלוציעס. אין שפּאַניע איז מען נישט געוווינט צו קיין גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, סיידן ביי אַ... לויה. דאָך היינטיקס יאָר איז עפּעס אַנדערש. די גאַסן זענען געפּאַקט, די דעמאָנסטראַציע דויערט. אַ ים רויטע פענער, אויפשריפטן און לאָזונגען. די לידער קלינגען אָפּ אין די געהאַמעוועטע גאַסן. די זון גיסט סנאָפּעס ליכט. פון די באַלקאָנען פאָכעט מען מיט ווייסע טוכלעך און רויטע לענטעס. די „פּלאַזאַ דע לאַ רעפּובליקאַ" איז ספּעציעל דעקאָרירט. טעפּיכער און דיוואַנען באַצירן די רעגירונגס געביידעס. די טעפּיכער און דיוואַנען האָבן נאָך אַפילו אויף זיך די... קרוינען און סימבאָלן פון קעניג. מען האָט נאָך נישט באַוויזן אַראָפּצונעמען, אָדער אפשר איז נישטאָ קיין געלט צו קויפן אַנדערע.

אַ גאַנצן טאָג איז שטיל אין שטאָט, אויסער פאַרשידענע מי־טינגען און פאַרזאַמלונגען אין די לאָקאַלן. אין גאַס איז יומטובדיק אין שטאָט איז שמיטה. נישט קיין פּאָסט און נישט קיין רעגירונגס־אַנשטאַלט איז אָפן.

פאַרנאַכט. יומטובדיק כוואַליעט זיך אַרויס דער עולם אויף דער ראַמבלע, אויפן גרויסן שפּאַציר „פּאַסעאָ דע גראַסיאַ". די רייכע שטאָט־טיילן זענען ליידיק פון די אַריסטאָקראַטן, זיי זענען איבער־פילט פון די אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן.

■■■■

די אַלגעמיינע לאַגע

ווי איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד? וואָס הערט מען מכּח אַרבעטסלאָזיקייט? האָט זיך פאַרבעסערט די לאַגע פון אַרבעטער און פויער נאָך דעם „16-טן פעברואַר״?

דאָס איז די ערשטע פראַגע, וואָס עס שטעלט יעדער אויסלענדער, און אַמערסטן אינטערעסירט דאָס די אויסלענדישע זשורנאַליסטן, וואָס פילן אָן די קאָרידאָרן פון קאָרטעז — דער פּאַרלאַמענט אין מאַדריד, דאָס הויז פון דער גענעראַלידאַד אין באַרצעלאָנע, די לאָקאַלן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אויך די ביוראָס פון פאַבריקן און אין די אַרבעטער-קוואַרטאַלן.

דער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע איז אָפּהענגיק אין ווייטערדיקן גאַנג פון דער איצטיקער פּאָליטיק. אויפן פּאָליטישן פראָנט איז ווייט נאָך נישט שטיל. כיל ראָבלעס ציט דערווייל אַ גוטע קאָרט: „זעט, דאָס לאַנד ווערט געפירט צו רוין. די פאַבריקס-קוימענס שפּייען נישט מיט קיין רויך — די אַרבעטסלאָזיקייט האָט זיך פאַרגרעסערט.״

דאָס זענען „אַרגומענטן״, מיט וועלכע די מאָנאַרכיסטן, אָדער אַפילו דער „רעכטער פראָנט״, אָדער, ווי ער רופט זיך, „פראָנט פון אָרדנונג״, אין וועלכן עס גרופירן זיך די גוט-באַזיצער, גרויס-אינדוסטריעלער מיט זייער פירער מ אַ ו ר אַ, די ליגאַ-קאַטאַלאָנאַ, אונטער דער פירונג פון גרויסן קאַפּיטאַליסט און ערשטן פינאַנסיסט אין שפּאַניען ק אַ מ ב אָ, און די אַזוי-גערופענע ראַדיקאַל-רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי, וועמענס אידעאָלאָג עס איז ל ע ר ו, דער זעלבער ל ע ר ו, וואָס זייענדיק אינערן-מיניסטער (1932), האָט ער „אונטערדריקט״ דעם אַרבעטער-אויפשטאַנד אין קאַסאַס וויעכאַס, בעתן שטרייק פון די טעקסטיל-אַרבעטער און דערשאָסן הונדערטער אַרבעטער, דאָס איז אויך דער זעלבער, וואָס האָט זיך געשטעלט דעם „6-טן אָקטאָבער״ אויף דער זייט פון כיל ראָבלעס, דעם קריגס-מיניסטער און מיט אַ שטאַרקער האַנט אונטערגעדריקט דעם אויפשטאַנד. יאָ, דער לערו, מיט דעם פירער פון די מאָנאַרכיסטן פּ ר י מ אָ ד ע ר י ו ע ר אַ (אַ זון פון פאַרשטאָרבענעם שפּאַנישן דיקטאַטאָר) טוען זיך אָן אין שעפּסענע פעלעכלעך און גייען אַרויס „ראַטעווען״ דאָס פאָלק פון אָרעמקייט און אַרבעטסלאָזיקייט. זיי גייען מיט דעם לאָזונג „מער נישט דעם 6-טן אָקטאָבער!״ „מער נישט קיין בלוט-רעוואָלוציע!״ „קיין מאַכט

מיט גוואַלט!״ „פאַר אַ נאָרמאַלן איבערבוי, אַרבעט און צופרידנקייט!״

מען ווייסט גאַנץ גוט, אַז די דאָזיקע חברה זענען שולדיק אין דער איצטיקער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד. אין שפּאַניע איז נישטאָ קיין שום סיבה פאַר אַרבעטסלאָזיקייט, און קיין רייד פון איבערפּראָדוקציע. עס זענען נאָך דאָ גענוג נישט אויסגענוצטע פאַר־באָרגענע אַרבעטס־קוואַלן, אין וועלכן דאָס לאַנד נויטיקט זיך. די אינדוסטריע איז אַ יונגע און די פאָדערונג אויף אויסאַרבעטונגען — אַ גרויסע.

וואָס־זשע דען? אַט די לייט פון „פּראָגנאָז פון אָרדנונג״ האָבן געטון אין „קלייניקייט״: מען האָט אַרויסגעצויגן די קאַפּיטאַלן פון לאַנד. זיי האָבן דאָס „פּאָרויסגעזען״ נאָך דאַן, ווען זיי זענען געזעסן זיכער אויפן בענקל. איצטער האָט מען איינגאַנצן געשלאָסן די אונ־טערנעמונגען, און, פאַרשטייט זיך, די אַרבעטסלאָזיקייט האָט גענומען וואַקסן.

אָבער אויך אויף דער זייט שלאָפט מען נישט. קודם־כל איז דורכגעפירט געוואָרן אַ געזעץ, אַז אַלע אָפּגעזאָגטע אַרבעטער פון זינט דעם 6־טן אָקטאָבער (און אָפּגעזאָגט האָט מען דאַן מאַסן, אויף וועמען עס איז נאָר געווען אַ חשד, אַז ער האָט זיך דירעקט, אָדער אומדירעקט, אָדער אַפילו בלויז נאָר סימפּאַטיזירט מיט די אויפ־שטענדער), מוז מען צוריקנעמען, און נישט נאָר צוריקנעמען, נאָר באַצאָלן אַנטשעדיקונג פאַר דער גאַנצער צייט. דאָס האָט שוין אַרייג־געבראַכט אַ סך פאַרלייכטערונג און אויפלעבונג. די פאַבריקאַנטן (נישט אַלע זענען אַנטלאָפן און נישט אַלע האָבן געשלאָסן די פאַבריקן) האָבן אַפילו געקריצט מיט די ציין, אָבער קיין ברירה איז נישטאָ. די קלוגערע האַלטן, אַז וואָס מער מען וועט איצטער נאָכגעבן און לעבן בשלום מיט די אַרבעטער־פאַריינען, אַלץ געזונטער וועט זיין שפּעטער...

כאַראַקטעריסטיש איז געווען דער פאַל מיט דער רעאַקציאָנערער טאָג־צייטונג אין מאַדריד „א. בע. צ.״ די דאָזיקע צייטונג האָט נאָך דער ליקווידאַציע פון „6־טן אָקטאָבער״ אָפּגעזאָגט 160 מיטאַרבעטער, אַדמיניסטראַציע־אַנגעשטעלטע און דרוקער־אַרבעטער. די דאָזיקע אָפּ־געזאָגטע האָבן נישט געאַרבעט אין „איינקלאַנג מיט דער ריכטונג פון אַט דער צייטונג״. די צייטונג עקזיסטירט איצט ווייטער, אָבער אין דער רעאַקציאָנערער ריכטונג. צוריקנעמען אַלע הונדערט און זעכציק

אָנגעשטעלטע איז נישט מעגלעך, איבערהויפּט איז נישט מעגלעך צוריקצונעמען די שרייבער... זיי האָט מען אויסגעצאָלט געהאַלט פֿאַר דער גאַנצער צייט און אַן אַנטשעדיקונג אויף ווייטער. די טעכנישע אָנגעשטעלטע האָט מען צוריקגענומען צו דער אַרבעט. דערביי איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די, וואָס מען האָט צוגענומען נאָך דעם 6־טן אָקטאָבער, טאָר מען אויך נישט אָפּזאָגן, הגם, די צאָל אַרבעטער ווערט אַזוי אַרום פֿאַרגרעסערט.

גלייכצייטיק ווערן אַריינגעשטעלט אַרבעטער, לויטן דרוק פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען, אין די פֿאַבריקן, וואָס האָבן שוין אַפֿילו גאַנצע „קאָמפּלעטן" מיט אַרבעטער. עס גייט אָן אַ טענדענץ צו פֿאַרקלענערן די צאָל אַרבעטסלאָזע, אַלנפֿאַלס אויף אַזוי לאַנג, ביז די רעגירונג וועט אַליין עפֿענען די אָפּגעשטעלטע פֿאַבריקן, וואָס זייערע באַלעבאַטים זענען אַנטלאָפֿן.

איינע פֿון די וויכטיקסטע אָפּגעשטעלטע טעקסטיל־פֿאַבריקן פֿון קאַטאַלאָניאַ, טאַראַסאָס און סאַבאַדעל, ווערט שוין צוגעגרייט צו לאָזן אין גאַנג דורך אַ נאַציאָנאַליזאַציע־געזעץ, וואָס ווערט צוגע־גרייט אין פֿאַרלאַמענט.

עס זענען אָבער אויך געשטיגן די אַרבעטס־לוינען, נישט אויף קיין סך, אַ פּעזעטע אָדער צוויי אַ טאָג. די אַסטוריאַנער קוילן־באַראָנען, צי פֿאַר מורא, צי פֿאַר גוטער אויסרעכענונג, האָבן גלייך געהויבן די שכירות פֿון זייערע אַרבעטער.

נישט אַלע מאָל און נישט אומעטום וואַרטן די אָנגעגריפֿענע אַרבעטער אויפֿן געזעץ־פּראָיעקט און אונטערהאַנדלונגען; אָפּטמאָל קומט זיי אויס צו נעמען אַ באַלדיקע שטעלונג אין אַ געשאַפֿענער סיטואַ־ציע, און מיט דערפֿאָלג.

געוויסע פֿאַבריקן אין וואַלענסיאַ, וואָס זענען פֿאַרמאַכט געוואָרן דורך די אייגנטימער, האָבן די אַרבעטער פֿאַרנומען און זיי פֿאַרוואַנדלט אין אַ קאָאָפּעראַטיוו. אַ זייער אינטערעסאַנטער פֿאַל איז פֿאָרגעקומען אין מאַדריד און טאָלעדאָ, און אין ביידע פֿאַלן איז כאַראַקטעריסטיש דאָס שפּילעוודיקע און טעאַטראַלע אויפֿנעמען פֿון די שפּאַנישע מאַסן אַזעלכע געשעענישן.

אין טאָלעדאָ איז פֿאַראַן אַ גרויס וואַרן־הויז, וואָס האָט הונ־דערטער אָנגעשטעלטע.

איינמאָל, אַ מאָנטיק, ווען די אָנגעשטעלטע זענען געקומען צו

דער אַרבעט, האָבן זיי געטראָפן דאָס געשעפט פאַרמאַכט, שווערע שלעסער הענגען אויף די טירן, און — גאָרנישט.

די אָנגעשטעלטע, עטלעכע הונדערט אין צאָל, וואַרטן אינדרויסן, אַ האַלבע שעה, אַ שעה. עס איז שוין צען דער זייגער, מען ווייסט נישט, פאַרוואָס דער פאַרוואַלטער קומט נישט מיט די שליסלען. מען שיקט זוכן. מען געפינט נישט. שפּעטער ווערט מען געוואָר, אַז דער אייגנטימער פון געשעפטס-הויז האָט „אָפּגעצויגן", ער געפינט זיך שוין אין ליסאַבאָן, דאָס געשעפט לאָזט ער אַזוי פאַרמאַכט, די אָנגעשטעלטע באַצאָלט ער נישט קיין אַנטשעדיקונג.

אין פינף מינוט אַרום ווערט שוין אָפּגעהאַלטן דורך די אָנגעשטעלטע אַ מיטינג אונטערן פרייען הימל. מיט פופצן מינוט שפּעטער רייסט מען שוין אַראָפּ די שלעסער און מען ברעכט אויף די טירן. אין אַ שעה אַרום איז שוין דאָס געשעפט דערקלערט אַלס... קאָאָפּעראַטיוו פון די אָנגעשטעלטע.

דעם עולם געפעלט עס. דער עולם איילט צו קויפן אין נייעם „קאָאָפּעראַטיוו", דאָס געשעפטס-הויז לייזט און ברענגט גוטע רוחים. די אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן ביז איצט געקריגן קליינע געהאַלטן, ממש הונגער-לוינען, באַקומען הוספות. עס ווערט אָפּט באַרעכנט דאָס לייזעכץ און פאַרדינסט. דאָס פאַרדינסט ווערט אַלעמען גלייך אויף גלייך איינגעטיילט. אַזוי האַלט עס אָן עטלעכע טעג. דער אייגנטימער פון געשעפט ווערט דערפון געוואָר, קומט ער צוריק פון זיין „גלות". עס הויבן זיך אָן אונטערהאַנדלונגען מיט דער „קאָאָפּעראַטיוו-פאַרוואַלטונג". לכתחילה איז עס שווער. די פאָרשטייער פון די אָנגעשטעלטע האַלטן, אַז דאָס דאַרף זיין אַביישפּיל פון נאַציאָנאַליזירן די פּריוואַטע געשעפטן. די רעגירונג קאָנפערירט מיטן ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. עס בלייבט פּאַרלויפיק: „צוריקצוגעבן" דאָס וואַרן-הויז זיין אייגנטימער, און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסיע פון די אָנגעשטעלטע מיט די פאַרוואַלטער אויסצואַרבעטן אַ מאָדוס פון העכערן די לוינען.

און נאָך אַזאַ ענלעכע מעשה:

די דירעקציע פון די שטאָט-טראַמווייען אין מאַדריד האָט באַשלאָסן צו אַנולירן אַ באַשטימטע טראַמוויי-ליניע, וואָס ברענגט פאַר דער קאָמפּאַניע ווייניק פּראָפיט.

די טראַמוויי-אַרבעטער זענען געווען קעגן דעם, ווייל עס האָט

זיי באַדראָט צוצונעמען דאָס ברויט פון אַ ריי מאָטאָר־פירער און קאָנדוקטאָרן. די קאָמפּאַניע איז אָבער געווען איינגעשפּאַרט. אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז די „ליניע" אָפּגעשאַפט געוואָרן, עס איז גע־קומען אַ באַפעל—די טראַמווייען אין יענער געגנט נישט צו לאָזן אין גאַנג.

די מאָטאָר־פירער און קאָנדוקטאָרן האָבן אָבער גלייך איבער־גענומען די „ליניע" פאַר זיך, „נאַציאָנאַליזירט" און פאַרוואַנדלט אין אַ... קאָאָפּעראַטיוו.

ביינאַכט זענען די טראַמוויי־אַרבעטער געקומען אין דער רע־מיזע, אָפּגעפאַרבט די טראַמווייען אויף רויט, פאַרשמירט דעם מאָ־נאָגראַם פון דער טראַמוויי־געזעלשאַפט און אויף דעם אָרט אויפגע־שריבן מיט גאָלדענס די דריי סימבאָלישע איניציאַלן „או. ה. פּ." („אוניאָס הערמאַנאָס פּראָלעטאַריאָס"). די דאָזיקע דריי בוכשטאַבן זענען פאַרהערלעכט ביים שפּאַנישן אַרבעטער, ווייל דאָס איז געווען דער לאָזונג פון די אַסטוריאַנער אַרבעטער בעת זייער קאַמף, און מיט די ווערטער אויף די ליפּן זענען אַ סך אויסגעגאַנגען. מיטן געזאַנג פון אונטערנאַציאָנאַל איז די ליניע „באַנייט" געוואָרן. גאַנץ מאַדריד האָט זיך דערפון דערוווסט, און עס איז געוואָרן אַ געדראַנג, יעדער האָט געוואָלט פאָרן אויף דער „רויטער ליניע".

עטלעכע טעג האָט דער „קאָאָפּעראַטיוו"־טראַמוויי געאַרבעט מיט קאָלאָסאַלע פּראָפיטן. עס איז פשוט געווען אַ חוב פון די אַרבעטער זיך דורכצופאָרן אין „רויטן־טראַמוויי", פון וואַנען עס האָבן כסדר געהילכט אַרבעטער־לידער און פרייהייטס־געזאַנגען. די טראַמוויי־גע־זעלשאַפט האָט געטון אַלץ, וואָס זי האָט געקענט, כדי צוריק „אָפּ־צונעמען" די „ליניע", מען האָט אַפילו געזאָגט, אַז פינצטערע פאַר־שוינען וועלן אונטערלייגן דינאַמיט אונטער די רעלסן, און דער „רויטער טראַמוויי" מיט די אַרבעטער־פּאַסאַזשירן וועלן אויפגעריסן ווערן. האָבן טאַקע אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן וואָלונטירט און גע־היטן די „ליניע". ענדלעך, אָט אַזוי ווי אין טאָלעדאָ, איז מען דורכ־געקומען מיט דער קאָמפּאַניע. און אַזוי ווי פאָרלויפיק נאַציאָנאַליזירט מען נאָך נישט די פּריוואַטע אונטערנעמונגען, האָט מען די „ליניע" צוריק אָפּגעגעבן, אָבער מיטן תנאי, אַז די ליניע מוז עקסיסטירן און אַלע אָפּגעזאָגטע אַרבעטער האָט מען צוגענומען צו דער אַרבעט.

און הגם, דער טראַמוויי איז צוריק איבערגעפאַרבט געוואָרן אויפן געוויינלעכן קאָליר, און אָנשטאָט די איניציאַלן „או. ה. פּ."

זענען צוריק פאַראַן די אותיות „מ. ס. ק.‟ (דער נאָמען פון דער טראַמוויי געזעלשאַפט). אָבער דער נאָמען פון יענעם טראַמוויי איז פאַרבליבן „רויטער טראַמוויי‟.

אַזעלכע „אינצידענטן‟ קומען פאָר אין אַ סך ערטער אין קלענערן מאַסשטאַב, און מען מוז מודה זיין, אַז עס ווירקט. די לאָקאַוטבאַוועגונג ווערט קלענער און די אינדוסטריע הויבט אָן נאָרמאַל צו פונקציאָנירן.

ערגער איז מיט דער פסיכאָלאָגישער פאַניק. דאָס נישט וועלן אויסגעבן קיין געלט, דאָס באַהאַלטן די פעזעטע. איבערהויפט ציטערט דער קליינבירגער: ער ווייסט נישט, וואָס דער מאָרגן וועט זיין, איז בינו־לבינו האַלט ער זיך אָפּ פון קויפן און דאָס ווירקט שטאַרק אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע.

מען דערוואַרט דאָ די אָפּשאַפונג פון דער „צאָל־מלחמה‟ צווישן שפּאַניע און פראַנקרייך. קודם די אידעישע קרובהשאַפט צווישן די פאָלקס־פראָנטן, צווייטנס, ווי עקספערטן באַהויפּטן, וואָלט די אָפּשאַפונג פון די אומגעהויער גרויסע צאָל־טאַריפן צווישן די צוויי שכנותדיקע לענדער געבראַכט אויפלעבונג אין האַנדל און אינדוסטריע.

פונדעסטוועגן, דאַרף מען נישט מיינען, אַז אין שפּאַניע איז די עקאָנאָמישע סיטואַציע אין איצטיקן מאָמענט אַ צופרידנשטעלנדיקע. די אַרבעטסלאָזיקייט איז נאָך אַלץ גרויס, דער הונגער — שטאַרק. די גאַסן פון די גרויסע שטעט זענען באַלייגט מיט בעטלערס. נאַטירלעך, איז דאָס נישט קיין מאָס צו מעסטן, אָבער אַ כאַראַקטעריסטיש בילד איז עס.

די איצטיקע רעגירונג האָט צוזאַמען מיט דער מאַכט, איבערגענומען אויך אַ היפּשע פאַרפוילטע ירושה. מ׳דאַרף באַזאָרגן געוויסע פּראָווינצן מיט ברויט (פריער האָט מען וועגן זיי אינגאַנצן נישט געזאָרגט), גאַנצע געגנטן גייען פּשוט אויס פאַר הונגער.

עס איז קיין חידוש נישט געווען, וואָס די ערשטע צוזשטיין צו די אָקטאָבער־אויפשטאַנדן זענען געווען די פויערים און זיי האָבן עס טייער באַצאָלט דערפאַר אויך.

זייער לאַגע ווערט טיילווייז פאַרבעסערט, אָבער זיי זענען נישט צופרידן. זיי זענען עקסטרעמער ווי מאַנכע שטאָטישע אַרבעטער און מיט דער דאָזיקער שטימונג רעכנט זיך איצטער שטאַרק די רעגירונג פון פאָלקס־פראָנט.

■■■■

שפּאַניע — אויסערלעך און אינערלעך

אויסערלעך באַמערקט מען שטאַרק די ענדערונג אין שפּאַניע, דאָס פֿאָלק איז פֿאַרקאָכט אין פּאָליטיק: אין קאַפֿע, אויף די פּלאַצאַס, אין גאַס און אין הויז — קיין אַנדער טעמע ווייסט מען נישט און פֿון עפּעס אַנדערש רעדט מען נישט.

אויף די ווענט באַווייזן זיך אַלע מאָל אַנדערע פּלאַקאַטן, אויפֿרופֿן צום אַרבעטער־עולם און צו דער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער יוגנט.

נאַכט ביי נאַכט — מיטינגען און פֿאַרזאַמלונגען. פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען און אַרבעטער־פֿעדעראַציעס רופֿן זייערע מיטגלידער אַדורכצורעדן זיך וועגן די אַקטועלע פּאַסירונגען. די פֿאַרשידענע פּראָוואָקאַציעס און באָמבע־אויפֿרייסונגען, וואָס קומען פֿאָר אָן אויפֿהער דאָ אין שטאָט און אין אַ נ ד ע ר ע שטעט, האַלטן כּסדר די פֿירער אין זאָרג, און מער ווי אַלע מאָל מוז מען אינפֿאָרמירן די מאַסן און זיין מיט זיי אין ענגן קאָנטאַקט.

מחנותוויז זעט מען זיי, די אַרבעטער, גייענדיק פֿון פֿאַבריק אָדער אין פֿאַבריק, מיט רויטע שלייפֿעלעך אין די לאַצן, מיט סערפּ און האַמער, אָדער מיט פֿיר פֿיילן, די אָפּצייכנונג, מיט וועלכע זיי באַצירן זיך.

ספּעציעל אין קאַטאַלאָניע קומט צו אַ חוץ די רויטע פֿאַרב, נאָך אַ פֿאַרב, די רויט און גאָלד שטרייפֿן, די קאַטאַלאָנישע נאַציאָנאַלע פֿאָן, וואָס איז איצטער דערהויבן געוואָרן צו אַ סימבאָל פֿון אויסגעקעמפֿטער פֿרייהייט. די קאַטאַלאָנישע אַרבעטער האָבן צו דערפֿילן אַ טאָפּלטע אויפֿגאַבע, זיי ווילן פֿאַרפֿעסטיקן די אומאָפּהענגיקייט פֿון קאַטאַלאָנישן שטאַט, און זיין אַ טייל פֿון דער שפּאַנישער רעפּובליק, רעגירט פֿון אַרבעטער און פּויערים. דער קאַטאַלאָנישער נאַציאָנאַלער הימן איז דערייבער דערגאַנגען צו דער מדרגה פֿון אַן אַרבעטער־הימן; ספּעציעל דערפֿאַר, וואָס ערשט נישט לאַנג צוריק, פֿאַר אַ פֿאָכע טון מיט אַ קאַטאַלאָניש פֿענדל, אָדער זינגען דעם קאַטאַלאָנישן פֿאָלקס־הימן איז מען פֿאַרשיקט געוואָרן אין תּפֿיסה. קאַטאַלאָניע איז איצטער אַ סימבאָל פֿון פֿעלקער־באַפֿרייונג אין נייער שפּאַניע.

און דערפֿאַר, ווען ס'איז געפֿייערט געוואָרן די טעג עפּעס אַ קאַטאַלאָנישער פֿאָלקס־יום־טובֿ, איז ער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אויך אין

אַן אַרבעטער־יום־טוב. צום ערשטן מאָל האָט מען די קאַטאַלאָנישע פּאָליציי אָנגעטון אין די טראַדיציאָנעלע אַלט־קאַטאַלאָנישע מונדירן, מיט עפּעס אַזעלכע מאָדנע סאַנדאַלן, אָנשטאָט שיך, אויף די פּיס. אַ גאַנצן טאָג האָבן געדויערט די פּאַראַדן און אַ גאַנצע נאַכט — די פאָלקס־טענץ. פאָלקס־לידער זענען געזונגען דורך כאָרן און דער באַפעלקערונג אויף ספּעציעל־אויפגעשטעלטע בינעס און עסטראַדעס אויף די ווינקלען גאַסן.

דער מאַטעריעלער צושטאַנד איז אַ שווערער. אָבער מען איז אַדורכגענומען מיטן באַוווסטזיין, אַז מען האָט זיך אויף קיינעם נישט צו פאַרלאָזן און מען מוז דעם גורל נעמען אין די אייגענע הענט אַריין. מיט דעם דאָזיקן געפיל איז באַזונדערס אַדורכגעדרונגען די אַרבעטערשאַפט. ס'איז נישטאָ קיין שום סיבה, אַז אין שפּאַניע זאָל מען אין איצטיקן מאָמענט אָפּשטעלן די פאַבריקן צוליב איבערפּראָדוקציע. אומגעקערט, שפּאַניע גופא וועט נאָך זיין אַ גאַנץ־גוטע פאַרברויכערין אויף צענדליקער, צענדליקער יאָר פון אירע אויסאַרבעטונגען. פון די צען מיליאָן וואַסער־קראַפט, וואָס שפּאַניע פאַרמאָגט, זענען קוים אויסגענוצט געוואָרן צוויי מיליאָן ביז איצטער, און דאָס איבעריקע דאַרף מען ערשט אַנטוויקלען. די מעטאַל־מינעס, די קוילן־שאַכטן דאַרפן נישט אַרבעטן פאַרן אויסערלעכן מאַרק, דאָס לאַנד גופא נויטיקט זיך אין דעם. יעדער ווייסט, אַז כדי צו אַנטוויקלען שפּאַניע צו אַ הויכן סטאַנדאַרט, איז נאָך דאָ אויף פופציק יאָר אַרבעט. אָבער דער היימישער און אויסלענדישער קאַפּיטאַל, ווענען עס שמעקט נישט די איצטיקע אָרדנונג, שטעקט פלעקער אין די רעדער.

די דאָזיקע פראַגע איז אַן ערנסטע. פאַבריק־דעלעגאַטן צוזאַמען מיט די אַרבעטער־דעפּוטאַטן האַלטן טאָקע כסדר אין איין אַרומפאָרן אין די פאַבריק־ און מינען־ראַיאָנען, מען פאָרשט דעם צושטאַנד פון דער אינדוסטריע און מען זוכט פלענער ווי צו צווינגען די באַזיצער פון די אָפּגעשטעלטע פאַבריקן צו לאָזן זיי אין גאַנג.

אינאַיינוועגס מוז מען צווינגען דעם קליין־בירגער, וועלכער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר דעם גולם, וואָס ער האָט באַשאַפן, מיט זיין שטימען פאַרן פאָלקס־פראָנט, זיך צו פאַרטראַכטן, אַז זיין לאַגע, אויב ער וועט זיך צופּאַסן צו די אומשטענדן, וועט זיך אויך סטאַביליזירן און זיין מעמד וועט זיין זיכערער און פעסטער.

דיסקוסיעס, באַראַטונגען און קאָנפערענצן, ווו מען גייט און ווו מען שטייט. אין די שמוציקע, אָנגעשפּיגענע 3-טע קלאַס וואַגאָנען, אויפן וועג פון גראַנאַדאַ קיין וואַלענסיאַ, פון קאָרדאָווע קיין מאַדריד, פון אָוויעדאָ קיין באַרצעלאָנע, דאָ, אין די וואַגאָנען, איבער די סקאַליקע וועגן, טונעלן און טרוקענע פעלדער, דאָ טרעפן זיך די דעלעגאַטן פון די אַנדאַלוזיער רייז-פּלאַנטאַציעס מיט די אַסטוריאַנער מינען-אַרבעטער, די קאַטאַלאָנער אויטאָמאָביל-מאָנטירער און וואַלענסיער לאָקאָמאָטיוו-מאַכער, דער וועבער פון טאָלעדאָ, דער קוילן-גרעבער פון אַראַגאָן און דער פּאָרט-אַרבעטער פון קאָראָניאַ, דער ווייַן-טרעטער פון גאַליציע (שפּאַניען האָט אויך אַ גאַליציע...) און דער בריקן-בויער פון סאַראַגאָסאַ. דאָ, אין די אָנגערויכערטע, פאַרוואָרלאָזטע שטויביק-בלאָטיקע 3-טע קלאַס-וואַגאָנען, ווערט געשמידט דער גורל פון נייעם שפּאַניע.

■■■■

דער קאַמף צווישן אָקס און מענטש

1

איך האָב געוואָלט זיין „אָריגינעל" אין מיינע שפּאַנישע רעפּאָרטאַזשן און — וועגן אָקסן-קאַמף נישט שרייבן.

ווער שרייבט עס נישט און ווער באַזינגט עס נישט. ווער באַדויערט עס נישט און ווער לויבט עס נישט?

וועלכער לעזער, וועלכער קינאָ-גייער האָט עס נישט געלייענט און געזען אַן אָקסן-קאַמף?

די שפּאַנישע טאָראָס!

איך האָב עס טאַקע געוואָלט אַרויסלאָזן.

נאָכמער: איך האָב אַפילו לכתחילה נישט געוואָלט גיין זען די „טאָראָס", ווייל אויך דערמיט האָב איך געוואָלט אונטערשטרייכן מיין „אָריגינעלקייט". ווייל וועלכער גאַסט, מעג ער אַפילו זיין אַ צער-בעל-החיימניק, מעג ער אַפילו זיין אַ וועגעטאַריער, וועט ער זיך נישט אָפּזאָגן כאָטש איינמאָל צו זען אַן אָקסן-געפעכט, צו זען די „ווילדקייט פון אַ פאָלק".

איך וואָלט נישט געגאַנגען, הגם, אַז אַזוי לאַנג ווי מען האָט

נאָך נישט אָפּגעשאַפט די שחיטות צווישן פעלקער און אויף פעלקער, דאַרף מען זיך נאָך נישט פאַרנעמען מיט אָקסישן יושר. דאָך, איך בין געגאַנגען, ווייל, נו יאָ, ווייל אין שפּאַניען געשעען איצטער זאַכן, וואָס ענדערן דעם גרונט-געזעץ פון איר פסיכיק. דאָס קירך-געפיל איז טיפער געוואָרצלט ווי דער אָקסן-קאַמף, און דאָך נייגט זיך אָפּ די מאַסע, אַפילו די אָפּגעשטאַנענע און פאַרפינצטערטע, פון דער קירך און גלוז. אויך דער ענין קעניג און מאָנאַרכיע איז געווען פעסט-איינגעוואָרצלט און דאָך בענקט נאָך דעם קיינער נישט, אויסער די מאָנאַרכיסטן, צוליב פאַרלוירענע טיטולן און פאַרמעגנס, נאָך יענע מאָנאַרכיסטישע צייטן.

און, נישט צו פאַרגלייכן, די אַנאַרכיסטישע אידעאָלאָגיע, וואָס איז געפעסטיקט צווישן די שפּאַנישע אַרבעטער-מאַסן, הויבט אויך אָן נאָכלאָזן, אונטער דעם דרוק פון דער צייט. קאָן דאָך זיין, אַז אַ סך מנהגים וועלן ווערן אָפּגעווישט, באַגריפן און אידעאָלאָגיעס וועלן ווערן צו-נויפגעשמאָלצן מיט נייע, מיט מער רעאַלע.

קאָן דאָך אויך זיין, אַז די רעגירונג פון פאָלקס-פראָנט וועט דורך אַ דעקרעט, אָדער דורך אַן אָפּשטימונג אין פאַרלאַמענט אָפּ-שאַפן אָט דעם דאָזיקן נאַריש בלוטיקן שפּיל, דעם קאַמף צווישן מענטש און אָקס, און איך וועל פאַרלירן די געלעגנהייט כאָטש איין מאָל אַזאַ מין געפעכט ביי צו זיין.

צי וואָלט זיך עמעצער אויף מיין אָרט דען אָפּגעזאָגט, לאָמיר זאָגן, כאָטש איינמאָל צו זען אַ גלאַדיאַטאָרן קאַמף? אַ געראַנגל צווישן מענטש און לייב?

כ'בין מודה: איך האָב אָקסן-קאַמפן געזען גאַנצע דריי מאָל! און ביי יעדן קאַמף האָט מען אַוועקגעלייגט פינף אָקסן. אַלזאָ, מיי-נע אויגן האָבן געטרונקען דאָס בלוט פון פופצן אָקסן.

איך בין געגאַנגען דריי מאָל דאָס זען, נישט דערפאַר, ווי שלום אַש שרייבט, אַז נאָך יעדן „קאַמף" איז ער געוואָרן אַזוי בלוט-דורשטיק ווי יעדער שפּאַניער. ניין, איך האָב נאָך יעדן „קאַמף" גע-מוזט אויסטרינקען אַ האַלבע פלאַש קאָניאַק און ס'איז אַ סברה, אַז איך וועל זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון עסן פלייש... איך בין געגאַנגען זען דאָס צווייטע מאָל „טאָראָס" דערפאַר, ווייל נאָכן ערשטן מאָל האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס זענען נישט די „ריכטיקע" קאַמפן. נישט קיין שטאַרקע אָקסן און נישט קיין געניטע שטעכער... דאָס

אייגענע האָט מען מיר געזאָגט נאָכן צווייטן אָקסן־קאַמף, און דער איינציקער „אונטערשיד” ביי מיר צווישן ערשטן מאָל און דריטן מאָל איז, וואָס ביים ערשטן מאָל האָב איך באַצאָלט צוויי פעזעטן פאַר אַ בילעט און ביים דריטן מאָל — גאַנצע צען פעזעטעס.

ווייטער איז אַלצאיינס געווען: אומעטום איז דער זיגער געווען דער טאָרעדאָ, און ווי אין די אַנדערע „קאַמפן” איז דער אָקס, מיט אַ טיפע שווערד אין זיין רוקן, געפאַלן אין זיין אייגענעם בלוט־טייך, און דאָס „פאָלק” האָט ביי אַלע קאַמפן געיובעלט, געשריגן, פאַר־שריגן די לעצטע אָקסישע מרוטשען, געפאָכעט מיט די ווייסע טיכ־לעך און באַגריסט דעם זיגער!...

אפשר איז דער דריטער „קאַמף” געווען אַנדערש ווי דער ערשטער אין דער „טעכניק”, איך בין דערויף קיין מבין נישט. איך בין מודה, אַז איך האָב זיך נישט אַזוי שטאַרק איינגעגעסן מיט די אויגן אין „קאַמף” ווי די אַלע מענטשן. מיך האָבן טאַקע אינטערע־סירט מער אָט די מענטשן. איך האָב געוואָלט פאַרשטיין דעם מאַסן־פסיכאָז, אין איצטיקן מאָמענט ווילט זיך נישט זיין קיין ווי־דערשפעניקער קעגן אָט דער מייעסטעט, פאָלק.

יאָ, דאָס איז די פינצטערע דערציונג פון דורות סאַטראַפן.

2

נישטאָ קיין שטאָט, קיין שטעטל, וווּ עס זאָל זיך נישט געפינען אַ „פלאַזאַ דע טאָראָס”, אַרענע פאַר אַ געפעכט צווישן מענטש און אָקס.

אין אייניקע שטעט זענען אַפילו פאַראַן צוויי. און די „קאַמפן” קומען פאָר גלייכצייטיק.

יעדן זונטיק און יומטוב.

אַזוי ציט עס זיך שוין זינט דורות: אינדערפרי אין דער קירכע, ביייטאָג אין די „אַרענעס” און אין אָוונט...

יעדער קלאַס לויט זיין מעגלעכקייט.

איך קוק אויף שפאַניען נישט מיט אויגן פון נעכטן, אַפילו נישט פון היינט, נאָר פון מאָרגן.

די „אָפּגעשטאַנענע” שפאַניע און דאָס „קולטורעלע” ענגלאַנד האָבן זיך נאָך נישט אונטערגענומען צו רייניקן די אַטמאָספערע.

אַוודאי איז דער הינט געיעג אין ענגלאַנד מיאוסער ווי דער אָקסנקאַמף אין שפאַניע.

דער הינט-געיעג שמעקט נישט מיט קיין בלוט, אָבער מיט גי-ריקייט, איינשטעלן אַ פּעני און וועלן געווינען אַ פונט. ס'איז קרע-מעריש און כיטרע. אייגן-נוציק.

און אין שפּאַניע, — דער „אָקסן געפּעכט" איז... ריטערלעך. קיינער וויל נישט ציען קיין אייגן נוצן (אויסער זעלבסטפאַרשטענדלעך דער „טאָרעראָ", וואָס נעמט „שחיטה געלט" ביז דריי פיר טויזנט פּעזעטעס, און די אָרדנונג, וואָס „פאַרשפּילט" דאָס פאָלק מיט אַזעלכע שפּילן...) עס איז אַ ספּאָרט אַזאַ.

3

אין די זונטיק נאָכמיטאָג-שעהן זעט איר, ווי עס „ציט זיך" אַ מענגע פון טויזנטער און טויזנטער פאָלקס-מענטשן. איר דערקענט זיי אין די איינפאַכע טיכלעך, אין די „לאַפּטשעס" מיט די קינדער אויף די הענט, אין אופן פון עסן די געטרוקנטע ניסלעך... אין שטופּן זיך צו די אַריינגענג. די „אַרענעס", וואָס נעמען אין זיך אריין טויזנטער און טויזנטער, אָפט צו אַנדערטהאַלבן צענדליק טויזנט מענטשן, זענען תמיד געפּאַקט, פון די לאָזשע ביז דער העכסטער גאַלעריע. עס איז נישט בלויז אַ קאַמפּס-פּלאַץ, נאָר אויך אַ פאַרווייליונגס-בינע. מיטלאַלטערלעכע צערעמאָניעס און רעליגיעזער טשאַד. פאָלק קומט פאַרביק אָנגעטון, וואָס מער פאַרבן. קוקסט זיך אַרום, און דיר דאַכט זיך, אַז נישט מענטשן זענען דאָ, נאָר אַן אויסשטעל פון פאַרשידע-נערליי בלומען...

און גלייכצייטיק איז עס אַ פּראָצעסיע. אונטן, אויף דער ערד-אַרענע, קיילעכדיק, דאַרף אויפטרעטן אַ יונגער „כהן גדול", ער וועט אָפּריכטן די עבודה... ברענגען דעם בראַנד-אָפּפער פאַר די אויגן פון דער עדה... אויבנאָן, אין אַ לאָזשע, זיצט דער הויפּט, דער פאַרטרע-טער פון קעניג. דער קעניג „וואַנדערט אין גלות", נאָר זיין פאַר-טרעטער אויף די „טאָראָס" איז נאָך פאַראַן און ער „קיניגט". אַ ספּעציעלער מאַרש, דער „טאָראָס-מאַרש", ווערט אויפגעשפּילט, די ריטער-טאָרעראָס קומען צו רייטן אויף פערד, זיי רייטן צו צו דער „קיניגלעכער לאָזשע", בוקן זיך, צלמען זיך, נעמען די ברכה פון טאָראָס-קיניג, און דער קאַמף הויבט זיך אָן.

עס „טרעט אויף" דער אָקס. ער קאָן זיין ראָלע. עטלעכע טעג האָט מען אים אין פינסטערניש געהאַלטן. מיטאַמאָל פאַלט אויף דאָס

טויער, און די זון, די העלע זון, געבאָדן אין די „פוטערפאַס"־שטראַלן, גיט אים אַ שלאָג אין די מוטנע אויגן. אַן אָקס, דאָך לאָזט ער זיך צום ליכט, אַ טרינק טון אַ שטראַל. נאָר דער חכם, דער „טאָרעראָ", שטייט אים קעגן אויג מיט אַן אַמאַראַנט צינטער שאַרפער פאָלע, אַ שטיק פלאַקער. דער אָקס זעט שוין גאָרנישט, בלויז אָט די בלענע־דיקע פאָלע. בלוט־ווייַן, פייער־רויט. דער אָקס פאַרליידט דאָס נישט און לאָזט זיך דערויף, נישט צו דעם מענטש, נאָר צו דער רויטער פלאַכטע, נאָר דער מענטש איז כיטרע און כאַפט אַוועק דאָס טוך... און דער אָקס לאָזט זיך נאָכאַמאָל צום רויטן. אפשר געפעלט עס אים, דאָס שפּיל. אָבער דער מענטש איז כיטרע. דער אָקס פירט אַן אָפענעם קאַמף, ער ווייסט נישט פון מענטשנס „געהיימע פלענער"... דער מענטש צערייצט אים, אין דעם באַשטייט די „קונסט". דער מענטש פראָוואָצירט, ער ציט צו דעם אָקס מיט רויטער פאַרב און „שטעכט אָן" אין אָקסס פלייצע צוויי שפּיזלעך. דער אָקס דערפילט דעם ערשטן ווייטיק, ער דערפילט זיין אייגן הייס בלוט איבער דער פעל. דאָס אָפשטעכן די שפּיזלעך זענען אָבער נישט קיין „געפערלע־כע", בלויז ווייטיק דערפילט דער אָקס און ער ווערט ערשט רעכט צערייצט. ער וויל אַרויסוואַרפן פון זיין פעל אָט די שפּיזלעך, ווערט ער ווילד. קעגנאיבער אים שטייט אָבער נאָך אַ מענטש, יענער שמייכלט, דעם אָקס טוט ווי און יענער לאַכט. ווער קאָן וויסן דאָס געפיל פון אָקס, און ווער באַרעכטיקט דען נישט דאָס לאָזן זיך פון אָקס אויפן מענטש? נאָר דער מענטש איז כיטרע. איידער דער אָקס דערנענטערט זיך, האָט ער שוין „צוגעשפּילעוועט" אויף זיין קאַרק נאָך צוויי שפּיזלעך. איצט איז די וווּנד שוין פאַרפירפאַכט. און אין צווייטן ווינקל „ווינקט" אַ מענטש מיט נאָך אַ רויטער שמאַטע. דער אָקס זעט נישט זיין בלוט, ער פילט אָבער, אַז דאָס איז דער זעלבער קאָליר פון יענער פאָלע, און ער לאָזט זיך דערצו... און ווידער „קריגט ער" צוויי שפּיזלעך. אַכט שפּיזלעך „באַקומט ער", דער אָקס, אַכט ווונדן, און די נערוון אין זיין גרויסן קאָפּ זענען צעשפּילט. דאָ הויבט זיך אָן דער „ריכטיקער" קאַמף. דער אָקס איז סיי־ווי דער העלד, ווייל ער אַנטלויפט נישט, ווייל ער איז קיין פחדן נישט, ווי דער מענטש. איבעריקנס, דער אָקס איז איינער און די טאָרעדאָרן זענען דריי און פיר. פאַר דעם מענטשן איז געמאַכט געוואָרן באַ־העלטעניש־ווינקלען אויף דער אַרענע, דער אָקס קעמפט אומדערשראָקן

דער „טאָרעדאָר" איז אַ גנב. ער האַלט אונטער דער רויטער פּאַר־טשיילע אַ שווערד, דעם אָקס רייצט די רויטע פאַרב און ער ווייסט נישט, אַז אונטער איר איז שוין פאַראַן די בלאַנקע שווערד.

און דער סוף איז, ווי אַלע אַזעלכע סופן. די שווערד פון טאָרעדאָר טונקט זיך איין אין אָקסישן פלייש, טיף־טיף. אַ רויטער פאָנטאַן פון אָקסיש געזונט בלוט, און נאָך דערצו פון אַזאַ בלוט, וואָס איז אַ האַלבע שעה אויפגעקאָכט געוואָרן, זודיק ממש, גיט אַ שפּריץ אין דער זון אַריין.

ביים שפּראָץ פון בלוט — אַ יובעל פון פאָלק! דער העלד נייגט זיך פאַר דער „קיניגלעכער" לאָזשע. אין דער זעלבער צייט אַ געשפּאַן פון פערד שלעפּט אַרויס דעם אָקס פון דער אַרענע. אַ רוי־טער פאַס פירט צו דער יאַטקע הינטער דעם „קאַמפּס־פעלד". מוזיק שפּילט. דער עולם איז באַפרידיקט.

איך פרעג זיך ביי מיינע שכנים פון ביידע זייטן בעת דער פּויזע, צווישן איין „קאַמף" און אַנדערן:

— און ווי וועט זיין, אַז אין דעם לאַנד וועט קומען יענע גרונטלעכע איבערקערעניש, וואָס איז זייער מעגלעך אין דער נאָענט־סטער צייט, וועלן דאַן אויך זיין „טאָראָס"?

דער ענטפער:

— איר זענט אַ פרעמדער, און איר קאָנט נישט אַריינדרינגען אין דער טיפעניש פון דער שפּאַנישער נשמה. די נייע אָרדנונג וועט זיך מיט דעם פאָלקס־סענטימענט מוזן רעכענען, און דאָס איבערלאָזן!

מיין צווייטער שכן:

— דער אָקסן־קאַמף איז נישט מער, ווי אַ מיטל ביי די הער־שער פון גרונט־ און געלט־באַזיצערישן קלאַס צו פאַרטויבן דאָס פאָלק. מען גיסט אין זיין מאַרך אַט דעם סאַדיסטישן רייץ, כדי זיינע אויפ־געקאָכטע בלוטן אויף דעם אופן אָפּצווווענדן.

מיטן ענדערן די אָרדנונג וועט דאָס מוזן אויפהערן. נייע שפּילן, נייע פאַרוויילונגען וועלן פאַרטרעטן דאָס אָרט פון אַט די אומגעלומ־פּערטע קאַמפן!

אגב, די ראַדיקאַלע פרעסע שעמט זיך שוין צו ברענגען ידיעות און באַריכטן פון די „טאָראָס".

דער יום־טוב פון בוך

מען קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס בוך אין שפּאַניע איז תּמיד געווען דער „אינטימער פריינט" פון די פאָלקס־מאַסן. פּשוט, דער מערסטער טייל פון די מאַסן איז געווען אַנאַלפאַבעטן, און די מאָנאַרכיע האָט זיך ווינציק־וואָס געזאָרגט פאַר עלעמענטאַרער פאָלקס־בילדונג. דאָס וואָרט, דאָס געדרוקטע און געשריבענע, איז געווען אַ זאַך פאַר די מיטעלע און הויכע פענצטער, און די „הויכע פענצטער" האָבן זיך גיכער געהנדלט צו דער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

און פונדעסטוועגן איז מיר איצט אויסגעקומען מיטצומאַכן איינע פון די הערלעכסטע און איינדרוקפולסטע פאָלקס־יום־טובים, וואָס דאָס באַנייטע שפּאַניע האָט צעראַנזשירט. דער יום־טוב פון בוך איז אַ דעמאָנסטראַציע פאַר „וויסן איז מאַכט", אַ פאַרהערלעכונג פון גייסט און פרייד פון שאַפן.

הונדערטער „שטעלן" און קיאָסקן זענען אויפגעשטעלט געוואָרן. איך האָב דעם יום־טוב צוגעזען אין באַרצעלאָנע. די פּאַסעאָדע־גראַסיאַ, די הערלעכע שפּאַציר־אַלייע, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָרידאָר פון בוך־געשעפטן, און צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן אַ גאַנצן טאָג געכוואַליעט אויף דער ראַמבלאַ.

דאָס בוך האָט באַקומען זיין תּיקון, זיין חשיבות. עס איז נישט קיין „ביליקער בוך־טאָג", נאָר גראָד אַ טייערער, מען גיט נאָר אַראָפּ דעם קויפער צען פּראָצענט, דער עולם וויל נישט קיין מציאות. ער צאָלט זיין חוב — ער קויפט אַ בוך.

ביי די קיאָסקן איז ענג. מען קויפט, מען קלויבט, מען פּאַקט איין. עס איז דער טאָג, וואָס איינער דערמאָנט זיך אין אַנדערן: מען דאַרף שענקען אַ מתּנה די, וואָס זענען עס ווערט. יעדער האָט פריינט, באַקאַנטע, נאָענטע. וואָס קאָן זיין אַ שענערע מתּנה ווי אַ בוך! קויפט מען, מען שרייבט צו ווידמונגען און מען לאָזט איבער אין קיאָסק דעם אַדרעס, און ספּעציעלע שליחים טראָגן פונאַנדער די ביכער.

און פאַר קינדער? זיי זענען די הויפּט־מחותּנים. זיי זענען באַפרייט פון שול אין דעם טאָג. זיי האָט מען נאָך פון פריער צוגעגרייט דערצו. וועלכעס קינד וועט היינט נישט קריגן פון טאַטע־מאַמע קיין בוך־מתּנות? ס'איז יום־טובדיק אין שטאָט, און מען גייט

אויף דער ראַמבלאַ. די קיאָסקן זענען דעקאָרירט. קינסטלער האָבן צוגעגרייט די שטימונג. די ראַמבלאַ איז די אַלייע פון בלומען. נאָר איצטער זענען די בלומען-פאַרקויף-שטעלן מער נישט ווי דעקאָראַציעס צו די בוך-קיאָסקן, באַצירונגען צו אָט דעם יום-טוב.

איך גיי איבער די יום־טובדיקע גאַסן, איך פריי זיך מיט דער פרייד, ווי אַלע דאָ, ווי די קינדער. פאַרנאַכט האָבן זיך אַ לאַז געטון גרופּעס אַרבעטער פון די פאַבריקן, אָוועקגעשטעלט זיך ביי די קיאָסקן פון די רעוואָלוציאָנערע שרייבער. די ביכער פון די ראַדיקאַלע שרייבער, שפּאַנישע און אויסלענדישע, ווערן „פאַרצוקערט". איך גיי, איך פריי זיך און בין מקנא. נישט ווילנדיק קומט אויף פאַר מיר דאָס בילד פון אונזערע אייגענע „ביכער-יום-טובים".

און איך טראַכט: צי קאָן מען נישט אויף אַן ענלעכן אופן פּראָקלאַמירן אַ יידישן בוך-יום-טוב אין אונזער „אַלוועלטלעכקייט". די אַלע, וואָס רעדן, „אַז מען דאַרף" און „מען מוז" עפּעס טון פאַרן יידישן בוך, זאָלן זיך לערנען ווי אַזוי צו טון!

וועט מען זאָגן: מלוכה. נאָרמאַלע באַדינגונגען. עס הויבט זיך נישט אָן. יעדער קאָן עס מאַכן אויף זיין שטייגער און לויט זיינע מעגלעכקייטן. אַ געהעריקע שטימונג, און פון אידנבורידזש ביז טשאַקאָ, פון ווארשע ביז לאָס־אַנדזשעלעס וואָלט אונזער יום-טוב געווען. מען דאַרף נאָר טון, וואָס „אַנדערע" טוען. צוגרייטן אין די שולן, אין דער פּרעסע, טעאַטער, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, קולטור-אַנשטאַלטן, ווו נאָר מיר געפינען זיך: אין פּערו און אין יאָהאַנעסבורג, אין מעקסיקע און ליסאַבאָן, אין אַלע לענדער פון די נייע יידישע עמיגראַציע־צענטערס.

אַ גאַנצן טאָג גיי איך פון איין קיאָסק צום אַנדערן. אַ שפע איבערזעצונגען. די גאַנצע וועלט-ליטעראַטור אין שפּאַניש. די נייעסטע אייראָפּעישע ביכער זענען שוין איבערגעזעצט און דערשינען. אויף דיוואַנען און פאַרביקע שפּאַנישע שאַלן הענגען די בילדער פון די מחברים. דער עולם שטעלט זיך אָפּ ביי זיי.

אין אָוונט שפּילט דער אָרקעסטער אויף דער פּלאַזאַ-רעפּובליקאַ לכבוד דעם בוך, לכבוד די שעפער פון בוך. עס קומען פאַר שרייבער-באַנקעטן און אַקאַדעמיעס. דער עולם גייט. עס איז דער געמיינזאַמער יום-טוב. אַ גייסטיקע באַהעפטונג פון שרייבער און זיין

לייענער. אַלע מאָל אַן אַנדער אויסגעשריי אין גאַס, אַ שרייבער גייט. מען מאַכט אָוואַציעס.

איך קויף אַ בוך. עס ציט ממש דערצו. איך האָב מיט פרייד געקויפט נאָך צוויי ביכער און עס מיט נאָך מער פרייד אַוועקגע־שאָנקען צוויי אומבאַקאַנטע קינדער, וואָס איך האָב געטראָפן ביים טיש פון מיין פּענסיאָן.

■■■■

אַ קאַפּיטל „יידישע געשיכטע" פון איצטיקן שפּאַניע

אין מאַדריד דערשיינען צוויי טאָג־צייטונגען. איינע הייסט „אינפאָרמאַסיאָנעס" און די אַנדערע „יאַ" (איצט). ביידע צייטונגען זענען מאָנאַרכיסטיש־פאַשיסטישע און ביידע שטייגן איבער איינס דאָס אַנדערע מיט... זלזולים אויף יידן. ביידע זענען ווי פּיליאַלן פון „שטירמער".

די „יאַ" האָט אַ גוטן צושטעלער פון „יידישן מאַטעריאַל", אַ געוויסער משומד בראַכפעלד, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג, שוין זייענדיק געשמדט, נאָך געגאָלטן אַלס שפּאַנישער קאָרעספּאָנדענט פאַר יידישע צייטונגען אין אייראָפּע און אַמעריקע. דער דאָזיקער „מאַראַן" ברענגט אַ צעטל פון יידן, וועלכע שפּילן די ערשטע פידל אין דער פאָלקס־פראָנט־באַוועגונג, ער ווייזט צו דערציילן פון יידישע פינאַנסיסטן, וואָס שטיצן די לינקע רעגירונג. די צייטונג האָט אויך אָפּגעדרוקט אַ פּאַשקוויל קעגן דער פאַרהערלעכטער פירערין פון די אַסטורישער אַרבעטערשאַפט מאַרגאַריט נעלקען, די איצטיקע דעפּוטאַטין אין קאָרטעז (פּאַרלאַמענט). די צייטונג שרייבט, אַז די נעלקען איז אַ „כודיאַ" און פירט אַ פרום יידיש הויז, עסט כשר, בענטשט ליכט, און דערציט אירע קינדער אין יידישן רעליגיעזן גייסט.

די מאַרגאַריט נעלקען איז געווען געצוווּנגען צו געבן אַ דערקלערונג, אַז — זי איז טאַקע אַ „כודיאַ", דאָס הייסט, אַ יידישקע, זי לייקנט עס נישט, און באַהאַלט עס נישט, איר מאַן איז נישט

קיין ייד, אַז די מעשה מיט כשר עסן, ליכט־בענטשן און רעליגיעזע דערציונג, איז נישט מער ווי אַ בייזוויליקע אויסטראַכטונג פון דע־מאַגאָגן.

די „יאַ" ברענגט „ידיעות" פון יידן אין דער שפּאַנישער פּאָ־ליטיק. און די „אינפאָרמאַסיאָן" ברענגט „טעאָרעטישע" אָפּהאַנדלונ־גען וועגן יידן. אַז מען עפנט אויף אַ נומער „אינפאָרמאַסיאָן", גיט אַ שלאָג אין אויג אַן אָפּדרוק אויף יידיש: „יידן געדענקט, אַז דער קאַמף קעגן..." צוזאַמען מיט אַ „קאָפּ" פון אַ וואַרשעווער יידישער צייטונג, און אַ פאָטאָגראַפיע ווי אַזוי די דאָזיקע צייטונג ווערט פאַרקויפט אין די מאַדרידער קיאָסקן און אַן אונטערשריפט: „אַ פּוי־ליש־העברעישע צייטשריפט, וואָס ווערט טעגלעך פאַרקויפט אין מאַד־ריד. די שריפט דערפון איז אַ „פאַרדייטשטער זשאַרגאָן".

די דאָזיקע קלישע־פאָטאָגראַפיע דינט אַלס אַנאָנס צו אַ סעריע אַרטיקלען „די יידן אין מאַדריד — ווי אַזוי עס לעבן אין דער שפּאַנישער הויפּט־שטאָט די זין פון ציון", געשריבן פון אַ געוויסן פּערערי בילאָש, אָדער בילאָך.

מילא, די סעריע „אַרטיקלען" ציען זיך, און וואָס פאַר אַ „לומדות" דאָרט איז פאַראַן, קאָן מען זיך אויך פאָרשטעלן. פון די דאָזיקע מאָנאַרכיסטישע צייטונגען און פון זייערע אַנטיסעמיטישע דרשות אויפן שטירמער־שטייגער, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז מאַדריד איז כמעט וואַרשע, און יידן זענען דאָ אין די מיליאָנען און....

און ווו זעט מען פאַרט אַ ייד?

אין מאַדריד זענען פאַראַן יידן ממש אויף די פינגער צו ציילן. אמת, בעת דער מלחמה האָט מאַדריד געהאַט אַ גרויסן יידישן צענ־טער, וואָס האָט געפירט אַ געזעלשאַפטלעך קולטור־לעבן. דאָס זענען געווען יענע יידן, וואָס האָבן נישט געוווסט צו „וועלכן פאָטער־לאַנד" זיי געהערן, ס'רוב יידישע עמיגראַנטן פון פאַרשיידענע קריגס־פירנדע לענדער, הויפּטזעכלעך אין פראַנקרייך. מיטן פאַרענ־דיקן די מלחמה זענען זיך די דאָזיקע צייטווייליקע יידן צעפאָרן, פיל פון זיי אין אַמעריקע, און אַנדערע צוריק קיין פראַנקרייך (כדאי צו דערמאָנען, אַז אויך מאַקס נאָרדוי איז אין מלחמה־צייט געווען אין מאַדריד). איצט איז פון דעם אַלעם געבליבן עפּעס אַ שולעכל אויף אַ דריטן שטאָק, וואָס האָט זעלטן אַ מנין. עטלעכע

יידן, וואָס זענען פאַרטרעטער פון אויסלענדישע פירמעס, אַ ביסל ספרדישע און מאַראָקאַנער יידן, אַ פּרעזידענט פון אַ געמיינדע אָן אַ געמיינדע, און צום סוף — אַ ביסל דייטשע פּליטים, און דאָס אין די גאַנצע יידישע „געפאַר" אין מאַדריד...

געצנוי וויפל יידן עס וווינען אין שפּאַניע, ספרדישע און אַשכנזישע, איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן. טייל זענען זיך משער, אַז צען טויזנט, אַנדערע האַלטן, אַז מער, און רעדנדיק מיט רייזנדע פאַרטרעטער פון פירמעס, זאָגן זיי. אַז העכסטנס—אַרום פינף-זעקס טויזנט.

די נייע „געשיכטע פון די יידן אין שפּאַניע" הויבט זיך אייגנטלעך אָן אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. די ערשטע „פּיאָנערן", וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט נאָך גירוש-שפּאַניע זענען געווען די... יעקל שאַפּשאָוויטשעס. צוזאַמען מיט זייערע נישט-יידישע „פאַרבינדעטע" האָבן זיי זיך „דערשלאָגן" מיטן וויסטן מסחר צו די שפּאַנישע ברעגן, אַממערסטן אין קאַטאַלאָניע, אין דער הויפּט-שטאָט באַרצעלאָנע.

אין „באַריאַ טשינאָ", אין כינעזישן קוואַרטאַל. ווו עס איז איצט די באַרצעלאָנער אונטערוועלט, האָבן זיי זיך באַזעצט, גרויס אין דער צאָל זענען זיי נישט געווען, און קיין ספּעציעל „יידישקייט" האָבן זיי נישט געפּראַוועט.

דאַן זענען געקומען איינצלנע יידן, פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע אויסלענדישע פירמעס, הויפּטזעכלעך פון דייטשע פירמעס. זיי האָבן זיך באַזעצט אין פאַרשיידענע שטעט פון לאַנד. אויך זיי האָבן נישט געלייגט קיין גרונט-שטיין פאַר אַ קבוץ-לעבן. ערשט אין די יאָרן 1903—1905 קומען עטלעכע פאַמיליעס פון שווייץ, פראַנקרייך, אייניקע פון רוסיש-פּוילן און גאַליציע. דאָס זענען מערסטנס אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געלאָזט זוכן נייע מקומות פאַר פאַרלייגן פאַרשיידענע פאַבריקאַציעס, סוחרים און האַנטווערקער.

שפּאַניע איז נאָך אינדוסטריעל אָפּגעשטאַנען. מעגלעכקייטן זענען פאַראַן, ענערגיע איז נויטיק. עס אַנטשטייען קליינע געמיינדעס, מנינים. אַנדערע גיסן זיך צונויף מיט די ספרדישע קהלות, וועלכע קומען מחנותווייז פון ביאָן. אין מלחמה-צייט ווערט אַ צופלוס פון די טערקישע אונטערטאַנער, דאָס זענען אפילו פּוילישע יידן, וואָס האָבן געוווינט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און ספרדישע פון סמירנאָ, עס ווערט דאָ דער אמתער „קבוץ גליות". אין 1918 קריסטאַליזירט זיך

אויס א פעסטגעשטעלטער ישוב, די וואָס זענען אָפּגעפּאַלן און די וואָס בלייבן שוין אויף פעסט וווינען אין שפּאַניע. א שטיקל קהלה ווערט דאָן געגרינדעט אין באַרצעלאָנע, א פּרווו פון א געמיינדע־לעבן, א שול צום דאַווענען און א ביסל סאָציאַלע הילף צו געבן איינער דעם אַנדערן. שפּעטער מיט עטלעכע יאָר ווערט געגרינדעט א שולע, מען שרייבט אויס לערער, א סימן, אַז וואָרצלען פאַר א היים ווערן דאָ געשלאָגן. די שולע קאָן זיך נישט אויסהאַלטן. עס וואַקסן ווידער אויס חברות, יידן קומען און ווערן נעלם, אַנדערע באַזעצן זיך אין פאַרשיידענע פּראָווינצן און לאָזן פון זיך נישט הערן, טויכן אויף און ווערן אויפסניי פאַרשוווּנדן.

די געמיינדע איז געבליבן, אָבער דאָס איז אייגנטלעך נישט מער ווי א חברה. דער עולם איז „פאַרנומען" ביי פּרנסה. יידן אַנט־וויקלען דאָ געוויסע אינדוסטריעס. פאַרשטייט זיך, אַז פּוילישע יידן כאַפּן זיך צו דער „שער און אייזן", צו שניידעריי. אין באַרצעלאָנע ווערט אַפילו „פאַרנומען" א גאַס א גאַנצע פאַר די פּוילישע יידן, די שמאָלע און קאָכעדיקסטע סאַן פּאַבלאָ־גאַס. ביז היינטיקן טאָג זעט מען געדיכט איינס לעבן אַנדערן יידישע שניידעריי־געשעפטן און שניידעריי־ווערקשטאַטן, און דאָס נישט בלויז פון נייע זאַכן, נאָר אויך פון אַלטע, איבערגעניצעוועטע, און ווי א צווייג צו דעם, קומט בכלל דער האַנדל מיט אַלטוואַרג, מיט שמאַטעס. און כאָטש עס איז „שמאַטעס", מאַכט מען דערפון א לעבן.

אָבער נישט בלויז ביי „שער און אייזן" בלייבט עס. אומגע־קערט, יידן רוקן זיך אַרויס מיט איניציאַטיוו. פון איבערנייען א מלבוש, ווערט מען גרויסע קאָנפעקציאָנערן, מען באַשעפטיקט שוין הונדערטער שפּאַנישע אַרבעטער, מען ווערט שוין דאָ פּרנסה־געבער אויך. אַנדערע כאַפּן זיך נאָך העכער. איינער א ייד, פּאַסאַד, מאַכט גאָר א פאַבריק פון ראַזיר־מעסערלעך, דאָס איז שוין גרויס־אינ־דוסטריע. אַן אַנדערער שטעלט איין א פאַבריק פון כעמישע אויס־אַרבעטונגען,–צינקוויים און פּודער־פאַרב, נאָך אַן אַנדערער – בערשטן און אַלץ, וואָס האָט א שייכות צו האָר־אויסאַרבעטונגען. איינער, א קירזשנער פון גאַליציע, א געוויסער פּרוכטמאַן, איז אַפילו געוואָרן (וואָס א ייד טוט נישט צוליב פּרנסה...) דער ליפעראַנט פון פעלצן פאַר דעם קעניגלעכן הויף, פאַר דער קייזערין און אירע הויף־דאַ־מען, און דערפאַר האָט ער געקריגן א סך אויסצייכענונגען און איז

געוואָרן אַ פּיל־פאַכיקער מיליאָנער (דער פּרוכטמאַן איז געקומען קיין שפּאַניע אין יאָר 1914). נאָר אַזוי ווי צושטעלן זאַכן פאַר אַ קעניג־לעכן הויף איז נישט קיין זיכערע פּרנסה, איז ער טאַקע, דער גאַ־ליציאַנער ליפעראַנט, נאָכן פאַלן פון דער מאָנאַרכיע, שטאַרק אַראָפּ און אַפילו פאַראָרעמט געוואָרן.

די לעצטע עליה קיין שפּאַניע הויבט זיך אָן מיט די דייטשע פּליטים. דאָ ווערט שוין אַ גאַנצע איבערקערעניש. דער שטראָם ברענגט מיט ני״ט נאָר נייע פּנימער און יידישע נעמען (אַ סך פון די פּליטים זענען דאָך פּוילישע, גאַליציאַנער יידן, וואָס האָבן געוווינט אין דייטשלאַנד), נאָר אויך יידיש־געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו און זאָרג וועגן זייער עקזיסטענץ.

די „איינגעזעסענע״ יידן פון סאַן פּאַבלאָ אָדער פון ערגעץ אַנדערש, זענען שוין געווען „אַנטוויינט״ פון יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט. צווישן די נייע עמיגראַנטן זענען דאָ אַ סך יונגעלייט מיט ענערגיע. מען וויל אָנהויבן עפּעס צו טון. די דייטשע יידן, אַלטע איינוווינער, וועלכע זענען דאָ, אָדער פאַרטרעטער פון פירמעס, אָדער אַליין פירמע־אינהאַבער, וואַרפן זיך אַריין אין דער הילפס־אַרבעט לטובת די פּליטים. עס ווערט געגרינדעט ביי דער געמיינדע אַ הילפס־קאָמיטעט. דער „היצעס״ אין פּאַריז שטיצט די פּליטים מיט גרעסערע סומעס. ליידער רוקן זיך שוין אַרויס אַזעלכע פאַרשוינען פון צווישן די „איינגעזעסענע״, וועלכע ווערן „געזעלשאַפטלעך פאַר־אינטערעסירט״ אין דער הילפס־אַרבעט. זיי באַשטימען קודם־כל פאַר זיך אַ געהאַלט, וואָס באַטרעפט אַ פערטל פון די אַריינגעקומענע געלטער. עס אַנטשטייען קאָנפליקטן. די פּליטים שלאָפן אין „האָטעל קאַטאַלאָניאַ״, דאָס הייסט, אויף די בענק פון פּלאַץ קאַטאַלאָניע. די פריערדיקע געבער און אונטערשטיצער ציען זיך צוריק. דער „היצעס״ באַגרענעצט אויך די שטיצע. די לאַגע פון די יידישע פּליכטלינגע פון דייטשלאַנד אין שפּאַניע איז ממש אַ פאַרצווייפלטע.

פונדעסטוועגן איז זיי איצטער בעסער ווי פריער, ווייל מיטן ענדערן דעם רעזשים האָט זיך אויך די באַציונג צו זיי געבעסערט. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז פאַרן „16־טן פעברואַר״ זענען די פּליכטלינגע אויסגעשטאַנען פון דער רעגירונג געבערענטע צרות. די מאַכט, וועלכע האָט זיך געלאָזט פּראָוואָצירן פון די נאַצי־אַגענטן און היטלעריסטיש־איבערגעקויפטע זשורנאַליסטן, האָט געהאַלטן אין

אַרויסגעבן איין גזירה נאָך דער אַנדערער. איצט האָט זיך עס איינגאַנצן געביטן. אומגעקערט, די רעגירונג ווייזט אַרויס נישט נאָר טאָלעראַנץ צו זיי, נאָר אַ באַשטימטע פאַראינטערעסירונג. קודם־כל זענען אַלע „אומלעגאַלע" לעגאַליזירט געוואָרן און האָבן געקריגן וווין־רעכט, און צווייטנס, ווערן איצט בקשות וועגן רעכט אויף אַן אַרבעטס־קאַרטע, (וואָס פריער איז עס אוממעגלעך געווען) שנעל דערליידיקט און צום גונסטן.

בלויז אין באַרצעלאָנע געפינט זיך אַן ערך פופצן הונדערט יידישע פליטים פון דייטשלאַנד.

נאַטירלעך, מיטן בייטן די באַציונג צו זיי, האָט זיך אויך זייער לאַגע געביטן צום בעסערן, הגם ס'איז נאָך ווייט פון גוט. דאָך, אָרדענען זיי זיך איין ביי פאַרשיידענע פאַכן.

און ווי נאָר מען האָט זיך גענומען פילן זיכערער, האָט מען אויך אָנגעהויבן קלערן וועגן „תכלית־זאַכן", וועגן גרינדן אַ קולטור־פאַריין. זיי האָבן עס אָנגעהויבן קליין, מיט עטלעכע מיטגלידער, און איצטער איז שוין פאַראַן אין באַרצעלאָנע דער ערשטער יידישער קולטור־פאַריין, וואָס פירט אַ קולטור־טעטיקייט אויף צוויי שפּראַכן— דייטש און יידיש. קומט מען אַריין אין זייער לאָקאַל און מען זעט, ווי די עטלעכע הונדערט מיטגלידער פאַרנעמען זיך מיט געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט, מיט דיסקוסיעס, ספּאָרט, דראַמאַטישע סעקציעס, ביבליאָטעק און לייען־זאַל (דערווייל אָן ביכער און אָן אויסלענדישע יידישע צייטונגען, ווייל זיי האָבן נישט קיין געלט דאָס איינצוקויפן), קאָן מען מיינען, אַז מען געפינט זיך נישט אין שפּאַניע, נאָר אין אַ שטאָט הינטער ווילנע אָדער לעבן האָרשע.

דער יידישער קולטור־פאַריין אין באַרצעלאָנע באַגנוגנט זיך אָבער נישט בלויז מיט געזעלשאַפטלעכער פאַרוויילונג, דיסקוסיעס און ליטעראַרישע אָוונטן (ווי עס איז געווען דער פאַל מיט דער זייער אימפּאָזאַנטער מענדעלע־פייערונג), נאָר ער שטעלט זיך אויך אויף דער וואָך קעגן דער נאַצישער פּראָפּאַגאַנדע דאָ אין לאַנד אונטער פאַרשיידענע מאַסקעס.

די נאַצי־אַגענטן (מען דערציילט אַז צווישן זיי איז אַפילו פאַראַן אַ ייד, אַ זשורנאַליסט, אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַן אַמסטערדאַ־

מער פּראָ-היטלעריסטישער צייטונג) באַדראָען דאָך דירעקט און פּראָוואָצירן קענען זיי, די פּליכטלינגע. אין אַ סך זאַכן גלויבט דער נאַיווער שפּאַניער. האָט דער קולטור-פאַריין געשיקט אַ דעלעגאַציע צו קאָמפּאַנאַס, דעם פּרעזידענט פון דער קאַטאַלאָנישער רעפּובליק. דער פּרעזידענט האָט די דעלעגאַציע אויפגענומען און מיט זיי אויספירלעך קאָנפערירט, זיך אינטערעסירט אין אַלע פּרטים וועגן לעבן פון דייטשע און יידישע פּליטים אין קאַטאַלאָניע. דער מעמאָראַנדום איז אָפּגעדרוקט געוואָרן פון דער ליבעראַלער פּרעסע און געמאַכט אַ גוטן איינדרוק.

פאַרשטייט זיך, אַז מען „פאָרשט" דאָס יידישע לעבן אין שפּאַניע, מוז מען אָנטרעפן אין די אַרכיוון פון נאָך אַ... פּאָר פאַריינען. אַ שטייגער, אַזאַ פאַריין, וואָס טראָגט דעם נאָמען „יוגנט-בונט" און „אוניאָן-קלוב". ביידע פאַריינען, וואָס האָבן זיך פאַרייניקט, עקזיסטירן נישט, הגם זיי האָבן אַ פיינע איינריכטונג. דאָס זענען געווען קלובן פון די רייכע, אַלט באַזעסענע דייטשע יידן פאַר זייער יוגנט. ערגעץ איז פאַראַן אַ ציוניסטישער פאַריין, אַ „החלוץ", אָבער דאָס גייט נישט אין ברייטן שפּאַן און איז טעטיק אין אַ שמאָלן פאָרמאַט.

י ע ד ן פרעמדן אינטערעסירט די פראַגע, וואָס איז מיט יאָרן צוריק אַזוי הייס פאַרקלונגען געוואָרן, אַז שפּאַניע איז פאַראינטערעסירט אין דעם צוריקקער פון יידן. אויף דער פראַגע ביים ערשטן בעסטן פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן טוער, וואָס ער האָט וועגן דעם צו זאָגן, ענטפערט ער, אַז ערשטנס, וואָס דאַרף מען נאָך יידן אין שפּאַניע, אַז כמעט אַלע שפּאַניער זענען יידן (אַן אָנצוהערעניש אויף די „טשוועטאַס", די אוראייניקלעך פון די „ניי-קריסטן", די געצוואונגענע צו שמד אין דער אינקוויזיציע. עס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל וועגן זייער אַרט לעבן אויף דעם אינזל פּאַלמאַ דע מאַיאָרקאַ, נישט ווייט פון באַרצעלאָנע). צווייטנס, זאָגט ער, אַז די קונץ פון האַנדל און אינדוסטריע קענען שוין די שפּאַניער אַזוי גוט ווי יידן.

פונדעסטוועגן איז פאַראַן אַן אינטערעס אין די העכערע קרייזן, און דאָס איז נישט צוליב ווירטשאַפט, נאָר דווקא גייסטיק.

דאָס שטאַמט נאָך פון דער פאַרמלחמהדיקער באַוועגונג פון אַ גרופּע קולטור-מענטשן, פּראָפעסאָרן און שריפטשטעלער, וועלכע האָלטן, אַז שפּאַניע מוז זיך אייראָפּעיזירן. ספּעציעל איז מען אויפמערקזאַם געוואָרן, וואָס די „שפּאַניאָלישע" יידן, וועלכע וווינען אין די באַלקאַנישע לענדער, און האָבן דאָך קאָנסערווירט צווישן זיך די אַלטע, פאַרגעסענע שפּאַנישע קולטור.

צו יענער צייט האָט דער שריפטשטעלער אַנכעל פּולידאָ אָנגעשריבן אַ בוך „שפּאַניער אָן אַ פאָטערלאַנד" וועגן אָט די יידן. אַן עקספּעדיציע איז אַרויסגעפאָרן צו זיי, נישט זיי „צוריקבעטן", נאָר ביי זיי צונויפזאַמלען דעם אייגנאַרטיקן שוין פאַרגעסענעם אַלט־שפּאַנישן פאָלקלאָר, וואָס איז ביי זיי, ביי די „שפּאַניער אָן אַ פאָטערלאַנד" אין משך פון דורות נאָך אַזוי פריש.

די עקספּעדיציע האָט צוריקגעבראַכט קיין שפּאַניע אַ גאַנצן אוצר רעדנסאַרטן און לידער. עטלעכע בענדער פון די געזאַמלטע לידער, אַלטע שוין פאַרגעסענע לידער, זענען דערשינען.

דער בילדונגס־מיניסטער פון דער נייער שפּאַנישער רעפּובליק, האָט אויף אַ באַנקעט ביי די יידן אין שפּאַניש־מאַראָקאָ געזאָגט:

„מיר האָבן אויפן געוויסן, וואָס מיר האָבן אייך אַרויסגעטריבן, אָבער מיר האָבן זיך דערפאַר אונזער אייגן פלייש געשניטן. אונזער ווונש איז צוריק צו זען די אייניקלעך פון די פאַרטריבענע און אַנטלאָפענע אין שפּאַניע."

■■■■

ביי די אנוסים אין פּאָרטוגאַל

אין דעם שטעטל בעלמאָנטע, פּאָרטוגאַל, לעבט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַ מערקווירדיקע יידישע געמיינדע, דאָס זענען די אָנוסים (אַזוי רופן זיי זיך טאַקע), די אור-אוראייניקלעך פון יענע מאַראַנען, וואָס זענען געצוווּנגען געווען לפּנים זיך צו שמדן בעת דער אינקוויזיציע, אָבער אין געהיים זענען זיי פאַרבליבן יידן.

דאָס אויסערלעכע לעבן, די סביבה פון די „ניי-קריסטן", ווי זיי האָבן זיך אָנגערופן, האָט ביסלעכווייז אָפּגעמעקט די יידישע

מנהגים און אייגנאַרטיקייטן פון דור צו דור, איז דאָס געהיימע יידיש־קייט געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, און מיט דער צייט איז עס אינגאַנצן אויס געוואָרן. די ווייטערדיקע דורות זענען שוין, צו־גלייך מיט די פּאָרטוגעזן, געוואָרן גוטע און פרומע קריסטן, גע־טרייע קאַטאָליקן.

עטלעכע מנהגים אָבער זענען געבליבן איינגעוואָרצלט, וואָס זיי אַליין, די אייניקלעך פון די נײַ־קריסטן, ווייסן נישט, פון וואַנען עס נעמט זיך. זיכער מיינען זיי, אַז דאָס איז אַן עכט־קאַטוילישער מנהג, אַ שטייגער — דאָס ליכט־צינדן פרייטיק־צונאַכטס בײַ פרויען.

דער דאָזיקער „מנהג" איז אין פּאָרטוגאַל זייער פאַרשפּרייט, און אויב מען זאָל מעסטן די הייזער, וואָס מען צינדט ליכט פריי־טיק־צונאַכטס, קאָן מען לייכט קומען צום אויספיר, אַז די מערסטע פון די פּאָרטוגעזן האָבן אין זיך... יידיש בלוט. ווען מען זאָל אָנ־ווענדן אין פּאָרטוגאַל דעם נאַציש ן „געדאַנק" וועגן „יידישע באָבעס", וואָלט עס שמאָל געהאַלטן...

עס איז קיין ספק נישט, אַז שוין לאַנג נאָך דעם געצוווּנגע־נעם שמד בעת דער אינקוויזיציע, האָבן זיך די פרויען נישט גע־וואָלט אָפּזאָגן פון דעם פייערלעכן מנהג צו בענטשן ליכט. דאָס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די טעכטער, און די טעכטער צו זייערע טעכטער אַזוי ביזן היינטיקן טאָג.

אָבער חוץ די, וואָס ווייסן שוין נישט, זינט דורות, זייער אָפּשטאַם, זענען נאָך געבליבן קליינע געמיינדעס, וואָס האַלטן זיך פאַר האַלבע אָדער פערטל יידן, הגם אויסערלעך מאַכן זיי מיט אַלע קריסטלעכע צערעמאָניעס. איי, וואָס זיי האָבן עפּעס באַזונ־דערע מנהגים, גייט עס קיינעם נישט אָן, — עלעהיי אַ פאַמיליע־טראַדיציע.

די דאָזיקע „פאַמיליע־טראַדיציע" האָבן די אָנוסים אויפגע־האַלטן און אָפּגעהיטן. קיינער האָט פון זיי נישט געוווּסט, ביז עס האָט זיי „אַנטדעקט" דער לאָדזשער אינזשיניער שוואַרץ, וואָס וווינט שוין באַלד צוויי צענדליק יאָר אין פּאָרטוגאַל. ער האָט מיט זיי עסקים אין בעלמאָנטע, און דערוויסנדיק זיך, אַז ער איז אַ ייד, האָט מען אים מגלה סוד געווען, אַז אויך זיי זענען געהיימע יידן

(עס איז ביי זיי געבליבן די איינבילדונג, אז יידישקייט מוז מען האלטן געהיים). ערשט נאך א גענויערע באקענונג וועגן יידן, האבן זיי זיך אלץ אפענער גענומען דערנענטערן צו די יידן, צו די ווינציקע אין צאל, וואס וווינען אין זייער געגנט.

די מנהגים און די „דינים" זענען דורך דער צייט פון „אונטערערדישער טעטיקייט" שטארק פארקריפלט און צעדרייט געווארן. אזוי, אז דער יום-טוב פסח (זיי האלטן אויך פון יום-כיפור) קומט אויס לויט זייער רעכענונג מיט עטלעכע וואכן שפעטער. (ביי די שומרונים אין ארץ-ישראל קומט אויך אויס פסח נישט אין דער זעלבער צייט, וואס ביי אונז). דער היינטיקער „פסח" ביי די אנוסים קומט אויס אין די ערשטע טעג פון מאי...

צום „סדר" זענען איינגעלאדן קיין בעלמאנטע א ריי פערזאנען, טאקע זייער „אנטדעקער" אינזשיניער שווארץ, און אויך דער שרייבער פון די שורות.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי איבערצוגעבן, לויט די שילדערונגען פון ה' שווארץ, די צערעמאניעס, וואס די אנוסים פראווען ביים סדר.

אלע אנוסים, פרויען, קינדער און געסט קומען זיך צונויף אויף איין ארט. אלע גייען אנגעטון אין ווייסן, און דאס זענען אויך אזעלכע „מלבושים" ווי די „וויקלשנורן", מיט וועלכע מען וויקלט זיך ארום פארן סדר. עס ווערן געבאקן די מצות און אין „איילעניש", אויף אנגעגליטע קאכלעס, אונטער דעם פלאם פון האלץ, און גלייכצייטיק ווערט דורכגעפירט א גרויסע צערעמאניע פון חלה-נעמען. די שטיקער טייג פון דער „חלה ווערט צוגעווארפן אויפן פייער און ביי יעדן ווארף מוז דאס האלץ א קנאק טון. אויב דאס האלץ קנאקט, איז עס א „גוטער סימן", און די שמחה איז גאר גרויס, דאן זינגט מען און מען טאנצט ביז צום מיד ווערן. אויב פארקערט, דאס האלץ קנאקט נישט (אין מערסטנטייל „קנאקט" עס יא, ווייל, ערשטנס, זוכט מען אויס אזא האלץ, וואס זאל קנאקן, צווייטנס, טוט מען עפעס ארײן אין טייג...), איז א שלעכטער סימן, דאן קאן עס אפילו אויסרופן א תענית אויך.

בעתן באקן מצות דאוונט מען אויך מעריב, און מען גרייט זיך צו דער יום-טובדיקער סעודה און צום פליישעסן, ווייל א

גאַנצן חודש פריער עסן זיי נישט קיין פלייש (דאָס איז שוין אַ קריסטלעכער מנהג).

חול-המועד פסח קומען זיך ווידער אַלע צונויף אויף אַ געמיינזאַמען „פיקניק” אין פרייען פעלד, דאָרט פירט מען דורך אַ באַזונדערע צערעמאָניע פון „שלאָגן ס׳וואַסער.

דער יום-טוב ענדיקט זיך מיט אַ באַזונדערער פייערלעכקייט.

דער דאָזיקער יום-טוב ווערט איינגעאָרדנט פאַר לערך פופציק משפחות, אַזוי איז די צאָל „אנוסים” אין דער געגנט פון בעלימאָנטע.

פּרעלודיע צו דער שטאָט פּאַריז

אין פּאַריז געפינט זיך אַ ביבליאָטעק, ווו עס איז צונויפגעזאַמלט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער דאָזיקער וועלט־שטאָט; אַלץ, וואָס איז געשריבן, געמאָלן, געזונגען געוואָרן וועגן פראַנקרייכס הויפּט־שטאָט און וועגן דער וועלטס ליבלינג — פּאַריז.

און נישט נאָר אין פראַנצויזיש, און נישט נאָר אין ביכער. אין אַלע שפּראַכן פון גאָר דער וועלט, אין פּרימיטיווע לשונות און אין ציוויליזירטע, אין אַלערליי פאָרמען, פון אַ צייטונגס־אַרטיקל ביז אַ טוריסטן־קאַטאַלאָג. לאַנגע שמאָלע זאַלן, פולע שענק און פּאָליצעס פאַרנעמען די באַשרייבונגען וועגן דער אַלט־אַלטער שטאָט „לוצעציאַ", וואָס איז דאָס היינטיקע פּאַריז.

צי איז דאָס געשריבן אין פאָרם פון אַ באַשרייבונג, צי אין פאָרם פון בעלעטריסטיק, צי זענען דאָס גאַנצע ראָמאַנען, דראַמען, צי אין פאָרם פון רעפּאָרטאַזשן, — אַלץ, אָדער כמעט אַלץ, איז געזאַמלט און אָפּגעהיטן, פּונקט אַזוי ווי עס ווערט אָפּגעהיט יעדער אַלטער אָרנאַמענט אויף אַ מוזיי־בנין אין דער דאָזיקער אַממערסטנס אין דער וועלט באַזונגענער שטאָט.

ווער און וואָס האָט שוין נישט געשריבן וועגן פּאַריז? וועלכער אַלטער מויער און יונגער בולוואַר געפינט זיך נישט אין מיליאָנען בלעטער? וואָסער געסל און וועלכער מוזיי איז נישט געמאָלן געוואָרן? וועלכער מנהג און אייגנאַרט איז נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן, און דער עיקר — וועלכער לעזער ווייסט נישט פון פּאַריז מיט אירע טויזנטער פאַרבן און ניואַנסן, מיט אירע מיליאָנען שטימונגען, מיט אירע ליכט־ און שאָטן־זייטן?

פּאַריז איז נאָך אַלץ דאָס האַרץ פון דער וועלט. דער פּולער פּוס פאַר הונגעריקע בעלי־תּאוות, דער איבערפלוס פאַר דער שוי־מענדיקער יוגנט, דער ווייסער חלום פאַר קינסטלער, דאָס פאַרבאָר־גענע לאָקעניש פאַר באַלעבאַטישע מיידלעך, דער רייץ פאַר מזרח־פּרינצן, דער עולם־הזה פאַר אַמעריקאַנער „אָלרייטניקעס", דער עיר־מקלט פאַר פּאָליטישע עמיגראַנטן, און — דער גרויסער, גרויסער מאַרק־פּלאַץ, וווּ עס ווערן געקויפט, פאַרקויפט, געדונגען און פאַר־דונגען אַרבעטס־הענט.

פּאַריז איז אומעטום פּאַריז. פאַרצן שטעט, וואָס נאָר אין גע־וויסע טיילן איז עס שטאָט; פּאַריז דערקענט מען אין יעדן ווינקע־לע, אין יעדן הינטער־געסעלע, אין יעדן פּאַסאַזש, אויף יעדן בול־וואַר אָדער פּלאַזע.

זי האָט איר סטיל און איר כאַראַקטער. איין גרויסע פידל, נאָר שפּילט אויף פאַרשיידענע סטרונעס און פאַרשיידענע טענער. יעדער באַצירק איז פון אַן אַנדער כאַראַקטער און יעדער קוואַרטאַל האָט אין זיך אַן אַנדער טאָן.

און ווי קאָן מען דען פאַרגלייכן איין שטאָט־טייל מיטן אַנ־דערן. יעדע גרויסשטאָט האָט איינגעשטעלט אַ מחיצה צווישן רייכע און אָרעמע געגנטן, צווישן פּאַלאַץ־גאַסן, און געסלעך פון גרעסטער נויט־ענגשאַפט. אינערגעץ אַנדערש קומט נישט אויס איינס קעגנאיבער דעם אַנדערן. די רייכקייט איז געוויינלעך אַרויסגערוקט פון שטאָט־ענגשאַפט, אין ברייטע, גרויסע אַלייען. דאָ, אין פּאַריז, קאָן מען די רייכקייט טרעפן נאָענט קעגנאיבער דער אָרעמקייט, ווי צונויפגע־דריקט, צונויפגעבונדן — גוטברודערשאַפט.

ווי ווייט זענען דאָס די גרויסע בולוואַרן, די גראַנד־בולוואַרן, פון דער געגנט פון בעלוויל? עטלעכע מינוט גאַנג, און אַזאַ גרויסער קאָנטראַסט!

מען זאָגט: ניו־יאָרק איז נישט אַמעריקע.

אָבער אויף פּאַריז קאָן מען דאָס נישט זאָגן, אַז זי איז נישט פראַנקרייך. כאָטש פּאַריז איז שוין לאַנג די מעטראָפּאָליע פון דער וועלט, האָבן די פראַנצויזן מיט אַ זעלטענער עקשנות אָפּגעהיט און היטן ווייטער אָפּ די אייגנאַרטיקייט, די אייגנטימלעכקייט און דעם כאַראַקטער פון זייער הויפּט־שטאָט, פון זייער שפּיגל־קאַפּיטאַל, און לאָזן נישט פאַרווישן קיין שפּור זינט יענע צייטן, ווען די רוימער

האָבן אויסגעקליבן דאָס זאַפטיקע שטיקל ערד, אין דער אַרומגאַרט-לונג פון דער סען, און געגרינדעט די גרויסע רעזידענץ.

אַ מאָדנע גרויקייט איז אין פּאַריז. אַ מין יחסנישע גרויקייט קוקט אַראָפּ פון די אַלטע ווענט. עס איז נישט די גרויקייט פון לאָנדאָן, וואָס זעט אויס ווי אָנגעטרונקענע וואָלקנס מיט וואַסער און שימל...

אַ ספּעציעל מיניסטעריום גיט אַכטונג אויף אָט דער גרויקייט, — דאָס מיניסטעריום פאַר שיינער קונסט. דער בילדונגס-מיניסטער האָט אומבאַגרענעצטע רעכט. ער קאָן אָנערקענען אַ הויז, וואָס האַלט ביים איינפאַלן, אַז עס האָט מאָנומענטאַליש-היסטאָרישע קינסטלערישקייט אין זיך, און פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט וועט מען עס נישט איינוואַרפן אָדער אָפּרוימען. מעגן אַרום דעם הויז אויפוואַקסן גרויסע, מאָדערנע נייע הייזער און גאַסן. דאָס הויז וועט שטיין ווי אַ זכר, מען וועט עס פּלעגן און אָפּהיטן, אונטערשפּאַרן און דער-האַלטן, ווי מען דערהאַלט אַן אַלטע, טייערע באָבע אין דער משפּחה.

אין לאָנדאָן איז אַלטקייט אַ קולט, אַ טראַדיציע, אַ מאַניר און אַ מאָדע. אין פּאַריז איז אַלטקייט ממש אַן אָפּגאָט. דער ענג-לענדער וווינט אין נייע, אין פיין איינגעריכטעטע וווינונגען, וואָס זענען אַלט סטיליזירט. דאָרט פאַרבט ער זיינע דעכער מיט שימל-פאַרב, אָבער אין פּאַריז לעבט מען אין אַלטקייט, מען אָטעמט מיט זיקנה.

און דאָך... איז פּאַריז יונג, פריי און לופטיק. די פּאַריזער גאַס שפּילט מיט איר חן און בויגעוודיקייט. די טראָטואַרן פון די פּאַריזער גאַסן און בולוואַרן זינגען פון זיך אַרויס אַ געזאַנג, וואָס קיין שום אַנדערע שטאָט האָט עס נישט. די גאַס איז היים־היימיש. די גאַס איז דער חבר. די גאַס איז דער קלוב. די גאַס איז טאַנץ און אינהאַלט.

דער פּאַריזער האָט ליב די גאַס, פּונקט ווי דער ענגלענדער — זיין היים. דער פּאַריזער האָט ליב זיין גאַס, דאָ וווּ ער וווינט און איז צוגעוווינט. דאָ וווּ ער לעבט און איז איינגעלעבט. דערפאַר ווערט אין פּאַריז נישט געביטן דעם כאַראַקטער פון די גאַסן, ווי ערגעץ אַנדערש, ווי אין אַמעריקע. די איינוווינער אַנטלויפן נישט, ווען זיי ווערן רייך, אַרויפגעאַרבעט. דאָ גייט נישט די סדרה פון „איבערוואַנדערונג". מענטשן וווינען אין איין און דערזעלביקער גאַס

פון דורות-לאַנג. ער קען זיינע שכנים און דער עיקר — ער קען זיין קאַפע. עס איז די זעלביקע קאַפע, וואָס זיין טאַטע, זיין זיידע איז אַהין אַריינגעקומען.

יאָ, די קאַפע, דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס אין פראַנקרייך בכלל און אין פאַריז בפרט. אין גאַנץ פראַנקרייך איז דאָ אַ קנאַפּער האַלבער מיליאָן קאַפע-הייזער. ס'האָט איינער געזאָגט, דאָס זענען די פאַבריקן פון ליידיק-גייעריי. ניין, די קאַפעען זענען נאָך ערגער, די קאַפע ציט אַרויס פון פראַנצויזישן בירגער ניינציק פראָצענט פון זיין פרייער צייט און אַ היבשן פראָצענט פון זיינע פאַרדינסטן.

די קאַפע איז ווי אַ דאַמבע פאַר אַ לויפנדיק וואַסער, די קאַפע צוימט און פאַרהאַלט דעם שטראָם צו פראָגרעס און ווילזיין, דאָס איז קיין ספק נישט. די קאַפע פאַרטרעט די וווינונג, די באַקוועמלעכקייט, דעם לייען-זאַל און דאָס טעאַטער. די קאַפע איז אַ נויטווענדיקער לוקסוס, וואָס יעדער בירגער, יעדער איינוווינער צאָלט דערפאַר זייער טייער. ער באַצאָלט מיט צ י י ט און געלט, נאָר ער באַצאָלט עס גערן.

די קאַפע איז אַ וויכטיקער פּאָליטישער כּוח. די קאַפע-אייגנטימער האַלטן אין זייערע הענט די פּאָליטישע „מאַשין". די מענטשן פון דער „מאַשין" זענען אַריינקומער פון דער קאַפע. אין דער קאַפע ווערט אַלץ אויסגעפּלאַנט און אונטערגענומען אונטער דעם אויג און אויער פון באַלעבאָס.

אויפן מאָנפּאַרנאַס איז פאַראַן אַ קליינע קאַפע, אַ פּשוטע קאַפע. אָבער דאָרט איז אַ צייט לאַנג געווען דער צונויפקום פון דער איצטיקער שפּאַנישער רעפּובליקאַנישער רעגירונג. דאָ, ביי די טישלעך פון קאַפע-הויז, אייגנטלעך פון קאַפע-דרויסן, וואָרום נישט אינעווייניק, אונטערן דאַך און צווישן ווענט איז די אייגנטלעכע קאַפע, נאָר ביים טיש אונטערן פרייען הימל, אויפן טראָטואַר צווישן ריטמישן שאַרן פון די דורכגייערס טריט,—דאָרט איז דער מהות פון דער קאַפע. איז דאָרט, ביי יענע דרויסנדיקע טישלעך, ביי אַ שוואַרצער קאַווע, אָדער גלאָז ביר, צוגעגרייט געוואָרן די גרויסע רעפּובליקאַנישע איבערקערעניש אין שפּאַניע. דאָרט, אין די אויגן פון „גאַרסאָן", דעם שווייגנדיקן, געהאָרכזאַמען קעלנער איז אַראָ געריסן געוואָרן די קרוין פון דער שפּאַנישער מאָנאַרכיע.

יעדער גרויסער אָדער קלײנער אויפטו װערט בײם קאַפע-טישל באַשלאָסן.

אין דער קאַפע-באַזיצער פילט עס און װײסט עס. ער איז דער יחסן פון פראַנקרײך. דער פּראָגרעסיװער מענטש האָט נישט אײן מאָל אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט אים, אַממײנסטן אויף דער פּראָװינץ, אָבער ער לאַכט זיך אויס, דער קאַפע-אײגנטימער, ער איז דער אײנ-געװאָרצלטער כוח, ער האַלט דאָס פאָלק בײם האַלז.

צו װאָס קעמפן מיטן קאַפע-אײגנטימער, אַז אײגנטלעך דאַרף מען קעמפן נישט אַזױ מיט אים, װי מיט דעם, װאָס אַרום דער קאַפע איז קאָנצענטרירט — די אונטערװעלט. ס׳איז ענג געבונדן און צונױפגעשלאָסן. ערלעכע נאַיװע מענטשן האָבן געװאָלט דאָס אויס-ראָטן, נאָר דאָס אויסראָטן הײסט אַפּערנעמען אַ פונדאַמענט פון אונטער אַן אַלטן, אָבער פעסטן בנין.

דער פראַנצויז האָט נישט קײן אָדערונג פאַר אַ מענטשלעכער װױנונג. אײנס אָדער צװײ חדרימלעך און דאָס איז גענוג. די קאַפע האָט געשאַפן אַ געװױנהײט, װאָס איז געװאָרן אַ צװײטע נאַטור: נישט אויפצונעמען קײן מענטשן בײ זיך אין דער הײם. עס גײען דורך יאָרן און יאָרן, און קײן פרעמדער הויך אָטעמט נישט אַרײן אין אַ פראַנצויזישער שטוב. דער פראַנצויז איז גראָד גאַסטפרײנדלעך און באַרעדעװדיק, נאָר קײן שכן, קײן באַקאַנטן, קײן װײטן און קײן נאָענטן װעט ער נישט אײנלאַדן צו זיך אין הויז אַרײן. נישט איך צו אים, און נישט ער צו מיר.

מען פאַרבעט געסט און מען נעמט זײ אויף אין... נאָענטסטן קאַפע-הויז, — דאָס קאַפע-הויז, װאָס דינט דעם פראַנצויז פאַר זײן פ ע ר ז ע נ ל ע כ ן אויפנעם-זאַל פאַר ז ײ נ ע געסט. אין קאַפע עסט מען מיטאָג צוזאַמען, מען טרונקט װײן צוזאַמען, מען באַגעגנט זיך און מען צעגײט זיך. מען פאַרבעט צוריק אין געסט בײ יענעם, בײם פרײנט און — מען טרעפט זיך אין אַן אַנדער קאַפע-הויז.

אַזױ פאַרבעט מען גאַנצע משפחות.

זיצונגען, פאַרזאַמלונגען און געזעלשאַפטלעכע באַראַטונגען — אין קאַפע-הויז.

אַפילו אונטערנעמונגען אויך אין דער קאַפע.

פאַרשטײט זיך, אַז דאָס שאַפט אָפּ די נויטװענדיקײט פאַר באַקװעמע, פאַר עסטעטישע באַדינגונגען צו פירן אַ הויז-לעבן. עס

איז גענוג, אַז די קאָפּע איז געפּוצט און געצירט, און ביי אים אין שטוב זאָל קיין ביסל לופט נישט אַריינשטראָמען, קיין שנירל זון זיך נישט אַריינרייסן און שטויב מיט מאָך זאָלן זיך שיטן פון די אַלע ווענט.

■■■■

צוויי מאָנמאַרטס

מאָנמאַרט ווערט צעשניטן פון די „גרויסע בולוואַרן", וועלכע טיילן איין די געגנט אין צוויי טיילן — אין צוויי מאָנמאַרטס.

דער ערשטער מאָנמאַרט איז העל באַלויכטן, רייצט מיט פאַנ־טאַסטישע שילדן, קלינגט אַרויס פון די קאַפעען מיט מוזיק־אָרקעסטערס, ווערט פאַרהילכט מיט שיכורע זידלערייען און פאַרפלייצט פון עלע־גאַנטע הערן און דאַמען, ווערט פאַרשריגן פון די טרובן פון לוקסוס־דיקע אויטאָמאָבילן. — — —

און דער צווייטער מאָנמאַרט? דאָרט וווינט די אָרעמקייט, דאָרט רוישן די ניי־מאַשינען פון גאַנץ־פרי ביז שפּעט ביינאַכט, ביז דאַמאָלס, ווען „איבער דעם בולוואַר" ווערט אויפגעלויכטן, אויפגעהעלט, און דאָס נאַכט־לעבן שטעלט זיך איין; דאַמאָלס גייט דער אַנדערער, דער טונקעלער מאָנמאַרט שלאָפן.

אין יענעם מאָנמאַרט וווינט דאָס פּרום־יידישקייט, עס וווינען די קליינע באַלעבאַטעמלעך, די, וואָס ווערן אויסגענוצט און נוצן אויס. דאָס קליינע וואַרשטאַטל, די בייטעלעך־מאַכער, די שניידערלעך, די רעגן־מאַנטלען־קלעפּער.

דאָרט וווינט די אָרעמקייט, די עלנט, די אַרבעט.

דאָרטן וווינען די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, די פרעמדע, די „אימיגראַציע", דאָרט ווערן געזונגען און פאַרשלונגען אין רויש פון מאַשין דאָס נייע ליד, דאָס אַרבעטס־ליד:

דאָרט ווערן פאַרזיפּצט אין דעם גערויש פון די מאַשינען דער קרעכץ פון דעם אַרבעטער־מיידל, וואָס אַרבעט און קאָן נישט אַרויס־פאָרן אויף צוויי וואָכן זומער־אָפּרו. דאָרט, אויף דעם אַנדערן מאָנ־מאַרט, ציטערט דער, וואָס זיצט „אומלעגאַל" ביי דער מאַשין, דער, וואָס האָט נישט קיין „רעכט" צו אַרבעטן אין פראַנקרייך, און איז בכלל נישט קיין „געוווינטשענער" אויסלענדער.

געוווּנטשענע אויסלענדער זענען די, וואָס האָבן טויזנטער, טויזנטער פראַנקרייכס טעכטער געצויגן אין די גאַסן, אויף די ראָגן, בײַ די טישלעך פֿון די קאַפעען, אין די געסלעך פֿון אַרום בלאָנדעל.

אָפט טרעפט מען גאַנץ־פּרי אַן עלעגאַנטן קאַוואַלער, וויגנדיק זיך פֿון זיסן מיש־מאַש אין קאָפּ, שיכּור זינגט ער זיך אַ לידל און גייט אַהיים, אין רייכן האָטעל און אים אַנטקעגן קומט אַן אַרבעטער, מיד פֿון אַ מיטינג אין יענער נאַכט, נישט אויסגעשלאָפן גייט ער צו דער אַרבעט, און ביידע באַגעגענען זיך אויף מאָנמאַרט.

■■■■

מ ו ז י י

די שטאָט פּאַריז איז איין גרויסער, ריזיקער מוזיי. מען שפּאַצירט איבער גאַסן, וואָס זענען נישט סתּם גאַסן, גאַסן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פֿאַר פֿאַרבייגייער אָדער דורכפֿאָרער. די גאַסן זענען אומבאַקוועם, שמאָל, ענג. טראַכסט, וואָס אַ שטייגער וואָלט געאַרט דער שטאָט, אַז די געסלעך, די אויסגעקרומטע, איינגעהויקערטע וואָלטן אַראָפּגעריסן געוואָרן, אָט אַ שטייגער ווי די גאַס דאָ אין שכינות. דו טראַכסט טאַקע, פֿאַרוואָס האָט מען אָט דאָ, דערנעבן יאָ אַרונטערגעריסן די גאַס, און אויף דעם אָרט האָט זיך פֿאָרמירט אַ ברייטער, ליכטיקער בולוואַר מיט ווייסע, ניי־מאָדערנע, אַמעריקאַניש־אויסגעבויטע הייזער, און פֿאַרוואָס איז דאָס געסל פֿאַרבליבן אין זיין אַלטער, מוזייִשער גרויקייט. די גאַסן, די הייזער זענען ווי אינוואַלידן, אונטערגעשפּאַרט מיט סלופּעס און אַלערליי באַוואָרענישן, און מ׳איז קיינמאָל נישט זיכער, אַז אַ שטיק טינק, אַ געזימס, אַ „פֿיגור" וועט זיך נישט ענדלעך אָפּרייסן פֿון דער מויער און אַראָפּפֿאַלן..

דאַרף מען אָבער וויסן, אַז דאָס איז נישט קיין גאַס, געסל, נישט קיין מויער, קיין הויז, דאָס איז... אַ מוזיי.

מוזיי־גאַסן, מוזיי־הייזער, אַ מוזיי־שטאָט.

דערפֿאַר זעט מען אין פּאַריז אַ סך „פּאָרטן" — די טויערן, וואָס האָבן אַמאָל אַרומגערינגלט די שטאָט און זענען איצט אין סאַמע קאָך פֿון די באַלעבאַטסטע גאַסן; טויערן צו דער שטאָט, געבויט אין

מיטל-אַלטער, שט רן איצט ׳רויס אויף די גרויסע בולוואַרן און שטערן זיכער דעם געדיכטן גאַסן-פּאַרקער.

חוץ דעם, וואָס די שטאָט אַליין איז מוזיי, האָט זי אין זיך די גרעסטע צאָל פּאַקטישע מוזייען פון דער וועלט. אָנהויבנדיק פון „לוווער" און ענדיקנדיק מיט אַ קליין קלויסטערל ערגעץ אין אַ זייטיקער געגנט.

פראַנקרייכס געשיכטע איז קאָנסערווירט געוואָרן. איר העלדישקייט און איר דעגענעראַציע. איר העראָ?שער קאַמף אין דער רעוואָלוציע, די קאָמונאַרן-וואַנט און דאָס ווילדע אויסגעלאַסנקייט פון ווערסייל.

טוט מען אַ קוק אויף דער געביידע פון דעם וועלט-באַוווסטן און וועלט-באַרימטן טעאַטער „קאָמעדיע-פראַנסייס", נעמט ממש אָרום אַ פּחד. די דרויסנדיקע באַלקאָנען, קאָרידאָרן, די ענגע שמאָלע צוגענג. גרין-חושך די ווענט, פינצטער די פּאָיעס און אינעווייניק אומהיימלעך. שימל און גאָלד. מיטלאַלטער און קונסט. ערגעץ אַנדערש וואָלטן אפשר פון אַזאַ בנין געבליבן הוילע סלופּעס ווי די אַמפיטעאַטערן אין רוים, אָדער די זיילן אין פּאָמפּיי. דאָ, אין פּאַריז, ווו אַלטקייט הייסט לעבעדיקער אָטעם, איז נאָך דאָס קאָמעדיע-טעאַטער אַ לעבעדיקע אינסטיטוציע. דער פראַנצויז פילט דאָרט די באַהויכונג פון ראַשעל און סאַראַ בערנאַרד, און דאָס איז אים טאָפּלט טייער און טאָפּלט ליב.

לענגאויס דער סען, אויף ביידע ברעגן, נישט ווייט פון דעם שאַטלעי-טעאַטער און סאַראַ בערנאַרד-טעאַטער, געפינען זיך שטענדערלעך פון אַלטע ביכער. די שטענדערלעך זענען אין דער פאָרם פון פלאַ־שיקע קעסטעלעך. זיי ליגן צוגעשלאָסן צו דער שטיינערנער פלאַך פון דער טייך-באַריער. דאָרט קריגט מען אַלטע ביכער. אַנטיקביכער, לאַנגע שורות אַזוי. נאָר נישט דאָס איז וויכטיק. די דאָזיקע רייען „פּאַרקויף-שטעלן", אין אַ זייער פרימיטיוון אופן, זענען אַליין אַ שטיק מוזיי. די דאָזיקע „קיאָסקן" אין דער פאָרם פון היימישע קעסטלעך זענען שוין אַלט הונדערטער יאָרן. דאָס גייט אַזוי איבער בירושה פון זיידן צום טאַטן, פון טאַטן צום זון און פון זון צום אייניקל. אין פּאַריז קלערט מען גאָרנישט צו מאָדערניזירן דעם פּאַרקויף פון אַלטע ביכער און רעפּראָדוקציעס פון אַלטע בילדער. דאָ, צו די שטענדערס, פלעגן קומען די גרעסטע גייסטער פון פראַנקרייך,

און ווילאַנג איז עס, אַז וויקטאָר הוגאָ פלעגט דאָ שטיין און דורכ־קוקן אַביסל „שמות״? פאַרוואַלגערטע אוצרות, וואָס פאַרקויפן זיך פאַר סאַנטימס. און אָט דערציילט מיר איינער, אַז, ווילאַנג איז עס, ווי עמיל זאָלאַ פלעגט יעדן דאָנערשטיק זיך דאָ באַווייזן און מאַכן אַ באַזוך פון איין שטענדער־קעסטעלע צום צווייטן, דאָ אַ קוק טון, דאָרט אַ זוך טון און טאַקע גאַנץ אָפט געגעבן צו לייזן אויך.

און ערשט נעכטן, ווי אַנאַטאָל פראַנס איז דאָ גאָר געווען אַן אייגענער מענטש, זיין פאָטער האָט אַליין געהאַט אַזאַ „שטענדער״. ער האָט געשאַרפט זיין מוח אָט דאָ נעבן דער „סיטע״, דער עלטסטער און באַלעבטסטער שטאָט־טייל פון פאַריז, ביים רעכטן און לינקן ברעג פון דער סען! און היינטיקע באַרימטקייטן קומען אויך אַהער, נישטערן און זוכן אין דעם אַלטוואַרג. ווי זאָל אַ פראַנצויז נישט איינאָטעמען אין זיך אַביסל שטויב פון דער היסטאָריע?

און אַנטקעגן רעדן מויערן, טויערן, שטיין־קריצונגען, אָרנאַמענטן אויף אַ שפּראַך פון הונדערטער יאָרן. די ציפערן אַכטהונדערט, צוועלפהונדערט, דרייצנהונדערט, זעכצנהונדערט!.... ווי נאָענט עס וואַקסן דאָ אויס היסטאָרישע אַקטן, געשיכטלעכע געשעענישן!

נישט ווייט פון דער נאָטרדאַם געפינט זיך אַ קלויסטער, אַן אָרעמער קלויסטער, אַ גריכיש־קאַטוילישער, איז ער אַלט סך־הכל אַ קליינינקייט: זעכצן הונדערט יאָר. אינעווייניק: אָפּגעשיילטע ווענט, אָרעם, נעבעכדיק, עס זעט אויס ווי אַ פּאָליש אין אַ יידישער שול. דער משמש—אַ מין אויסגעקרימטער, און עס דוכט זיך, אַז מיט דער לעבעדיקער, דרויסנדיקער וועלט, וואָס שלאָגט גראָד דאָ פאַר דער שוועל מיט אימפעט און גרויסשטאָט, האָט דער דאָזיקער שמש, און אויך דער גלח, קיין מגע ומשא נישט. ער לעבט דאָ מיט יענעם ריח, פון דעם, וואָס האָט די קירך געבויט צו להכעיס דער רוימיש־קאַטוילישער אויפקומענדיקער גרויסמאַכט. די, וואָס האָט דעם נאָטרדאַם געבויט און מיט די גאָטישע שפּיצן, מיט די פיגור־גראַווירונגען אויף די טויערן, מיט די ווינקל־זיילן און פליגל־ווענט אַ טייטל געטון אין דער הויך און אין דער ברייט פון דער וועלט.

און אָט איז דער נאָטרדאַם — אַ מוזיי. וויפל מי, קונסט, אַרכיטעקטור און פלייס עס איז אין די דיקע ווענט איינגעקריצט. וויפל שפּיל פון פאַנטאַזיע עס צינדן זיך פון די קיילעכדיקע שויבן. אַ סימפאָניע פון קאָלירן, קאָלירן שאַרפע, איינקריצנדיקע, וואָס לייכטן אויף

און צעברעגען זיך אין באַריר מיט דער זון, און צעוויקלען זיך ווי מיט הונדערטער קנוילן פאַרשיידנפאַרביקע פעדים.

דער נאָטרדאַם איז זיכער אַ מוזיי, אַ דענקמאָל פאַר דער רוימיש-קאַטוילישער ממשלה. דער נאָטרדאַם איז געווען אַ פעסטונג און האָט אין זיינע ווענט אַ סך איבערגענג געזען. ערגעץ אין אַ זייטיק צימער, ווייזט מען די אוצרות פון דער דאָזיקער ממשלה, אָט אַזוי ווי אין „צירונג-הויז" פון „לאָנדאָנער טויער". נאָר דאָ געשעט אַ נס: ווען דער פירער לעשט אויס דאָס שוואַכע לעמפל און דאָס לאָדנדל איבער דעם קליינעם פעסטונג-לאָך-פענסטערל ווערט פאַרמאַכט, העלט אויף אַ פאַרבלענדנדיקע ליכטיקייט, דעמאָלט, ווען ער עפנט אויף דאָס טירל פון דעם שענקל, ווו די איידלשטיינער געפינען זיך, דאָס צימערל ווערט אָנגעגאָסן מיט אַ צעשטראַלטער ליכטיקייט פון די בריליאַנטן-פייערן...

און די ווענט פון דער נאָטרדאַם דערציילן נאָך עפעס: געווען צייטן דאָ, ווען אויף דעם לאַנגן, לאַנגן אַלטאַר, ווו עס ווערן איצט אָפגעריכט תפילות, וואָס האָבן אַן אַנטיקוואַרישן כאַראַקטער און ציען צו די אויסלענדישע טוריסטן, האָבן אַמאָל האַלב נאַקעטע מיידלעך געטאַנצט, געטאַנצט פאַר דעם לוסטיקן אויג פון די זיגער אין דער רעוואָלוציע, פאַר דעם המון, פאַר די זעלנער. די מיידלעך פון די קאַבאַרעטן האָט מען דאָ אַהערגעבראַכט, זיי האָבן אויף זייער אופן זייער פליכט געטאָן פאַר דעם באַנייטן פאָטערלאַנד, פאַר דעם באַפרייטן פראַנקרייך.

אַלץ איז קאָנסערווירט. דוכט זיך, אַז אויך דער קרעכץ פון די מלכימס הערצער, בעת די האַק האָט זיך איבער זייערע קעפ אַראָפּגעלאָזט. דוכט זיך, אַז דער סקריפּ פון דער גילאָטינע איז אויך ערגעץ דאָ באַהאַלטן, נאָר נישט עפעס אַזוינס, וואָס זאָל דערמאָנען יענע קורצע עפּאָכע, ווען שאַנסאָנעטקעס האָבן האַלב אָדער אינגאַנצן נאַקעט אָט דאָ, צווישן די רוימיש-הויכע, קיילעכדיקע שטיין-זיילן אין נאָטרדאַם געטאַנצט.

די אָפּגעטיילטע פון דער מלוכה, די קאַטוילישע מאַכט, האָט דעם „שענדלעכן" זכר אויף אייביק פאַרריבן.

לענגאויס דער סען, ביים ברעג, אָפּגעטיילט פון טייך דורך

אַ שמאָלן פּאַס ערד, געפינט זיך די „קאָנטשערי״, דאָס גוואַרדיע־הויז פון די געוועזענע קעניגן, די שפּעטערדיקע טורמע פון דיזעלביקע קעניגן און זייערע הערן.

און דער היינטיקער מוזיי פון די עקזעקוטירטע הערשער.

אַמאָל איז דאָ געוואוינט די לייב־וואַך מיט די אָפיצירן פון דעם קעניגלעכן מיליטער, די קיכן פאַר די קעניגלעכע פּרעסערס. אַלץ איז געבליבן פאַר דעם שול־קינד, צו ווייזן אים די גרויזאַמקייטן פון יענער צייט.

דאָ, אין דעם גוואַרדיע־הויז, אין די ברייטע, געוועלבטע, דיק־ווענטיקע קעלערן, אונטערגעשפּאַרט די סופיטן מיט אָן אַ שיעור שטיין־זיילן, איז פאָרגעקומען דאָס געריכט איבער די שונאים פון פאָלק — די געקרוינטע הערשער און זייערע יועצים — די אַריס־טאָקראַטן.

גייט מען איבער די צימערלעך, דערציילט, — נישט דער „פּי־רער״, — נאָר יעדע וואַנט, יעדע שוועל, איבער וועלכער דו טרעטסט אַריבער, אַן אַנדער בלוטיק קאַפּיטל.

אָט איז דער צימער, דער „בודואַר״, וווּ עס האָט זיך אויפ־געהאַלטן אין די לעצטע טעג פאַר איר עקזעקוציע די קעניגין אַנטוי־אַנעט. וויפל עקשנות, שטאָלץ און ציניזם די דאָזיקע פרוי האָט אין זיך געהאַט! וויפל שנאה, חוזק און גרינגשעצונג זי האָט געהאַט צו די פירער פון דער רעוואָלוציע! וויפל באַטריגערישקייט, כיטרעקייט, מוט און פּחד זי האָט אַרויסגעוויזן די לעצטע שעהן! קיין שום גע־שיכטע־בוך קאָן עס נישט איבערגעבן, ווי עס געבן איבער אָט די ווענט פון איר לעצטן צימער.

עס דוכט זיך, אַז די ווענט געבן נאָך אַלץ אַרויס דעם הויך פון איר אָטעם, און פון דעם קלוגן איינפאַל פון אירע ריכטער צו יענער צייט. שמייכלען נאָך אַלע די, וואָס באַזוכן אָט דעם קעלער, און דער שמייכל וועט נאָך אַרויסגערופן ווערן אַזוי לאַנג, ווי דאָס דאָזיקע הויז וועט זיין אַ מוזיי.

מאַריאַ אַנטואַנעט, די קעניגין־ארורה, האָט זיך נישט געוואָלט נויגן פאַר אירע ריכטער, פאַר דעם טריבונאַל פון דער רעוואָלוציע, פאַר די שופטים פון פאָלק.

און די פאָלקס־ריכטער איז עס געגאַנגען אין לעבן, אַז זי, די

שטאָלצע, די ווירדיקע קעניגין, זאָל זיך פאַר זיי נויגן. אַנטואַנעט איז גרייט געווען אונטער דער האַק צו גיין, נאָר נישט גרייט געווען זיך צו נויגן. האָט מען אַ טיר געבויט, און די טיר פאַרמויערט. בלויז אַ קליינע עפענונג געלאָזט. יעדער, וואָס קומט פון דאָרט אַרויס, מוז זיין קאָפּ אַראָפּבויגן. אַנטואַנעט איז פון איר צעל אַרויסגעקומען און, נישט ווילנדיק, פאַר די ריכטער דעם קאָפּ געבויגן.

איר שטול, איר טואַלעט, דעם צלם, וועלכן זי האָט געקושט, בעת זי איז צום טויט געגאַנגען. דעם בריוו, וואָס זי האָט געשריבן אין לעצטן פאַרטאָג, און די האַק — וואָס איז איבער איר האַלז געפאַלן און אָפּגעטיילט איר שטאָלצן קאָפּ פון דעם שלאַנקן גוף, — דאָס אַלץ הענגט פאַר דעם באַזוכערס אויג. דאָס אַלץ, דוכט זיך, איז נישט קיין מוזיי. דאָס אַלץ איז לעבעדיק. דאָס איז נישט בלויז סברה־געשיכטע, דאָס איז קאַמף. דאָ האָט געבלאָזן פייער. דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט גורל.

פונקט אַזוי פיל אָטעם הויכן אַרויס פון זיך די ווענט פון צימערל, ווו ראָבעספּיער איז אין די לעצטע עטלעכע שעה פאַר זיין טויט געזעסן.

פאַר דעם פראַנצויז איז אפשר געשיכטע נישט קיין פאַרגאַנגענהייט, נאָר אַ המשך, אַ פאָרטזעצונג פון זיין טעגלעכן טאָג. דאָס רעשנדיקע פּאַריז איז דאָך פאַר דעם אויסלענדער. דער אייפל־טורעם, די מעכטיקע ראַדיאָ־סטאַציע, דער עלעקטרישער רעקלאַמע־טאַנץ, וואָס כאַפּט זיך אויף די אַ־זערנע שטאַנגען אין פייערדיקע בוכשטאַבן נאַכט ביי נאַכט אַזוי, איז עס דען פאַר אים?

פאַר אים איז מוזיי זיין וועלט. ער דאַרף נישט גיין אין לוווּר און נישט אין לוקסענבורג. נישט אין די סעזאָן־פּאַלאַצן פון די עליזייפעלדער און אפילו נישט אין ווערסייל.

ער האָט מוזיי ביי זיך, אין דער אייגענער גאַס — אין לעבן.

דער 14-טער יולי

דער טאָג פון 14־טן יולי איז נישט נאָר אַ נאַציאָנאַלע פייע-רונג-דאַטע פאַרן פראַנצויזישן פאָלק, נאָר אַ ליכטיקע דאַטע פאַר דער מענטשהייט. אין יענעם טאָג, אין יאָר 1789, ווען די באַסטיליע איז געפאַלן, איז אויפגעגאַנגען די האָפענונג ביי אַלע אונטערדריקטע פעלקער — פאַר זייער אייגענער באַפרייונג.

נאָך זינט די 145 יאָר, וואָס דער 14-טער יולי ווער געפיי-ערט אין פראַנקרייך אַלס אַ טאַנץ-יום-טוב, האָט נאָך די דאַטע נישט געהאַט אַזאַ וויכטיקן ערנסטן און פייערלעכן אויסזען, ווי היינט, אין 1935.

די טעג פאַר דעם 14-טן יולי זענען מאָביליזאַציע-טעג, אַ קאַמף דעם שונא פון פרייהייט! אַ קאַמף קעגן די, וואָס ווילן אויפסניי אויפשטעלן די צעשמעטערטע באַסטיליע. אויף אונזער היינטיקן לשון הייסט עס: אַ קאַמף קעגן פאַשיזם, — די שונאים פון פאָלק!

דער פאָלקס-פראָנט איז געשאַפן. די געפאַר דראָט אַלעמען. דער ביישפיל איז: איטאַליע און דייטשלאַנד. די אַלטע לאָזונג פון די קאָמונאַרן — „פרייהייט אָדער טויט״ — איז נישט קיין פראַזע. דאָס פראַנצויזישע פאָלק, די אַרבעטנדיקע מאַסן, ווערן נישט נאָכטון דעם ביישפיל פון דייטשלאַנד — איבערגעבן זיך אין די הענט פון תליון. בלעטלעך פון דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע מישן זיך אויף.

פאַריז האָט זיך געגרייט צו די יום-טובים פון 14-טן יולי, ווי יעדעס מאָל. מען האָט געפוצט די בולוואַרן, מען האָט גרעסער גע-מאַכט די קאַפייען. מען האָט אָנגעצויגן קאָלירטע לעמפלעך אויף די דראָטן, מען האָט אויפגעשטעלט אימפּראָוויזירטע בינעס. די בינעס זענען באַזעצט געוואָרן מיט מוזיקאַנטן, אַלץ איז גרייט צום טאַנץ, צו דער פאַרוויילונג — נאָר...

נאָר דער עולם איז נישטאָ. די קעלנער האָבן נישט, וואָס צו טון. די טישלעך שטייען ליידיק, און די קאַפעליע שפּילט פאַר עט-לעכע נייגעריקע, וואָס האָבן זיך אין מיטן גיין אָפּגעשטעלט זיך אָפּרוען.

ווו איז דער פאַריזער עולם, דער תמיד-לייכטער און שמייכל-

דיקער, דער אונטערזיינגענדיקער און אייביק-גרייטער צום טאַנץ, ווי נאָר מען שפּילט?

דער עולם איז פאַרנומען. דער עולם גרייט זיך צום אמתן 14־טן יולי. זיין פרייהייט איז ווידער באַדראָט, ווי צוריק מיט קנאַפּע הונדערט און פופציק יאָר. אים ליגט נישט אין זין דער לייכטער אויבנאויפיקער שפּיל און פאַרווײלן זיך. ער מוז מאָרגן גיין צו דער באַסטיליע! —

און צומאָרגנס, דעם 14-טן יולי, איז ער געקומען.

דער פאָלקס-מענטש, דער אַרבעטער, דער אינטעליגענט. אַלע. יעדער האָט זיך געשטעלט אונטער זיין פאָן, אין דער ריי פון זיין אָרגאַניזאַציע, מיט זיין קאַמפּס-ליד און לאָזונג.

די טיפע שנאה, וואָס האָט אָפּגעטיילט פּאַרטיי פון פּאַרטיי, איז פאַרשוואונדן. די געוויינלעכע פאַראַכטונג פון מענטש צו מענטש, וליב אידעאָלאָגישע חלוקי־דעות, איז אָפּגעווישט געוואָרן. יעדער איז עדנס אַ ברודער. אַלע שטעלן זיך אין די זעלבע רייען, אין קאַמף קעגן איינערלעכן שונא — דעם פאַשיזם!

און כאָטש מען ווייסט, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן דעם הויפּט-ח/ק אין דער מאַניפעסטאַציע, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון איינהייטס־פראָנט אין די אַרבעטער־רייען, אַז די רויטע פאָן דאָמינירט, — אינטערעסירט עס קיינעם נישט. דער ענטוזיאַזם ביים עולם איז אַלץ איינס, און ער גייט אַ באַגייסטערטער.

די דעמאָנסטראַציע איז אַ לעגאַלע. אַלע גאַסן אַרום פּלאַץ פון באַסטיל איז באַלאַגערט מיט פּאָליציי און מיליטערישע שטורם-אָפּטיילונגען. שווער באַוואָפנט. די שטאָלענע העלמען, די געפּאַנצערטע אויטאָס מאַכן דעם איינדרוק פון אַ שלאַכטפעלד. די פּאָליציי פאַרנעמט אַ סטראַטעגישן פּלאַץ, אָדער פּלעצער. מצד דער מאַכט איז צוגעזאָגט געוואָרן, אַז הונדערט טויזנט פּאָליציאַנטן, מיליטער און גוואַרדיע וועלן זיין גרייט צו אינטערווענירן, אין פאַל ווען עס וועט נויטיק זיין! אָבער אין דער אמתן מוזן זיין מער. פון די ציווילע געהיים-אַגענטן קאָן מען דאָך גאָר קיין ציפער נישט וויסן.

די אויסלענדער, וואָס וווינען אין פּאַריז, און וואָס האָבן אפשר אַ חלק אין דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, די אויסלענדער, וואָס האָבן זיך געוואָלט סאָלידאַריזירן מיט די גרעסטע שטרעמונגען פון פראַנצויזישן פאָלק, האָט מען מוחל געווען זייער אָפּפערווילּיקייט.

דער אינערן-מיניסטער האָט געוואָרנט, אַז אויסלענדער זאָלן נישט גיין אין דער דעמאָנסטראַציע. ער האָט געדראָט מיט אַרויסשיקן יענע אויסלענדער, וועלכע מען וועט פּאַקן אין צוג. דער אויספיר-קאָמיטעט פון פאָלקס-פראָנט האָט באַזונדערס אַפּעלירט צו די אויס-לענדער, דאַנקענדיק זיי פאַר זייער סאָלידאַרישן געפיל, און פאַר-לאַנגט, אַז זיי, די אויסלענדער, זאָלן זיך נישט באַטייליקן אין דער דעמאָנסטראַציע.

אַזוי אַרום איז די דעמאָנסטראַציע געווען בלויז פון פראַנצויזן.

---

1 אַזייגער נאָכמיטאָג.

דער פּלאַץ פון באַסטיל האָט אַ מאָדנעם אויסזען. אַלע גאַסן, וואָס גיסן זיך אַריין אין דעם פּלאַץ, שיקן אַרויס פון זיך שטראָ-מען מענטשן. דאָ קומט מען זיך צונויף. דאָ מאָביליזירט מען זיך.

יעדע גרופּע קומט מיט איר פאָן, מיט טראַנספּאַראַנטן. טויזנ-טער אָרדנער מיט ספּעציעלע אָרים-בענדלעך האַלטן אָרדענונג און קערעווען דעם צושטראָם פון מענטשן אין די באַשטימטע זייטן-געס-לעך, פון וואַנען זיי וועלן זיך דאַרפן — שוין פאָרמירטע — לאָזן אין צוג.

די פּאָליציי זעט מען נישט. זי איז סטראַטעגיש צעשטעלט אין די געגנטן אַרום, אין די פאַרשלאָסענע טויערן, אין די פּראָנט-דירות אונטער די לאָדנס. אין יעדן נויטיקן מאָמענט וועט זי זיין.

דריי אַזייגער. דער צוג רירט.

פאָרויס פאָרן די סאַניטאַר-אויטאָס מיטן מעדיצינישן פּערסאָ-נאַל, גרייט אין יעדן פאַל — מיט ערשטע הילף.

און דאַן אַן אָרקעסטער. הינטער אים מונדירטע יוגנט. די „מונדירן" זענען אַרבעטס-בלוזן מיט רויטע קראַוואַטן, מיידלעך אין בלויע לייוונטענע הויזן. פאַבריקס-מיידלעך. פאַר פראַנקרייך איז דער טיף געקליידעטע פרוי באַזונדערס אימפּאָזאַנט, און זיי ווערן הילכיק באַגריסט פון ריזיקן עולם, וואָס שטייט אין ביידע זייטן טראָטואַר, אין די פענסטער, באַלקאָנען, דעכער און טעלעגראַף-סלופּעס.

דאַן פאָרן אַן צוויי אויטאָמאָבילן. אויף ביידע זענען איינגע-פעסטיקט ריזיקע מאַסטן, פון וועלכע עס פלאַטערן צוויי קאָלאָסאַלע פענער, איין פאָן — די נאַציאָנאַלע דריי-פאַרביקע, בלוי-ווייס-רויט,

און די אַנדערע — אַ רויטע פאָן, מיטן אויפשריפט „דער פאָלקס-פראָנט צו באַקעמפן דעם פאַשיזם״.

אונטער דער רויטער פאָן זיצן די פאָרשטייער פון די ראַדיקאַלע גרופּעס אין פאָלקס-פראָנט מיט אַנרי באַרבּיס אין דער שפּיץ. דער עולם מאַכט אים באַזונדערע אָוואַציעס, ער איז אויפגערעגט פון באַגייסטערונג, ער גריסט צוריק אומבאַהאָלפן. אונטער דער נאַציאָנאַלער פאָן זיצט אין דער שפּיץ פון דער דעלעגאַציע דער געוועזענער לופט-פלאָט מיניסטער פּיער קאָט.

נאָך זיי גייען שוין די מאַסן מיט זייערע פענער, אָבער לויט אַ באַשטימטן סדר און פּלאַן. נאָך דער מחנה, וואָס גייט אונטער דער פאָן פון דער ליגע פאַר מענטשן-רעכט, גייען די געוועזענע סאָלדאַטן און פראָנט-קעמפער. זיי גייען אונטער פאַרשיידענע פענער, מערסטנס רויטע. זיי זענען באַהאָנגען מיט מעדאַלן, אַ סימן, אַז זיי האָבן זיך בראַוו געשלאָגן פאַר פראַנקרייכס פרייהייט. הינטער זיי אַ מענגע אינוואַלידן-וועגעלעך, — דאָס פאָרן די קריגס-קריפּלס, אויך דעקאָרירטע אין מעדאַלן. הינטער זיי שאַרן זיך אַלערליי מלחמה-קאַליקעס, מיט קוליעס, אָן הענט א. ד. גל.

אין דער דעמאָנסטראַציע גייט אויך אַ באַוווּסטער אַדמיראַל פון פראַנצויזישן קריגס-פלאָט. זיין גיין אין די רייען איז אַליין שוין אַ וואָרענונג: מעג דע־לאַ־ראָק האָבן עראָפּלאַנען און געווער-מאַשינען. די מאַטראָזן, וואָס קומען שטענדיק דעם פאָלק צוהילף, וועלן דאָסמאָל אויך זיין גרייט צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד קעגן דעם אינערלעכן אָנגריף — קעגן פאַשיזם.

און ווידער אַ מבול פון פענער און טראַנספּאַראַנטן. איבערהויפּט וואַרפן זיך אין די אויגן דער טראַנספּאַראַנט פון דער „ליגע קעגן אַנטיסעמיטיזם״. דאָס איז נישט קיין ייִדישע ליגע, נאָר גראָד אַ פראַנצויזישע.

עס גייען די צוויי לעצטע קאָמונאַרן פון 1871 מיט זייער קאָמונאַרן-פאָן. זיי פּרוּוון נאָך שטעלן פעסטע טריט. זיי ווילן געבן דעם ביישפּיל פאַר קאַמף דעם הייַנטיקן יונגן דור.

און אָט איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט לעאָן בלום אין דער שפּיץ. און אָט — די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן פון פּאַרלאַמענט. דער עולם נעמט זיי אויף ענטוזיאַסטיש און פאַרויכערט זיי,

אַז דער אָנגעהויבענער קאַמף וועט נישט בלייבן שטום אין די רייען פון פאָלק.

עס ציען זיך און ציען זיך לאַנגע מענטשן-מענגעס, צו צען און פופצן אין דער ברייט. דאָ גייען די מיטגלידער פון פאַרבאַנד פון די אינטעלעקטועלע קעגן פאַשיזם מיטן באַרימטן פראַנצויזישן שריפטשטעלער אַנדרע מאַלראָ אין דער שפּיץ. אָט קומען הונדערטער לערער פון די פראַנצויזישע פאָלקס-שולן, אָט קומען קינדערגרופּעס, אין רויטע בלוזן, אין בלויע בלוזן. אַלע, אַלע גייען פאַרביי דעם פּלאַץ, וווּ אויף אַ ברייטע לייוונט איז אָנגעשריבן געוואָרן די שבועה, וואָס אַלע שווערן — צו קעמפן קעגן פאַשיזם ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

אָבער דאָך, דעם שטאַרקסטן איינדרוק מאַכט דאָס מאַרשירן פון די געמיינזאַמע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער-פאַריינען. דאָס איז דער ערשטער צייכן פון דער צייט.

עס קומען נאָך די פאַרשיידענע אַנטי-אימפּעריאַליסטישע ליגעס, די לינקע און אָן אַ שיעור מוניציפּאַליטעטן, וואָס זיי האָבן אַרום פּאַריז, אין דער שפּיץ מיט זייערע בירגערמייסטערס. און אַלץ צוזאַמען — אַ ים פון פאָנען. רויט און בלוי-ווייס-רויט, די בלוי-ווייס-רויט איז דער סימבאָל פון דער פאָן, מיט וועלכער מען האָט געשטורעמט די באַסטיליע. אָט פּונקט ווי צוזאַמען מיטן אינטערנאַציאָנאַל ווערט הויך און הילכיק געזונגען די מאַרסיליעזע.

וויפל האָבן זיך באַטייליקט אין דעם מאַרש? ווער קאָן דען זאָגן שוין איצט אַקוראַט. מעגלעך דריי פערטל מיליאָן און מעגלעך — אַ מיליאָן. גאַנצע דריי שעה אויפן זייגער אין אַ שנעלן טעמפּאָ-מאַרש. דער איינדרוק איז אַ קאָלאָסאַלער. עס איז אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דעם שוואַרצן כּוח, וואָס וואַקסט אין פראַנקרייך און געשטעלט פון „קרוא-דע-פע" — דער פייערקרייץ, ווי דער פאַשיזם רופט זיך דאָ.

בלומען אויף היינעס קבר

אכציק יאָר איז דער קבר פון היינריך היינע אויפן בית-עולם פון מאָנמאַרט אין פּאַריז געווען דער סימבאָל פון פאַרלאָזנקייט.

עס איז שוין געוואָרן אַ מין סינאָנים: „פאַרגעסן ווי היינעס קבר".

היינע, דער גרויסער דיכטער אויף דייטש, איז געשטאָרבן אין דער פרעמד. אמת טאַקע, יענע „פרעמד" האָט ער אַזוי ליב געהאַט, ווי הייס ער האָט געהאַסט זיין „היים". דאָך, האָט דאָס געליבטע פראַנקרייך אים, דעם „אויסלענדישן" דיכטער, דערצו נאָך אַ „דייטש", נישט גאָר שטאַרק צוגעטיילט אויפמערקזאַמקייט. זיין קבר, צווייט-ראַנגיק, נישט אין פראָנט פון דער אַלייע, מינדערווערטיקער פון גרויס און בכבודיקער פון קליין. אַ באַשיידענע מצבה. אַ שמאָלער שטיין. אַ געשניצטער ביוסט. היינע מיטן בערדל זעט מער אויס „פראַנצויז" ווי „דייטש". אַ קליינער באַגילדעטער שמעטערלינג און אַ גרויסע האַרפע. שאַבלאָנע סימבאָלן. אַ געשניצטער בלומען-קראַנץ פון שטיין, ווי מען וואָלט זיך געוואָלט פון פאָרויס באַוואָרענען, זאָל כאָטש אַזאַ קראַנץ — אַ טויטער בלומען-קראַנץ ליגן אויפן דיכטערס קבר. דעם מאַרמאָרנעם קראַנץ האָבן געלייגט זיינע שפּראַך-לאַנדס-לייט, די ווינער. אַן אויפשריפט: „היינעס אָנדענק פון פרייזיניקן ווין". מען האָט, אַפנים, געמוזט זיין פרייזיניק, „אַפּיקורסיש", כדי צו לייגן, זאָל זיין אַפילו פון שטיין, אַ קראַנץ אויף היינעס קבר.

אונטער דער „האַרפע" אַן אויפשריפט, מען דערקענט די האַנט פון אַ פּשוטן מצבה-קריצער, „היינריך היינע" און דאַן, מיט קלענע-רע שריפט „פרוי היינע". אויפן פיעדעסטאַל דריי פערזן, נישט טיף געשניצטע, דערפאַר שוין אָפּגעמעקטע, פון היינעס לידער. און דער-ביי אַזוי פרעגנדיק, ווי היינעס שטים וואָלט יעדן פאַרבייגייער גע-פרעגט:

„וו וועט אַמאָל פאַרן וואַנדערער
דער לעצטער רו-פּלאַץ זיין?
צי אונטער דער פאַלמע אין דרום,
צי אונטער דעם לינדן ביים ריין?"

אוודאי, ווען היינע וואָלט זיך נישט געווען „פאַרווינדיקט", וואָלט זיין רו-פּלאַץ נישט געווען אין דרום, נאָר ביים ריין, וואָלט

זיין קבר נישט געווען פאַרגעסן און פאַרלאָזט (ווער ווייסט, מ׳וואָלט אים אפשר היינט פון דאָרט אַרויסגעוואָרפן...).

נאָר אויף אַלץ קומט זיין צייט. אַמאָל פלעגט צו היינעס קבר קומען אַ פאַרבענקט יידיש אָדער רוסיש מיידל, מיטברענגען אַ קליין בינטל בלומען, און דאָס איז אויך נישט געווען פון גרויס פאַרערונג צום גרויסן דיכטער, נאָר ווי אַ קרובהשאַפט פון היינעס ליבעסליידן מיט די זעלבע ליידן, וואָס איר אייגן האַרץ איז אַזוי איבערפולט... די בית-עולם-היטער האָבן שוין געוווסט, וועלכע געסט וועלן זיך פרעגן צום קבר פון „אַנרי העין״.

היינט שטוינען טאַקע די זעלבע בית-עולם-וועכטער: ווי דער קבר איז אויפגעריכט געוואָרן! דאָס איז נישט בלויז די לעצטע וואָכן צוליב דעם 80-טן יאָרצייט, נאָר עס איז שוין אַזוי אַ „געשיכטע פון קנאַפע דריי יאָר״, אַ געגיי אויף דעם בית-עולם, ווי מען וואָלט אַנטדעקט עפעס אַ פון לאַנג-פאַרגעסענעם הייליקן, אַ העלד. און אָפטמאָל ווערן אַוועקגעלייגט פיל עכטע, לעבעדיקע בלומען-קרענץ, רויטע פייערדיקע רויזן, און צאַרטע בלויע פיילכן, ווייכע ליליען.

וואָס האָט עס פלוצלינג פאַסירט, וואָס מען האָט זיך דערמאָנט אינם „פאַרגעסענעם״ קבר? איינפאַך: די דייטשן. נישט די דייטשן פון האָרסט וועסעל, נאָר די דייטשע עמיגראַציע. די דייטשע פאַרטריבענע און אַנטלאָפענע אינטעלעקטואַלן, אין דער ערשטער ריי — די דייטשע שריפטשטעלער, דייטשע קינסטלער, וואָס מאַכן איצטער דורך היינעס גורל. די, וואָס זענען אין גלות ביי דער וועלט, זיי האָבן עס די ערשטע אָפּ:עצאָלט דעם נאַציאָנאַלן און מענטשלעכן חוב זייער פאַרערטן באַגייסטערער — היינריך היינע, ווי פאַרוואָגלטע ברידער און שוועסטער, ווען זיי דערזעען אַ הייליק בערגל ערד, אונטער וועלכן עס רוט דאָס געביין פון זייערע נאָענטסטע.

און נישט נאָר צו היינעס געביין, נאָר צו היינעס גייסט האָט מען זיך געווענדט. וואָלטן די קינסטלער און שריפטשטעלער, וואָס זענען איצטער אין גלות, אין פראַנקרייך, געווען ביי זיך, אונטער דעם „לינדן-בוים פון ריין״, וואָלט זיי אפשר נישט געהאַט די מעגלעכקייטן עפנטלעך צו פייערן היינעס 80-יאָריקן געדענק-טאָג. אפשר וואָלטן זיי מיט צער געקוקט, ווי מען וואַרפט פון ערגעץ, פון אַ פריוואַטן שלאָס אַראָפּ די איינציקע קליינע בראָנזענע סטאַטוע, כמו מאָנומענט פון היינריך היינע. איצטער זענען זיי די דייטשע שריי-

בער צווישן פרייע, און אומגעשטערט, אויף זייער אופן, פייערן זיי היינעס אָנדענק.

אין זייער קלוב, נישט ווייט פון לאַטיינישן קוואַרטאַל, אין זייער „אָוונט פון דער וואָך” – מאָנטיק, קומען זיך צונויף די באַרימטסטע און נאָך אומבאַקאַנטע דייטשע דיכטער, מענטשן מיט וועלטנעמען און אַזעלכע, וואָס האָבן ערשט די ערשטע טריט געשטעלט אין דער דייטשער דיכטונג, געלערנטע און פּאָליטיקער, שטיקער פון צעשפּריצלטן דייטשן גייסט, זענען זיך צונויפגעקומען אין דעם נישטגרויסן זאַל. עס איז אָבער געווען אַ מערקווירדיקער היינע-אָוונט. עפּעס האָט זיך געדוכט, אַז די אַלע רעדנער דאָ, די אַלע באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן האָבן ווי איבערגעבעטן היינעס גייסט, וואָס האָט דאָ ווי אַרומגעשוועבט ליכטיק און יום-טובדיק, איבערגעבעטן פאַר דעם פאַרשוועכטן קבר זיינעם אין זיין פאָטערלאַנד. ס'האָט זיך געפילט אין די רייד פון יעדן פון די רעדנער, אַז נישט זיי און זייערס גלייכן זענען שולדיק, נאָר די, וואָס האָבן פאַרקריפּלט די געשיכטע. צום ערשט די יונקערס און איצטער די הענקערס. ס'האָט אויסגעזען, ווי אַ רעאַביליטאַציע-אָוונט. אָבער נישט היינען האָט מען רעאַבילירטירט, נאָר זיך. אַכציק יאָר פאַרשוויגן היינען האָט געהייסן פאַרשווייגן די אייגענע חשיבות. פרייע קינסטלער האָבן דאָס פאַרשטאַנען און אין זיך געדריקט. איצטער האָט מען עס דערפילט, נישט נאָר אין די רייד פון די רעדנער און קינסטלער, וואָס האָבן באַשיינט דעם אָוונט, נאָר אינם שווייגן פון פובליקום. דאָס פובליקום איז מערסטנטייל פּען-מענטשן. גייסטיקע זין און אייניקלעך פון היינען. דערפאַר אפשר האָט אויך די פייערונג געטראָגן אַזאַ אינטימען, פאַמיליאַרן כאַראַקטער.

די דייטשע שריפטשטעלער זיצן נישט ליידיק אין זייער „גלות”. אַ קולטור-טעטיקייט אין ברייטסטן זין האָבן זיי אויפגענומען. זיי האָבן מיטגענומען אַ תורה אין אָט דעם גלות אַריין און דאָ, ווי די יידן אַמאָל, אין בבל, געגרינדעט ישיבות, אַקאַדעמיעס פאַר דייטשער ליטעראַטור און קונסט. די מאָנטיקדיקע אודיטאָריעס, דאָס זענען וויכטיקע אויפטוען. זיי האַלטן, און מיט רעכט, אַז דאָס ליטעראַריש-קינסטלערישע דייטשלאַנד רעפּרעזענטירן זיי, און נישט די גראַפּאָמאַנען אין „דריטן רייך”. דעריבער פילן זיי די אַחריות און פאַרשטייען זייער אויפגאַבע.

פערזענלעך ליידט יעדער, מען הונגערט. פראַנקרייך איז זייער „גאַסטפריינטלעך" צו אַט די פען-ריטער, נאָר פאַרדינען לאָזט מען זיי נישט. אַרבעטן—חלילה וחס. דאָס לעבן זייערס איז שווער, אויפן פּאָן פון אָט דער דעקאָראַציע צייכענען זיך הונגעריקע טעג. נאָר קוים קריגט מען ערגעץ אַ פּאָר פראַנק, איז דאָס ערשטע אַ בינטל בלומען פאַר היינעס קבר. היינע איז אַ טייל פון זיי. ער איז זייער פּאָרויסגייער. דער ערשטער דייטשער פּליכטלינג אין פראַנקרייך...

■■■■

אַ כראָניק פון פייער און טויט

...די כראָניק איז אַ געוויינלעכע:

אין דער געדיכטער אָרעמקייט פון יידיש-עמיגראַנטישן פּאַריז איז אויסגעבראָכן אַ שריפה. די טיר איז „גראָד" געווען פאַרשפּאַרט. דער פּאָטער האָט זיך אַרויסגעוואָרפן דורכן ענגן קליינעם פענצטער, כדי צו רופן נאָך הילף. זיינס אַן אַרבעטער איז געבליבן ראַטעווען די צנדערע נפשות. דער רעזולטאַט: אַ מאַמע מיט פיר קינדער זענען פאַרברענט געוואָרן אויף קויל. דער פּאָטער שווער פאַרוווּנדעט. דער אַרבעטער איז נאָך עטלעכע טעג שווערע ליידן פון די בראַנד-וווּנדן, געשטאָרבן אין שפּיטאָל.

פאַר דער פראַנצויזישער גאַס איז דאָס פון די געוויינלעכסטע סענסאַציעס; די יידישע בירגערלעכע גאַס, דער כלל-ישראל, האָט עס אויפגענומען ווי גאָטס שטראָף. אין דער לוויה פון די אומגעקומענע האָט זיך באַטייליקט אַ מחנה פון פּופּצן טויזנט יידן, מיט רבנים, חזנים, פּרעזידענטן פון שולן און חברות. דאָס געוויין איז געווען גרויס. איין קלייניקייט: מען האָט מקבר געווען אַ מאַמע מיט פיר קינדער. ווי קאָן דאָס האַרץ נישט רירן?! און... ווי זאָל מען נישט אַריינוואַרפן עטלעכע פראַנק — פאַר „צדקה תציל ממות"?

אין קיין שום לאַנד, ווו דער עמיגראַציע-שטראָם ציט זיך, איז נאָך אַזוינס נישט געהערט געוואָרן, ווי גראָד אין פראַנקרייך, אינם דעמאָקראַטישן פראַנקרייך, אין לאַנד, וואָס האָט אויפגעשריבן אויף זיינע טויערן די לוחות: „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט". אפילו צפון-אַמעריקע מיט איר שוויץ-שאָפּ און די פּייער-פּאַסטקעס,

וואָס איז געווען אַ באַקאַנטע געשטאַלט אין די אויגן פון דער אַר־בעטער־עמיגראַציע, קאָן זיך מיט איר שווידערלעכקייט נישט פאַר־גלייכן צו די פאַבריקלעך, צו די „טויט־נעסטן", ווו עס אַרבעטן מענטשן אין פּאַריז, ספּעציעל די יידישע אימיגראַנטן־אַרבעטער.

דאָס באַקאַנטע געזעץ, אַז אַרבעט קאָנען נאָר באַקומען אייגענע, די, וואָס האָבן ספּעציעלע רעכט דערויף, און די איבעריקע, די אויסלענדער, וואָס אַנטלויפן פון זייערע מוטערלענדער, ווו עס הערשט הונגער און פאַרצווייפלונג, זיי טאָרן נישט אַרבעטן.

אַ גרויס געשפּענסט הענגט איבער דער יידישער און אַלגעמיי־נער אַרבעטער־אימיגראַציע אין פּאַריז, ווי איבערן גאַנצן לאַנד.

„פּ אַ פּ י ר ן !"

„פּאַפּירן" — דאָס איז אַ שרעק־וואָרט ביי פיל טויזנטער און טויזנטער אימיגראַנטן. „פּאַפּירן" אויף רעכט צו בלייבן אין לאַנד. „פּאַפּירן" אויף רעכט צו אַרבעטן. דער בעסטער גראָשן פאַרדינסט גייט אַריין אין „פּאַפּירן". מענטשן אַרבעטן אָפּ יאָרנלאַנג דערויף, נישט איין אָרעם מיידל אָדער יונגערמאַן ווערט דאָ באַשווינדלט, גראָבט איין די לעצטע אָפּשפּאָרונג. אָפטמאָל פאַרבאָדט מען זיך אין חובות איבערן קאָפּ, און דער רעזולטאַט איז אַ סך מאָל: נישט קיין געלט און נישט קיין „פּאַפּירן".

אויב די גרענעץ־טויערן האָבן נאָך פיל־וויניק שפּאַרעס, דורך וועלכע עס קומט אַריין אַ דינער שטראָם פון עמיגראַציע, זענען אָבער די פאַבריקס־טויערן פאַרריגלט אויף הונדערט און זיבן שלעסער. דער פראַנצויזישער אַרבעטער שווייגט קעגן דער אומדערהערטער עוולה, וואָס ווע־ט אין זיין נאָמען אָנגעווענדט קעגן זיין קלאַסן־ברודער פון אַן אַנדער לאַנד. איז דען דער פראַנצויזישער אַרבעטער נישט קיין עמיגראַנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין דרום־אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער? און ווייסט ער דען נישט און פילט נישט די פיין פון צו זיין אַן אַרבעטער־עמיגראַנט?

דער אַרבעטס־אינספּעקטאָר אין פראַנקרייך האָט די אויפגאַבע, ווי דער שליח פון דער אינקוויזיציע, צו גיין איבער אַלע פאַרבאָר־גענע ערטער און אויסגעפינען די מאַראַנען, צי באַשעפטיקן זיי זיך, חלילה, נישט מיט דער דאָזיקער שרעקלעכער „עבירה" — מיט אַרבעט!

פאַר דעם פרעמדן אין פּאַריז איז דערלויבט אַלע פרייהייטן: פרייהייט אויסצוגעבן געלט; פרייהייט צו באָדן זיך אין תענוגים; פרייהייט צו לאָזן זיך ווילגיין מיט פראַנקרייכישע טעכטער; פרייהייט צו וואולגאַריזירן די הויפט-שטאָט; די שטאָט ווערט אַזוי אָפּגעהיטן און געצערטלט, זי ווערט אָבער געטריבן פון גייציקן דורשט נאָך דער פרעמדער מטבע, און פאַר דעם פרעמדן מיט דער פרעמדער מטבע איז אַלץ דערלויבט.

אָבער די עמיגראַנטן-אַרבעטער, געטריבן דורך גרויסער נויט פון זייערע אַלטע היימען, האָבן דאָ געוואַלדיקע שטערונגען. זיי איז אַלץ פאַרבאָטן לויטן געזעץ.

איין שפּאַרעלע איז פאַראַן אין געזעץ: אַן אונטערנעמער, אַ פּראָדוצענט מעג מען זיין. געמיינט האָט מען אַפילו דערמיט דעם אַמעריקאַנער דאָלאַר, ענגלישן פונט, נאָר אַ תכלית פון דעם געזעץ האָבן געמאַכט די אימיגראַנטישע יידישע אַרבעטער. מען איז אויפאַמאָל געוואָרן „אונטערנעמער", פאַרוואַנדלט זיך אין „פאַבריקאַנטן". מען דינגט אַ לאָך ערגעץ, אָדער מען פועלט ביים הויזווירט, ער זאָל פאַר גוט געלט לאָזן אויפשטעלן אַזאַ „קאַמערל", ווי עס איז געהנען דאָס, ווו די שרפה איז פאָרגעקומען, ווו אַ שוועבעלע אונטערצונדן די ספּירט-מאַשינקעס האָט אין איין אויגנבליק פאַרוואַנדלט די „פאַבריק" אין אַ הויפן אַש, און אונטער דער חורבה זעקס מענטשלעכע לעבנס, זעקס קרבנות ביי דער אַרבעט.

די גאַנצע אַרבעטערשאַפט, די אַזויגערופענע „עמיגראַציע", פילט זיך שרעקלעך געטראָפן. פאַר יעדן איינעם שטייט דאָס אָפּבילד פון זיך אַליין, פון זיינע אייגענע אַרבעטס-באַדינגונגען. די שרפה אויף דער שמאָלער, ענגער און קויטיקער גאַס וועלאַן אויפן בעלוויל — אין סאַמע האַרץ פון דער „אימיגראַציע", איז נישט קיין צופאַל, נאָר זי איז צוגעגרייט פון דעם טייוול אין פאָרם פון געזעץ און באַדינגונגען.

לאָמיר מאָלן דאָס בילד, ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט — קיין האָר נישט איבערגעטריבן און קיין טראָפּן שרייבערישע פאַנטאַזיע נישט צוגעגעבן:

אַן ענגע, שמוציקע גאַס, רי דע וועלאַן. די איינוווינערשאַפט פון אַרום — אימיגראַנטן. ס'רוב יידן, יידן פון פוילן. די הייזער — הונדערטער יאָרן אַלט, געבויגן און טרוקן. איינגעטוליעט איינס צום

אנדערן און אנגעשפארט איינס אויפן צווייטן. טייל, ווי אינוואלידן, אונטערגעלייגט מיט קוליעס — שוך-דרענגער און פלעקער. יעדע רגע איז די גאנצע „נאכבארשאפט" אויסגעשטעלט אויף געפאר — אויב נישט פון פייער, איז... פון א פארפלייצונג. אפגערעדט שוין וועגן אלע אנדערע מיתות, וואס פארשטעקן זיך דארט אין די ענגע לעכער און שפאלטן פון די הייזער.

אין איינעם אזא הויז: דער פראנט איז באוווינט פון ארבעטער, וועלכע ארבעטן ערגעץ אנדערש, און אויך די, וואס ארבעטן „פאר זיך". די שוואכע לעמפלעך, ווי געלע פלעמלעך, לייכטן ארויס ביז שפעט אין דער נאכט פון די נידעריקע פענצטער און באלויכטן די לאנגע, בלייכע פינגער, וואס פירן דאס שטיקל שטאף אדער לעדער פון אונטער דער נאדל פון דער ניי-מאשין.

דארט הויזט צוזאמען מי, נויט, ארבעט און שרעק.

נאר דאס איז נאך ווינציק:

נישט יעדער האט דאס „גליק" צו קאנען וווינען און ארבעטן אזוי פריי, אזוי אפן, מיט פענצטער צו דער פארחלשטער גאס.

איז אויפן הויף פאראן א בודע. די בודע איז נישט פון ציגל און נישט פון האלץ, נאר פון טאוול און זעק. צונויפגעקלעפט און צונויפגעפאפט, זענען אין דער בודע פאראן עטלעכע „ווארשטאטן", שוין צוזאמען מיט די „וווינונגען".

אין איינער אזא „ווארשטאט-וווינונג" וווינט און ארבעט א משפחה, אן ארבעטער, וואס איז דערהויבן געווארן צו דער מדרגה פון א... באלעבאס. א מאשין האט מען גענומען אויף אויסצוצאלן, ארבעט קריגט מען ארויס פון א געשעפט, און די „אונטערנעמונג" איז געמאכט. אין דער דאזיקער „אונטערנעמונג" ארבעטן און וווינען, חוץ דעם „פאבריקאנט", נאך זיבן נפשות — א פרוי, פינף קינדער, דאס עלטסטע 15 יאר, דאס יינגסטע זיבן, און אן ארבעטער.

מען איז גליקלעך מיט דעם ארעמען ביסל „גליק", וואס מען האט זיך ענדלעך איינגעארדנט. 15 שעה אין מעת-לעת איז די געוויינלעכע ארבעטס-צייט. און נישט אליין, די עלטסטע טאכטער שיקט מען שוין אוועק ערגעץ אנדערש ארבעטן. דאס ווייב מיט די פיר קלענערע קינדער העלפן צו אין דער „פאבריק".

די מורא איז נאר פאר דעם פרעמדן ארבעטער, — דעם געזעלן. ער האט נישט קיין „פאפירן", קיין ארבעטס-רעכט. מוז מען

האלטן די טיר פארריגלט און דאָס קליינע פענצטערל, וואָס געפינט זיך הויך אונטערן סופיט – פארקראַטעוועט.

און דער „וואַרשטאַט" דינט פאַר דער פאַבריק, פאַר דער קיך, פאַר דעם עס- און שלאָפצימער.

די 15 שעה אַרבעט אַ טאָג קלעקן נישט צום לעבן. די אַרבעט פון ווייב און קינדער פארזיכערן אפשר דאָס שטיקל ברויט און אַ חוב אָפצוצאָלן.

און אַזוי געשעט עס! ס'איז 9 אין אָוונט. דער „אונטערנע-מער" טראַכט נאָך אָפילו נישט פון אויפהערן אַרבעטן. דער געזעלן אויך נישט. ס'איז איצט „סעזאָן". און מען ווייסט נישט, וואָס מאָרגן וועט זיין. נאָר דאָס הארץ איז פארחלשט, דער גומען – פארטריקנט, די ענגשאַפט פון דער „דירה" שטיקט, דער באַלעבאָס-אַרבעטער באַ-גערט אַ טרונק, אַ גלעזל טיי. נאָר נישט ער, און נישט זיין ווייב – די באַלעבאָסטע, וואָס זיצט צוגלייך מיט איר מאַן און קינדער און געזעלן ביים טיש און אַרבעט, פארגינט זיך נישט אַ רגע אָפצו-טרעטן, אָוועקצולייגן די שער, אָדער דאָס העמערל. מען גיט איבער די מיסיע אַ קינד. דאָס קינד רייבט אָן אַ שוועבעלע אָנצוצינדן די מאַשינקע. אַרום שטייען קויטשוק-מאַטעריאַלן צו דער אַרבעט. אָן אויסשאָס! אַ פייער! אַ צעטומלעניש. די טיר, וואָס איז פארריגלט פאַרן אַרבעטס-אינספעקטאָר, קאָן זיך נישט אין פארלוירענעם מאָ-מענט עפענען. ווו איז דער שליסל!? ווער ווייסט ווו?! דער ערש-טער, וואָס רייסט אַרויס די קראַטן פון קליינעם פענצטערל, איז דער באַלעבאָס – דער פאָטער פון די קינדער. ער שפרינגט אַרויס; דעם געזעלן, דעם אַרבעטער, בלייבט אַרויסצוואַרפן די קינדער דורכן אויפגעריסענעם פענצטערל אונטערן סופיט. נאָר ס'איז שוין נישט מעג-לעך. דאָס פייער פלייצט אונטער די פיס, דרייט זיך פאַר די אויגן און שפריצט פון די ווענט. פון אומעטום רעגנט טויט און פארניכ-טונג. דער אַרבעטער דערפילט אין לעצטן מאָמענט אינסטינקטיוו, אַז ס'איז שוין אוממעגלעך עמעצן אַרויסצוראַטעווען – שפרינגט ער מיט די לעצטע כוחות אַרויס אַ צעברענטער, אַן אָפגעשונדענער. ער ווערט איבערגעפירט אין שפיטאָל און נאָך עטלעכע טעג פון שטאַר-קע יסורים הויכט ער אויס זיין נשמה...

בונעם רוטמאַן איז איצט אַ סימבאָל, אַן אָפשפיגלונג פון די טראַגישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט-אויס צו לעבן און צו

אַרבעטן דעם יידישן אימיגראַנט אין די איינוואַנדערונגס־לענדער, וואָס האָבן זיך פאַרמאַכט און אַרומגענומען מיט כינעזישע מויערן נישט צוצולאָזן דעם „פרעמדן" צו דעם אָרעמען טעלערל, וואָס הייסט „אַרבעט". טויזנטער הענט שטרעקן זיך נאָך דעם ביסל גליק צו קאָנען אַרבעטן און פלייסיק מיט נויט־שווייס פאַרדינען דאָס קאַרגע שטיקל ברויט.

אַזוי אַרום האָט עס גורם געווען, עס זאָל זיך שאַפן אַ נייע שיכט, אַ קלאַס מאַראַנען־אַרבעטער!

אַמאָל האָבן אונטערוועלט־מענטשן מיט אומריינע כוונות, פאַרברעכער, דורכגעפירט זייערע „אַרבעטן" אין געהיים, אין קעלערס, אין פאַרבאָרגענע היילן. היינט מוזן עס, ליידער, טון אַרבעטער, זיך פאַרשטעקן און פאַרבאָרגן, אויסזוכן צו דער אַרבעט אַזעלכע פלעצער, וועלכע זענען שעדלעך און געפערלעך און חוץ שווערער מי, אָנשטרענגונג פון לאַנגע, לאַנגע אַרבעטס־שעהן, מוז דאָס אייגענע לעבן און דאָס לעבן פון די אַרומיקע און קינדער געשטעלט ווערן אין קאָן...

אַז וויבאַלד אַרבעט איז „דערהויבן" געוואָרן צו דער מדרגה פון פאַרברעך!

רייסן זיך דען אָפּ אַרבעטער פון זייערע שטאַמען, פון זייערע היים־לענדער, שפּראַך און קולטור, פון אַלע זייערע דערגרייכונגען אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט, און וואַנדערן־אויס אין דער פרעמד צוליב פאַרגעניגן?

טרייבט זיי דען נישט אַרויס די גרויסע נויט פון זייערע מוטער־לענדער, ערגעץ־אַנדערש צו זוכן דאָס אָרעמע שטיקל גליק—אַרבעט?

דעריבער טרויערט דער יידישער אַרבעטער אַמשטאַרקסטן אויף דעם פאַרשניטענעם לעבן פון זיין חבר. דאָס איז דער טרויער אויף דעם אייגענעם גורל!

דער כלל־ישראל האָט געוואָלט דעם אַרבעטער „טון זיין רעכט" אויף דעם זעלבן אופן, ווי זיי האָבן עס געטון צו די ערשטע פינף קרבנות — די מאַמע מיט די פיר קינדער. אַ לוויה מיט הספדים, מיט חזנים, קדשים און רעדעס. די יידישע אַרבעטערשאַפט אונטער דער אָנפירונג פון די „לינקע פועלי־ציון", ווו בינעם רוטמאַן איז געווען אַ מיטגליד — האָט אָבער פאַרוואַנדלט די לוויה אין אַ סימבאָל פון

אַרבעטער־קרבנות און אויפגעהויבן די שטים פון פּראָטעסט, דעם געשריי פון צאָרן!

אַזאַ לוויה־דעמאָנסטראַציע איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך טויזנטער פראַנק. כלל־ישראל האָט געוואָלט נעמען די אויפגאַבע אויף זיך, נאָר די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון. מיטגלידער פון דער אַרבעטער־היים און אַרום איר האָבן אויף זיך גענומען דעם טרויעריקן עול. מען איז געגאַנגען פון וואַרשטאַט צו וואַרשטאַט, פון אַרבעטער צו אַרבעטער און אין משך פון עטלעכע טעג איז אויפגעזאַמלט געוואָרן די נויטיקע סומע אויף צו באַהאַלטן די פאַרברענטע ביינער פונם יונגן אַרבעטער־מאַרטירער בונעם רוטמאַן.

זענען זיך טאַקע צונויפגעקומען טויזנטער יידישע אַרבעטער פון דער אימיגראַציע אין פּאַריז. אַ לאַנגער צוג פון טרויער און פּראָטעסט האָט זיך געצויגן נאָך דער עגלה, וואָס איז געווען באַהאָנגען מיט רויטע קרענץ, לענטעס און אויפשריפטן פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, דער אָרון איינגעדעקט מיט דער רויטער פאָן. די מחנה האָט זיך אַזוי געצויגן דורך דער גאַנצער שטאָט העכער 12 קילאָמעטער צופוס, פון שפּיטאָל ביז צום בית־עולם.

ביים קבר — רעדעס. רעדעס פון צאָרן און פּראָטעסט. איין גרויסער ווײ־געשריי! מיט געוויין און געזאַנג פון דער שבועה און אינטערנאַציאָנאַל ווערט דער זעקסטער קרבן אַראָפּגעלאָזט אין קבר אַריין.

די טויזנטער יידישע עמיגראַנטן, — מאַראַנען פון אַרבעט, צעגייען זיך יעדער אין זיין נאָרע, וואָס רופט זיך „אַטעליע“, ווו טויט און פאַרניכטונג לויערט פון די שפּאַלטן אין ווענטלעך.

■■■■

מערץ 1936

איך ווייס נישט, ווי עס האָט אויסגעזען פראַנקרייך אָנהייב אויגוסט 1914, איצטער, מערץ 1936, פילט מען שטאַרק די מלחמה־שטימונג, דעם מלחמה־פיבער.

אויב אין פּאַריז שמייכלט מען נאָך און אויף די גרויסע בולי־

וואָרן לאַכט מען, איז עס גאָר קיין געלעכטער נישט אין מעץ און אין שטראַסבורג.

פּאַריז זעט נישט די אָנקומענדיקע מלחמה, פּאַריז פּילט זי. עס פילט עס דער קרעמער פון קלענערע און גרעסערע פּאַרבּרויכס־אַרטיקלען, איבערהויפּט די, וואָס האַנדלען מיט לוקסוס אָדער האַלבּ־לוקסוס־אַרטיקלען. עס קומט דער פרילינג־סעזאָן, נאָר מען איילט זיך דערווייל נישט צו קויפן קיין פרילינגס־קליידער, נישט דער מאַן און נישט די פרוי. מען ווייסט נישט, צי מאָרגן וועט מען נישט דאַרפן אָנטון די גרויע לייוונטענע בלוזע.

די וואַרשטאַטן, וואָס האָבן שוין געהאַט באַשטעלונגען, האָבן קיין מעגלעכקייט נישט זיי צו פאַרענדיקן. מען האָט זיך דערשראָקן און זיי „אָפּגערופן". דער עולם האַלט זיך אָפּ פון אויסגעבן אין די קאַפעס, טעאַטערן. קאָן זיין, אַז מ'וועט דאָס מאָרגן דאַרפן אויף ברויט.

אין מעץ און אין שטראַסבורג, ווי בכלל אין גאַנץ עלזאַס און לאָטאַרינגען, — דאָרטן נישט נאָר מען פילט עס, נאָר מען זעט!

מען זעט די געעפנטע „פּיסקעס" פון „בערטאַס טעכטער". די ברייט־ליופעדיקע האַרמאַטן, אויסגעשטעלט פּונקט קעגנאיבער ביי דער גרענעץ אויף דער דייטשער זייט. מען הערט די שווערע, געקאָוועטע טריט פון „רייכס־חייל", די דאָזיקע טריט קלינגען אָפּ און קלאַפּן ווי מיט פויסטן אין פראַנקרייכס ברוסט אַריין.

אָבער נישט בלויז אויף יענער זייט זעט מען דאָס קריגס־געשפּענסט, נאָר אויך דאָ, סיי אין שטראַסבורג און סיי אין מעץ. אין יענער נאַכט, נאָכדעם ווי דאָס דייטשע מיליטער האָט אַריינמאַרשירט אין ריין־געביט, האָבן זיך געצויגן באַטאַליאָנען מיט זעלנער פון אַלערליי גראַדן. ס'איז געווען אַ וואַך־נאַכט איבער עלזאַס און לאָטאַרינגען. אין פולער באַוואָפענונג, מיט פולער אַמוניציע. „אָבּאָזן" האָבן נאָכגעצויגן. ס'איז געווען אַ געגיי און אַ געפאָר ווי אויפן פראָנט. די איינוווינער האָבן מיטאַמאָל דערשפּירט, אַז דער „פראָנט" איז נישט ווייט.

אין יענער נאַכט האָט מען פאַרגרייט ברויט און וואַסער, מאַס־קעס קעגן גאַז פאַר דער ציוויל־באַפעלקערונג. אין יענער נאַכט האָט מען געפּאַקט די פּעקלעך, אין יענער נאַכט האָט מען איבערגעציילט די מענער

פון צווישן דער משפחה, מען האָט שוין פריער אויסגערעכנט, ווען מען וועט דאַרפן באַדויערן און באַוויינען.

די פראַנצויזישע באַפעלקערונג, אַדורכגענומען מיט אַט דער פּראָוואָקאַציע, האָט באַקומען ענטוזיאַזם פאַר דעם קריג, האַס און צאָרן קעגן דעם היטלעריסטישן טיראַנישן רעזשים. די ראַדיקאַל-גע־שטימטע האַלטן, אַז דאָס איז אייגנטלעך אַ מין מלחמת-מצוה, פאַר־ניכטן דעם בייזן גייסט פון איראָפּע, פאַרטיליקן די, וואָס צוליב זיי קאָן קיין שלום נישט זיין.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך די שטימונג צווישן די „פרעמדע" אין פראַנקרייך. די דאָזיקע פרעמדע, וואָס האָבן געהאָלפן מיט שווייס און בלוט אויפצובויען דאָס חרובע פראַנקרייך פון נאָך דער מלחמה, און אַלס „לוין" האָט מען זיי אַרויסגעטריבן, אָדער צוגענו־מען ביי זיי דאָס רעכט צו אַרבעטן. איצט האָט זיך די שטימונג לגבי זיי איינגאַנצן געביטן. דאָס הייסט, „רעכט" צו אַרבעטן האָבן זיי, די אויסלענדער, נאָך נישט, אָבער אַרויסטרייבן וועט מען זיי נישט ביז... ביז די היטלערישע געפאַר וועט אַריבער. נישקשה, אויפן פראָנט וועט מען זיי נעמען, מען וועט זיי געבן אָנצוגעהערן, אַז מען ווױנט אויף פראַנצויזישער ערד, מ'געניסט פון דער פראַנצויזישער קולטור...

נאָר די אָנצוהערענישן וועלן נישט זיין נויטיק. אַפילו ביי די אויסלענדער איז דאָ די שטימונג צו גיין מיט פראַנקרייך קעגן דייטש־לאַנד. אַפילו די דייטשע אימיגראַנטן זאָגן אויך אַזוי. דאָס איז נישט קיין מלחמה פון אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק, נאָר אַ מלחמה פון דעמאָ־קראַטיע קעגן פאַשיזם. דער דאָזיקער סענטימענט האָט זיך אָנגעצונדן. מען וויל גיין פאַרטיידיקן פראַנקרייך קעגן דעם דריטן רייך.

דער קורס קעגן אויסלענדער ענדערט זיך. מען דערמאָנט אַלץ אָפטער און אָפטער וועגן... נאַטוראַליזירן אָט די אויסלענדער. פראַנק־רייך דאַרף נייע מענטשן און פריש בלוט. דער שונא פון יענער זייט וואַקסט אויך קוואַנטיטאַטיוו.

דערווייל גרייט מען זיך אין פראַנקרייך צו דער אייגענער, היי־מישער שלאַכט: די וואַלן. די ראַטיפיקאַציע פון פראַנצויזיש-סאָוועט־ישן פאַקט וועט ערשט דאַרפן פאַרקומען אין וואַל-טאָג. די פאַשיסטן און זייערע אָנהענגער פירן שוין ביי דער וואַל-קאַמפּאַניע אַ ווילדע העצע קעגן דעם אָפּמאַך. די וועגט זענען באַלייגט מיט זייערע וואַל־

פלאַקאַטן אין דער פאָרם פון געמעלן און צייכענונגען. זיי רעדן דער־ווייל צום אויג פון ווײלער דורך סימבאָלישע און רעאַליסטישע גע־שטאַלטן. זייער אַגיטאַציע איז געווענדט קעגן פאָלקס־פראָנט; זיי האָבן אַ באַשטימטע אודיטאָריע און דאָס זענען די „רענטיערן", דאָס הייסט די, וואָס לעבן פון פראָצענט און טוען גאָרנישט. זיי זענען תמיד די שרעקעוודיקע און ציטערן פאַר ראַדיקאַלע ענדערונגען אין דער פאָליטיק.

דער פאָלקס־פראָנט איז אָבער אַזאַ כוח, אַז דער פאַשיזם וועט אים נישט קאָנען איינבייסן. דערפאַר אפשר זעט מען נישט קיין־גרויסע אַגיטאַציע פון פאָלקס־פראָנט פאַר די וואַלן. זיי זענען איצק־טער פולשטענדיק זיכער מיט אַ זיג. דער צאָרן פון פראַנצויזישן פאָלק איז אויך קעגן די פראַנצויזישע סימפּאַטיקער פון היטלעריזם—די די לאַ ראָקס חברה—די פראַנצויזישע פאַשיסטן.

■■■■

די שטאָט מעץ

ביי דער גרענעץ צווישן דעם נייעם און אַלט־נייעם שטאָט־טייל שטייט אַ טריומף־טויער, ווי אַן אַריינגאַנג צו אַ ציטאַדעל. אויפן דאַך פון טויער — אַ דיקע שיכט ערד און גראָז, עטלעכע אויפשריפטן גיבן איבער די מלחמה־געשיכטע פון דער שטאָט מעץ, פון איר אי־בערגיין פון האַנט צו האַנט. צוויי גראַוויורן מיט כמעט אָפּגעבלייכטן גאָלד, דערציילן: דורך דעם טויער זענען די דייטשע חיילות אַריינגע־דרונגען אין מעץ און געהאַלטן קנאַפּע כּופציק יאָר דאָס פאָלק פון לאָטאַרינגען אונטער פאַרשקלאַפונג.

און

...אין טויזנט ניין הונדערט אַכצן איז דורך דעם זעלבן טויער אַריין קיין מעץ דאָס פראַנצויזישע מיליטער און באַפרייט די שטאָט פון דייטשן באַרבאַריזם.

שוין באַלד אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר, ווי מעץ איז „באַ־פרייט" פון דייטשישן יאָך, נאָר איך האָב אומזיסט געזוכט די באַ־פרייונג פון דייטשישן איינפלוס, קולטור, שפּראַך און פאָרם.

לאָטאַרינגען איז אין תוך געבליבן אַ דייטשע פּראָווינץ אונטער דער פּ־אַנצויזישער פאָן.

זינט דעם סוף פון נײַנטן יאָרהונדערט, קנאַפּע טויזנט יאָר, האָט פראַנקרייך נישט געקאָנט מאַכן פון לאָטאַרינגען דאָס, וואָס דייטשלאַנד האָט געמאַכט אין משך פון קנאַפּע פופציק יאָר.

איינגעפלאַנצט און איינגעוואָרצלט. דאָס טאָלערירן די לאָטאַרינגישע שפּראַך, דהיינו, אַ דייטשישן דיאַלעקט, באַווייזט נאָר ווי אומנייטיק און אומנוצלעך עס איז צו קעמפן קעגן דער איינגעגעסענער קולטור פון מזרח־שכן — דייטשלאַנד, דעם געוועזענעם אָקופּאַנט פון לאָטאַרינגען.

אַ נייער דור איז אויפגעצויגן געוואָרן און געבוירן געוואָרן נאָכן אָפּנעמען די פּראָווינץ פון די דייטשן. אַ דור, וואָס ווייסט נישט און געדענקט נישט די פריערדיקע מאַכט. אַ דור, וואָס לערנט אין די פאָלקס־שולן נאָר פראַנצויזיש און דאָך איז אים נע נטער און איינגענער די קולטור און שפּראַך פון יענעם לאַנד, וואָס ליגט איבער דער גרענעץ.

אין דער היים, אין גאַס, אין געזעלשאַפט רעדט מען דעם לאָטאַרינגישן דייטש. טעאַטער און צייטונגען — דייטש.

אין געשעפט, אין פאַבריק, אין קלוב, אין קאַפע און אין מלוכה־אַמט — דייטש.

דאָס ווערט אויסגעטייטשט אַלס טאָלעראַנץ פון פראַנקרייך. זי צווינגט נישט אַרויף אויף איר'ס אַ פּראָווינץ איר שפּראַך און קולטור־כאָטש זי באַמיט זיך כסדר אָפּצווישן און אָפּצושאַרן יעדן זכר פון דער דייטשער הערשאַפט. די שטאָט־פּאַרקן און פּלאַצעס זענען אָפּגעליידיקט פון די מאָנומענטן, פיגורן און סימבאָלן, וואָס די פריערדיקע מאַכט־האָבער האָבן אַוועקגעשטעלט אַלס אָנדעק פאַר זייערע גרויסע מלוכה־מענער, אַרמיי־פירער, זיגער און דיכטער; די שול, די פאָלקס־שול איז דער וואַרשטאַט, וואָס דאַרף איבערקנעטן דעם לאָטאַרינגישן מענטש, דעם נייעם דור און אים באַהעפטן צו דער גרויסער פראַנצויזישער קולטור, שפּראַך און פאַרשמעלצן אין איין נאַציע.

נאָר דערווייל גייט זיך דאָס לעבן זיין וועג. פראַנצויזיש איז אפשר דער בעסערער טאָן פון דער יוגנט, נאָר דייטש־לאָטאַרינגיש איז דאָס היימישע, זאַפטיקע ברויט, וואָס די גאַנצע באַפעלקערונג קייט געשמאַק און אַפּעטיטלעך.

לויט דעם שם, וואָס מען האָט, און לויט די אומאויפהערלעכע וווּנ-דערבאַרע מעשיות, וואָס די שטאָט מען האָט געשפּונען, האָט זיך די שטאָט געצוונדן אין דער פאַנטאַזיע מיט וווּנדערבאַרע פארבן. אָט גע-דענק איך, ווי מען האָט דערציילט וועגן דער שנאה פון לאָטאַרינ-גישן מענטש צו דייטשלאַנד, ווי זי איז געווען גרויס און פארבי-טערט. איידער אַ פאָטער איז געשטאָרבן, האָט ער די פיינטשאַפט צום דייטש אַריינגעקריצט אין זיין קינדס נשמה. אויפן טויטן-בעט האָט געשוווירן ווייטער צו לויערן מיט נעגל פון נקמה, און ער, דער זון, זאָל עס איבערגעבן צו זיין זונס זון און אַזוי כסדר, זאָל עס איבערגיין פון איין דור צום אַנדערן כסדר, אָן אָפּשטעל.

אין דער געשיכטע בכלל און אין דער יידישער געשיכטע בפרט, פאַרנעמט די שטאָט מעץ אַ וויכטיק און אָנגעזען אָרט.

אָט זעט זיך מעץ אין די העלע טעג פון יידישן אויפלעב. די חכמי פּרובנסיה, די גרויסע ישיבות רש"י, פון דאַנעט אַרויס האָט געשמט דער מאור הגולה און יונתן אייבעשיץ האָט דאָ זיינע ספרים מחבר געווען.

און דאָ קומען די בלוטיקע בלעטלעך פון דער יידישער גע-שיכטע. דער מאָזעל-טייך רויטלט זיך מיט יידיש-בלוט, אויטאָ-דאַ-פעס, שייטערהויפנס, פייניקונגען, גזירות און בילבולים, יידנגאַסן, פייער, טויט, פאַרניכטונג.

מעץ — די פעסטונג פון יידישן גייסט.
מעץ — די שחיטה-שטאָט פון יידישן גוף.
און מעץ — דער היינטיקער יידישער ישוב!

איך ריכט זיך צו טרעפן אַן אַלטע, איינגעהויקערטע שטאָט-ענגע געסלעך און פינצטערע דורכגענג.

איך פאָר אין מעץ איבער דער מאַפּע פון געשיכטע.

נאָך אַן איבעראַשונג:

אַ וואָקזאַל — דער מאָדערנסטער, וואָס כ'האָב ביז איצט גע-זען אין פראַנקרייך. עלעגאַנט און ניי. מאַסיוו און מיט לוקסוס. פון איין פּאַווילאָן אין צווייטן — אַ קאָרידאָר מיט פּרעכטיקע אויסשטעל-פענסטער פון גרויסע געשעפטס-הייזער, אין ביידע זייטן. דער סופיט פון גלאָז, געשליפענע שויבן ווי בורשטין וואַרפן אַראָפּ צו די ווענט און דיל אַן אָפּשיין פון אַ גרויסן, גאָלדענעם רעפלעקטאָר.

אין דרויסן, פאַרן וואָקזאַל—אַ פּלאַזע, געבויט לויט אַ דייטשע פּינקטלעכקייט-קאָנסטרוקציע. אַ טעראַסע מיט בלומען-בייטן. ס'איז האַרבסט, נאָר די גרינקייט פון גלייך אַרומגעשניטענעם גראָז און די רויטקייט פון פלאַנמעסיק-וואַקסנדיקע רויזן קוועלן אויף דאָס אויג. אַ לאַנגע שורה עלעגאַנטע האָטעלן. עלעקטרישע לאָמפּן אויף פייז-גראַווירטע שטאָל-שטאַנגען, ווייך-גלעטנדיקע ליכט-רעקלאַמעס אויף די דעכער גיט אַן אָנווונק פון אַ נייער, מאָדערנער שטאָט.

אַרום וואָקזאַל איז די ניי-שטאָט. אַלייען און בולוואַרן, פּאַלאַץ-ווינונגען מיט פּראָנט-שטאַכעטן, ביימער און בלומען, גראָז און מאָזאַיק-שטיינער, געפלאַסטערטער ברוק. גרויסע קאַפּעען און ביר-האַלעס מיט אַ קעסטערס, זינג- און טאַנץ-פּראָגראַמען. דאָס מין קאַפּע-לעבן איז שוין דאָ נישט אַזוי ווי אין פראַנקרייך. דאָס קאַפּע-הויז איז שוין דאָ אַ ביר-האַלע, און די דייטשע עפּיגראַמען-אויפשריפטן וועגן דעם „גאָלדענעם געטראַנק”—ביר, שמייכלען אַראָפּ פון די ווענט.

דאָס גרויסע, אַלטע, רומ-ולע מעץ, די הויפּט-שטאָט פון לאָטאַרינגען, איז נישט מער, ווי אַ קליינע אָדער גרעסערע פּראָווינץ-שטאָט. אין צוואַנציק מינוט שפּאַנט מען אויס די לענג פון ברעג צו ברעג, די צאָל איינוווינער גרייכט ווייט נישט די הונדערט טויזנט. ס'פעלט נאָך עטלעכע צענדליק טויזנט צו דער קיילעכדיקער ציפער. דערצו איז דער לאָטאַרינגער אין קעגנזאַץ צום פראַנצויז, נישט קיין מענטש פון גאַס. די גאַסן, ווי נאָר די נאַכט פאַלט צו, ווערן אָפּגעליידיקט און אָפּגערוימט. דער נייער שטאָט-טייל אַרום וואָקזאַל איז ממש טויט. צווישן נייעם און אַלטן שטאָט-טייל, קרייזט מען דורך דעם צענטראַנדלס-גאַסן, עטלעכע ענגע גאַלאַנטע און קורצע געסלעך, און מען קומט צו צום קאַטעדראַל, וואָס רייסט זיך מיט גאווה און פאַרשייטקייט ביז צו די וואָלקנס שיער. דער קאַטעדראַל — דאָס איז אַ ריזיקער בנין, גאָטיש און פעסטאַרטיק געבויט אין מיטלאַלטער, און שטייט מיט פעסטקייט און חשיבות, ווי אַ ריזיקער געמאַך ביזן היינטיקן טאָג.

דאָס אַלטע ראָטהויז — דער „שטאָט-האָטעל” איז אויסנווייניק—כמעט אַן אַלטע חורבה. ס'דוכט זיך, אַז ווען דער ווינט זאָל זיך צעשפּילן מיט די פענסטער, וועט זיך באַלד הערן אַ געקלאַנג פון שויבן און דונערן פון די דעכער. נישט ווייט פון דאָרט שטייט דאָס שטאָ-

טישע טעאַטער נאָך פון די רוימישע צייטן אָן. דער פּלאַץ אַרום איז גרוי און אַלט — אַ פאַרשטאַט צום מיטלאַלטער.

און פון דאָרט, לינקס, הויבט זיך אָן אַלט־מעץ, דאָס מעץ פון געשיכטע, דאָס מעץ פון הערצאָגס־קרייץ־צוגן, געטאָס, ישיבות, מאָנאַסטירן, שוין־פעסטונגען, די קוואַרטאַלן פון נייעם ישוב, קאַזאַרמעס, שולן, הקדש און—געסלעך פון „רויטן ליכט״.

דאָס לעצטע איז דער גרויסער חוזק־שפּיי אויף דעם בלעטל געשיכטע פון פאַרהערלעכטן יידישן מעץ.

לענגאויס דעם טייך ציט זיך אַ שורה האַלב־איינגעפאַלענע שטיבלעך, געהויקערט און געבויגן. אָפּגעשיילטע שטיקער מויער פאַלן ביי די שוועלן. אָפּגעריסענע שטיקער דאַך האָט ערגעץ דער ווינט אַוועקגעטראָגן. קליינע פענסטערלעך, פאַרהאַמערטע לאָדנס און פאַרשלאָגענע טירן.

דאָס זענען געווען די ישיבות פון רש״י און ר׳ יונתן אייבעשיץ. די בני פּרובנסיה האָבן פון דאָרטן זייער חכמה פאַר דער וועלט אַרויסגעקלונגען. יונגעלייט פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד און צומאָל פון פוילן זענען דאָ טאָג און נאַכט געזעסן, געלערנט און געשליפן די מוחות... און היינט? —

— היינט זענען די דאָזיקע ישיבות, בתי־מדרשים פּשוטע שאַנדהייזער. נישט אַלע אויפשריפטן פון אַמאָל זענען שוין אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן. ערגעץ אונטער אַ טרעפּל, לעבן אַן אויוון, איבער אַ טיר רייסט זיך נאָך אַדורך דורך דעם כּסדרדיקן קאַלך, קרייד און פאַרב, וואָס ווערט אַרויפגעלייגט אויף די ווענט — אַ געכּתיבהטער פּסוק, וואָס וועלכער ישיבה־בחור, רש״יס אַ תּלמיד, האָט אויסגעקריצט. אויף די טירן געפינען זיך נאָך איינקריצונגען פון מזוזות, אויף די ביישטידלעך און אויף אַנדערע — טאַקע די מזוזות גופא...

בייטאָג איז שטיל און לײדיק אין „רש״יס געסלעך״, אין די „הייזלעך״. פאָלקס־פרויען וואַשן דאָרט, ביי דעם דורכלויפנדיקן טייך זייער וועש. אַרום און אַרום ווימלט דאָס יידישע לעבן. די בערך טויזנט יידישע משפחות, וואָס וווינען איצט אין מעץ, געקומען אין מלחמה־צייט פון פוילן און ליטע, רוסלאַנד און רומעניע, פירן דאָ זייער מסחר. קלייטן נאָך קלייטן. קליינע און קלענערע. אפילו די, וואָס דער פאַרטאָג טרייבט אַרויס אין די געגנטן פון שטאָט מיט הויזירערײ־פּעקלעך אויף די פּלייצעס, קלאַפּן איבער לאָטאַרינגישע

טירן און פאַרלייגן די סחורות, — די הויפּט-פּרנסה פון דער יידישער אימיגראַציע דאָרט, ברענגט זיי דער פאַרנאַכט צוריק אין שטאָט אַריין, אין נייעם געטאָ, אויף דער אַרסענאַל-גאַס צוריק, און פאַרענדיקן זייער טאָג אין קהלשע קהלן זיך, אין געזעלשאַפטלעכקייט, אין בויען זייער היימיש לעבן אין נייעם גלות. און אַלץ ווערט געטון אין יידיש-„דייטש", אין אַ צעקאַליעטשעטן ספּעציעל לאָטאַרינגישן דייטש-„יידיש", וואָס די יידישע אימיגראַציע באַמיט זיך אַזוי צו „טון שפּרעכן". יידן פון דער היים מיט דער פולער זאַפטיקייט און פאָלקסטימלעכקייט אין פּשוטן לשון, ווילן זיך דאָ „אויסמענטשלען", און עס גרילצט אין די אויערן...

אָבער ווי נאָר דער אָוונט פאַלט צו, דעמאָלט ווען אין נייעם שטאָט-טייל ליידיקן זיך אָפּ די גאַסן, ווערט דאָ, אין געטאָ, „היימלעך". די רויטע פאָנאַרן צינדן זיך אָן. גרויסע ציפערן אויף די ישיבה-הייזער לייכטן-אויף און לאָקן די פאַרבייגייער. די פאַרפרענטעוועטע טירן ווערן אויפגעפראַלט און די לאָדנס געעפנט.

באַלד באַווייזן זיך שטאַרק-געפאַרבטע פנימער פון די „מיידלעך" ביי די שוועלן. דאָס געסל ווערט באַלעבט. גרימפלדיקע טענער באַמבלען אַרויס פון די ביליקע קאַפע-שטיבלעך, וואָס געפינען זיך דאָרט אין שכינות. אַ שטיק קאַזאַרמע שאַרט זיך אַריבער. דאָס הפקרדיקע נאַכט-לעבן שוימט אויף און האַלט אַזוי אָן ביז פאַרטאָג.

די ישיבות האָבן געביטן דעם כאַראַקטער. פון לויטערער קדושה ביז צו דער אומריינסטער טומאה. די „הייזלעך" זענען דאָס אייגנטום פון דער שטאָט. זיי האַלטן אויף דעם מוט פון די קאָשאַרן.

דאָס יידישע געטאָ איז נישט ווייט אַוועקגעגאַנגען פון דעם אַמאָליקן געטאָ. אַלע קהלישע אינסטיטוציעס, דערונטער די סינאַגאָגע פון די „פראַנצויזישע" יידן, די „פוילישע" שול אַלץ ציט זיך אין שכינות, אין גלייכן פאַראַלעל מיט די אַמאָליקע ישיבה-הייזער און היינט הפקר-שטיבלעך.

ווי אין אַ לאַבירינט פון פינסטערע, פייכטע קאָרידאָר-היילן, שפּאַן איך איבער דעם אַמאָליקן געטאָ, וואָס טראָגט נאָך היינט דעם נאָמען „יודענגאַסע". יעדעס אַלט הויז דאָ, וואָס איז ווי אין פעלז אויסגעהאַקט, דערציילט פון יענע גהינמדיקע טעג. די יודענגאַס, דאָס איז שוין די שפּעטערדיקע עפּאָכע, ווען דער קאַטאָליציזם האָט זיך

דאָ געשאַפן פעסטונגען און פּאָזיציעס. יעדעס הויז וואָס איז דאָ גע־בויט געוואָרן, איז נישט געווען בלויז אַ דאַך איבערן קאָפּ, נאָר אַ שוץ־וואַנט פאַרן שונא, וואָס האָט דאָ אין שכינות געבויט די פעס־טונג־שווערע קלויסטער־ווענט, און פון דאַנען געשפּרייט מאַכט, מאַכט און טויט, הערשאַפט און אימה. די קלויסטער־ווענט, די אומהיימלעך־גרויע דיקע מויערן, די קאַפּליצעס און גאָטיש־שפּיציקע פענסטער, שטייען נאָך היינט, ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק, געקרוינט אין זייער ממשלה. זיי האָבן זייער השפעה אַריבערגעטראָגן איצט אויף דער פּאָליטיק. אין גאַנץ פראַנקרייך איז די קירכע אָפּגעטיילט פון דער מלוכה, אין לאָטאַרינגען—נישט. די קירכע הערשט. זי פאַרצערט אַ גרויסן טייל פון מלוכה־בודזשעט. דער גלח האָט די דעה, דער קלער האָט דאָס וואָרט. און פראַנקרייך קאָן זיך נישט קעגנשטעלן.

דאָס אַלטע יידישע געטאָ אָבער, די יודענגאַס, איז פאַרלאָזן און אויסגעליידיקט. אַ פייכטקייט, ווי אין אַ טאָל, רינט פון די ווענט. דאָס האָב־און־גוטס פון די הייזער געפינט זיך דאָרט, אין דער גאַס פון הייליקן קרייץ. שווערע לופט, די שאָטנס פון יידישע קדושים ציען זיך אויף דעם באַרג אַרויף. עס דוכט זיך, אַז דער קרעכץ פון די קדושים אונטער די פלאַמען פון שייטערהויפנס, דאָס חברותהדיקע באַגייסטערטע געזאַנג פון די בחורים אין רש״יס ישיבות, ווערט פאַר־גאָסן און פאַרלאָשן פון דעם דזשאַז־גרימפל און וווּלגאַרע וואָדעוויל־לידלעך, פון שיכּורותדיקן געלעכטער פון זונות און סאָלדאַטן.

■■■■

שטראַסבורג

שטראַסבורג — די מעטראָפּאָליע פון מזרח־פראַנקרייך, די הויפּט־שטאָט פון עלזאַס!

זי טראָגט אין זיך דעם רויש פון אַ גרויסשטאָט, גרייסט זיך און שטאָלצירט מיט איר יחוס.

דער ערשטער איינדרוק שניידט זיך איין אין זכרון. אומזיסט זוכט מען אַן ענלעכקייט צו אַנדערע פראַנצויזישע שטעט. דאָ ווערט מען עס נישט געפינען.

שטראַסבורג איז אַלט, נאָר קיין שום אַלטע שטאָט האָט נישט

אזוי צוגעשמידט מיין אויג צו זיך, ווי שטראַסבורג. עפּעס אַזאַ מין גלעטנדיקע, אַזוי פיל ווייכקייט און פאַרביקייט, סטיל און כאַראַקטער ווי שטראַסבורג האָט, האָבן ווינציק שטעט אין דער וועלט.

שטראַסבורג איז ניי! יונג און פריש, ממש ווי אַן אויפגעקומענע אַמעריקאַנער שטאָט. די נייע שטאָט-טיילן האָבן זיך אויסגעברייטערט, זיך אַרויסגערוקט פון צענטער און געשאַפן צענטער פאַר זיך. אַרויסגערוקט, אָבער זיך נישט אָפּגעטיילט, זיך צונויפגעגאָסן און באַהאָפטן מיט דער „אַלטער שטאָט", עפּעס אין אַ שטאַרקער האַרמאָניע זיך צונויפגעבונדן. די ברייטע, ליכטיקע, מאָדערנע טעראַסעס און בולוואַרן, מיט אַלטע, ענגע האַנדלס-גאַסן אין זייער שפּיציקן גאָטישן סטיל.

איך שפּאַציר איבער שטראַסבורג. מיינע בליקן לויפן, ווי איבער אַן אינטערעסאַנט, גאָר אינטערעסאַנט פאַנטאַסטיש מעשהלע.

איך וויל נישט זיין קיין אויסנאַם. איך גיי זען „דאָס וווּנדער פון אַרכיטעקטור", אַהין, וווהין עס ציען טויזנטער טוריסטן יאָר-יערלעך פון אַלע וועלט-טיילן — דעם מ י נ ס ט ע ר, די וועלט-באַרימטע קאַטעדראַלע. איר געביי רייסט אויף די אויגן. פון דער שטאָט און אויף מיילן ווייט אַרום גרייסט זיך אַרויס איר טורעם, שפּיזלט מיט איר גאָטישן שפּיץ אין די וואָלקנס אַריין, דערציילט פון אַן אומגעהויערער מאַכט, פון וועלט-הערשאַפט, וואָס שפּרייט זיך פון וואַטיקאַן. יעדער קלונג פון דעם ריזיקן מעכאַניזם — די גלאָקן-שטובן, זאָגט אָן איר מאַכט איר ממשלה איבער מיליאָנען.

אין פאַרגלייך מיטן מינסטער, איז די נאָטרדאַם-קאַטעדראַל אין פּאַריז באמת אַ „מפּיל-קינד". מען קאָן נישט אָפּרייסן די אויגן פון אַזאַ געמאַך, פון אַזויפיל מי און קונסט, וואָס איז אין יעדן שטיין אַריינגעלייגט. די אויסקריצונגען און מאַרמאָר-קריצערייען—וויפל אויסדויער, וויפל לעבנס דאָס האָט פאַרצערט! דער טורעם דערמאָנט גאַנץ אָפט אַ ריזיקן בנין אין אַמעריקע. מען טראַכט: אין יענע צייטן, אין מיטלאַלטער, ווען קיין ספּעציעלע טעכנישע מאַשינען זענען נישט געווען, און יעדע אַרבעט איז געווען פון אַ פּרימיטיוון אַרט אויספירן, וויפל קרבנות האָט מע געדאַרפט, כּדי צו דערגרייכן אַזעלכע הויכע, משופּעדיקע שפּיצן!

פאַרשטייט זיך, אַז אונטן אין די קעלערן, אָדער אַרום דער קאַטעדראַל, רוען די ביינער פון די גרויסע פאַסטעכער, וואָס האָבן

געהייסן די קירכע בויען מיט אַזאַ פּאַרנעם, מיט אַזאַ מאַסיווקייט און פעסטקייט. ברייט און הויך, שטאַרק און פעסט, אַ קירכע און אַ פעסטונג; און די צענדליקער פשוטע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געריסן צו די שפּיצן מיט קוואַדראַט-שטיינער צוגעבונדן צו זייערע פּלייצעס און זענען אַראָפּגעפאַלן, אומגעקומען, וועגן זיי שווייגט דער הייליקער פסוק. זייערע נעמען ווערן נישט דערמאָנט אין די געשיכטע-ביכער פון דעם שטראַסבורגער מינסטער.

דאָס פאָלק וויל האָבן, אַז די קאַטעדראַל שטייט אויף... וואַסער. דער ריזיקער בנין, וואָס פאַרנעמט מיט זיינע פליגל-בנינים גאַנצע גאַסן, שטייט גאָר אויף פשוטע שיפן, שווימענדיקע פונדאַמענטן.

נאָר דאָס געהערט מסתמא צו אַ סך איינרעדענישן און צו די מעשיות, וואָס מען דערציילט וועגן דעם קאָלאָסאַלן ווערק — די קירכע-געביידע.

נאָך אַ מעשה דערציילט מען, און דאָס, קאָן זיין, שטימט שוין מיטן א ת.

אין דעם מינסטער געפינט זיך אַ זייגער, אַ גרויסער ריזיקער זייגער. דער זייגער איז באַרימט אויף דער גאַנצער וועלט און טוריסטן קומען פון וועלט-ווייט דעם זייגער אָנצוקוקן. דאָס איז אַ קאָלאָסאַלער וווּנדער פון דער פּרימיטיווער טעכניק און איז פאַרהילט אין גרויסע סודות. דער זייגער אַליין איז גרויס ווי אַ הויז. ער „גייט" נישט-אָנגעצויגן, פון זיך אַליין, פון אייגענעם מעכאַניזם. און געוויזן ווערט נישט בלויז די שעה, מינוט און סעקונדע, נאָר דער טאָג, די וואָך, דער חודש און יאָר. און אַלע פּלאַנעטן, וואָס דרייען זיך אַרום דער ערד אין באַשטימטן טאָג און שעה. דער זייגער איז אַ גאַנצע אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריע. און דאַן קומט דאָס שפּיעלעוודיקע: צוועלף אַזייגער בייטאָג און צוועלף ביינאַכט פאַרוואַנדלט זיך דער זייגער אין אַ קאָלאָסאַלן ספּעקטאַקל. ווי נאָר ביידע ווייזערס טרעפן זיך צונויף ביי דעם ציפער „12", עפענען זיך אויף די טירן און טויערן. גלאָקן קלינגען, טראָמפּייטן שאַלן, און עס באַווייזט זיך אַ פּראָצעסיע פון... פיגורן, אַ הייליקע פּראָצעסיע, ווי עס איז פאָרגעשריבן אין די הייליקע ביכער. אַלע באַקאַנטע געשטאַלטן פון דער הייליקער משפחה מאַרשירן אַזוי איבער אַ פּלאַטפאָרמע פון זייגער.

ווי אַזוי דאָס באַוועגט זיך און ווי אַזוי צו דער אויסערגעוויינלעכער פּינקטלעכער אויסרעכענונג,—איז אַ סוד פון מייסטער, וואָס האָט דעם זייגער געמאַכט. נאָר אין פאָלק דערציילט מען, אַז מען האָט דעם גרויסן קינסטלער אָפּגעהאַקט די רעכטע האַנט, כּ י ער זאָל נאָך אַזאַ ווערק פאַר אַן אַנדער מאַכט, פאַר אַן אַנדער הערשאַפט — נישט מאַכן.

דער דאָזיקער זייגער האָט שוין גאַנץ געלונגענע קאָפּיעס. אין אַ שוי-פענצטער, אַרום דער קאַטעדראַל, געפינט זיך אַ קאָפּיע פון דעם זייגער מיט אַלע שפּילערייען. מען פאַרשפּאָרט צו פאַררייסן די קעפּ צום שפּיץ פון דער קירכע, אָדער אַריינגיין אינעווייניק, כּדי צו זען דעם ספּעקטאַקל, מען קאָן עס דאָ, אויף דער גאַס, בעסער זען, און יענעם מייסטער-זייגערמאַכער האָט מען אומזיסט די האַנט אַראָפּגעשניטן.

דאָס „קליינע פראַנקרייך” איז אַ נאָמען פון אַ געסל, אָדער פון אַ בינטל שמאָלע געסלעך אין סאַמע האַרץ פון דער אַלטער שטאָט.

דאָס איז איינע פון די מערקווירדיקסטע גאַסן אין דעם אייגנאַרטיקן בוי, קאָנסטרוקציע און סטיל.

אין מיטן, צווישן צוויי רייען הייזער, וואָס זעען אויס ווי געמאַכט פון בלויז דעכער און מיט לייסטלעך אויסגעקעסטלט די ווענט, לויפט אַ טייך, אַן אָדער פון ריין, וואָס זעט אויס ווי אַ גאָנדאָלע אין ווענעציע. די פינקלדיקע פייערלעך פאַלן פון די קליינע פירעקיקע פענסטערלעך אויף די צעבלעזלטע קליינע כוואַליעס. אין די געסלעך געפינען זיך די ספּעציעלע „שטימונגס-רעסטאָראַנען” פאַר אויסלענדישע געסט. די פאַרבאָטענע פאַרוויילונגס-שטיבלעך און לוסטיקע הייזלעך.

און ווייטער ציט זיך דער פּלאַץ, דער שטאָלץ פון שטראַסבורג און דאָס ליכט פון דער וועלטלעכער ציוויליזאַציע,—דער גוטענבערגדענקמאָל. שטראַסבורג איז שטאָלץ מיט זיין לאַנדסמאַן, דעם דערפינדער פון דרוק-קונסט.

אַ גאָר אימפּאָזאַנטן איינדרוק מאַכט דער פּלאַץ, ווו עס געפינט זיך דער אוניווערסיטעט, די מלוכהשע אינסטיטוציעס און דער פּאַלאַץ פון געוועזענעם קייזער ווילהעלם.

ווילהעלם האָט זיך באַזונדער געלאָזט ווילגיין אין דער שטאָט-

שטראַסבורג איז געווען פאַר אים דאָס ליבלינג. גאַנץ אָפט האָט ער „אַראָפּגעגנידערט" פון זײַן טראָן־שטאָט, און אַהערגעקומען דאָ, אין עלזאַס, ביסמאַרקס דעראָבערונג, און געשעפּט נחת. דער ספּעציעל־אויפגעבויטער פּאַלאַץ איז אַ שטיק פּאָעזיע אין דער בוי־קונסט.

און איצט שטייט דעם קייזערס פּאַלאַץ געשלאָסן. דאָרט ווערן נאָר אײַנגעאָרדנט די ספּעציעלע פראַנצויזישע פײַערלעכקייטן. מען קאָן נישט וויסן, צי דער עלזאַסער גופא איז צופרידן מיט דעם אי־בערבײַט. קאָן זײַן, אַז אין די קנאַפּע פופציק יאָר אונטער דער דײַטשער הערשאַפט האָט ער אַ סך זאַכן זיך אויסגעלערנט צו טראַכטן לויט אַ באַשטעלונג פון אַנדערע. פאַר אים איז עס נאָך דאָס דײַטשלאַנד פון אַמאָל, מיט אַ קייזער — אַ מאָנאַרכיע.

און די אײַנוווינער פון יענער זײַט, פון איבערן רײַן, די אײַנוווינער פון איבער דער גרענעץ, פון דער דײַטשער טעריטאָריע, קוקן מיט פאַרביסענע ציין אויף זײער שטראַסבורג. זײ זעען ווי אַ שטאָט איז צעבליט געוואָרן און איז נישט זײַער. דעם קייזער האָבן זײ נישט מער, נאָר דער וואָלפישער אַפּעטיט פאַר נאָך און נאָך שטחים לאַנד— דאָס איז פאַרבליבן.

די סעפּאַראַטיסטישע באַוועגונג אין שטראַסבורג, אַלס אויסדרוק פון גאַנץ עלזאַס, איז גרויס, ס'איז אפשר אַ ווונק פון דאָרטן, פון יענער זײַט רײַן. אַ באַזונדערע מלוכה וועט גיכער גרינג זײַן אײַנצו־שלינגען אין דער נאָענטסטער מלחמה. פראַנקרײַך האָט דאָרטן אַ גלײַכ־געוויכט. זי שטעלט זיך נישט קעגן דער באַוועגונג. מסתמא, אַז עס וועט אַריבערגיין פון רייד צו מעשים, וועט זי וויסן, וואָס צו טון. דערווײַל וואַרפט זי נישט אָן מיט געוואַלד איר אײַנפלוס און איר קולטור. די באַפעלקערונג לעבט זיך נאַטירלעך אויס אויף איר שפּראַך און קולטור. די לאָקאַלע מלוכה־באַאַמטע רעדן עלזאַסיש דײַטש. די דײַטשע צײַטונגען האָבן קאָלאָסאַלע צירקולאַציע. נאָר די יוגנט...

די יוגנט — איז דאָס פּראָבלעם פון די עלזאַסער נאַציאָנאַליסטן. דוכט זיך, אַז פראַנקרײַך גיט פולשטענדיקע נאַציאָנאַלע קולטורעלע אויטאָנאָמיע, נישט נאָר, וואָס זי שטערט נישט די אַנטוויקלונג, נאָר העלפט נאָך אונטער און שטיצט די באַוועגונג. און דאָך, די יוגנט איז געניגט צו פראַנקרײַך. דורך די שטרענגע פאַרמאַכטע שפּאַרעס

האָט זיך דאָס לייכטע, שפּילעוודיקע פּאַריזער לעבן אַריינגעגאָסן, האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם פון יונגוואַרג. פראַנקרייך! פּאַריז! אַ וועלט וויגט זיך אין דעם פּאַלאַן-טאַנץ. די סענטימענטאַלע לידלעך און דאָס שוימענדיקע לעבן האָט זיך אַהערגעגאָסן.

זאָלן די אַלטע לייט לעבן מיט זייערע חלומות פון אומאָפּהענגיקייט. די יוגנט וויל נישט קיין סעפּאַראַטישקייט. זי וויל זיין אַ טייל פון גרויסן פראַנקרייך. דאָס וואָרט פּאַריז צינדט אין זייער פאַנטאַזיע די רייצנדיקסטע ליכט!

און איצט, אַ שפּאַציר אין מיין שטראַסבורג, אין יידישן געטאָ פון איצט און אַמאָל. דער איצט, ווי אומעטום — אַן אַנגעלויף פון די מזרח-אייראָפּעישע לענדער. די גויט האָט פון די היימען אַרויסגעטריבן.

דאָס היינטיקע יידישע לעבן אין שטראַסבורג שיידט זיך גאַטירלעך אונטער גאַנץ שטאַרק פון דעם אַמאָליקן. שטראַסבורג פאַרנעמט עטלעכע בלוטיקע קאַפּיטלעך אין דער יידישער געשיכטע. דאָ שטייט נאָך די בראַנד-גאַס, וווּ עס זענען מחנותווייז אַנגעטריבן געוואָרן יידן און מען האָט זיי לעבעדיקערהייט פאַרברענט.

איצט איז עס אַנדערש. יידן טראָגן דעם שווערן עול פון טאָגטעגלעכע דאגות. דאגות וועגן ברויט און אַ דאַך איבערן קאָפּ. אַהער איז מען געלאָפן בשעת דער מלחמה, און נאָך מער — נאָך דער מלחמה. יידן פון פוילן און גאַליציע האָבן שטראַסבורג פאַר זייער נייעם מקום-מנוחה געמאַכט. קיין סטאַבילקייט איז צווישן זייערע רייען נישטאָ. אין דער גרויסער אינדוסטריע זענען זיי נישט באַטייליקט. קוים-קוים אין דער קליינער, אין דער היימישער וואַרשטאַטערײַ. די איבעריקע האַנדלען, ווער עס האָט אַ קראָם און קוקט זיך די אויגן אויס נאָך לייזונג, אַ פדיון, און ווער עס נעמט דעם זאַק און פּאַק אויף די פּלייצעס, און מיטן מאָרגנשטערן צוגלייך, לאָזט מען זיך אַרויס איבער שטעטלעך און דערפלעך, איבער מערק און יאַרידן, און מ׳קוקט זיך די אויגן אויס.

און דער פּאַרנאַכט ברענגט זיי צוריק, ברענגט זיי צוריק צו זייערע שטיבער און הויזגעזינדן, און איינמאָל אין דער וואָך — צו געזעלשאַפטלעכן צונויפלעב.

עטלעכע געמיינשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און — אַ קולטור־פאַריין. צוויי קליינע ווייסע חדרימלעך. ליכטיק־ציכטיק. העל, פריש, ניי און מיט אָן אַ שיעור באַגייסטערונג. אַ ביבליאָטעק־שענקל. אָוונטן. דיסקוסיעס. אַ ליטעראַטור־יום־טוב ביי אַ געלעגנהייט, און האָפענונגען אויף האָפענונגען.

צעקריגט אָדער צעחלוקי־דעהדיק. אַלץ איינס. עס איז דאָך דאָ אַ געמיינזאַמע סיבה פון זיין צונויפגעבונדן און צונויפגעהאָפטן. אין שטאָט לעבט אַ „שונא", — דער עלזאַסער ייד, וועלכער האַסט, וועלכער האָט פיינט דעם „אָסט־יודן" בתכלית השנאה. די עלזאַסער יאַהודים פילן זיך, ווי דאָס אויבערשטע פון שטויסל, זיי זענען דאָס פון דייטשער פאַטריאָטישקייט לייכט אַריבערגעגאַנגען צו פראַנצויזישער. די אייניקלעך פון די, וואָס זענען אויף דער גראַנד־שטראַסע פאַרברענט געוואָרן, זענען איצט די רייכסטע פון שטאָט. אַלע גרויסע געשעפטן, מאַגאַזינען זענען זייערע. זיי טראָגן אין זיך דעם סימבאָל פון גערעכטיקייט — כמעט ניינציק פראָצענט פון די ריכטער און אַדוואָקאַטן זענען זיי.

פאַר זיי, די יאַהודים, זענען די „אָסט־ברידער" דער סימבאָל פון חרפה. ביז איצט האָבן זיי נישט געהאַט צווישן זיך אַזאַ „שאַנד", זייערע גלויבנס־ברידער באַלמעלאָכעס? פעדלער? יידיש־ריידער? און טאָמער איז דאָס נאָך ווינציק, מאַכט מען אַ קולטור־צענטער, וואָס פויקט אויף אַלע טאַצן, וואָס נעמט־אויף שרייבער־געסט, וואָס שאַפט־איין יידישע ביכער? און דאָס ערגסטע נאָך, מען לאָזט וועגן דעם שרייבן אין די דייטשע צייטונגען! ווי קאָן מען עס אַזאַ „בושה" אַריבערטראָגן?

נאָר זיי אויף להכעיס פאַרגרעסערט זיך דער ישוב, פאַרטיפט זיך און פאַרגרעסערט זיך. די מזרח־אייראָפּעישע יידן, — דאָס איז אַ פשוטער אַרבעטזאַמער און פאָלקסטימלעכער עלעמענט. זיי מיט זייער געזונטן חוש פאַר געזעלשאַפטלעכקייט, מיט זייער דראַנג צו אינטענסיווער קולטור־טעטיקייט, זיי מיט זייער דורשט נאָך אַ נאַטירלעך אויסלעבן זיך אין אַן אייגענער קולטורעלער סביבה און אויך נאָך עקאָנאָמישער אָרגאַניזירטקייט, וועלן זיי נאָך דאָס „עלזאַסישע יאַהודימטום" אינגאַנצן אָפּשטויסן אָן אַ זייט.

■■■■

ניצע

דער סעזאָן אין ניצע האָט זיך שוין אָנגעהויבן. די וואָס האָבן ביי זיך, אין די קאַלטע לענדער, באַקוועמע רייכע היימען, ליכטיקע און וואַרעמע, פאַרבענקען זיך נאָך לינדע פרילינג-טעג, נאָך לויטערע בלויע הימלען, מילדע זומער-נעכט, נאָך גרינע גראָז-בעטן און פרישע בלומען-בייטן, נאָכן גלעט פון שוימיקע ים-כוואַליעס, נאָך גאָלד-זאַמדיקע פּליאַזשעס, נאָך לייכטן ספּאָרט אויף דער פרייער לופט, נאָך טעראַסע-טענץ, נאָך מאָרגן-רייט-שפּאַציר, נאָך פאַרנאַכטיקן שפּיל-שפּאַציר, נאָך בעלער און דער עיקר — נאָך דער קאַסינאָ, נאָך רולעטקע.

יאָ, דאָס לעצטע איז דער עיקר. מען האָט אַזעלכע אויסגעקוקטע נאַטור-ווינקעלעך אויף אונזער וועלט ביי דער ריווערע, דאָרט, ווו איטאַליע דערלאַנגט די האַנט צו פראַנקרייך איבער דאָס הערצאָגטום סאנאַקאָ. מאָנטע קאַרלאָ איז איבערגעגעבן פאַר די עולם-הזהניקעס. וויפל קראַנקע און האַלב-אויסגעלאָשענע וואָלטן געקאָנט געזונט געפינען אונטער די גלעטנדיקע ווינטער-שטראַלן, וואָס פלייצן מיט צעבערס גאָלד איבער ניצע און אַרום ניצע?

איצטער איז סעזאָן. עס הויבט זיך אָן נאָך ניי-יאָר, נאָכדעם, ווען אין די קאַלטע לענדער האָבן שוין די סנאָבן אַ האַלבן ווינטער אָפּגעבאַלצוועט, פאַר זיי איז גענוג זעקס וואָכן, צוויי חדשים געווינטערט. שיפן, אַעראָפּלאַנען, באַנען און אַפילו לוקסוס-אויטאָס פון דער גאַנצער וועלט קומען אַהער, צו די פּאַלאַץ-האָטעלן פון ניצע און מאָנטע-קאַרלאָ. מען האָט די האָטעלן געשייערט און גערוימט, אויסגעוואַשן דאָס ליידיקייט, וואָס איז אין זיי אַ גאַנצן זומער געשטאַנען. די האָטעל-פּאָרטיערן האָבן שוין נייע מונדירן, פרישע בלאַנקנדיקע קנעפּ, גענעראַלישע שליפּעס און שטייפע העלזער. אַלץ פאַר זיי, פאַר דער הויכגעשטעלטער הערשאַפט.

דאָ, איבער די ברייטע אַלייען, אויף דער ים-פּראָמענאַדע אין ניצע, לענגאויס די קאַסינאָס און שפּיל-טעמפּלען, זעט מען דעם אמתן אינטערנאַציאָנאַל פון קאַפּיטאַל, אַ פאַרברידערונג פון די קעשענעס. דער יאַפּאַנער מאַגנאַט, וועמענס בילד איז היינט דערשינען אין די ניצער צייטונגען, אַדאַנק דער גרויסער סומע, וואָס ער האָט געטראָפן אויפן גליקלעכן נומער „36" אין קאַסינאָ-פּאַלאַץ, פירט זיך איצט אַרום געאָרעמט מיט אַ כינעזישן דיפּלאָמאַט. און כאָטש אין לאָנדאָן אַנט-

לויפן די ענגלענדער פון די איטאַליענישע רעזידענץ-געגנטן, מחמת זיי פּאַרטראָגן נישט דעם דרום-טעמפּעראַמענט, פאַרברענגען דאָ אין די גערטנער-פּאַרקן צוזאַמען די ענגלישע מיליאָנערן מיט זייערע אַקציע-שותּפים פון די מילאַנער אויטאָמאָביל-פאַבריקן, און בעת די יוגנט פון די צוויי קעגנגעזעצטע טעמפּעראַמענטן פעלקער טאַנצן אין די באַגילדטע זאַלן, זיצן אין די נעבן-צימערן זייערע עלטערן, אויך פון פאַרשידענע פעלקער און טעמפּעראַטורן, און פירן צווישן זיך, אַזוי זיך, נישט אָפיציעל, קאָנפערענצן וועגן רעדוצירן די געהאַלטן פון די אַרבעטער אין זייערע מינעס, וועגן פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, כּדי צו ווערן קאָנקורענץ-פעיקער... און דערנאָך פירט מען שוין ווייטער צווישן זיך אַ „קאַמף”, דאָסמאָל ביי די גרינע טישן אונטער שטילער ליכט, וואָס שלאָגט אַפּער פון אונטער די מאַטע אַבאַזשורן. דאָ לויפט אַ ביינדל אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון לויף אין דעם שיסל-רעדל. דאָ שטייט אַלץ אין קאָן, אין אַ סעקונדע קאָן מען אָנווערן דאָס, וואָס הונדערטער און אפשר טויזנטער שקלאַפן האָבן מיט שוויס אָנגעהאָרעוועט חדשים!..

אין ניצע איז איצט דער סעזאָן. די אָרעמעלייט, די קרעמער און הענדלער, קוקן זיך די אויגן אויס אויף די געהויבענע געסט... זיי זענען קאַפּריזנע, די „געהויבענע” געסט: עס קאָן זיי איינפאַלן אַ משוגעת, דאָס יאָר נישט צו פאָרן, און וואָס וועט דאָס שיינע ניצע טון אָן זיי?

אָט גרייט מען קאַרנאַוואַל-פּאַראַדן, אָט בויט מען נאָך קאַסינאָס און אָט פאַרשענערט מען נאָך די פּאַרקן, די בולוואַרן, די האָטעלן. פראַנצויזישע „מאַדאַנעס” און כינעזישע „גיישעס” זענען זיך שוין אָנגעלאָפן אויף דעם „סעזאָן”. און דאָך, דאָך איז מען נישט זיכער מיט זיי, מיט די קאַפּריזנע מיליאָנערן!..

— אַמאָל, אַמאָל האָט מאָסקווע און פעטערבורג אַהער געצויגן פּאָרן ווינטער. געווען צייטן, ווען ניצע איז געווען דער געהייצטער צימער פון פּראַסטיקן ראַסיי! דער הויף אַליין האָט דאָ געהאַט אַ הויף, אַ צערקווע, ווו די צאַרן האָבן געהאַט זעונגען מיט די הייליקע גייסטער זייערע; אַ צערקווע, וואָס איז נאָך אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1865. אין 1936 שפּילט זיך נאָך די זון אויף דער באַגילדטער צערקווע, באַלאַנען און די טאָפּלטע קרייצן בלענדן מיט שטי-

קער זון אויף דעם בולוואַר די ראָמאַנאָוס. יאָ, נאָך אין יאָר 1936 טראָגט דער בולוואַר דעם נאָמען פון יענער, שוין אויף אייביק אויס־געמעקטער דינאַסטיע, די ראָמאַנאָווס.

דאָך — אויף דעם ראָמאַנאָוו־בולוואַר און אין די זייטיקע געסלעך — לעבן נאָך, ווי דער רעקוויזיט פון אַן אָפּגעשפּילטער פּיעסע, פאַרשיידענע טיטולן. כדאי אַ קוק צו טון אויף די מעשענע, אָפּגע־בלאַנקעטע שילדלעך איבער די טירן: גענעראַלן און הויפלייט, קניאַזן און גראַפן, פּרינצן און פּרינצן־קינדער, און אַלץ יחוסט זיך מיטן צאַר און אַלץ זעט זיך אין טויטן שפּיגל פון דער פאַרגאַנגענהייט, און איינער דעם אַנדערן נאַרט מיט פאַלשער חניפה. אין אַ נאַלעוקי־טאָן טוט מען זיך אָן די פאַראַד־קליידער — די גענעראַלישע שליפעס און פּרינצישע שווערדלעך. דער רוסישער צווייקעפּיקער אָדלער מיט דער צאַרישער קרוין, וואָס אַלץ צוזאַמען זעט עס אויס ווי אַ פלעדערמויז, באַקומט אַן אַנדער אויסזען, מער חשיבות. די אָפּגעמעקטע טיטולן דרייען זיך אין די גאַלאַ־מונדירן איבער דעם ראָמאַנאָוו־בולוואַר אין צערקווע־הויף, באַגריסן זיך אויפן אַמאָליקן שטייגער, הערן אויס אי־נעווייניק די תפילה פון פּאָפּ, וועלכער פאַרזעצט אַלע יאָר אַן אַנדער געשאַנק, וואָס די צאַרישע משפחה האָט אים יעדעס יאָר מיטגעבראַכט קיין ניצע, כדי ער זאָל האָבן מיט וואָס זיין „לויטערע" נשמה צו דערהאַלטן אויף דער זינדיקער וועלט...

דאָ, אין ניצע, אין דער דורכזיכטיקייט פון דער לופט, אונטער העלע, ווייסע און געגילדעטע וואָלקנדלעך, צווישן די בלומען־אַלעען און אַרקאַדיע־גאַסן, ווו דער ים רוישט און אָרקעסטערס שפּילן, צווישן לוקסוסדיקע אַפּאַרטאַמענט־הייזער און קראָם־גאַלעריען — לעבט אַ מאָדנע אַרבעטער־פאָלק; אַן אַרבעטער, וואָס איז נישט באַשעפטיקט ביי שווע־רע אינדוסטריעס, ווייל אַזעלכע זענען אין דער געגנט נישטאָ. עס איז מער אַ לומפּן־פּראָלעטאַריער, וואָס האָט נישט קיין באַשטימטע פּאָזיציע אין לעבן, וואָס זיין פאַך איז דאָס דירעקטע, אָדער אומדירעקטע, גלעטן דעם רייכן עולם־הזהניק, וועלכער קומט פון אַרבע פינות עולם, לאָקייען און שיכפּוצער, קוכער און גאַסן־רייניקער, האָטעל־באַדינער און פּעקל־טרעגער — אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער טוריסטן־סעזאָן־„אינדוסטריע". בטבע אַרבעט זיך אויס ביי אַזאַ מענטש אַ שקלאַ־

פישע פסיכאָלאָגיע, קריכערישקייט און חניפה. אַנדערש איז עס אין ניצע. ווי ווירדיק און שטאָלץ דער דאָזיקער קלאַס קוקט אויף זיך אַלס קלאַס. ווי נישטיק און קליין עס זעט אויס אין זיינע אויגן דער געלט-זאַק. וויפל סודות עס ווייסט דער האָטעל-דינער אָדער שיכפּוצער וועגן די אָנגעפּאָרענע מיליאָנערן. וואָרים ווער נאָך, ווי דער, וואָס באַדינט אים, ווייסט, ווי צעפוילט און דעגענערירט דאָס לעבן איז ביי זיי. אדרבא, זעצט זיך אַוועק מיט אַ האָטעל-דינער, ווי איך האָב עס געטון, און די נאַכט וועט אייך אַדורך איינס און צוויי אין מעשיות, וואָס ער דערציילט אייך, און פון די סודות, וואָס זענען פאַרהוילן אין די לוקסוס-אַפּאַרטאַמענטן.

און ווען איך האָב אָט די דאָזיקע לומפּן-פּראָלעטאַריער געזען אין אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דעם געאייניקטן פאָלקס-פראָנט, — וויפל חוזק עס האָט אַרויסגעלויכטן פון זייערע אויגן צו די רייכע, אינטער-נאַציאָנאַלע ראָלעטע-טוריסטן!...

דאָס לאַנד פון ווייַן, געזאַנג און הונגער

— מיר האָבן גאָרנישט. נישט קיין אייזן און נישט קיין קוילן קיין ווייַן, קיין אייל, קיין פעטראָלעום. מיר האָבן גאָרנישט...

אַט אַזוי באַקלאָגט זיך פאַר מיר מיין איטאַליענישער שכן אין באַן-וואַגאָן, פאָרנדיק פון ווענטימיזא קיין מילאַן. איך קוק אַרויס דורכן פענצטער. יאָ, איך באַשטעטיק, אַז זיי האָבן גאָרנישט. אָבער מיין בליק קאָן זיך פון פענצטער נישט אָפרייסן. אַזויפיל גאָלד איז אויף איטאַליעס טעג אויסגעגאָסן. די ריוויערע איז בלוי און זוניק. ב רג און טאָל אונטער אַ שירם פון שטראַלן. יאָ, זיי האָבן גאָרנישט: נישט קיין ברויט און נישט קיין פלייש, די איטאַליענער. זיי האָבן אָבער מאַרמאָר — און פעיקייט דעם מאַרמאָר צו באַלעבן. די שטילע ווילַיעס אין די טאָלן, באַגרינט און באַשטראַלט, לייכטן אַרויף. דאָס זענען ווילַיעס פאַר אויסלענדער, אַט פונקט ווי סאַן-רעמאָ איז אַ שטאָט פאַר אויסלענדישע מאַגנאַטן. זיי ברענגען גאָרנישט אַהער, אַ חוץ זייער געלט, און לאָזן דאָ גאָרנישט איבער, אַ חוץ זייער הוסטן. נאָר איטאַליע האָט עפּעס אַנדערש נישט, וואָס צו פאַרקויפן, חוץ זון און מילדע טעג. זי האָט עס אָבער נישט פאַר אירע אייגענע אָרעמע, נאָר בלויז פאַר פרעמדע רייכע. פאַר אָט די רייכע האָבן זיך טויזנטער מאַרמאָר-קינסטלער אַריינגעפּאַקט אין די פייכטע שאָפּעס און מיטן האַמער אויס עצויבערט אַזעלכע שטעט, ווי סאַן-רעמאָ, מילאַן, טורין, מיט די קליינע פּאַלאַצן אין די פּאַלמע-אַלעען און די רולעטקע-קאַסינאָס ביי די ים-ברעגן.

די זינגענדיקע זון פון דער זוניקער איטאַליע באַלייכט אויך די הערלעכע קונסט-מוזייען פון די... בית-עולמס. ביסט אַ טוריסט, אַ ניי-

געריקער נאָך עפּעס אייגנאַרטיקס — כאַפּ זיך אַריין קיין זשענעווע אויפן בית־עולם. עס וועט זיין מער אינטערעסאַנט אפילו, ווי דער וואונדערבאַרער אויפגעבויטער ים־וואָקזאַל, דער הערלעכער פּאַראַדיטויער פון דרום־אייראָפּע, אפילו מערקווירדיקער, ווי די נאָר וואָס אויפגעבויטע סינאַגאָגע, אויף וואָס די אָרטיקע יאַהודים האָבן אויסגעגעבן צען מיליאָן לירעס; די זעלבע, וואָס גיבן נישט קיין צעבראָכענע פּרוטה פאַר אַ פּליט, אַן אַדורכפאָרנדיקן עמיגראַנט, אָדער אַ צוריקגעשיקטן פון אַ וועלכן עס איז איינוואַנדערונגס־לאַנד. יאָ, דער זשענעווער בית־עולם איז וועלט־באַרימט און האָט עס פאַרדינט. ווער האָט עס דען אין לעבן אַמאָל געזען קאָנצענטרירט אַזוי פיל מאַרמאָר־ און בראָנז־ווערק אויף איין אָרט, ווי דאָ, אין זשענעווע? ווערק פון די באַרימטסטע און אומבאַקאַנטסטע סקולפּטאָרן. נייע קונסט און אַלטע קונסט. פיגורן, שאַבלאָנען און קאָמפּאָזיציעס אייגנאַרטיקע און מאָדערנע. מאָנומענטן, וואָס האָבן געדאַרפט באַצירן די גאַסן פון וועלט־שטעט, זענען איינגעפּאַסט געוואָרן דאָ, אין די אַלעען פון טויט.

דאָ ליגן די סנאָבן, און זייערע יורשים לאָזן אויסהאַקן פון מאַרמאָר און גראַניט זייער דאַנקבאַרקייט פאַר די איבערגעלאָזענע ירושות. פאַר יעדן מאָנומענט אויף אַ קבֿ, וואָלט מען געקאָנט אויסבויען אַ הויז מיט גרויסע לופטיקע וווינונגען פאַר דער דאַכלאָזער אָרעמקייט טאַקע דאָ גופא, אין זשענעווע, אין דער פּאָרט־געגנט. נאָר וועגן דעם טאָר מען דאָך גאָרנישט טראַכטן אפילו. דער „דוטשע", וואָס קומט אַליין פון די אַרבעטער־רייען, האָט געמיין פאַרראַטן זיין אָפּשטאַם, האָט איינגעשטעלט אַ שאַרפע מחיצה צווישן אָרעם און רייך, און אפילו צוריק איינגעפירט די פון זיך אַליין אָפּגעשאַפטע יחוס־טיטולן...

— מיר האָבן גאָרנישט אין אונזער לאַנד. נישט קיין קופּער און נישט קיין בליי, נישט קיין האָלץ און נישט קיין גאָלד — — —

מיין מיטפאָרער וויל עס פאַרענטפערן. אַ פאָלק פון 45 מיליאָן מוז דאָך עפּעס האָבן, און דערפאַר — — — ער זאָגט שוין נישט, וואָס דער „דערפאַר" איז... איך פאַרשטיי שוין אַליין... די ציווילע יונגעלייט מיט די ביקסן שטייגן דערווייל איין אין די וואַגאָנען...

פאַר די פענסטער טוישן זיך די לאַנדשאַפטן. דער זון-אונטער-גאַנג פאַרגלוטיקט די באַרג-שפּיצן. אויבן ווערט דער הימל טונקעלער און אויסגעצאַנגענער. אונטן אָבער, אין דער מערבדיקער ריוויערע, איז דער הימל נאָך אַלץ העל... אַ ליכטיקער בליק פון אַ שוואַרץ פּרויען-אויג בליצט אויף. אַט דאָס איז עס. אַזוי איז די ריוויערע. יאָ, זיי האָבן גאָרנישט. אָבער זון האָבן זיי, וואָס זינגט אַריין אין די בלוי-דורכזיכטיקע געפלען און ליכטיקע בליקן פון שוואַרצע אויגן... איך ווייס נישט, צי דאָס איז אַזוי, צי דאַכט זיך מיר אויס. נאָר וואָס נענטער מיר קומען קיין מילאַן — אַלץ העכער הער איך אַ געזאַנג. מיר דוכט, אַז די רעדער פון די וואַגאָנעס זינגען אויס אָפּערן-אַריעס... נאָר אויב נישט די רעדער, זענען עס זיכער צוויי יונגע מענטשן, אַן „ער" און אַ „זי", אין אַ ווינקל פון שמאָלן וואַ-גאָן-קאָרידאָר...

דאָס זענען די ערשטע גרוסן פון מילאַן.

— זיי האָבן גאָרנישט — — — נאָר אַ וואָקזאַל האָבן זיי אין מילאַן אויפגעבויט — איז ער איינער אין אייראָפּע, און כ'ווייס נישט, אויב נישט דער איינציקער אין דער וועלט... עס איז אַ חלום! די הערלעכע קאָמפּאָזיציע, אַרויסגעקריגן פון מאַרמאָר, איז אַ קאָנקו-רענץ צו דער גרעסטער געביי-סימפאָניע, — דעם מילאַנער דאָם.

דער מילאַנער דאָם — דאָס איז דאָס ווערק פון דורות, די מי פון יאָרהונדערטער...

דער דאָם — דאָס איז די גרעסטע געוואַגטקייט פון דער בוי-קונסט, דאָס איז — די העלדישקייט פון אומבאַקאַנטע קינסטלער. דער באַגריף „וואָלקנקראַצער" פון אודאַי שטאַמט פון מילאַנער דאָם. ווי קאָן מען דאָס אַלץ אַרומנעמען מיטן אויג? יעדער אויסשניץ, יעדער איינקריץ אין האַרטן גראַניט, איז אַ שטיק קונץ און אַ שטיק קונסט. איין פיגור צו דער צווייטער איז נישט ענלעך, איין ליניע צו דער אַנדערער איז נישט גלייך, און אַלץ שטייגט צום שפּיץ אַרויף, און אַלץ איז געהילט אין טונקעלער געדעמפּטקייט. און הויבט מען זיך אַרויף אויף די שמאָלע געדרייטע שווינדל-טרעפּ הויך און העכער, דוכט זיך, אַז די טויזנטער אָרנאַמענטן פון ווייסן מאַרמאָר צו די משופּעדיקע דעכער און דעכלעך, זענען ווי טויזנטער, טויזנטער מלאכים, מיסטישע פיגורן, וואָס זינגען-אויס אַ פאַרשטיינערט געזאַנג...

מילאַן איז דער לעבעדיקסטער נערוו פון איטאַליע, די שטאָט פון דער גרויסער אויטאָמאָביל-אינדוסטריע, די שטאָט פון דער „סקאַלאַ"-אָפּערע, די שטאָט פון... געבורט פון פאַשיזם. נישט רוים איז די מעטראָפּאָליע פון פאַשיזם, נאָר מילאַן. רוים איז דיסטאַנץ, און מילאַן איז — אָטעם, לעבן. די איטאַליענער בכלל זענען טומלדיק, נאָר די מילאַנער זענען די טומלדיקסטע. לויטן בײַשפּיל פון טורין, האָט זיך אויך מילאַן אַרונטערגענומען אונטער גלאָז, געדעקט אירע גאַסן און דעכער, און אירע פּראָמענאַדעס זענען צווישן זײַלן שפּאַצירגענג און אַרקאַדן.

מילאַן איז אַ שטאָט פון אַ מיליאָן און זי טומלט, ווי אַ פּאַריז. מילאַן, וואָס שטאָלצירט מיט איר טשענאַקאָלאַ, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, און ראַפאַעלאָ, גרויסט זיך אויך מיט... דער „געבורט פון פאַשיזם". ניין, דאָס איז נישט קיין גוזמא, נאָר אַ שטיק אמת. זיי דערציילן, אַז דער ערשטער פאַשיסטישער „מנין", מיט אים אַלס „חזן", האָט זיך געשאַפן בײַ זיי אין דער שטאָט און פון דאַנען אויס האָט מען געמאַכט דעם „מאַרש אויף רוים". זיי זענען שטאָלץ...

מילאַן רוישט, די גאַנצע שטאָט ליגט אין דרויסן. און די גאַנצע שטאָט זינגט אָפּערן-אַריעס. בײַ יעדער טיר — אַ שילדל פון אַ זינגער, אַ מאַעסטראָ, אַ „געזאַנג-לערער" און „אָפּערע-פּראָפעסאָר".

איטאַליע האָט גאָרנישט. קיין מילאַן קומען שוין מער נישט די בעלנים אויף געזאַנג, אין דער איטאַליענישער ריוויערע פעלן יענע זאַטע אויסלענדער, וואָס דער הוסט איז בײַ זיי אַן אויסרייד, צו קאָנען שפּילן אין סאַן-רעמאָ אויף רולעטקע. אַמאָל האָט איטאַליע גענומען אַ גוטן פּרײַז, ווי יעדער אַנטיק-הענדלער בײַ נישט-מבינים. די „נישט-מבינים" האָבן אָבער איצט מורא. זיי רירן זיך נישט פון אָרט. עס שמעקט דאָך מיט פּולווער. און הגם איטאַליע גופא איז ווײַט פון קריגס-פּלאַץ, איילט מען זיך נישט אַהין צו קומען.

איטאַליע האָט גאָרנישט... אָבער ווען אָנשטאָט צו בויען קריגס-וועגן אין ווײַטן מזרח-אַפריקע, אָנשטאָט צו בויען פּאַנצער-צוגן, קריגס-שיפן, באָמבע-עראָפּלאַנען, אָנשטאָט די שוין אויסגעגעבענע דרײַ און אַ האַלב מיליאַרד אַלס „אַוואַנס" פאַר מלחמה, ווען אָנשטאָט

דעם, וואָלט זי דאָס געלט, די ענערגיע, די כּוחות אַרייַנגעלייגט אין פּראָדוקטיווע זאַכן, אין לאַנד גופא – וואָלט דאָך אַלץ געווען אין איטאַליע, וואָלטן זיי דאָך אַלץ געהאַט.

די ווערטער זענען נישט מיינע. די ווערטער גליִען אַרויס פון די אויגן פון מיינע מיטפאָרער...

■■■■

אין די טעג פון דער מאָביליזאַציע

צי איז דאָס אין דער זייט פון טיראָל, ביי דער זייט פון דער עסטרייכישער גרענעץ; צי איז דאָס נעבן מענטאָן, ביי מאָנטע-קאַרלאָ, צי ביי דער שווייצאַרישער זייט,–אַלץ איינס פון וועלכער זייט, דורך וועלכער טיר פון איטאַליע די באַן זאָל דיך נישט פירן, – גלייך דערפילסטו דעם פולווער אין דער לופט, גלייך דערפילסטו די מלחמה-שטימונג, גלייך וויקלט זיך דיר פונאַנדער דאָס בילד פון 1914 – מלחמה!

דאָס ערשטע וואַרפט זיך אין די אויגן אַריין אַ ריזיקער פּלאַ-קאַט, דאָס בילד פון פירער, — פון מוסאָליני. ער איז אָנגעטון אין אַ שטאָל-העלם, קריגס-גרייט צום פראָנט. זיין גאַנץ קריגעריש וועזן קוקט אַרויס פון אונטער דעם גרוי-אייזערנעם היטל. אין היינטערגרונד זעען זיך ביקסן, שפּיון, כּלי-זיין.

דאָס דאַרף ווייזן, אַז ער, דער פירער, איז דער ערשטער זעל-נער, אַז ער וועט, מסתמא, דער ערשטער גיין אין די אַפריקאַנער ווילדענישן, כּדי דער ערשטער צו דעראָבערן רום פאַרן פאַשיזם.

און איבער דער לענג און ברייט פון די שאָסייען און באַן-וועגן, ביים אַרייַנגאַנג און אַרויסגאַנג פון די טונעלן, ביים אַרייַנפאָר און אַרויספאָר פון שטאָט, שטעטל און דאָרף, הענגען ריזיקע טראַנספּאַ-רענטן פון לייוונט. איבער דער ברייט פון די גאַסן, מיט שטריק אָנגעצויגן, ווי הויכע זעגלען, הענגען לייוונטן מיט איין אויפשריפט, איינאונאיינציק וואָרט: „דוטשע!" אַפילו דער נאָמען מוסאָליני איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. דוטשע, פירער, – דאָס איז די לאָזונג, דאָס איז

אָדער וויל זיין, דאָס פּישוף-וואָרט, וואָס רופט מיליאָנען יונגעלייט צום געווער, וואָס שיקט הונדערטער טויזנטער צו די פּאָרטן פון טריעסט, נעאַפּאָל און גענאָמע,—און פון דאָרט אין דער ווייטער אַפריקע. זענען טאָקע די פּאָרשטעט איבערפולט. מען וואַרט אויף שיפן. פון נעאַפּאָל גייען אָפּ זעקס שיפן אַ טאָג. די גאַסן פון טריעסט זענען איבערגעפּאַקט מיט „פרייוויליקע״, אַזעלכע, וואָס זענען געצוואונגען פרייוויליק זיך צו פאַרשרייבן קיין אַביסיניע. פון איין זייט — די גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט, אָן דער מינדעסטער אויסזיכט אויף עפּעס בעסערס, עפּעס זיך אויסצוקעמפן. פון דער אַנדערער זייט — די יוגנט, וואָס האָט דעם טעם פון מלחמה נאָך נישט פאַרזוכט. די, וואָס זענען פון קינדווייז אָן געהאָדעוועט געוואָרן אין די פאַשיסטישע שולן אַלס הארמאַטן-פלייש, און אין די פאַשיסטישע קלובן, וואָס זענען פול מיט מלחמה-גייסט. צוגלייך מיטן אלף־בית, האָט מען זיי אויך געלערנט אַ ביקס האַלטן, מיט אַ שווערד פאָכען, גראַנאַטן וואַרפן. עס איז מאָדנע צו זען, ווי מחנות קינדער מאַרשירן מיט די ביקסן אויף די אַקסלען, ביקסן, וואָס זענען העכער, ווי זיי אַליין. און מיט וואָס פאַר אַ גאווה זיי טראָגן דאָס שוואַרצע העמדל מיט דער רויט-געלער פאַטשיילע, די שוואַרצע יאַרמלקע מיט די טראָלדן, אַלערליי פאַשיסטישע עמבלעמען! זיי טראָגן מיט זיך אויפגעשרויפטע באַגייס-טערונג. די קינדער זענען מוסאָלינים זיילן, זיינע שפּיאָנען. פאַר די קינדער מוז מען זיך היטן מיט אַ וואָרט. אפילו עלטערן, וואָס זע-נען ווייט פון צו זיין צופרידן מיטן פאַשיסטישן רעזשים, מוזן האַלטן די צונג צווישן די ציין. יעדעס קינד איז דעם דוטשעס אַן אויג און אַן אויער, און דערפאַר אפשר קאָן מען די אמתע שטימונג פון דעם איצטיקן איטאַליע ווייניק-וואָס אַרויסזען.

צי מען וויל, צי נישט, ס׳איז מלחמה-שטימונג. אַלע סימפּאַטאָ-מען, ווי אין אויגוסט 1914. די צוגן זענען געפּאַקט, מען וויל נישט זיין ווייט פון דער היים, איילט מען זיך צוריקקומען. מיט ספּעציעלע מיליטער-צוגן זענען באַגלייט די סטאַציעס. גרויסע מאַסן פון דער ציווילער באַפעלקערונג זענען באַוואָפנט מיט ביקסן. טיילמאָל דוכט זיך, אַז עס איז אַ בירגער-קריג, און אַז דער בירגער האָט זיך אַריינגעקריגן אין געווער-לאַגער און זיך באַוואָפנט...

יאָ, די ביקסלעך מוזן זיך אַביסל דורכקנאַלן... די פראַגע איז נאָר, צי וועט זיין אַן אייראָפּעישער קריג.

דערווייל קאָסט דאָ אַלץ טייער. דער פּרייז אויף לעבנס-מיטל, וואָס איז תּמיד געווען טייער אין איטאַליע, איז איצט קאָלאָסאַל גע-שטיגן. מען האַלטן זיך אָפּ פון קויפן זאַכן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיטן נויטיקסטן באַדאַרף. די אויסלענדישע צייטונגען, איבער-הויפּט פראַנצויזישע, וואָס יעדער פּיל-ווייניק אינטעליגענטער איטאַלי-יענער פאַרשטייט, ווערן שטאַרק צעכאַפּט, פאַרשטייט זיך די, וואָס מען לאָזט אַריין. פון די אייגענע צייטונגען קאָן מען ווינציק-וואָס וויסן, ווי אַזוי די אמתע לאַגע איז. עס איז נאָך ווינציק, וואָס מען שרייבט אין לאַנד וועגן די גוטע אויסזיכטן און גלאָר-רייכן אויס-גאַנג פון קריג. מען דאַרף וויסן, וואָס די וועלט זאָגט, און דער עיקר, וואָס זאָגט ענגלאַנד.

ענגלישע צייטונגען קאָן מען שוין, אַ חוץ אין פּרעסע-אַמט ביים מיניסטעריום, נישט קריגן. פיינטלעכע אויטרופן קעגן ענגלאַנד זענען אַן אָפּטע דערשיינונג. און מען קאָן עס אָפּט הערן אין דער איבערחזרונג פון די גרויסע, אין די רייד פון קליינוואַרג: „אַז מען וועט שליסן דעם סועץ-קאַנאַל, וועלן מיר באָמבאַרדירן לאָנדאָן, אָנ-גרייפן עגיפּטן”.

דער פאַשיסט האָט אויפגעהערט צו זען די וועלט. ער האָט צען יאָר געלעבט פאַרשלאָסן אין זיך. די שול האָט אים אַוועקגע-שטעלט אַ שפּיגל פאַרן פּנים, און אין שפּיגל זעט ער נאָר זיך אַליין אין שוואַרצן העמדל, זעט זיין שטאַרקייט, זיין לופּט- און וואַסער-פלאָט, און מיט דער דאָזיקער זיכערקייט רייסט ער זיך צום קריג.

כּלפּי-חוץ וויל מען איינרעדן די וועלט, אַז דאָס דאַרף זיין אַ מלחמת-מצוה, אַ קריג פון דער ציוויליזאַציע קעגן באַרבאַריזם. אי-נעווייניק, אין איטאַליע, איז דער ציל קלאָר און איינפאַך פאַר יעדן איינעם. מען דאַרף האָבן ברויט, מען דאַרף האָבן, ווו די פיס אויס-צושטרעקן. דער „פירער” דאַרף דעקן זיינע הבטחות, ער מוז זיין פאָלק געבן ברויט און אַרבעט. ביז איצט האָט ער זיי געגעבן זייער ווייניק ברויט און אַ סך „פאַרוויילונג”. אַ ריכטיקע נאָכאַמונג פון די רוימישע עלטער-עלטער-זיידעס. פאַרוויילונג? אָך, יאָ, פּאַראַדן און פייערלעכקייטן! יעדער איינער טראָגט אין זיין לאַץ אַן אָפּצייכן פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי. אין דער פּאַרטיי באַראַבאַנעוועט מען טאָג

און נאכט, און מען פארטויבט דעם הונגער. 15 אדער 20 ליר א טאג פאר א „גליקלעכן", וואס האט ארבעט. איז אלץ א הונגער-לוין און הונגער-צושטאנד, מוז מען די „שטימונג" פון פאלק איבערוואַרפן אויף אן אנדער זייט — אויף מלחמה, ארויסרופן א געקינסטלטע באגייסטערונג, כדי דעם רעזשים צו קאנען אנהאלטן און די שווארצע מאכט זאל זיך ווייטער פארפעסטיקן. און עס געלינגט.

וואכן-לאנג האט מען זיך געגרייט צו דער „ציווילער מאביליזאציע", צום פרייוויליקן אריינטרעטן אין די רייען. מען האט געלערנט אין די פאלקס-שולן, אין די אוניווערסיטעטן, אין די פאבריקן און ביוראען, אז ווען דער שופר וועט בלאזן פון ווענעציאנישן פאלאץ — זאל זיך דאס גאנצע פאלק, ווי איין מאן, שטעלן קאמפסגרייט. וויינציקסטנס צען מיליאן פרייוויליקע זאלן יענעם טאג ענטפערן אויפן דוטשעס רוף! האט מען מיט שפאנונג געווארט אויפן רוף, אויף יענעם טאג, אויף יענער שעה. און ווידער — טראנספאראנטן מיט אויפשריפטן. איבער די וואסער-גאסן פון דעם שיינעם ווענעדיג, האט דער ווינט געבלאזן אין די לייוונט-פלאקאטן און די אויפשריפטן האבן געפלאקערט:

„דוטשע! אויף דיין רוף וועלן מיר בלינד דיר נאכגיין!"

אדער:

„דוטשע, מיר ווארטן אויף דיין ווארט! ווען וועסטו אונז שוין רופן?"

פארשטייט זיך, אז נישט דאס פאלק אליין האט די דאזיקע ווערטער געזאגט, נאר דער דוטשע. געזאגט עס דורכן מויל פון ריזיקן פאשיסטישן שטאב, פון זיינע אגענטן און סוב-אגענטן. און אט איז דער טאג געקומען. דעם 2-טן אקטאבער האלב פיר בייטאג, איך בין גראד געווען אין די גאסן פון מילאן, מיטאמאל האבן זיך די קירכן-גלאקן צעקלונגען, די פאבריקס-סירענעס צעשריגן. א געבלאזערייַ פון אויטאבוס-סירענעס און גלייך דערויף א פאררוקן די טירן איבער די קראמען און געשעפטן. האבן זיך געשלאסן פאבריקן און ביוראען זיך צוגעמאכט, און באלד זענען די הייזער דעקארירט געווארן מיט פענער, פאשיסטישע עמבלעמען און ביי אזא שטימונג און אנגעצויגנקייט—פארשטייט זיך, אז מען איז געגאנגען צו די מאביליזיר-שטעלעס. קיין אנדער ברירה איז נישט געווען. צי מען וויל, צי נישט, דער „פירער" האט זיינע אויגן אויף די מיליאנען בירגער

און ווי ווערט זיין צו די, וואָס וועלן זיך נישט פ ר יי וו י ל י ק רעגיסטרירן!

און נישט געקוקט דערויף, וואָס דער וועלט-באַרימטער מילאַנער דאָם איז יענעם אָוונט געווען אילומינירט און באַלויכטן און אויפן העכסטן שפיץ, אין דער האַנט פון דער באַגילדטער סטאַטוע פון דער הייליקער מאַריע, איז געווען אויפגעצויגן די נאַציאָנאַלע פאָן; נישט געקוקט דערויף, וואָס דעם דוטשעס וואָרט, האָט דאָ, דורך די מיקראָפאָנען, וואָס זענען צעשטעלט געווען איבער די דעכער, הויך אָפגעקלונגען, פעסט און זיכער גערופן אַלע צום געווער; און נישט געקוקט דערויף, וואָס כאָרן פון די בעסטע מילאַנער זינגער האָבן געזונגען פאַטריאָטישע לידער, איז פאָרט די שטימונג שוין נאָכן „פאַרשרייבן זיך" געווען אַ שווערע און פיינלעכע. נישט ביי דער יוגנט, נאָר ביי די עלטערע. אין יענעם אָוונט, ווען איך בין אָפגעפאָרן פון מילאַן אין דער ריכטונג צו נעאַפאָל, זענען אויך איינגעשטיגן עטלעכע פון די „פרייוויליקע". פרויען און מאַמעס האָבן זיי באַגלייט. מען האָט געביסן די ליפן און באַהאַלטן די טרערן. אָבער די טרערן האָבן זיך דורכגעריסן. און צום סוף האָט מען שוין אַפילו געוויינט הויך אויפן קול.

— — — ווייל מיט אַ וואָך שפעטער וועט מען שוין מיט ציטעריקע ליפן לייענען די רשימות פון די געפאַלענע אויפן מזרח-אַפריקאַנישן פראָנט. פאַרשטייט זיך, נישט אַזוי פון די אַביסינישע קוילן, ווי פון מגפה, געלן פיבער, דורשט און טיפוס.

דריי מאָל הונדערט טויזנט יונגע פרייוויליקע, מערסטנטייל — הונגעריקע און אַרבעטסלאָזע, זענען שוין געפאָרן רויט צו מאַכן מיט זייער בלוט די ערד פון ווייטן עטיאָפיע...

די טריבן הונגערן אין ווענעציע

ביים צוגאַנג צום סאַנט-מאַרקאָ-פּלאַץ שטייט אויף אַ הויכער קאָלומנע אַ געפליגלטער לייב. דאָס איז דער סימבאָל פון דער שטאָט.

שוין דער סימבאָל איז אַ פּראָדוקט פון פאַנטאַזיע, פון קינסטלער-איינפאַל. ווענעציע בכלל איז אַ פּראָדוקט פון קינסטלעריש-געפליגלטער פאַנטאַזיע, פון טראָציקייט און שטיפערישקייט. עס קומט דיר פאָר, אַז שוין מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָבן די בויער פון דער שטאָט פאָרויסגעזען, אַז די ווענעצישע גאַסן וועלן נישט וויסן פון קיין ראָד, פון קיין פור, קיין אויטאָ, קיין טראַמווי.

ווענעציע איז די קרוין-שטאָט פון וואַסער-גאָט נעפּטון. וואַסער-גאַסן און וואַסער-בולוואַרן. דער טראַמווי איז די שיף, דער עקיפּאַזש — די יאַכט. עס איז אַוודאי ראָמאַנטיש און פאַנטאַסטיש אַ ווענעציאַנישער פאַרנאַכט, ווען דער הימל און די „ערד" (דאָס הייסט: ס'וואַסער) באַקומען איין פאַרב: בלוילעך-גרוי. די קופּאָלן פון די קירכן און פּאַלאַצן נידערן דאַן מיט זייערע שאָטנס צו זייער אייגענעם צופוסנס. עס צעקלינגען זיך דאַן די גלעקער און עס צעזינגען זיך דאַן די גאָנדאָלע-רודערער. דערצו זינגען נאָך די איטאַליענער מוזיקאַליש, און סתם זיך אונטערברומען אַ ניגון — הייסט ביי זיי: נעמען אַ טאָן, אָנהייבן אַן אַריע פון „קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ". טראָגן זיך אַרום די גאָנדאָלעס גאַס-איין, גאַס-אויס, גליטשן זיך אַרויס פון הינטער די בריקן, שאַרן זיך ביי די פונדאַמענטן און פאַרשטאַרקן דאָס פּליעסקען פון די קליינע, צעבלעזלטע כוואַליעס.

ווענעציע איז אַ מעשהלע. אַ שטאָט — אַ מעשהלע, זייער שיין פאַר קינדער, נישט ווייניקער שיין פאַר עלטערע, בפרט ביינאַכט, ווען איבער דער גאַנצער שטאָט לאָזט זיך אַראָפּ אַזאַ צאַרטער שאָטן. די דאָזיקע פאַרנאַכטן, וואָס הענגען אין די ראָד-טויערן, לאָזן זיך אַראָפּ איבער דער שטאָט, ווי מיט גרין-גאָלדענע שפּינען-פּיס. די רויטע סיגנאַלן וואַרפן דאַן בלוטיקע שטערן, איבערן וואַסער צעשווימען די אָפּשיינען פון די רעקלאַמע-שילדן און ס'שווימט איבערן וואַסער אַ לעבעדיקע סימפאָניע, מישט זיך צונויף מיט די סערענאַדעס פון די גאָנדאָלע-רודערער. די נאַכט, דאָס וואַסער, די שאָטנס— דאָס אַלץ מאַכט זיי, די איטאַליענער, עפּעס דינער און אויסגעצויגע-

נער. די טראַכסט דאָן פון וואַסער-נימפן, וואָס קומען קאַפּויר פון דער בלויער טיפעניש, צי גאָר פון דעם געפליגלטן לייב, וואָס וואַכט ביי דיקאַלאַ-טויער, דעם פאַראַדנעם צוגאַנג צו דער שטאָט.

ווענעציע האָט זיך איר סטיל, איר כאַראַקטער, איר שיינ-קייט. ס'איז אַ שטאָט — אַ קאַפּריז. קומסט ביינאַכט אויף דעם סט.-מאַרקאָ-פלאַץ, בלייבסטו פאַרווירט און פאַרבליפט. אַ ריזיקער פלאַץ, נאָר—דער דרויסן איז נישטאָ. ס'איז אַ פלאַץ פון סאַמע אינעווייניק... כאָטש איבער דיין קאָפּ פינקלען די בלוי-זילבערנע דרום-שטערן, און אַ טיפער טאַמעט-הימל שפרייט זיך פון אויבן, דוכט זיך דיר אָבער, אַז דו ביסט אַריינגעקומען אין עפּעס אַ הערלעכן קעניגלעכן באַל-זאַל. דיין טראָט גליטשט זיך איבער דעם גלאַטיקן, מאַרמאָר-געפלאַס-טערטן ברוק. דו זעסט אָן אַ שיעור לאָמפּן און לאַמטערנעס, ווי מנורות און הענג-לייכטער.

ס'איז אַ פאַנטאַסטיש בילד. דעם אויבן-אָן פאַרנעמט די סט.-מאַרקאָ-באַזיליקע. די דאָזיקע קירכע זעט אויס ווי אַן אַלטאַר און איז גלייכצייטיק ווי אַ... ווענעציאַנישער פאָרצעלאַן-געשיר-סערוויז.

גרויסע קאַפּעען, הונדערטער טישלעך, אינמיטן דער „פּיאַצאָ"— קאַפּע-אָרקעסטערס. סעראַנאַדעס. אין די גאָנדאָלעס – אַריעס. שמאָלע געסלעך, וואָס זעען-אויס ווי שמאָלע טראָטואַרן, און דערצו דער געשטאַנק פון די קאַנאַלן. עס איז שוין פיל אָנגענעמער דער צע-פאַרעטער ריח פון צעשמאָלצענעם אַספאַלט, איידער דער ריח פון שטייענדיקע וואַסערן. אָבער ווענעציע האָט מען נישט געבויט פאַר אייגענער באַקוועמלעכקייט, נאָר פאַר אויסלענדישן גענוס. ווענעציע איז דאָס שעלמישע אויג, וואָס ווינקט צו דער עמאָציע-זוכנדיקער וועלט. מענטשן זענען גרייט אַ קורצע צייט אויסצושמעקן דעם ריח פון די קאַנאַלן, אַבי זיי האָבן פאַרגעניגן. עס האָט זיך דאָ, אַדאַנק די טוריסטן, געשאַפן דער טיפּ פון דעם „סוחר פון ווענעדיג". יאָ, דער סוחר פון ווענעדיק איז געבליבן. ער מעסט אייך דורך און דורך, ער וועגט אייך לויט דעם בערזע-ווערט פון אייער וואַלוטע. פאַר דעם ביסל באַוואונדערונג, פאַר דעם אייגנאַרטיקן געביי און ספּעציעלן סטיל פון די הייזער-געסלעך און ברוקן, פאַר דעם שלל מיט טאַלענט, וואָס דורות קינסטלער האָבן דאָ אַריינגעלייגט, פאָדערט ער, דער „סוחר פון ווענעדיג"—צי דאָס איז דער רעסטאָראַטאָר, צי דער האָטעל-אייגנטימער, צי דער פירער און וועגווייזער — זיין שכר.

זיין „טאנטיעמע", און — דו מוזט עס באצאלן. ווייל — דו קומסט דאך עפעס קיין ווענעדיק. קומסט זען א פארשטעלונג, באוואונדערן א דעקאראציע.

ווענעציע, די שטאט פון לוסט און פארגעניגן, בעטלט, גייט איבער פון נויט אין ארעמקייט. א שטאט, וואס עקספארטירט „שטימונג" אויפן וועלט־מארק, קאן איצט, ביי דער היינטיקער שווערער לאגע, ווייניק־וואס האפן אויף א גוטן מקח, בפרט, ווען די שווערד בלאנקעט איצט אין די הענט פון די פאשיסטן, און דער ריח פון בלוט דעקט אפילו דעם געשטאנק פון די קאנאלן. די וועלט־טוריסטיק האט פיינט דעם ריח פון בלוט. האט מען, קודם־כל, אויפגעהערט צו קומען קיין ווענעציע, און דערפאר—ווו מ'גייט און ווו מ'שטייט, זעט מען דארט איצט בעטלער־קינדער. און די „סוחרטעס" פון ווענעדיג, פונקט ווי זייערע פאך־שוועסטערן אין רוים, לויערן נישט בלויז ארום די טעראסן פון ערשטקלאסיקע קאפעען, נאר אויך אין די טונקעלע דורכגאנג־געסלעך, הינטער די ווינקלען און פליגל־ווענט פון אלטע קירכעס.

אפילו דאס לוקסוסדיקע, פארשווענדעריש־רייכע „לידא" מיט די מאיעסטעטיש־געבויטע בולווארן און קעניגלעכע ווילעס, די עלעגאנטסטע גן־עדן האטעלן, יא, דאס „לידא", וואס זעט אויס ווי א פישופדיק אינזל פון זוניקן אריענט — פוסטעוועט איצט. די שטייפע קעלנער זענען אנגעברוגזט: מען קומט נישט, כאטש גיי און פארשרייב זיך אין דער פרייוויליקער ארמיי. אלץ איינס! דא גייט מען אויס פאר הונגער, און דארט, אין אביסיניע — פאר דורשט.

אפילו די טויבן, די טויזנטער און טויזנטער ווייסע און גרויע טויבן פון דעם קעניגלעכן „באל־זאל" — דעם סט.־מארקא־פלאץ, אויך זיי, די טויבן, וואס זענען אזוי צוגעוווינט צו די טוריסטן, זעגען פאר עטלעכע קארן־קערנדלעך גרייט זיך צו לאזן מיט די אויסלענדער פאטאגראפירן — די דאזיקע טויבן פלאטערן איצט ארום פארוואונדערט... מען קארמעט זיי נישט מער... די מיידלעך, וואס שטייען מיט שקארמיצן עסנווארג פאר די טויבן, חידושן זיך נישט. נישטא ווער עס זאל געבן צו לייזן, און די טויבן פליען־צו מיט געבעט און חידוש, זיי פרעגן זיך אוודאי אויף זייער וואָרקענדיקן טויבן־לשון:

— וואָס איז עפּעס אַזוי פיל אין ווענעדיק?
און די סוחרים ענטפערן אויף זייער שטום־לשון:
— יאָ, עפּעס איז פיל אין ווענעדיג...

■■■■

ר ו י ם

אַלט און ניי. אַ געפלעכט און אַ געראַנגל צווישן די געבראַכטע פון מצרים אָבעליסקן מיט די הערגליפישע אויפשריפטן און „לעבנס־באַשרייבונגען”, דורכגעקריצטע בילדער פון מענטשן און חיות און מוסאָליני־דענקמאָל,—אָבעליסק־אַרטיק. אַ שפּיציקער גראַניט, ווי אַ שפּיז אין הימל אַריין ביי די טויערן פון נייעם סטאַדיאָן. מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן, ווי כינעזישע אויפשריפטן, פון אויבן אַראָפּ, דאָס איינע וואָרט — „מוסאָליני”. פליט דאָס וואָרט איבער גאַסן און „פּיאַזעס”, אין רעסטאָראַן און אין הויז, אין טעאַטער און קינאָ. דאָס וואָרט, וואָס שוואַרצט זיך אַראָפּ פון ווייסן גראַניט, איז דער שלאָס אויף מיליאָנען מיילער און דער אינטערעס פון מיליאָנען. דער עולם זוכט אין דער לופט זיין אָטעם, כדי צו פילן, מיט וואָס עס שמעקט. מיט פּולווער, צי מיט בלוט, צי מיט נבלה פון די שוין געפאַלענע העלדן.

רוים וויל זיך נאָך אַלץ באַווייזן — אַנדערש קאָן זי נישט. די אַלטע רוימער האָבן איבערגעלאָזט זייערע דעראָבערער — די אי־טאַליענער אַ ירושה: מוזייען און רוינען. אַמאָליקער רום, וועלט־באַהערשונג, לענדער־פאַרוויסטונג און פעלקער־פאַרקנעכטונג איז איצט אַן ענין פאַר עטלעכע גראָשן און אַ געמאַטערטע פּרנסה פאַר „פּי־רער און וועג־ווייזער”. די אור־אור צענדליקער אוראייניקלעך פון די געפאַנגענע פון ירושלים, שטייען איצט ביי די חורבות פון קאָלאָ־סעום און קאַפּיטאָל, ביי טיטוס’ טריומף־אַרקע, און פאַרקויפן אָנ־זיכטס־קאַרטן און הייליקע בילדער. יאָ, פון די דריי און אַכציק קאָנצענטראַנירטע סוווענירן־פאַרקויפער, זענען אַכציק פון זיי יידן. די איבעריקע, וואָס האָבן געוויינט ביי די טייכן פון בבל, וואַנדערן איבער די רוימישע שטובן און פאַרקויפן „באַשטעק”, גאָפּל־מעסער

און לעפל. זיי פירן א געמאַטערט לעבן און זענען מקנא ווייערע, וועלכע שטייען מיט געשעפטן אין די צענטראַלע גאַסן, גראָד די גרעסטע געשעפטן אין שטאָט, און זענען נישט נאָר די רייכסטע יידן, נאָר אויך די רייכסטע רוימער. נאָר די קנאה טאָר מען אָפן נישט אַרויסווייזן, אָט פונקט, ווי מען טאָר בכלל נישט זיין אומצופרידן. בפרט, אַז די דייטשע יאַהודים, וואָס האַלטן זיך צייטווייליק אויף אין רוים, דערציילן מוראדיקע זאַכן, איז שוין „אונזערע" בעסער, ווי „זייערע". אונזערע, דאָס הייסט, מוסאָליני, אָדער ווי מען רופט אים ביי די עטלעכע היימישע משפחות, „דער שוואַרצער", איז לאָיאַל צו יידן. אָט זענען פאַראַן אין דער איטאַליענישער אַרמיי גאַנצע זיבן יידישע גענעראַלן, און אָפיצירן — אָן אַ שיעור. וואָרים די רייכע יידן, די געשעפטסלייט, האָבן זייערע קינדער געבילדעט און צוגעגרייט צו דאַנקבאַרקייט פאַרן „פירערס" חסד. און דער געטאָ פון רוים, „די גאַס פון געוויין" (אַזוי הייסט די גאַס, וווּ יידן וווינען"), איז טומלדיק. עס איז דאָרט אַלץ פאַרטאָפּלט: די איטאַליענער אין זייערע גאַסן טומלען, — די יידן טומלען טאָפּלט. איטאַליענישע אויגן זענען שוואַרץ און הייס. יידישע זענען שוואַרצער און הייסער. אַפילו דער גאַסן-שמוץ איז דאָ אויך אַ טאָפּלטער, איז דער פּאַטריאָטיזם אויך אַ טאָפּלטער. פאַלסט אַריין אין געטאָ צווישן מחנות קינדער, יידישע קינדער, וואָס ווייסן פון יידישקייט נאָר דאָס וואָרט „שעמאַ איזראַעל", נאָר אָנגעטון זענען זיי אין שוואַרצע העמדלעך, און באַגריסן זיך מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט — פאַשיסטיש. זיי געהערן צו די פאַשיסטישע קינדער-קלובן, און די עלטערע טראָגן שוין אין זייערע לאַצן די פאַרטיי-אָפּצייכענונג, און די פרויען אין די יאַטקעס, ביים איינקויפן „כשר" פלייש, דערציילן מיט נחת, אַז דער „דוטשע" האָט שוין באַשטימט אַ ראַבינאַט פאַר אַביסיניע, — דאָס הייסט, פאַרן פראָנט. און דער „ראַבינאַט", — צוויי יונגעלייט, וואָס איינער הייסט טעראַטשינאָ, און דער אַנדערער — סאָנינאָ, — ביידע יונגעלייט האָבן געענדיקט דעם ראַבינער-סעמינאַר אין רוים, זענען קינדער פון געטאָ. און איצט זענען זיי טאַקע געקומען אין געטאָ, אָנגעטון אין פאָרם, כדי צו דערפרייען די הערצער פון זייערע גלויבנס-גענאָסן.

דער בליק פון גאַנץ רוים, און במילא פון איטאַליע, איז גע־וועגדט צו דער „מזרח־וואַנט" — צו דער פּיאצא ווענעציע, דעם ווענעציישן פּאַלאַץ.

דער הינטערגרונט, ווי אַ טעאַטראַלישע דעקאָראַציע, די שיריים פון אַמאָליקן רוים, די מויערן און אַרקאַדיען, עס דאַכט זיך, אַז נע־ראָנס שאָטן שוועבט פון דאָרט אָן אין די פלאַמען פון רוים, וואָס זענען נאָך נישט איינגעלאָשן.

באַוווּנדערסט, ווי הערלעך די געשיכטע שרייבט זיך. פון ווע־נעציאַנישן פּאַלאַץ, די גרינע טונקעלע געביידע, דער שלאָס פון דער אַמאָליקער עסטרייכישער אַמבאַסאַדע, און איצט — דאָס אַרבעטס־אָרט פון פאַשיסטישן דיקטאַטאָר, ביז צום פון פאַר צוויי־טויזנט יאָ־ריקן פאָרום, איז טאַקע נאָר עטלעכע מינוט גאַנג. בלעטלעך פון יאָר־הונדערטער האָבן זיך פאַרמישט. עס האָבן זיך נאָר צונויפגעגאָסן די געשפענסטער פון יענע טענאַטאָרן מיט די איצטיקע דיקטאַטאָרן און דאָס אַש פון די פאַרברענגטע ערשטע קריסטן מיטן בלוט פון מאַטעאָטי.

עס איז אויך טעאַטראַליש אָוועקגעשטעלט געוואָרן, ווי אַ גדר, צווישן ווענעציאַנישן פּאַלאַץ און אַלטן קאָלאָסעום אַ דענקמאָל. אַ דענקמאָל אויף אַ ריזיקער ברייט און הויך, אַ דענקמאָל פאַרן קע־ניג עמאַנועל דעם צווייטן, פון ווייסן מאַרמאָר. אַ דענקמאָל מיט אָן אַ שיעור טרעפּ און מאָלערייען, אַ דענקמאָל, אין וועמענס שטיי־נערנעם האַרץ עס געפינט זיך דאָס געביין פון אומבאַקאַנטן זעלנער אין דער וועלט־מלחמה. דער גאַנצער דענקמאָל, וואָס זעט אויס ווי אַ הערלעכע מזרח־וואַנט, איז אַ מיליטערישער סימבאָל. און מער פון אַלעם — אַן אָבסערוואַציע־פּונקט, אַ פעסטונג פאַר דעם ווענעציישן פּאַלאַץ.

דער הערלעכער מאָנומענט מיט די וווּנדערלעכע איינשניצן און גראַווירונגען, פיגורן און אָרנאַמענטן, באַלקאָנען און פּאָסאַדן, דינט, דוכט זיך, פאַר איין ציל: צו וואַכן איבער אים. אַלע טרעפּ זענען באַשטעלט מיט שפּיאָנען און באַוואָפנטע זעלנער.

עס איז בכלל שווער צוצוקומען צום ווענעציישן פּאַלאַץ. מיטן אויסרייד פון האַלטן אָרדענונג, האָט מען באַגרענעצט דעם פרייען צוטריט, מען מוז זיך נאָר ריכטן אין אַ באַשטימטן גאַנג, — איין זייט גאַס אַהין, און פון דער אַנדערער זייט צוריק. דאָס איז אַן

אומגליק פאַר די געשעפטן, אָבער באַקוועם פאַר די שוטרים. זיי קאָנען האַלטן יעדן אויפן אויג און נאָכקוקן יעדנס טריט. פון אַלע טויערן לויערט אויף די פאַרבייגייער דעם שפּיאָנס בליק. די פּראָנט-פענצטער זענען „סטראַטעגיש" פאַרנומען. חוץ מונדירטע פּאָליציי און מיליטער, חוץ דעם כסדרדיקן אַרומפאָרן אויף געפּאַנצערטע ביסאַק-לעטן און אַרומרייטן אויף פערד, ווייסטו בכלל נישט ווער דיין מיט-גייער איז. געטרויסט נישט קיין שאָפער, וואָס שטייט ביים טירל פון אויטאָמאָביל, כלומרשט אין דערוואַרטונג אויף קליענטן.

באַזונדערס, איז כמעט ווי אוממעגלעך צוצוקומען נאָענט צום ווענעציאַנישן פּלאַץ אין דער פרי, מיטאָגצייט און פאַרנאַכט. ווען „ער" וועט קומען און אַוועקפאָרן, מען ווייסט נישט, דורך וועלכן וועג ער קומט, און אין וועלכן אויטאָמאָביל ער זיצט. עס קומען אָן גלייכ-צייטיק פאַרשיידענע אויטאָס דורך פאַרשיידענע גאַסן. אין איינעם פון זיי זיצט ער.

איבער רוים הענגט אַ שלאָס. פילסט עס, זעסט עס ביי יעדן אין די אויגן, בליקן פרעגן, און אויפן ווונק פאַרשטייט מען זיך. די גאַסן זענען געפּוצט. עס איז אַן אַנדער רוים, ווי אַמאָל, זאָגט מען. רוים, וואָס האַנדלט מיט געשיכטע, מיט שטויב און איז אָנגעוויזן אויף טוריסטן, האָט זיך גענומען רייניקן. עס איז איצט ריינער אין די גאַסן, אַספאַלטירט און אויסגעגלאַנצט. מען דאַרף ווייזן דעם גרויסן איבערבוי פון דער נייער געשיכטע, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַ רוימישן ציפער I און דערגייט שוין ביז XII. דאָס הייסט 13 יאָר, זינט דער נייער „משיח" איז געקומען, און האָט אויסגעלייזט דאָס איטאַליענישע פאָלק. דעם רוימישן ציפער מוז מען, איז אַ געזעץ, צושרייבן ביי יעדער דאַטע. טויזנט ניין הונדערט פינף און דרייסיק זינט קריסטוס געבורט, דרייצן יאָר זינט דעם „דוטשעס" אָנפירונג. און כדי דער ציפער 13 זאָל עפּעס באַווייזן, פירט מען איין אין די אויסער-שטאָטישע קוואַרטאַלן, ווו מען האָט אויפגעבויט נייע בלאָק-הייזער, די אַזוי גערופענע אַרבעטער-הייזער. נאָר אין די אַרבעטער-הייזער וווינען אייגענע מענטשן, נאָענטע און געטרייע, און דאָס פאָלק,—אָט די, וואָס אַרבעטן טאָקע און קריגן קנאַפּ באַצאָלט, און די, וואָס אַרבעטן גאָרנישט, — לעבט אין די אַמאָליקע „קאָוועני-טיזשעס", אין די האַלץ-שטיבלעך, אין די ליים-גריבער. און סיי מיט מוסאָליניס געבאָט, און סיי אָן זיין געבאָט, — דאָס פּרוכפּערן און

מערן זיך איז אַ נאַציאָנאַלע מידה אין איטאַליע. איז די ענגשאַפט און שטינקעניש אין די אַ ל ט ע אַרבעטער-וווינונגען אין דער עפּאָכע פון רוימישע צוגאָב-ציפערן אַלץ איינס, און אפשר נאָך ערגער, ווי פריער.

דערפאַר באַוויזט מען אייך דעם נייעם סטאַדיאָן, — מוסאָליניס ספּאָרט-פּלאַץ. אַ מין פּאַראָדיע צום אַלטן קאָלאָסעום. די דערבייאיקע ספּאָרט-קלובן, די שטיין-בענק, די אַרענע, די אַרום און אַרום מאַרמאָר-סטאַטועס, די בראָנז-מאָנומענטן, דער פּאַרק מיט די פאָנטאַנען אַרום, — דאָס אַלץ איז גוט אויסגערעכנט. דאָס איז דער מאַגנעט צו די יוגנטלעכע הערצער, פון דאַנען רעדט ער צו 50 טויזנט צוהערער.

מוסאָליניס פּראָפּאַגאַנדע-אַגענטן באַרימען זיך פאַר די אויסלענדער, אַז פיל פון די אַלטע איבלען זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן. און קודם-כל די אומזיכערקייט, גנבה און אַנאַרכיע. פונדעסטוועגן, אין אָוונט, קאָן מען נישט נאָר די זייטיקע און הינטערגעסלעך, נאָר אויך די צענטראַלע גאַסן און אפילו אין דער נאָנט פון קעניגלעכן פּאַלאַץ, נישט דורכגיין. דאָס לאָזן זיך אַרויס רוימישע טעכטער זייער ווייבלעכקייט צו פאַרקויפן. און אין רוף פון זייער פאַרהונגערטן בליק ליגט דער ענטפער צום איינגערעדטן גן-עדן. ס׳איז אמת, אין איטאַליע איז איינגעפירט געוואָרן אָרדענונג, ס׳איז אָבער נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן די צונויפקום-הייזער, ווו איטאַליענישע טעכטער פאַרדינגען זיך פאַר אַ נישטיק אויסלענדיש געלט-פּאַפּירל. ווילסטו מעסטן דאָס גן-עדן פון דער פאַשיסטישער עלדאָראַדאָ, קאָנסטו עס דאָרטן אויסגעפינען.

און דאָס אויפריכטיקסטע וואָרט איז טאַקע פון אַזאַ מיידל געזאָגט געוואָרן:

— טאָמער זענען געקומען אַהער אַביסל אויסלענדער, וועלן זיי שוין איצטער אויך אויסמיידן רוים, צוליב דער מלחמה און פיינטשאַפט צו אונז. מיר וועלן איצטער אינגאַנצן אויסגיין פאַר הונגער.

אַ צווייטע האָט געטרייסט:

— מען וועט אונז שיקן אויפן אַביסינישן פראָנט, מען וועט

אונז מאָביליזירן, מיר וועלן אויף אונזער שטייגער דינען דעם פאָ-
טערלאַנד.

יענע האָט געוואוסט, וואָס זי זאָגט. אַזוי האָט מען געטון מיט
אירע פאַך-שוועסטער אין דער וועלט-מלחמה.

▪▪▪▪

דער שטאַט וואַטיקאַן

דער צוגאַנג: אַ גרויסער פּלאַץ. גאָר גרויס, אַמפיטעאַטריש גע-
בויט, מיט קאָלומנאַדע-פליגל, אויבנאָן—די סט. פעטער קירכע, אַלט
און אָפּגעלאָזן, אָבער אַלץ אַרום אימפּאָנירט. הויכע פעסטונגס-ווענט
פאַרנעמען זיך ערגעץ אין דער טיף. שטייסט פאַר די טויערן פון
דעם אומאָפּהענגיקן שטאַט וואַטיקאַן, פאַר דער רעזידענץ פון אַ
גרויסער מאַכט.

דער אַריינגאַנג צו דעם ש ט אַ ט וואַטיקאַן איז דורך אַ שמאָלן
טויער אין דער זייט פון דער גרעסטער קירכע, ווי דער דורכגאַנג
פון גלח הינטער דעם אַלטאַר צו זיך אין אָפּרו-שטיבל. ס'איז טעאַט-
ראַליש — אין מיטלאַלטערלעכן סטיל. די וואַך ביים וואַטיקאַן-טויער
איז געקליידט ווי אין דער צייט פון היינריך דעם 8-טן: פלאַטשי-
קע סאַמעט-היט, זשאַקעטן און פלודערן פון פאַרביקע בענדער. זיי
האַלטן העק אויף הויכע האַנט-טאָבעס. זיי, די שווייצאַרישע בלאָנדע
יונגען, האָט דער פויפּסט אָנגעטרויט זיין זיכערקייט.

די וואַך פרעגט אויף דייטש צו וועמען מען דאַרף, ווייל נאָר
אויסלענדער קאָ-נען קריגן די באַוויליקונג צו באַזוכן די הייליקע
ערד פון דער קירכלעכער קאַפּיטאַל-שטאַט. און אַז דער ענטפער באַ-
פרידיקט, מעלדעסטו דיך אין קאַנצעלאַריע און דאַן באַקומסטו די
דערלויבעניש.

און גייסטו איבער די גאַסן און וועגן פון דער וואַטיקאַנישער
שטאַט, פילסטו נישט די דריקנדיקע מרה-שחורה פון געוועלבטע
הויכקייטן פון קירכן, נישט די דריקנדיקייט פון מאָנאַסטיר-ווענט,
נישט דאָס פוילע פייכטקייט פון קאַטאַקאָמבעס, נאָר דו פילסט אַרום
זיך די שטימונג פון מאַכט, פון פּאָליטישן כוח. יעדעס ווינקעלע דאָ
דערציילט דיר פון הערשן און באַהערשונג און דווקא אויף ד ע ר

וועלט. די גאסן פון וואטיקאן זענען שטיל, אויסגעלײדיקט. די מױ־ערן זענען דיק, די פענסטער—געקראטעוועט, אבער דערפאר איז דער באדן אספאלטירט און די טעראסעס גרינען זאפטיק מיט זייער פיין ארומגעשוירן גראז. די בלומען פארײסן דאס אויג מיט זייער בונט־קייט, און די זון צעשפילט זיך אויף די מארמאר־זײלן פון די פא־לאצן, און דער שאטן ציטערט איבער די אויפגעפרישטע ווענט.

ס'איז א קליינע הויפּט־שטאט איבער א גרויסער וועלט. איבער יענער זייט טויער איז — רוים. די מלוכה פון וואטיקאן לאזט זיך איינגטלעך אויס ביי דער שטאט־מויער, אבער די ממשלה פון ווא־טיקאן הייבט זיך ערשט אן דארט איבער דער מויער און דערגרייכט אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון דער וועלט. איז דערפאר, ווען דו באגעגנסט אין גלחישע קליידער, ווייסטו, אז דאס איז נישט אזא איינער, וואס זיצט אויף די קני טאג און נאכט ביי די הייליקע בילדער און פארברענגט אין תפילות. דאס קומט ער, אדער גייט צו א זיצונג אדער א בעראטונג, אן אפיציעלע אויפנאמע פאר דעם אדער יענעם פאליטיקער, פאר דעם אדער יענעם פאליטישן מושל. דארט רעדט מען נישט וועגן יענע־וועלטיקע טעריטאריעס, גן־עדן, אדער גהינום־טעאריעס. דא האנדלט זיך וועגן רעאל־פאליטיק. דאס העכסטע קאטוילישע טריבונאל, וואס געפינט זיך דא אין דער פראנט־אלייע, איז נישט קיין טריבונאל, ווו מען וועגט די מצוות און מעשים־טובים פון יעדן מענטש. דא ווערן דעצידירט די פראבלעמען פון אלמאכט. דא עקזיסטירט אן אינערלעכע אדמיניסטראציע־פארוואל־טונג און אן אויסערלעכער פאליטישער קאבינעט. עס איז אפשר די איינציקע מלוכה, וואס האט „קאלאניעס" אין אלע ציוויליזירטע לענדער — און זי פירט אן מיט איר קאלאניאל־פאליטיק רוטינירט און געאיבט.

וואטיקאן אלס עקסטעריטאריאלער שטאט אין א שטאט, נעמט זיך ערנסט אפילו דאן, ווען עס זעט אויס ווי א קינדער־שפיל. דער וואקזאל אין וואטיקאן איז טאקע נישט מער ווי אן איינפאל פאר א פילם־רעזשיסער. דער וואקזאל, וואס איז מיניאטור, איז אפשר דער איינציקער אין דער וועלט, וואס זעט אויס אזוי שיין און איז אזוי קאסטבאר, דער טייערסטער מירמלשטיין און הערלעכסטער באציר. עס זעט אויס, ווי אן אויפנאם־זאל אין א פאלאץ. די פלאטפארמע פון וואקזאל פארמאגט נאר איין שטיקל שינע, וואס איז אן אפ־

צווייג פון דער איטאליענישער שטאָט-באַן, כדי די באַן, און דאָס נאָר איינער אָדער צוויי וואַגאָנען, זאָלן ארויף אויף דער וואַטיקאַנישער טעריטאָריע, איז נויטיק צו עפענען צוויי סקוועראַ-טויערן, ספּעציעל איינגעריכטעט אין דער פעסטונגס-וואַנט, — און דאָס טוט מען נאָר ביי ספּעציעלע געלעגנהייטן, ווען עס דאַרף קומען אָדער אַוועקפאָרן אַ הויכגעשטעלטע פּערזאָן, און דאָס דאַרף הייסן, אַז מען קומט דירעקט קיין וואַטיקאַן, און נישט, אַז מען קומט קיין רוים, און פאַר איין וועגס טרעט מען שוין אָפּ ביים פּויפּסט.

וואַטיקאַן איז דורכויס וועלטלעך. דאָס זעט מען אינעם וואַטיקאַן-מוזיי. עס איז נישט בלויז אַ קאָלעקציאָנירונג פון זאַכן, וואָס האָבן צו טון בלויז מיטן גייסט, נאָר מיט דער קירכע. קירכע אידענטיפיצירט זיך דאָ אויך מיט וועלט-הערשאַפט, מיט פּאָליטישער מאַכט. די מוזיי-גאַלערייען, וואָס זענען געבויט אין קעניגלעכן פּאַר-נעם, די געוועלבטע סופיטן זענען נישט געהילט אין רעמבראַנדישע שאָטנס, טונקעלע פאַרבן, נאָר העלע געמעלן. אָן אַ שיעור סצענעס, קרוינען, טראָנען, סצעפּטערס און קרייצן. איבער יעדער אַרקאַדיע — דער עמבלעם פון וואַטיקאַן — די דרייפאַכיקע קרוין, די קרוין איבער אַלע קרוינען, וואָס זעט אויס, ווי אַ גאָלדן פעסעלע, און דאַן — דער בונד פון שליסלען און דער וואַטיקאַנישער אָדלער. דער מוזיי, דוכט זיך, האָט נישט קיין כוונה דעם באַזוכער אריינצוווארפן אין טויט-שרעק, — נאָר אין באַוווּנדערונג פאַר דער פּויפּסטלעכער מאַכט. טויזנטער עקספּאָנאַטן — מתנות און געשאַנקען פון אונטערטעניקע מלכים, הערצאָגן און פירשטן — פּלייס פון דורות. ווערק פון פאַרגעסענע און אומפאַרגעסלעכע קינסטלער, ווי צו דעמאָנסטרירן די ווירקונג פון דער פּויפּסטלעכער פּויפּסטלעכקייט, ווייזן אייך די צייג-פּיילן צו די ווינקלעך, ווו עס געפינען זיך די ווערק פון די אייביק-לעבנדיקע קינסטלער מיקעל אַנדזשעלאָ, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי און ראַפאַעל. מען זעט, ווי די קירכע, אייגנטלעך די קירכלעך-פּויפּסטלעכע מאַכט, האָט די דאָזיקע גרויסע קינסטלער, — ווי אַ סך אַנדערע פון שפּעטערדיקע צייטן, — אויסגענוצט. און דאָס, וואָס די קירכע האָט פאַרפעסטיקט מיט מאַכט, האָבן זיי — די פּענזל-, גליטיק, און פען-גאונים — געזיגלט. אָן זיי, אָן די קינסט-

לער, וואָלט די מאַכט נישט געווען אַזוי באַזעלט ביזן היינטיקן טאָג. און אָן דעם וואָלט געווען ווינציקער השפעה.

שטייט מען פאַר די געמעלן פון אַ ראַפאַעל, אָדער לעאָנאַר־דאָ דאַ ווינטשי, דערזעט מען ערשט, נאָך אַ האַלבן יאָרטויזנט, — דאָס אייביקע לעבן פון זייערע ווערק, און דאַן פילט מען, ווער עס האָט די דאָזיקע גאָטהייט באַלעבט. ווער עס האָט די דאָזיקע ממשלה באַפליגט, ווער עס האָט זי אויפגעהויבן און דערנענטערט צום מענש־לעכן געמיט. ראַפאַעל און לעאָנאַרדאָ, בלינדע מייסטער, אַלס ווערק־צייג פון פּאָליטיש־קירלעכער מאַכט. די טעמעס — לויט פאָרשריפטן: מאַדאָנעס און געקרייציקטע מלאכים און הימלישע סצענעס. דאָס ביזל געטלעכקייט אין דער דאָזיקער הימליש־פאַרטרעטנדיקער מאַכט אויף דער ערד — האָבן טאַקע די זשעניס פון פאַרב אויספּאַנטאַזירט און געכישופט.

וואַטיקאַן איז שטאַט, דאָרט מעסט מען און מען וועגט יעדעס וואָרט. דאָרט היט מען און מען באַרעכנט יעדן קער אין דער וועלט־פּאָליטיק. און דער פויפּסט האָט אַ גרופּע זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן באַגלייט דעלעגאַטן צו אַן אָריענטאַלישן שפּראַכן־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די טעג אין רוים. אויפגענומען אין זיין טראָן־זאַל. האָט זיך לחלוטין נישט געפילט, אַז איבער די קעפּ פלאַטערן די פליגל פון די הייליקע מלאכים. און עס האָבן נישט געשראָקן די בילדער פון די פויפּסטן און נזרים. אפילו די טראָן־שטול פון העכסטן קריסטלעכן הויפּט גאָטס־פאַרטרעטער דאָ אויף דער ערד — איז אויך ענלעך צו אַ געוויינלעכן טראָן פון אַ פּשוט־גע־זאַלבטן קעניג. זיין רעדע איז געווען נישט אין דער רעליקוויע־שפּראַך לאַטייניש, די אָפיציעלע רעגירונגס־שפּראַך פון שטאַט וואַ־טיקאַן, נאָר אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן דיפּלאָמאַטישן לשון — פראַנ־צויזיש.

און פונקט ווי די דיפּלאָמאַטישע צונג איז בויגעוודיק, אַזוי איז די דיפּלאָמאַטיע עלאַסטיש אויך דאָ, אין דער דאָזיקער הייליקער מלוכה, וואָס איז אויף דער וועלט בלויז אַ צייטווייליקע דינסט, אַ מין טראַנספּאָרט־מלוכה, אַ פאַרמיטלונגס־אַמט פאַר יענער וועלט. דאָך זעט מען, ווי פאַרגרונטפעסטיקט און פאַרבאַזירט אַלץ איז אין וואַטיקאַן. דער נאָמען, פּיוס דער עלפטער, איז אויף הונ־

דערטער אופנים אויפגעמאָלט און אויפגעשריבן. און אַז די צייט קומט— ברעכט מען פרינציפּן, און אַז דער טראָן וואַקלט זיך, שליסט מען אָפּמאַכן, ווערט דער נעכטיקער שונא אַ היינטיקער באַשיצער. מיט די פריערדיקע מושלים פון רוים האָט מען קיין עסקים נישט געוואָלט האָבן, פאַר איטאַליענישע באַאַמטע און מיליטער האָט מען זיך אויס־געהיטן, מען האָט צום באַוואַכן די מויערן געדונגען שווייצאַרישע זעלנער, מען האָט נישט געטרויט דעם סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטיש־גע־שטימטן איטאַליענער—ער איז געווען אַ געפערלעכער שכן. נאָר אָט איז מוסאָליני געקומען צו דער מאַכט. ביידע האָבן געדאַרפט קעגנ־זייטיקע אונטערשטיצונג: מוסאָליני די ברכה פון פויפּסט, דאָס הייסט די פּאָליטישע הסכמה פון קאַטאָליציזם, דער פויפּסט — די שטאַרקע האַנט פאַשיזם. און דער נדר, וואָס האָט אָנגעהאַלטן זינט רוים איז געוואָרן געוואָרן פונם פויפּסט, אַז ער, דער פויפּסט, זאָל קיינמאָל נישט אַריבערטרעטן דעם טויער פון וואַטיקאַן, אָט דעם נדר האָט מען מתיר געמאַכט — דער פויפּסט מאַכט שוין שפּאַצירן איבער די גאַסן פון רוים. פאַר דער באַווילקונג האָט דער „דוטשע" באַצאָלט מיליאָ־נען און מיליאָנען ליר. אויסער דעם האָט ער אָפּגעגעבן דעם וואַטי־קאַן אַלע קירכעס און קירכלעכן פאַרמעג פון איטאַליע.

וואַטיקאַן איז עקסטעריטאָריאַל. אַ מלוכה פאַר זיך אין דער מיט פון דער הייליקער שטאָט רוים, מיט אייגענער פּאָסט און אייגן געלט. נאָר רוים האָט שוין אַריבערגעוואָרפן אַ בריק. פאַר דעם פּרייז פון צוויי מיליאַרד ליר האָבן שוין די שווייצאַרישע זעלנער נישט יענעם כּוח ווי פריער ביי די מויערן פון דער הייליקער שטאָט. די טעלע־פאָנישע דראָטן פון ווענעציישן פּאַלאַץ און פויפּסטלעכן קאַבינעט זע־נען אין כסדרדיקן כוואַליע־אָפּציטער. מען דאַרף האָבן זיין הייליקייט, דעם פויפּסטס ברכה, צו ציען די שווערד צו אַ ווילד פאָלק, וואָס באַשטייט צומאָל נישט פון קיין געצנדינער, נאָר פון קריסטן, איבער וועלכע דאָס ליכט פון דער וואַטיקאַנישער קרוין דאַרף דאָרט אָפּ־שטראַלן מיט חסד און גנאָד...

ליבעלע ווערט אַ פאַשיסט

לייבעלע, דער העלד, וואָס איך באַשרייב דאָ, איז געבוירן אין איטאַליע, אין דער שטאָט פירענזאָ. זיינע זיידע-באָבעס פון דער מאַמעס צד זענען עכטע, פון דור-דורות איטאַליענער. זיין מאַמע איז אויך אַן איטאַליענערין. בלויז דער פאָטער זיינער איז אַ ייד פון קאָוונע און דערפאַר אפשר הייסט לייבעלע—לייבעלע.

לייבעלעס טאַטע, דער קאָוונער יונגערמאַן, איז געקומען קיין איטאַליע דאַן, ווען דער פאַשיזם איז נאָך נישט געווען, ווען מענטשן האָבן געקאָנט פריי און אומגעשטערט אַרויסזאָגן זיך וועגן אַלץ, וואָס זיי האָט געקוועלט. מען האָט געקאָנט לייענען צייטונגען און ביכער, וועלכע מען האָט געוואָלט. די שטיין-קריצער פון טורין, אָט פונקט ווי די טעקסטיל-וועבער, צוגלייך מיט די שיפס-בויער און מאַרמאָר-האַקער, האָבן פריי און אָפן געזונגען די לידער פון זייער נויט און האָפענונג, פון זייער קנעכטשאַפט און קאַמף.

לייבעלעס פאָטער, דער יונגערמאַן פון קאָוונע, איז געקומען דאָ אַהער, אונטער די הימלען פון איטאַליע צו שטודירן, זיך לערנען. ער האָט געהערט צו דער גרופּע סטודענטן, וואָס האָבן געמוזט, צוליב נויט און פרייהייטס-באַגרענעצונג, אויסוואַנדערן פון זייער היימלאַנד. דאָ אין איטאַליע, צווערשט אין רוים, נאַכהער אין פלאָרענץ, האָט לייבעלעס טאַטע, דאַן נאָך גאָר יונג, געענדיקט זיין שטודיום און זיך געגרייט צו גיין אין דער ווייטער וועלט אַריין.

ווי עס טרעפט מיט סטודענטן, וואָס לערנען אין דער פרעמד, וווינען זיי אין געדונגענע צימערן ביי פרעמדע מענטשן, אַמאָל גוטע און אַמאָל נישט גוטע. לייבעלעס פאָטער, וואָס האָט דאַן אַלס סטודענט, ווי היינט אַלס מאַטעמאַטיקער, זיך גערופן איזראַעל, האָט אויך געוווינט אַלס סובלאָקאַטאָר ביי אַ פאַמיליע פון דור-דורות איטאַליענער.

אַזוי שטייט געשריבן אין די ראָמאַנען, אָבער אַזוי טרעפט זיך אויך אין לעבן: ביי דעם סטודענטס באַלעבאַטים איז געווען אַ טאָכטער,—אַן עכטע שוואַרץ-אויגיקע ראָמאַנישע טאָכטער, מיט האָר, וואָס זענען אַזש בלוי פון שוואַרצקייט און אַ פנים טונקל-געברוינט, געקושט פון דער זון. זי האָט אַזוי פיל געוווסט וועגן יידן, ווי די היינטיקע איטאַליענישע יידן וועגן... יידישקייט. נאָר דער „עברעאַ״-סטודענט, גראָד דער בלאָנדער יונגערמאַן פון ליטע — זייער סובלאָקאַטאָר — איז

איר געפעלן. דאָס זעלביקע האָט געמוזט זיין פאַרקערט אויך. איזראַ־עלן האָט זיך שוין נישט געגלוסט אַוועקצופאָרן און ס'איז געקומען די צייט, ווען דער פאָטער פונם מיידל, סעניאָר אומבערטאָ פ. האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איזראַעלס אַקסל און אַזוי געזאָגט:

— האָסט דאָ, אין טייערן איטאַליע, דיינע שענסטע עטלעכע יאָר פאַרבראַכט. ס'איז אמת, אַז דו האָסט ווי אַלע אייערע געהונגערט אונטער אונזערע בלויע הימלען, אָבער אויך אונזערע אייגענע זיין הונגערן. איך ווייס נישט, וואָס דיך דערוואַרט דאָרט אין דיין פאָטערלאַנד. נאָר דאָ לאָזטו מסתמא איבער אַ שטיק האַרץ. און אויב דו וועסט עס לייכט פאַרגעסן, ווי די טבע איז פון אַ מאַנסביל, וועט עס אָבער מיין טאָכטער, ראָזאַלינאַ, נישט פאַרגעסן. אַזוי זענען זיי, די איטאַליענישע מיידלעך. דעריבער, אויב דו האָסט דאָרט נישט געלאָזט קיין ווייב אָדער קיין כלה, פאַרבלייב דאָ. צווישן העכער פערציק מיליאָן וועסטו אויך נישט פאַרהונגערן. און פרייהייט האָסטו מער ווי דאָרט. סערענאַדעס און בלויע נעכט, פאַרב פון אָנגעצונדענע בערג זענען דאָ מער ווי אומעטום!..

האָט איזראַעל אויסגעהערט די רייד פון דעם פון דור־דורות איטאַליענער, און כאָטש יענער האָט שוין מער גאָרנישט געזאָגט, נאָר געוואַרט מיט אַ שמייכל אונטער די דיקע וואָנסן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די רייד זענען פון וועגן דער שיינער ראָזאַלינע, דאָס צאַרטע מיידל מיט די פלאַמען אין די אויגן און מיט חלומות אַרום די ליפּן. האָט איזראַעל נאָך מער אַראָפּגעזונקען דעם קאָפּ, און דאַן האָט דער פאָטער, סעניאָר אומבערטאָ פון פירענזאַ, פאַרקנסט זיין טאָכטער—סינאָרינאַ ראָזאַלינאַ מיט ישראל ג. רב נחומטשעס פון קאָוונע. און אַזוי ווי דאָס יונגע פּאָר זענען מאָדערנע מענטשן, איז מען נישט געגאַנגען נישט צום ראַבינער און נישט צום גלח, בלויז נאָר אַ ציוויל־שריפט פון אַמט, וואָרום דעמאָלט איז נאָך נישט געווען דאָס געזעץ, וואָס מוסאָליני האָט אַרויסגעגעבן אין הסכם מיט זיין אָפּמאַך מיטן פויפּסט, אַז חתונות קאָנען נאָר געמאַכט ווערן אויפן גרונט פון קירלעכער דורכפירונג.

און שפעטער מיט יאָרן איז לייבעלע געקומען אויף דער וועלט, געבוירן געוואָרן טאַקע אין פירענזאַ. דער זיידע פון דער מאַמעס צד, דער איטאַליענער פון דורות סעניאָר אומבערטאָ האָט זיך גאָרנישט קעגנגעשטעלט דעם פּאַרלאַנג פון יונגן טאַטן, אַז דאָס קינד זאָל מען

רופן לייבעלע, כאָטש ער האָט נאָך זינט ער לעבט אַזאַ ענלעכן נאָמען נישט געהערט, און נאָך שווערער ווי אָנשרייבן איז דאָס אַרויסרעדן. עס וווּנדערט אים נאָר, דעם איטאַליענישן יידן, וואָס זיין טאָכטער, די קימפּעטאָרין, די הערלעכע ראָזאַלינאַ, רעדט אַרויס דעם נאָמען מיט אַזאַ לייכטקייט און גרינגקייט.

נאָר צוזאַמען מיט דעם נאָמען, איז אויך אַריינגעטראָטן אין הויז אַ באַשטימטער סיסטעם פון דערציען דאָס קינד. ראָזאַלינאַ האָט שטאַרק ליב איר מאַן און במילא זיין אָפּשטאַם, און במילא די קול־טור פון זיין פאָלק. ער לערנט זי יידיש, כדי... לייבעלעס מוטער־שפּראַך זאָל זיין די יידישע. ראָזאַלינע קריגט ליב יידישע ביכער, וואָס ער שרייבט אויס פאַר זיין ביבליאָטעק. זי זעצט איבער משה לייב האַלפּערין און לייוויקן אויף איטאַליעניש. ווען אירע אַמאָליקע פריינט קומען צו איר צוגאַסט, שטעלט זי אויף גראַמאָפאָן־פּליטן מיט יידישע פאָלקס־לידער.

ראָזאַלינע איז אַ מאָלערין. זי מאָלט דעם ייד, דעם אייביקן וואַנדערער. דאָס פון דור־דורות קריסטלעכקייט אין איר רייסט זיך אַרויס. נישט באַוווּסטזיניק מאָלט זי דעם אייביקן ייד, וואָס טראָגט אויף זיינע פּלייצעס אַ... צלם. זי קאָן זיך נאָך נישט פונאַנדער־קלייבן. אירע עלטערן זענען שטאַרק צופרידן פון שידוך און ברענגען זיך שיער אום פאַר לייבעלען. בלויז נאָר איין שטיקל ענדערונג, אייגנטלעך, אַן אידעיִשע איז פאָרגעקומען. דער פאַשיזם איז אַריינ־געדרונגען אין שטוב און גאַס. סעניאָר אומבערטאָ קאָן נאָך פאַר־שטיין, וואָס דער איידעם, אַלס אויסלענדער, איז נישט מחוב צו גע־הערן צו דער פאַשיסטישער פּאַרטיי, אָבער די טאָכטער? אַן איטאַל־יענערין פון דור־דורות, פאַרוואָס געהערט זי נישט צו דער פּאַרטיי, אָדער ווייניקסטנס, פאַרוואָס סימפּאַטיזירט זי נישט מיט די פאַשיסטן?

נאָר ראָזאַלינע איז אַן אַנטיפאַשיסטין. זי קריגט נישט קיין שום אויסלענדישע ליטעראַטור, ווי אַזוי דעם פאַשיזם צו באַקעמפן, אָבער זי טוט עס אויף איר שטייגער. זי איז אפשר די איינציקע אין זייער שטאָט, וואָס באַמיט זיך איר קינד, לייבעלען, אָפּצורייסן פון די פאַשיסטישע קינדער־אָרגאַניזאַציעס. זי דערציילט אים מעשה־לעך וועגן גרויסע מענטשן און נישט פון דוטשע—פון גרויסע אויפ־טואונגען. אין אירע לידלעך צו אים איז נישטאָ קיין אָנדייט פון דעם, וואָס מ'לערנט און מ'זאָגט צו אַלע קינדער פון גאַנץ איטאַליע־

און לייבעלע וואַקסט אַזוי אַנדערש ווי אַנדערע קינדער. ער קען די איטאַליענישע לידער וועגן מאַטעאָטי, וואָס מ׳זינגט אין געהיים. לייבעלע שפּילט זיך נישט אין בלייערנע זעלנערלעך, נאַרישע שווערדלעך. לייבעלע פון טורין האָט קלעצלעך פון יידישן אַלף-בית און בויט פון זיי הייזעלעך.

דער פאַשיזם געדויערט. לייבעלע וואַקסט אונטער. אין קינדערגאָרטן האָט אים די מוטער נישט געוואָלט שיקן... זי ווייסט אין וואָס פאַר אַ גייסט מען דערציט דאָרט אפילו די גאָר פּיצעלעך קינדערלעך. אָבער אַז עס קומט די צייט פון אָנפאַנגס-שול, קאָן מען עס נישט אויסמיידן. מען פירט לייבעלען אין דער שטאָטישער שול. ער איז אַ גוטער, פלייסיקער שילער, די קינדער האָבן גערן לייבעלען. ער איז אָבער איינער, און זיי — אַ סך, חוץ דעם זענען די לערער מיט זיי. לייבעלע הויבט אָן אַהיימצוברענגען פון שול פאַשיסטישע קינדער-לידער. אין זיין מוחל קומט פאַר אַ געראַנגל. די צווייערליי לידער — די פון זיין טאַטן און די פון דער שול פּאָרן זיך נישט. נאָך גוט, וואָס דאָס זענען יידישע לידער און מען פאַרשטייט נישט זייער זין. זייער זין קען נאָר דער טאַטע לייבעלעס, און אַמאָל די מאַמע, הגם זי לערנט אים די דאָזיקע לידער. אָבער די לידער אַליין זענען דאָך נישט דער עיקר—דער עיקר איז די תּורה, וואָס מ׳לערנט אים דאָרטן, וועגן „דוטשע״, פאַרשטייט זיך. די מאַמע זוכט אָפּצוּווענדן, נאָר האָט קיין מיטלען נישט דערצו. די שול, די גאַס איז שטאַרקער. אַפילו דעם זיידנס שטוב, דעם איטאַליענער פון דור-דורות איז מיט אים. און לייבעלע הויבט אָן בענקען נאָך יענעם מאָמענט, ווען מ׳וועט אויף זיין אָרעם אָנהענגען אַ ביקס, פונקט ווי די אַנדערע קינדער פון די העכערע קלאַסן...

און לייבעלע בענקט נאָך די העכערע קלאַסן. ער האָט אפילו געזאָגט צו זיין מאַמען, אַז זי זאָל אים נישט אַזויפיל פאַרנעמען דעם מוח מיט זייטיקע זאַכן, נאָר בעסער צוגרייטן אַריינצוטרעטן אין די העכערע קלאַסן.

האָט זיך די מאַמע געטרייסט: ביז ער, לייבעלע, וועט דאַרפן אַריינגיין אין די העכערע קלאַסן, וועט דער פאַשיזם דערווייל פאַלן. אַלע סימנים זאָגן דאָס אָן. אַרבעטסלאָזיקייט, אונטערערדישע אַרבעטער-באַוועגונג, אומצופרידנקייט, און אויף יענער זייט גרענעץ, אין פראַנקרייך, מאַרשירן הונדערטער טויזנטער קעגן פאַשיזם.

נאָר אויף די האָפענונגען האָט זיך ראָזאַלינאַ נישט דערוואַרט. דערווייל איז אויסגעבראָכן די מלחמה. לייבעלעס חלום האָט זיך דערנענטערט. מען האָט פון די פריסטע קלאַסן גענומען אויסטיילן קינדער פאַר דעם דירעקטן פאַשיסטישן דינסט. די העכער געוואַקסענע און די קרעפטיקערע האָט מען אפילו גענומען צו מיליטערישע איבונגען.

און איינמאָל איז עס געשען. לייבעלע איז פּלוצלינג אַהיימגע-קומען פון שול. זיין פּנימל האָט געפלאַמט, — ער איז געווען איין שטיק באַגייסטערונג. ער האָט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס אַ ביקס.

נישט קיין קינדערישע שפּילצייג, נישט קיין סתם ביקסל, נאָר אַזאַ, וואָס שיסט מיט אמתע קוילן, אַזאַ, וואָס שפּייט אַרויס טויט און אומקום.

די איטאַליענישע מאַמע איז בלייך געוואָרן, ווי קרייד:

— לייבעלע?

לייבעלע האָט פאַרשטאַנען די פראַגע. ער איז נישט געווען טראַציק. ער האָט זיך פאַרענטפערט:

— דער גאַנצער קלאַס גייט אויף איבונגען. מיר לערנען זיך שיסן, אַז די מלחמה וועט זיך פאַרציען, ביז איך וועל אַביסל אונ-טערוואַקסן, וועל איך גיין קיין אַביסיניע.

לייבעלע האָט שוין מער נישט גערעדט. ער האָט זיך אַרויס-כאַפּט צו זיי אין שטוב, בעת דער „קלאַס" איז פאַרבייגעגאַנגען זייער הויז. ער איז אַראָפּ זיך שטעלן אין דער ריי. די מוטער איז צו-געלאָפן צום פענסטער. זי האָט נאָר געזען אַ לאַנגע מענגע מיט קינדער. אייגנטלעך שוין נישט די קינדער, נאָר די ביקסן-רערן. זי האָט געוואָלט אַליין שאַפן זיך די אילוזיע, אַז דאָס זענען באַי-סקאַוט שטעקנס, אָבער זי האָט די אילוזיע נישט געקאָנט אַרויסרופן...

איר קינד איז געשטאַנען פאַר איר מיט אַן אמתער ביקס אויף די פּלייצעס.

איצטער קלערט די איטאַליענערין פון דורות אַוועקצופאָרן פון איטאַליע. וווהין? אין איר מאַנס פאָטערלאַנד — ליטע, דאָס לאַנד, ווו זי איז אויטאָמאַטיש געוואָרן אַ בירגערין.

נאָר די אָרעמע ווייסט נישט, אַז אויך דאָרט, אין ליטע-לאַנד, איז דער פאַשיזם פאַראַן, אויב נישט אין דער פאָרם, איז אין אַן אַנדערער, נאָר ער איז דאָ.

■■■■■

אַ נ ט ו ו ע ר פּ ע ן

צווישן פראַנקרייך פון איין זייט, דייטשלאַנד און האָלאַנד פון דער אַנדערער, און איבערן לאַמאַנש-קאַנאַל — וואַכט דאָס אויג פון ענגלאַנד. דאָרט ליגט דאָס קליינע בעלגיע, ווי איינגעקורטשעט, ווי אַ צירקל-פלאַץ צווישן מערב- און מיטל-אייראָפּע.

אַפילו דאָס קליינע פירשטנטום-מלוכהלע לוקסענבורג האָט זיך אויך צוגעטוליעט צו די גרענעצן פון קעניגרייך בעלגיע.

און בעלגיע, דאָס אין תוך פרידלעכע לאַנד, און נאָך מער פרידלעך פאָלק, וואָס דראָט נישט מיט אויפפלאַקער, וואָס לייגט נישט אונטער קיין פולווער אונטער די פונקען, וועלכע רייסן זיך איצט פון אַזוי פיל טיילן אין אייראָפּע, האָט זיך איר אייגענע מלחמה, איר פרינציפּן-קריג. אַן אמתער ויתרוצצו קומט פאָר אין די געדערים פון דער מדינה. די בעלגיער און די פלעמער, פּשוטער גערעדט: די פראַנצויזיש-רעדנדיקע און די פלעמיש-רעדנדיקע, די עכטע בעלגיער. דהיינו: די פראַנצויזיש-רעדנדיקע לייגן זיך אָן אויף דער קולטור פון זייער גרויסן שכן אין מערב — פראַנקרייך, און פון זיי — די השפּעה און דער איינפלוס. און די פלעמער, וואָס זע-נען אין דער מינדערהייט, ציען זייער וואָרצל פון האָלאַנד, און במילא אָרעמער און אָפּגעשטאַנענער. דאָך, גיבן זיי זיך נישט אונ-טער. דער קאַמף איז גרויס און אויסגעהאַלטן, בראַוו און אַנטשלאָסן. האָבן די פלעמער פאַרכאַפּט איינע פון די צוויי גרעסטע שטעט פון דער מדינה — אַנטווערפּען, און דאָרט געמאַכט זייער הויפּטשטאָט, די רעזידענץ פון זייער נאַציאָנאַל-קולטורעלן קאַמף.

און דער קאַמף ווערט נישט געפירט סתם אַזוי, מיט רעוואָלו-

ציעס און אָפּשטימונגען, מיט סברות און „גוטע ווונטשן״. דער קאַמף איז אייגן און ציל-באַצוועקט. די איינוווינער פון אַנטווערפּען, — קנאַפּע דריי-פערטל מיליאָן, — און די איינוווינער פון אַרום אַנטווערפּען, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון וועלכער עס איז מגע־ומשא מיט דעם לשון פון פראַנקרייך און מיט דער גרויסער פראַנצויזישער קולטור, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער שפּראַך. זיי האָבן פאַרבונדן זייער גורל מיט דער לפּי־ערך אָרעמער פלעמישער שפּראַך. זיי, די בעל־חלומות, האָבן געהאַט הינטער זיך די גוטע און אויפריכטיקע ווונטשן פון פּשוטן פאָלק און פון דער אינטעליגענץ. זיי האָבן אויף דער שפּראַך אַנטוויקלט אַ קולטור, אַזוי אייגנאַרטיק, ווי זיי אַליין זענען, און אין קאַמף געפאָדערט פולע אויטאָנאָמע רעכט, און נישט נאָר אויטאָנאָמע, נאָר אויך מלוכהשע גלייכבאַרעכטיקונג, און זיי האָבן עס אויסגעפירט.

זענען אַלע אויפשריפטן פון דער מלוכה און מוניציפּאַליטעטן אין צוויי שפּראַכן. און הגם פראַנצויזיש איז איבער גאַנץ בעלגיע די שפּראַך פון „בעלגיע״, און די פראַנצויזישע בעלגיע האַלט זיך פאַרן אויבערשטן פון שטייסל, און הגם די פלעמער האָבן שוין זייערס אַ גרויסן טייל אויסגעפירט, — דאָך איז דער קאַמף ווייט נישט געענדיקט. זיי פאָדערן נישט נאָר פלעמיש זאָל ווערן אַ גלייכבאַרעכטיקטע שפּראַך, נאָר פאַרלאַנגען צו באַשטעטיקן, אַז פראַנצויזיש איז אַן אָנגעוואָרפנקייט אין זייערע שולן, און אַז פראַנצויזיש האָט טענדענצן מיט דער צייט צו פאַרשלינגען פלעמיש. און דאָס ווילן זיי נישט דערלאָזן, און קעגן דעם קעמפן זיי.

אַ חוץ עטלעכע גרעסערע און קלענערע שטעט, האָט בעלגיע צוויי הויפּט-שטעט: בריסל און אַנטווערפּען. ביידע שטעט ליגן נאָענט איינע נעבן דער אַנדערער. אַ האַלבע שעה באַן-רייזע איינע פון דער צווייטער, און — וואָס פאַר אַ געוואַלטיקער אונטערשיידן! זיי זעען נישט אויס, ווי צוויי שטעט פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער אין איין לאַנד, נאָר זיי זעען אויס, ווי צוויי לענדער, און נאָך ווי צוויי נישט פריינטלעכע לענדער, וואָס איינס וואָלט דאָס אַנדערע פאַרטרונקען אָדער פאַרשלונגען.

אַנטווערפּען איז אַ שם-דבר אין דער וועלט, סיי צוליב איר באַרימטן פּאָרט און סיי צוליב איר בריליאַנטן-בערזע. דער פּאָרט איז

איינער פון די עלטסטע אין אייראָפּע, און די בריליאַנטן-בערזע איז פון די סאַמע יינגסטע. דער פּאָרט, וואָס ציט זיך אויף צענדליקער מיילן, איז אַן אומדערשעפּלעכע טעמע פאַר מאָלער, וואָס קומען טאָ-קע פון דער גאַנצער וועלט אַהער מאָלן. אַט פונקט, ווי דער פּאָרט אין אַנטווערפּן איז אַ מקום-מקלט פאַר פאַרשיידענע טיפּן מאַטראָזן, וואַגאַבונדן, מענטשן, וואָס האָבן דעם אינטערעס צום לעבן און צום קאַמף פאַרן לעבן איבערגעלאָזט ערגעץ אויף די ווייטע וועגן, אין טראָפּישע לענדער, אין עקזאָטישע פּאָרטן, איבער אַלע ימען און קאַנאַלן פון דער וועלט און אויף אַלע שיפן, וואָס שווימען אין אומבאַקאַנטע וואַסערן.

אַנטווערפּן האָט פאַר זיי צוגעגרייט פּלאַץ אויפצובלאָזן די לעצטע פונקען און צו דערטרינקען די לעצטע אויפגליען אין אַל-קאָהאָל, אין זנות און אין אַזאַרט-שפּיל.

נישט ערגער, ווי אין די פּאָרטן פון סאַנטאָס, מאָנטעווידעאָ, בוענאָס-איירעס.

פאַר אַ פרעמדן, וואָס קומט דאָס ערשטע מאָל אין אַנטווערפּן, בפרט נאָך אַ ייד, זעט עס אויס זייער מאָדנע, וואָס אָנשטאָט דעם דער באַאַמטער זאָל אים פרעגן עפּעס אויף פראַנצויזיש, ווייזט זיך אַרויס, אַז די עטלעכע אייסגעלערנטע פראַנצויזישע ווער-טער מעגן זיך דערווייל גאַנץ בריווח ליגן אין טשעמאָדאַן. סיי דער רעגירונגס־באַאַמטער, סיי דער פּאָליציאַנט, סיי דער האָטעל-אייגנטי-מער און דער טאַקסי-אויטאָמאָביל-טרייבער, — אַלע, אַלע רעדן צו אייך פלעמיש. פאַר אַ ייד איז עס זייער לייכט אויפצוכאַפּן, וואָרום שוין ביים ערשטן וואָרט דוכט זיך אייך, אַז דאָס רעדט ער פשוט ייִדיש. דער אויסקלאַנג פון דער שפּראַך איז טאַקע ווי יידיש־לשון אין אַ פּויליש קליין שטעטל.

פראַנצויזיש וועט מען צו אייך רעדן נאָר אין אַ גויט־פּאָל, נאָר דעמאָלט, ווען דער אַנטווערפּענער וועט זיך איבערצייגן, אַז איר פאַרשטייט ווירקלעך נישט קיין פלעמיש. אין אַנטווערפּען איז אפילו רעכט, איר זאָלט רעדן ענגליש (וואָס אַ גרויסער טייל פון די איינ-וווינער, און דער עיקר — געשעפטס-אייגנטימער, רעדן), עס איז רעכט, איר זאָלט רעדן דייטש, און מען וועט אייך גערן ענטפערן. פון האָלענדיש אין דאָך אָפּגערעדט. אָבער די יידן פאַרשפּאָרן זיך די

אַלע מי — זיי רעדן פּשוט מאַמע-לשון, און איינער דעם אַנדערן נאָרט אָפּ. דער פלעמישער בעלגיער מיינט, אַז דער ייד רעדט אַ בּי-סעלע שלעכט פלעמיש, און דער ייד מיינט, אַז דער בעלגיער רעדט אַ בּיסעלע קאַליע־געמאַכטן יידיש, און מען פאַרשטייט זיך, מען לעבּט צופרידן און מען האָט זיך גערן.

איז אפשר דערפאַר טאַקע אַזוי מאָדנע, בפרט ווען מען קומט נאָך אַזוי פיל יאָרן אָפּוועזנדיק זיין אין אייראָפּע, ווו דאָס אויג האָט זיך שוין אָפּגעוווינט פון די ספּעציפישע געטאָ-געסלעך — מיט דער געטאָ-הלבשה, בעת מען פאַלט אַריין אין דעם יידישן געטאָ אין אַנטווערפּען.

דער געטאָ, אייגנטלעך, הויבּט זיך אָן אין דער דימענטן-גאַס, די גאַס לענגאויס דער באַן-סטאַציע, אין סאַמע צענטער פון שטאָט.

עס איז אַ שטיק נאַלעווקעס וואָס איז איבּערגעפלאַנצט געוואָרן אין בּעלגיע. דער זעלבּיקער טומל אַרום עפּעס אַבּסטראַקציע־מסחר. אַמאָל פלעגן אָט די יונגעלייטלעך אַרומשמייען מיט פּאַפּירענע שקאַרמיצ-לעך, און אינעווייניק פלעגן זיין מעל-פּראָבּקעס. פלעגט אַ מעקלער „נאַראַיען", און דער סוחר פלעגט איינטונקען די צוויי פינגער, ווי אין אַ טאַבּאַק־שקעטעלע, אַ צעמאָל טון דאָס בּיסעלע מעל מעשה־מבין, און טרעפן וועלכער גראַד: צוויי נול אָדער נאָך מער... דאָ, אין אַנטווערפּען — דאָס זעלבּיקע: מען לויפט אַרום מיט פּאַפּירלעך... אינעווייניק זענען פאַראַן בּריליאַנטן. מען עפנט אויף, מען טוט אַ קוק, — די זון צעשפּילט זיך אין דעם „פּראָשעקל", און אַ שפּיל פון פאַרבּן טוט אַ צינד אָן דעם פאַרבייגייערס אויג. מען זאָגט מבינות און מען האָוועט ווייטער אַ עק.

די בּריליאַנטן-בּערזעס, אָדער ווי מען רופט עס דאָ—„דימענטן-קלובּן", זענען כמעט פון לויטער יידן. אַלנפאַלס, די, וואָס מען זעט דאָרט, זענען יידן. יידן פון לאָדזש און פון קראָקע. די קאַפּאָטעס זענען מיטגעקומען מיט זיי פון די אַלטע היימען, נאָר לשם דרך־ארץ האָט מען דאָס היטעלע פאַרבּיטן אויף אַ קאַפּעלוש... דאָס האָט נאָר געטון דער לאָדזשער, דער בּענדינער און דער נאָווידוואָרער. דער קראָקעווער האָט עס נישט בּאַדאַרפט טון. זיין רבּנישן קאַפּע-לוש האָט ער דאָ נוצלעך געמאַכט, אַבּי אַ קאַפּעלוש.

די באָרד און פּיאות זענען סיי ווי געבליבן. ביי די יונגע — אָביסעלע „פּאַצעטיש" אַרונטערגעמאַכט הינטער די אויערן.

און די הויזן איבער די שטיוול אַריבערגעצויגן, עס זאָל אויסזען ווי קאַמאַשן...

און יידן האַנדלען מיט בריליאַנטן, שטייען אין קאָנטאַקט מיט דער וועלט. דער טעלעגראַף פאַרבינדט מיט לאָנדאָן און דורך לאָנדאָן — מיט דרום-אַפריקע. און אַזוי אַרום: מיט דער גאַנצער וועלט.

נישט נאָר אַנטווערפּען, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד איז אויפגעלעבט געוואָרן, זינט יידן האָבן דעם בריליאַנטן-האַנדל אַריבערגעבּרענגט קיין בעלגיע. דאָס לאַנד איז געוואָרן אַ וועלט-צענטער. אַמאָל, ווען געלט איז געווען אַ סך, איבערהויפּט אין אַמעריקע, זענען די בריליאַנטן-גאַסן אין אַנטווערפּען געווען באַלאַגערט, ס'איז נישט געווען מעגלעך דורכצוגיין. די גאַס איז שמאָל און שטויביק, פון די דורכלויפנדיקע באַנען פאַלט אַלעמאָל אַ שוואַרצער וואָלקן רויך, וואָס לאָזט איבער אַ געדיכטע סאַזשע. אָבער די בראַנדיקע פייערן פון די טייערע איידלשטיינער, רויע און געשליפענע, האָבן זיך דורך אַלץ דורכגעריסן. מען האָט געפירט האַנדל אין די קלובן און אין דרויסן פאַר די קראָמען, אין די קאַפע-הייזער און אין די צייטונגס-געשעפטן.

אין יעדן יידישן הויז — אַ פאַבריקל, אַ שלייף-פאַבריקל. מען האָט געריסן די איידלשטיינער פון די הענט. ביולעטינען זענען אַרויסגעגאַנגען און טאַבעלן האָבן אָנגעזאָגט דאָס כסדרדיקע שטייגן פון דימענט, דעם ווערט פון קאַראַט און דעם באַטרעף דערפון.

אויף דער בערזע:

אין די פאַרמיטאָג-שעהן—ענג, דושנע און היציק פון די געמיטער. מען זיצט אויסגעזוצט קעגן דער שוואַרצער ברעט, ווו די געהיימע האַנט פון עפּעס אַ פאַרבאָרגענער קראַפט צייכנט אָן. צייכנט ציפערן, שטייגן און פאַלן. די אויגן פון די זיצנדיקע לאָדזשער און קראָקעווער זענען צעגלאַנצט, אפשר גלאַנציקער, ווי די שטיינער גופא, וואָס די, וועלכע שטייען אין דרויסן אין די קאָרידאָרן, אָדער זיצן אין די דערבייאיקע קאַפע-הייזער האַלטן אין די פראָשקע-פאַפירלעך... דאָ, אויף דער שוואַרצער ברעט, צייכנט מען דעם גורל נישט נאָר פון די עטלעכע טויזנט לאָדזשער און קראָקעווער יידישע בריליאַנטן-הענדלער און מעקלער, נאָר פון דעם ברייטן

אַרבעטס-מאַרק, פון די הונדערטער, הונדערטער פאַבריקלעך און וואַר-שטאַטן, ווו מען שלייפט די שטיינער. און אַרום דעם — דער גורל פון גאַנץ אַנטווערפּען, וואָס איז אָפּהענגיק פון די בריליאַנטן-אַרבע-טער, און אפשר פון דעם ברייטן האַנדלס-מאַרק אין בעלגיע.

און צוזאַמען מיט דעם, צייכנט זיך ערגעץ אָן דער גורל פון די מינען-אַרבעטער אין די אַפריקאַנישע גרובן—אויף די בריליאַנטן-פעלדער.

און די בריליאַנטן-הענדלער פירן זיך אויף זייער שטייגער — יידישלעך. מען קויפט וועלט־רײַכטום, ווי מ'קויפט אַן אתרוג. אַז איי-נער קויפט, ווינטשן אים אַנדערע צו הויך, אויפן קול:

— זאָל זיין מיט מזל!

— מזל-ברכה און הצלחה!

און דער קויפער ענטפערט:

— אָמן. אַז כ'וועל טרעפן, וועל איך שיקן דעם רבין אַ פדיון...

צוויי טריט פון דער בריליאַנטן-גאַס, אויף דער אַנדערער זייט באַן-ליניע און באַן-לאַוועל, איז דאָס פּ אַ ק ט י ש ע געטאָ.

דאָרט וווינען זיי, די בריליאַנטן-הענדלער, די קרעמער, די קליי-נע באַלעבאַטימלעך און די אַרבעטערשאַפט.

געסלעך שמאָלע, מיט שפּיציקע שטיינער. אָפטמאָל דוכט זיך, אַז אַ שטיק מיטלאַלטער איז דאָ איבערגעבליבן ווי אַ זכר, ווי אַן אָנדענקונג.

דאָ זעט מען שוין, ווי די יונגעלייטלעך, וואָס האָבן איבער יענער זייטן באַן געהאַט פאַרשטעקט די פיאות הינטער די אויערן, האָבן דאָ זיי נאָכגעלאָזט. באַמבלען זיי זיך ווי שרויפּנציערס איבער די באַקן. יידן איינגעהויקערטע, מיט לאַנגע זשופּיצעס, און איבער די זשופּיצעס—שיך און זאָקן, טראָגן אונטער די אָרעמס טלית-זעק-לעך, גייען אין די פרימאָרגנס דאַווענען. קרעמלעך, קרעמלעך און קרעמלעך. ווו דער בליק פאַלט—אַ קרעמל. און נישט נאָר אַ קרעמל סתם, נאָר אַ בשר-כשר. דאָס וואָרט כשר איז ווי אַ סימבאָל. אַפילו אויף קלייטלעך, וואָס האָבן נישט צו טון מיט עסנוואַרג, געפינט זיך אויך דאָס וואָרט כשר. נישט אומזיסט האָט אַ זשורנאַליסט געזאָגט

אויף דעם געטאָ אין אַנטווערפּן, אַז אַפילו פּאָדעם קריגט מען דאָרט מיט דער מאַרקע „כּשר"...

איך האָב אין אַמעריקע, אַפילו אין אַזאַ שטאָט, ווי ניו־יאָרק, אָדער מאָנטרעאָל, נישט געזען אַזויפיל יידישע בוכהאַנדלונגען, ווי אין אַנטווערפּען. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס יידישע בוך שטייט דאָ גאַנץ פעסט אויף די פּאָליצעס, אָבער צייטונגען און זשורנאַלן ווערן דאָ אַ סך פאַרקויפט, אין די טויזנטער. אַלע אויסגאַבן פון וואַרשע: טאָג־צייטונגען און וואָכנבלעטער, מאָרגן און מיטאָג־אויסגאַבן. איך האָב זיך דאָ, אין אַנטווערפּען דערוווּסט, אַז אין פּוילן דערשיינען אַזויפיל טאָג־ און וואָכן־שריפטן. און נישט בלויז פון וואַרשע, נאָר אויך פון אַנדערע שטעט, צו צוויי און פיר זייטן — אַלץ ווערט דאָ פאַרצוקערט. דער אַנטווערפּענער עולם איז נישט אָפּגעריסן פון דער היים. ס'איז נישט קיין איבערפלאַנצונג, נאָר אַ פאַרזעצונג. אַנט־ווערפּען איז אפשר אַ פאַרשטאָט פון זייער שטאָט, אָט ווי זגעזש פון לאָדזש, און ווייטער איז אַלץ דאָס זעלביקע.

אַמאָל האָט דאָס יידישע אַרבעטנדיקע בעלגיע זיך געגרייסט, וואָס אויף איר מזל איז אויסגעפאַלן איינצושרייבן אַ הערלעך בלעטל אין דער געשיכטע פון יידישער שווערער אַרבעט. דאָס זענען גע־ווען די טויזנטער, טויזנטער יידישע קוילנגרעבער אין די קוילן־מי־נעס פון שאַרלרוּאַ. דער אָטעם פון די יידישע קוילנמינערס האָט זיך געשפּרייט איבער אַלע אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון לאַנד, און די ווירדיקייט דערפון האָט מיט שטאָלץ זיך אַרויסגעהאָנגען איבער די געטאָס פון אַנטווערפּען, איבער די אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון בריסל, איבער ליעזש און מער פון אַלץ — טאַקע אין שאַרלרוּאַ. די עטלע־כע טויזנט (מען זאָגט אַרום זעקס טויזנט אין צאָל) יידישע קוילן־מינערס, האָבן נישט נאָר געטראָגן אין זיך דעם קערן פון אָרגאַני־זירטן יחוס, נאָר אויך אַן אויפגעהעלט בלעטל פון יידישער קולטור־באַוועגונג אין בעלגיע. איך ווייס נישט, צוליב וועלכע סיבות דריי־ען זיך די געוועזענע קוילן־אַרבעטער אַרום איבער די גאַסן פון אַנטווערפּען (און מסתּמא אויך אין בריסל) און האָבן זיך איינגע־פאַסט אין די ענגע שטוביקע וואַרשטאַטלעך פון היימישע מלאכות: שניידעריי און מער פון אַלץ — בייטלמאַכעריי, דאַמענטאַשן און אַלץ,

וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דעם פֿאַך. אמת, די דאָזיקע מלאכה האָבן ייִדן פֿאַרוואַנדלט אין אַ נאַציאָנאַלער אינדוסטריע, נישט ערגער, ווי דימענטן, אָבער דער אָנלויף איז אַזוי גרויס און דער מאַרק דערויף אַזוי קליין. די קאָנקורענץ און דאָס איבערגעיעג אין אַרבעטס-שעהן זענען מוראדיק אין מיטן קריזיס האָט עס די צווייטע מדרגה אַר־בעטערשאַפֿט אי צוגעדריקט, אי אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער גאַס.

איבעראַל די זעלביקע געטאָ-גאַסן פֿון אַנטווערפּען, די קיווער סטראַט, שפּאַנען זיי אַרום, ווי שאָטנס, ווי אָפּבלייכונגען פֿון אַמאָל. נאָך גוט, וואָס עס זענען פֿאַראַן אַרבעטער-אינסטיטוציעס, אַרבעטער־היימען און אַרבעטער-קלובן, און ס'איז דאָ נאָך אַ טאָג פֿון אַרבעטס־זוכן און נישט געפֿינען, ווו אַרייַנצוקומען, זיך טרעפֿן מיט נאָך אַן אַרבעטער. אַמאָל—אַ שטראַל אויף טון ביי אַ געלעגנהייט. אַ יום-טוב אָדער אַ פֿייערונג, און גאַנץ אָפֿט, און אפשר עטלעכע מאָל אין טאָג, זיצן אין אַן אייגענער סביבה און אָפּעסן אַן אָרעמען מאָלצייט, וואָס די קלובן פֿאַרגרייטן.

אין אַנטווערפּען בושעוועט נישט אַזוי די רעאַקציע, ווי אין בריסל, און די רדיפֿות זענען אפשר מילדער. דער האַס צום פֿרעמדן איז אַלנפֿאַלס נישט אַזוי גרויס. דער פֿרעמדער האָט אַ סך בייגע־שטייערט צום אויפֿבוי און אויפֿלעב פֿון דער שטאָט. און אפשר דער פֿלעמער, וואָס איז באַלעבאָס פֿון דער שטאָט, פֿילט זיך נאָך אַלץ נישט אויף הונדערט פּראָצענט, אַז ער—דאָס איז דער שטאָט.

זיי, די פֿלעמער, בויען זייער אייגן נאַציאָנאַל לעבן מיט דער פֿיבערהאַפֿטיקייט פֿון שטעלן זייער נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פֿאַר אַ פֿאַקט. עס איז קיינמאָל נישט פֿאַרטיק און קיינמאָל נישט געענדיקט. מען וויל איבערשטייגן בריסל. מען האָט חשק, אַז נאָר אַנטווערפּען און נישט בריסל זאָל ווערן די הויפּטשטאָט. האָט בריסל אַ קייזערלעכע אָפּערע, איז פֿאַראַן אין אַנטווערפּן אַ פֿלעמיש-נאַציאָנאַלע אָפּערע, טעאַטערס, מוזייען, אַ פּרעסע און אַן אייגענע ליטעראַטור – אַ קולטור, וואָס ווערט גערופֿן צום אויסדרוק אויף אַ שפּראַך פֿון אַזאַ קליינער באַפֿעלקערונג, ווי די פֿלעמער זענען אין בעלגיע בכלל און אַנט־ווערפּען בפֿרט.

עס גייט אַ קאַמף צווישן דעם אויסלייג פֿון זייער שטאָט „אַנטווערפּען” און „אַנווערס”. דאָס ערשטע איז פֿלעמיש און דאָס אַנ־דערע – פֿראַנצויזיש. ייִדן אין אַנטווערפּען פֿילן זיך צונויפֿגעגאָסן

און באהאפטן דווקא מיט די פלעמער. א ייד וועט קיינמאל נישט זאגן דאס ווארט „אנווערס", אפשר דערפאר, ווייל מען געהערט זיך אן אין קרובהשאפט מיט די גערמאנישע שפראכן.

און די פלעמער וויסן דאס און זענען דאנקבאר.

די פלעמער צירן זייער שטאט. איבער דער ברייט פון שטאט ציען זיך ברווהדיקע בולווארן, עכט־גרויסשטאטיש און דערביי געמיט־לעך, ווי אין גארטן־ווילעס. אייגנארטיקער סטיל פון הייזער, פאר־טונקען איןביימער און אין גרינס. פרויען וואשן די טראטוארן מיט זייף. די ריינלעכקייט איז א קולט און — א געטא, גלייך דאס מיסט פון דער גאנצער וועלט וואלט דארט געלעגן...

■■■■

בריסל

אין בריסל צו פארן פון איין ארט צום אנדערן דויערט אפט־מאל לענגער, ווי פון אנטווערפען קיין בריסל.

און דאך — אזא אונטערשייד צווישןביידע שטעט, אזוי אנ־דערש, סיי אין דעם אויסשטעל פון די גאסן און סיי אין כאראק־טער פון די מענטשן.

אנטווערפען איז געמיטלעך, רויק, יוסט און ריין. אנטווערפען איז ענלעך צו בערלין: מאסיוו און פשוט. בריסל איז לייכט און לופ־טיק. בריסל איז קליין־פאריז. עס האט אין זיך דעם רויש פון א מעטראפאליע אין מיניאטור־פארם.

בריסל איז א גרויסע שטאט אין א קליינעם פארמאט.

שוין באלד ביים צפון־באנהויף דערזעט מען דאס צעזאטנקייט פון א הויפט־שטאט. ליכטיק, לייכט און רעשנדיק. קאפעען, — אפענע, ברייטע. די טראטוארן באשטעלטע מיט טישלעך. אינלענדער און אויסלענדער. פארהאוועטע מענטשן און ליידיקגייערס, און פון דאנען הויבן זיך אן די בולווארן, שמאלע און ברייטע גאסן. גאסן מיט גרויסע געשעפטסהייזער, האטעלן און קינאס.

בריסל האט א מיליאן איינוווינער. חוץ דעם מיליאן — האט זי אויך נאך א מענטש, וועמען מען ציילט אפשר נישט — דאס איז דער קעניג.

אַלבערט, דער קעניג פון בעלגיע! דעם דאָזיקן מענטשן פילט מען עפעס נישט אין דער קרוין־שטאַט. עס איז אַזאַ אונטערשייד צווישן לאָנדאָן און בריסל.

דאָרט איז קעניג אַ סימבאָל פון מאַכט און ממשלה. און דאָס גאַנצע לאַנד, און דאָס גאַנצע פאָלק דינט דעם דאָזיקן סימבאָל. נאָך יעדער טעאַטער־פאָרשטעלונג, פילם־בילד, קאָנצערט, זינגט דער גאַנצער עולם „גאָט היט דעם קעניג", אַלע שטייען אויף מיט יראה, אפילו דער קעניג אַליין שטייט און סאַלוטירט ביים געזאַנג פון הימן, ווייל נישט פאַר אים איז דאָס, נאָר פאַרן סימבאָל פון דער בריטי־שער אימפּעריע, און ער, דזשאָרזש דער פינפטער, איז פונקט ווי אַלע דזשאָרזשס און עדוואַרדס, — דער דאָזיקער סימבאָל.

אַלבערט איז דער קעניג פון בעלגיע, און נישט איר סימבאָל. עס קאָן זיין, אַז מען וואָלט שוין לאַנג אָפּגעשאַפט דאָס קעניגטום, נאָר עס לוינט נישט. עס איז נישט כּדאי קיין „רעוואָלוציע" צו מאַכן, אפילו ווען עס זאָל זיין אָן בלוט־פאַרגיסונגען. עס לוינט אפשר נישט די טרחה און נישט די מי. אַ „קאָפּ" פון לאַנד מוז דאָך זיין. אַזאַ שטומע אינסטיטוציע אין איראָפּע הייסט פּרעזידענט. נו, קאָסט דען נישט אַ פּרעזידענט טייערער? ערשטנס, דאָס כּסדר־דיקע ווייל[ן], דאָס געהאַלט און די קלאָפּאָטן. אַ קעניג קאָסט ביליקער. יעדן בירגער קאָסט עס סך־הכל אַ פראַנק אַ יאָר. אַרום אַכט מיליאָן מענטשן ציילט דאָס קעניגרייך בעלגיע, און אַכט מיליאָן פראַנק באַקומט דער קעניג אַ יאָר — און נישט מער...

עס איז דאָ אַזאַ מענטש, וואָס הייסט אַלבערט, און ווינט אויף זיין אייגענעם חשבון אין אַ שיינעם פּאַלאַץ, און ער פאַרנעמט זיך מיטן דעקאָראַטיוון טייל פון לאַנד: גייט אויף פּאַראַדן, פייערלעכ־קייטן, נעמט אויף אַמבאַסאַדאָרן און דערלאַנגט זיין האַנט נייגעריקע אַריסטאָקראַטישע דאַמען, וואָס קומען וועגן דעם פון אויסלאַנד.

און יעדער איינער אויפגעקומענער, וואָס האָט נישט די זכיה געהאַט אויפגענומען צו ווערן פון ענגלישן קעניג, קומט דאָ אַהער אין בריסל צו זוכן גנאָד, און עס קומט אים אָן גרינגער, און עס קאָסט ביליקער...

דער פּאַקטישער רעגירער, זאָגט מען, איז אין בעלגיע וואַנ־דערוועלדע, צי ער איז יאָ אין קאַבינעט, צי ער איז נישט אין קאַ־בינעט — ער איז דאָס דער אייביקער מיניסטער, דער שטענדיקער

בעל־יועץ, און זיין געהאַלט איז גאָר נישקשהדיק, און זיין השפעה איז נאָך גרעסער.

די סאָציאַליסטן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן אין בעלגיע, און דער עיקר אין בריסל, זייער הויפּט־פעסטונג. זיי האַלטן אָפּט די וואָגשאָל אין דער פּאָליטיק — אין פּאַרלאַמענט, און זייער אָפּט איז די וואָגשאָל אַן איבערוויגנדיקע. פונדעסטוועגן איז דאָס איבערוועגן נאָך קיינמאָל נישט צופיל אויסגענוצט געוואָרן לטובת דעם בעלגישן אָדער דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

די ברייטע אַרבעטער־מאַסן, די סאָציאַליסטן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן אויפן אָרגאַניזאַציאָנעלן אופן, פאַר זיך און צווישן זיך, זייער אַ סך דערגרייכט. אין בריסל האָבן זיי איינגעפירט אַ גוט־פאַרצווייגטן סיסטעם פון אייגענערווירטשאַפט. זייערע קאָאָפּעראַטיוון, פאַבריקן, קראָמען און אונטערנעמונגען געהערן צו די בעסטע אין דער וועלט. אַדאַנק דעם מוסטערהאַפטן אופן פון פאַרוואַלטן, באַקומען זייערע מיטגלידער גוטע און ביליקע סחורות, און די דיווידענדן, וואָס באַטרעפן יערלעך אַ סך מיליאָנען, ווערן פאַרווענדט פאַר אַלץ נייע אינסטיטוציעס, הייזער און אַנשטאַלטן פאַר אַרבעטער. דער שטאַב אָנגעשטעלטע פון די קאָאָפּעראַטיוון זענען נישט קלענער, ווי די באַאַמטע פון דער גרעסטער רעגירונגס־אינסטיטוציע.

אויף גאַנצע קוואַרטאַלן ציען זיך אַט די קאָאָפּעראַטיווע הייזער, קראָמען און אינסטיטוציעס און געבן צו אַ זייער בכבודיקן אויסזען דער שטאָט בריסל.

די לאָנדאָנער פירן וויזן דעם פּאַרלאַמענט, דעם בריטישן מוזיי, דעם הייד־פּאַרק; די פּאַריזער פירן דאָס ערשטע וויזן דעם „לוווּר־מוזיי", און די בריסעלער פירן מיך צו דער „מעניקע פּיס".

קאָן זיין, אַז עמעץ אַ לץ, אָדער אַ גרויסער קינסטלער האָט געמאַכט אַ וויץ, און אַ גאַנץ פאָלק האָט דעם וויץ אויפגענומען און עס געמאַכט אייגן און נאָענט, און אים נאָך אַרומגעוועבט מיט לעגענדע און אַ פאַנטאַסטיש מעשהלע.

די דאָזיקע פיגור איז ממש געוואָרן אַן אָפּגאָט און אַ שפּיעלכל, און דאָס גאַנצע פאָלק שפּילט זיך דערמיט.

דאָס פיגורל שטעלט פאָר אַ נאַקעט קינד, אַ יינגעלע, וואָס

שטייט אויף אַ שטיין און — מאַכט אַ בויגן... די פיגור איז אָבער דאָס ווערק פון אַ גרויסן קינסטלער. האָט מען קודם־כל דאָ צוטון מיט אַ שטיק קונסט, מיט אַ קונסט־ווערק אין קליינעם פאָרמאַט. דאָ איז ניט אינטערעסאַנט, ווי דאָס סטאַטועלע מאַכט אַ „פאַנטאַן״, אַ נאַטירלעכן פאָנטאַן, נאָר ווי דער גאַנצער אויסדרוק פון דעם פּנים איז צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם, וואָס עס טוט... יעדער אויסגע־שניצטער גליד פון דעם בראָנזענעם קערפּערל איז אָנגעגאָסן מיט פרייד, מיט דער קינדערישער פרייד. מען זעט, ווי אַלע גלידער אָטעמען מיט אַזאַ פאַרלייכטערונג, עס איז „אים״, דעם בראָנזענעם ליאַלקעלע „לייכט געוואָרן״ פון דעם, וואָס עס טוט...

און דאָ האָט קונסט באַלעבט פאַנטאַזיע. עס איז זעלטן, אַז אַ בעלגיער זאָל זיך ניט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז דאָס ווערק פון אַ טאַלאַנט. און ווייל אין דער פאַנטאַזיע פון בעלגיער לעבט די קליינע סטאַטוע, טיילט ער איר שוין צו אַלע כּבודים, פון וועל־כע אַזאַ „נאַציאָנאַלער העלד״ דאַרף געניסן. די בראָנזענע פיגור איז אַ „מיטגליד״ אין אַלע הויכע אָרדנס. מען זאָגט אַפילו אַ קאַוואַליער פון ערן־לעגיאָן אין פראַנקרייך. „ער״ איז קאָמאַנדיר פון פאַרשידע־נע אָפּטיילונגען אין דער קעניגלעכער גוואַרדיע. ער קריגט „מתּנות״ און ביי פייערלעכקייטן טוט מען אים אָן דעם פּאַסיקן מונדיר. ער האָט אַפילו געקריגן דעם העכסטן מיליטערישן אָרדן פון קעניג פאַר „זיין״ אומדערשראָקנקייט, וואָרים בשעת די דייטשן, אין דער וועלט־מלחמה, האָבן פאַרנומען בעלגיע און די איינוווינער זענען אַנט־לאָפן, איז ער, די פּיש־פיגור געבליבן שטיין אויף זיין „פּאָסטן״ און כּסדר געטון דאָס, וואָס ער טוט שטענדיק... קומט „אים״ ניט אַ מעדאַל פאַר העלדישקייט? אַפילו דער קעניג איז דאָך דעמאָלט אַנט־לאָפן!..

דאָס פאָלק דערציילט: אַ קליינער פּרינץ איז פון קעניגס פּאַ־לאַץ פאַרשוווּנדן געוואָרן. צי מען האָט אים אַרויסגעגנבעט, צי ער איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, דאָס האָט קיינער ניט געוווּסט. ריי־טערס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם קליינעם פּרינץ צו זוכן. האָט מען געזוכט טעג און נעכט, ענדלעך האָט מען אים געפונען. דאָס יונגע פּרינצל איז זיך געשטאַנען אָט אויף דעם אָרט, ווי עס שטייט היינט די „מאַנעקע״ און... געטון דאָס, וואָס עס טוט די „מאַנעקע״.

איז די פרייד געווען זייער גרויס. האָט מען באַשלאָסן אַלס אָנדענק פון דעם גרויסן נס, וואָס דער פרינץ האָט זיך אָפּגעזוכט אויפצושטעלן אַ מאָנומענט אין דער פּאָזע, ווי מען האָט געפונען דעם יורש-עצר'ל.

און אַ גרויסער קינסטלער האָט די לעגענדע פאַראייביקט.

דערוויייל איז די „מאַנעקע״ אַ גוטע „ביזנעס״. אַלע טוריסטן, וואָס קומען אין בריסל, גייען קודם-כל באַקוקן דעם קליינעם העלד. און מען שטייט אַזוי שעהן-לאַנג און מען באַטראַכט די פיגור און מען שמייכלט. יונגע מיידלעך פאַרשעמען זיך, נאָר קוקן.

אונטער דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ פאָלקס-זאַך, אַ פאָלקס-אינסטיטוציע, אויף וואָס די בעלגיער, און דער עיקר די בריסעלער זענען שטאָלץ, לאָזט מען שוין איבער אַ היפּשע צאָל מטבעות אין די דערבייאיקע געשעפטן, וואָרום אַלע קראָמען אַרום דעם מאָנומענטל, האָבן אָנדענקונגען פון דער „מאַנעקע״, צי דאָס איז בראָנזענע קאָפּיעס אין אַלערליי פאָרמען, גרעסערע און קלענערע, צי דאָס איז בילדער און פּאָסט-קאַרטלעך, מעסערלעך, ציגאַרעטן-קעסטעלעך אָדער שוועבעלעך-שאַכטלען, אויף אַלץ און אַלצדינג געפינט זיך דאָס אָפּבילד פון דער „מאַנעקע״, אויסלענדער צאָלן גוטע געלטער און די קראָמען מאַכן גוטע געשעפטן...

איך בין שפּעטער געווען אין אַ מוזיי, אין אַן אָפּטיילונג פון פאָלקס שפּילערייען, האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף צוויי פלעשער — פּשוטע פלעשער. דאָס האָבן די בעלגיער באַהאַלטן פאַר אַן אָנדענק, פאַר אַ טייערן אָנדענק.

אַמאָל, אין פאָלקס-יום-טובים, פלעגט מען אויך שפּילן אין געוועטן. צווישן אַנדערע געוועטן האָט מען אויך אָוועקגעשטעלט צוויי ליידיקע פלאַשן. צוויי מיידלעך, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין געוועט, האָבן זיך געדאַרפט אַוועקזעצן אויף די פלעשער און וועמענס פלאַש עס איז די ערשטע געווען אָנגעגאָסן פול, האָט געוווּנען דאָס געוועט, די פּרעמיע...

ווייזט אויס, אַז דער ענין פון דער „פּאַנגון-ליאַלקע״ האָט נישט צו טון מיט קיין פאַרלוירענעם פּרינץ, נאָר מיט אַ פאָלקס-שפּיל. דער קינסטלער האָט עס אַזוי מייסטערהאַפט אויסגעדריקט אין דעם קליינעם ווערק זיינעם, וואָס איז געוואָרן אויפגעלעבט אין

דער פֿאַנטאַזיע פֿון אַ פֿאָלק, וואָס דער גאַנצער ענין איז אַ טייל פֿון זיין פֿאָלקסטימלעכקייט.

דער שטאָלץ פֿון בריסל, און פֿון גאַנץ קעניגרייך בעלגיע, איז די גראַנד־פּלאַזש. דאָס איז דער יחוס־ווינקל זייט דורות. דאָרט אויף יענעם פּירעקנדיקן שטח, האָט געגעסטעט די גאַנצע מאַכט, אַלע קעניגן און זייערע הויף־האַרן.

נאָר די קעניגן האָבן זיך שוין לאַנג איבערגעצויגן אין בעסערע געגנטן און מאָדערנערע פּאַלאַצן. די הויף־האַרן זענען איצטער מיניסטאָרן און פּאָליטיקער און צווישן זיי — מיטגלידער פֿון סאָציאַליסטישן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. זיי וווינען אין די טייערסטע האָטעלן. אין אָסטענדע ביים ים, און דאָ, די גראַנד־פּלאַזש, האָט מען איבערגעלאָזט פֿאַרן פֿאָלק, פֿאַר טוריסטן, פֿאַרן מוזיי און פֿאַר בלומען־פֿאַרקויפֿער.

די איינציקע אינסטיטוציע, וואָס דאָרט איז געבליבן, איז דער ראָטהויז, דער שטאָט־ראַט.

די גראַנד־פּלאַזש שטעלט מיט זיך פֿאָר איינס פֿון די סאַמע שענסטע און אינטערעסאַנטסטע אַרכיטעקטור־ווונדער אין דער וועלט. אַלע הייזער אין דעם פּירעקנדיקן פֿאַרנעם, האָבן איין סטיל — דעם גאָטישן, אָבער זייער שיין סטיליזירט. די קאָלומנעס און גזימסן פֿון יעדן בנין זענען פּרעכטיקע שטיקער שניצערייען און די פֿיינסטע אָרנאַמענטיק. סיי דער הויכער טורעם פֿון ראָטהויז, סיי די קלענערע טורעמס פֿון קעניגס, זענען ווי גאָלדענע טייט־פֿינגער אין דעם בלויען הימל אַריין, וואָס וויקלט זיך איבער דער פּליאַזשע, ווי אַ דורכזיכטיק געוועב.

די ווענט, אויסערלעך פֿון די געביידעס זענען באַשלאָגן מיט אויסקריצונגען, גראַווירונגען און גאָלד.

די ווענט זענען אָפּגעקראָכן און בויגן זיך פֿון אַלטקייט, אָבער דאָס גאָלד איז געבליבן. מען היט עס אָפּ עס זאָל נישט אָפּקריכן. עס מאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק אַריינקומענדיק אויף דער פּלאַזש, ווען דאָס גאָלד צעשפּילט זיך נאָך מיט דער זון, גיט אַ שלאָג אין פּנים אַריין און ברענגט צו טראָגן שפּורן פֿון אַ גרויסער עפּאָכע.

נישט ווינציקער ווי די מאָנאַרכיסטן, נעמען זיך אויך די ראַדיקאַלן איבער מיט דער גראַנד־פּלאַזש. דאָרט, צווישן די גאָלד־קאָלומנעס, הערב־אויסקריצונגען און גאָלד־שטוקאַטורן, געפֿינט זיך אַ קאַפּע־

הויז „צו דער שוואַן”, איז עס אַזוי אַלט, ווי אַלץ איז דאָ אַלט, אַפילו דאָס מעבל איז נישט געטוישט. דאָרט, דערציילט מען מיט שטאָלץ, איז געזעסן דער לערער און באַגרינדער פון סאָציאַליזם קאַרל מאַרקס, און דאָרט, אין דער קאַפע, האָט ער אָנגעשריבן דאָס ערשטע קאַפּיטל פון זיין ווערק „קאַפּיטאַל”.

איצט, אין שכינות פון דעם קאַפע, געפינען זיך די סינדיקאַטן- און אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס. נאָר צעטיילט און צעשטיקלט זענען זיי, נישט נאָר אין פּרינציפּיעלע אונטערשידן, נישט נאָר אין אידעישע דיפערענצן, נאָר אויך נאַציאָנאַלער האַס און נאַציאָנאַלע קאַמפן ווערן דאָרט אָנגעפירט. די וואַלאָנישע אַרבעטער-פעדעראַציע און—די פלע-מישע. זונטיק קומען פאָר מיטינגען און אַרויסטרעטונגען אויף דער פּליאַזשע, מיטינגען אונטערן פרייען הימל און פאַרזאַמלונגען אין די אַרבעטער-פאַריינען. און תמיד ענדיקט זיך דאָס מיט אַן אָנפאַל, מיט אַ געשלעג צווישן ביידע מחנות—די בעלגישע פראַנצויזן מיט די בעל-גישע פלעמער. און דער קאַמף איז אָפטמאָל בלוטיק און פאַרביטערט.

און דאָס איז די איראָניע. אַרבעטער-בלוט גיסט זיך און טראָפּנס פאַלן אויף די ווענט פון די קעניגלעכע געביידעס, און די טראָפּנס ווערן פאַרשלונגען אין די ווענט-מאָנומענטן. און די שטיין-ערנסטע פּנימער צעשמייכלען זיך גראָד דערפון, וואָס אַרבעטער-קעפּ ווערן צעשפּאָלטן פון... שטעקנס אין אַרבעטער-הענט.

דאָס יידישע לעבן אין בריסל איז נישט קאָנצענטרירט, נישט אין קיין געטאָס און נישט אין קיין ספּעציעלע קוואַרטאַלן און ממילא איז עס נישט אָנזעעוודיק.

אָבער אַ יידיש לעבן שלאָגט און פולסירט אין בעלגיעס הויפּט-שטאָט.

דאָ זענען פאַראַן פאַרבליבענע, וועלכע מען האָט קיין פראַנק-רייך נישט אַריינגעלאָזן און צוריק — אין מזרח-אייראָפּע — וויל מען נישט פאָרן. זענען זיי דאָ געבליבן ווי אויף דער גאַס, ווי אויפן ווינט.

דער אַלגעמיינער יידישער עולם, איז אַן אַרבעטער-עולם. ווי אין אַנטווערפּען האָבן זיי אויך דאָ אַנטוויקלט אַן אינדוסטריע פון לע-דער-אויסאַרבעטונג. און ווי דער שטייגער איז, האָבן די, וואָס האָבן

די אינדוסטריע געבויט — זי אַליין אומגעבערענגט: מיט קאָנקורענץ און נישט-אָרגאַניזירטקייט.

כמעט אַלע יידישע אימיגראַנטן האָבן ביי דער אַרבעט געפונען ברויט. נאָר די שווערד פון קאַמף-קאָנקורענץ צווישן די יידישע גע-ווענע סוחרימלעך און היימישע קליינע אונטערנעמער, האָט דעם ביסן ברויט אַרויסגעריסן. איצט איז די אַרבעטסלאָזיקייט גרויס, דער הונגער — נאָך גרעסער און די אומזיכערקייט פאַרן היינט און מאָרגן שפּאַנט מיט ריזיקע טריט און מיט גרויסע אויסגעשפּרייטע שאָטן-פליגל.

די, וואָס האָבן דאָ ווזין-רעכט, באַקומען אַביסל לעגאַלע שטיצע פון די אינטערנאַציאָנאַלע סינדיקאַטן. איז דאָס אָבער פאַרבונדן מיט צייט-פאַרלירעניש. דערצו נאָך נוצן זיי אויס די סיטואַציע, אָנגעבנדיק די צאָל, וואָס נעמט ביי זיי אונטערשטיצונג אַלס... זייערע אָנהענגער און צווינגען די דאָזיקע „אָנהענגער" צו קומען אויף זייערע דעמאָנ-סטראַציעס און מיטינגען.

דאָס קולטור-לעבן ביי די יידישע אַרבעטער דריקט זיך אויס אַזוי ווי אין אַנטווערפּען — אין אַרבעטער-קלובן און אַרבעטער-היימען, און ווי געוויינלעך איז דאָס יידישע אַרבעטער-לעבן דאָ צעטיילט און צעפּיצלט. דאָס, וואָס קומט פאָר אין דער גרויסער וועלט, האָט אויך אין בעלגיע דעם אָפּקלאַנג. יעדע גרופּירונג פירט זיך אויף דעם איי-גענעם שטייגער און אַלץ צוזאַמען שאַט אפשר אַ בונטיקייט אין אַרבעטער-לעבן און גיט מער אָנרעגונג און מער אינטערעס.

און בעת בריסל, די נאָכמאַכערין פון פּאַריז, שוימט מיט איר נאַכט-לעבן, קאַבאַרעטן, און די גאַסן זענען פאַרפלייצט פון הפקר-מיידלעך, גייט אָן אין די לאָקאַלן פון די יידישע אַרבעטער-אָרגאַני-זאַציעס אַ לעבהאַפטע טעטיקייט, און דאָס אויג פון דער מאַכט וואַכט איבער דעם און היט זייער יעדן שריט און קער. ס'איז דאָך בעלגיע, דאָס לאַנד פון קעניג אַלבערט, וואַנדערוועלדע, שווערער אינדוסטריע, אייזן און קוילן, נאַציאָנאַלער קאַמף און אויפשטייגנדיקער פרייער גע-דאַנק, וואָס פלייצט ווי אַ פייערדיקע כוואַליע.

■■■■

די אינטערנאַציאָנאַלע וועלט-אויסשטעלונג אין בריסל

תירוצים פאַר אַ וועלט-אויסשטעלונג פעלן נישט. אין צייט פון קאַפּיטאַליסטישער ירידה כאַפּט מען זיך אָן אין יעדער געלעגנהייט, אַבי צו געבן עפּעס אַן איינשפּריצונג, כּדי זיך צו דערהאַלטן. זוכט מען אויס אַ דאַטע פון אַרכיוו און מען פייערט. די פייערונג איז אָבער אַ קרעמערישע, פון פריער אויסגערעכנט נישט אַזוי אויף ריווח, ווי אויף פּדיון. דער עיקר איז — דער פּדיון. וואָרום נאָך דער אויסשטעלונג קומט דער דעפיציט, ס׳רוקן זיך אָן די „וואָכעדיקע טעג״. דאַרף מען אַרויפציען די שטייערן, דאַרף מען זיך וואַרפן אויפן לעצטן ביסן פונם בירגער. נאָר וועגן שפּעטער זאָרגט מען נישט, אַ חיי-שעה איז אויך גוט.

האָט דאָס קליינע, אָבער שטאַרק-אינדוסטריאַליזירטע בעלגיע אויסגעזוכט אַ דאַטע: „הונדערט יאָר אייזנבאַן-געשיכטע״, — איז דאָס אַ גענוגנדיקער מאָטיוו פאַר אַן אויסשטעלונג. קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ. עס ברענגט אַריין אי רום, אי געלט. דאָס לאַנד, וואָס מאַכט אַ וועלט-אויסשטעלונג, שטייט אין צענטער פון פּראָפּאַגאַנדע. די עקאָנאָמישע סיטואַציע איז אַזאַ, אַז עס פאָדערט זיך עפּעס אַן אויפטרייסלונג.

האָט מען צוועלף יאָר זיך געגרייט צו דער אויסשטעלונג. בעלגיע איז געאָגראַפיש דערצו, ווי צוגעפּאַסט. עס ליגט כּמעט אין מיטן אייראָפּע, אין שכנות מיט גרויסע מלוכות. בעלגיע איז אי מאָלעריש, אי ראָמאַנטיש לאָקנדיק; דאָס בעלגישע פאָלק איז נאָך אַלץ דאָס „צעפּיעשטשעטע״ פון זינט דער מלחמה. אָבער דער עיקר — בעלגיע האָט אַ נידעריקע וואַלוטע. אָט דער חשבון שטייט איבער אַלע חשבונות. דער בעלגישער פראַנק איז קלענער, ווי דער פראַנצויזישער. ער איז ווי אַ ליליפּוט קעגן דעם ענגלישן פונט, האָלענדישן גולדן, שווייצאַרישן פראַנק. אָבער בעלגיע האָט איר אייגענער נידעריקער וואַלוטע אויך נישט געטרויט. די וועלט איז פאַראַרעמט, אַ קשיא, וואָס עס קאָן נאָך זיין. די מיליאָנען, וואָס זענען אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער אויסשטעלונג, קאָנען זיך נאָכאַמאָל נישט אָפּזוכן. האָט מען דעוואַלוירט דעם פראַנק, געוואָרפן זיין ווערט. עס איז אַזוי, ווי מען וואָלט אַלץ געמאַכט ביליקער אויף 20—30 פּראָ-

צענט. אָבער צו ביליקע פרייזן האָט מען נישט קיין צוטרוי. ווען דער פראַנק איז ביליק, איז עפּעס אַנדערש, איז עס פּסיכאָלאָגיש באַקוועמער.

פּאָרלויפיק איז עס „גוט פאַרן פאָלק". דער אויסלענדער קריגט דאָ אַלץ האַלב-אומזיסט. עמעצער וועט דערפאַר מוזן באַצאָלן. די לאַסטן וועט דאָס פאָלק ערשט שפּעטער דערפילן. די לוינען וועלן, אין שייכות מיט דער דעוואַלוירונג פון געלט, נישט געהעכערט ווערן. דאָס מאַכט אומרויק און אומזיכער. אָבער דערווייל האָט בעלגיע „פּראָספּעריטי". דערווייל באָדט זיך בריסל אין ליכט, אין גלאַנץ, אין שפע.

נישט ווייט פון קעניגלעכן פּאַלאַץ, אין אַ האַלב-פאַרלאָזטן וואַלד, איז אויפגעבויט געוואָרן — די וועלט-אויסשטעלונג.

עס איז ממש איינס פון די הערלעכסטע ווינקעלעך אין דער וועלט. אַ ווערק פון באַגאַבטע קינסטלער, אַרכיטעקטן און מאָלער. הגם עס איז נישט באַפרייט פון געוויינלעכן שאַבלאָן, ליגט אָבער קונסט, געשמאַק אין יעדן ווינקל, אין יעדן פּלאַץ און בנין.

פאַראַן אַ באַשטימטע סטיללאָזיקייט, אָבער אין דעם כאַאָס פון סטילן שיילט זיך אַרויס דאָס אייגנאַרטיקע, דאָס אינטערנאַציאָנאַלע.

שוין דער צופאָר, — ווי געוויינלעך, דער פּאַראַד-אַריינגאַנג צו אַן אויסשטעלונג — טורעמס. אָבער די טורעמס דאָ, אין בריסל, זענען אַנדערש. עפּעס האָבן זיי אַן אָנדייט אויף מינאַרעטן און עפּעס אויף פאַבריק-קוימענס. בפרט פאַרנאַכט, אין אָוונט, ווען די דאָזיקע קאָלומנעס און שפּיצן ווערן באַלויכטן, פּילסטו, אַז פון ערגעץ-ווו כּישופט אַרויס אַ פאַרהוילן ליכט, אַ ראָז-גאָלדענע אָפּשטראַלונג, און פאַרוואַנדלט דעם אַריינגאַנג צו דער אויסשטעלונג אין עפּעס אַ טויער צו אַ פאַנטאַסטישער שטאָט, ערגעץ-ווו אויפן אָריענט.

די וועלט-אויסשטעלונג האָט זיך ווי אָפּגעשאָקלט פון דעם יאַריד-הו-האַ, פון דעם ביליקן טומל, וואָס אַן אויסשטעלונג שטעלט פאָר. אפילו אין די אָפּטיילונגען פון מזרח, אין די אימפּראָוויזירטע אַראַבישע באַזאַרן, אַלזשירער מערק, טוניסער קראָם-געסלעך, סירישע פאַרקויף-שטעלן, אַפילו אין די גרויסע קאָנגאָ-פּאַוויליאָנען, אָט די פּאַוויליאָנען, ווו דאָס אימפּעריאַליסטישע קליינע בעלגיע האָט באַזונדערס

אויסערלעך און אינערלעך אונטערגעשטראָכן איר כּוח, — זענען ווייט פון שרייענדיקן עפעקט און ליאַרמענדיקן זשום. פאַראַן אַן איינגע-האַלטנקייט אין טאָן. עס דאַרף מאַכן דעם רושם, אַז די אויסשטע-לונג איז מער כּדי צו באַווייזן זיך, ווי אַ יאַריד פון קויפן און פאַרקויפן.

די „וועלט" ווייסט, אַז ווי ווייט מעגלעך מיידט אויס איין לאַנד ביים אַנדערן צו קויפן, און דאָך האָבן זיך אַ גאַנצע ריי לענ-דער אָנגעשלאָסן אין דער אויסשטעלונג און געעפנט פּאַוויליאָנען. מערקווירדיק, ווי דאָ, אויף דער אויסשטעלונג, זעט מען דעם גע-ראַנגל פון מלוכות פאַר אַ ביסעלע כּבוד און אָנערקענונג. יעדעס לאַנד, אָדער בעסער געזאָגט, יעדע רעגירונג, האָט דאָ איר כּוונה. איינע — צו ווייזן איר דערגרייכונג, און די אַנדערע — איר מאַכט.

יעדעס לאַנד וואָלט געוואָלט אימפּאָנירן, אָבער נישט יעדעס לאַנד האָט די מעגלעכקייט. זעען די קליינע פעלקער אויס, ווי אָרעמע קרובים אויף אַ רייכער חתונה. זיי האָבן געבראַכט זייער ביסל דרשה-געשאַנק אין אַ באַשיידן קעסטעלע, אָדער זעקעלע, פּאַ-וויליאָנדלעך ד' על ד'. און די לענדער, וואָס האָבן גאָרנישט וואָס צו ווייזן, באַגניגענען זיך מיט... זייערע נאַטור-פּייזאַזשן.

די גרעסערע לענדער, באַזונדערס די אימפּעריאַליסטישע מלוכות,— פון זיי שפּאַרט ממש די גאווה. זיי האָבן זיך צעלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, און גרייסן זיך מיט זייער רייכטום, וואָס איז... אַרויסגעצויגן געוואָרן פון פרעמדע, פון פּרימיטיווע שקלאַפן. איבערהויפּט ענגלאַנד, פראַנקרייך, האָלאַנד און טאַקע די הויפּט-מחותנתטע — בעלגיע אַליין.

אויבן אָן האָט זיך אָוועקגעשטעלט דער „בריטישער לייב" מיט זיין העלן, האַלב-פאַררונדיקטן פּאַוויליאָן. ביים הויפּט-אַריינגאַנג, ווי תּמיד, — צוויי לייבן, דער סימבאָל פון זיין ממשלה. אינעווייניק, ביים אַריינקום, דרייט זיך אין ריזיקער גרויס אַ גלאָבוס. דער גלאָ-בוס ווערט באַלויכטן פון פאַרשיידענע זייטן, און טוישט די פאַרבן אין לויף פון דרייען זיך. דער גלאָבוס דאַרף אָנדייטן: אומעטום איז בריטאַניע.

און דאַן קומען אילוסטרירטע קאַרטעס און אימפּראָוויזירטע סצענעס, אין די ספּעציעלע פּראָטערקעס פון די ווענט, ווי קליינע בינעס, בילדער, סקיצן, שילדערונגען פון אירע קאָלאָניעס, ווי אַזוי

דאָס רייכטום פאַר גרויס-בריטאַניע ווערט פּאַבריצירט, מיט וויפל שווייס, מי און אונטער וועלכע בייטשן דאָס ווערט אַרויסגעבראַכט...

און נישט ווייט פון דאָרט — אַ גיגאַנטישער פּאַוויליאָן — אי-טאַליע, ניין, דער פּאַשיזם! עס איז כאַראַקטעריסטיש און סימבאָליש. פון אַלע זייטן שטאַט זעט מען אַ ריזיקן טורעם פון ערגעץ-ווו אַרויסשטאַרן. דער טורעם איז פון דינע שטאַל-שטאַנגען. ער זעט אויס, ווי אַ ראַדיאָ-אויפכאַפּער, נאָר עס ווערט מאָדנע, ווען מען זעט אויבן אַן איטאַליעניש פענדל, און ביינאַכט ברענט אַ דריי-פאַר-ביק לעמפּל: רויט-גרין-ווייס.

דער דאָזיקער טורעם שטאַרט אַרויס פון דעם גרונט פון אי-טאַליענישן פּאַוויליאָן. דער טורעם פון אַזאַ ריזיקער הויך, שטייט אינגאַנצן אָן אַ... פונדאַמענט. דער טורעם באַזירט אויפן פּרינציפּ פון קלאַמערן זיך איין שטאַנג אין דער אַנדערער. פון איינהאַמערן זיך מיטן כּוח פון געוואַלט. אַזוי איז, וויצלען זיך די באַזוכער, דער פּאַשיזם: קיין פונדאַמענט האָט ער נישט, נאָר מען האַמערט אים קינסטלעך צונויף, עקזיסטירט ער... יאָ, די „געביידע" אַליין איז אויך אַזוי. בעת מען קומט אַריין אין דער אַלייע, בלייבט מען דערשטוינט: אַ וואָלקנקראַצער וואַקסט פּלוצלינג אויס. אַ וואָלקנקראַצער מיט צענדליקער שטאָק, אפשר אַכציק, אפשר נייַנציק שטאָק. ווער קאָן עס איבערציילן. קומט מען אָבער צו נעענטער, ווערט דער ריזיקער בנין איינגעשרומפּן, דער גאַנצער בנין איז נישט מער, ווי אַ בוי-טאַפאָרע. די צכציק שטאָק רעדוצירן זיך צו... צוויי דריי. ס'איז אַ פּשוטע אָפּטישע אָפּנאַרעריי. פון ווייטנס זאָל עס אויסזען ריזיק, גי-גאַנטיש. די פענסטער זענען נישט מער, ווי קליינע, לענגלעכע לע-כער. ביינאַכט ווערן אָט די „פענצטער" אָנגעצונדן, און דער ריזן-איינדרוק פאַרגרעסערט זיך נאָך מער...

דאָס איז דער פּאַשיסטישער פּאַוויליאָן.

מען קאָן אים נישט אָנרופן איטאַליענישער. דאָ דעמאָנסטרירט זיך נישט איטאַליע, איטאַליע געפינט זיך אין הינטערגרונט. די הער-לעכקייט פון יענעם געבענטשטן און פון זון אויסגעקושטן דרום-לאַנד, זיין נאַטור-שיינקייט זעט מען אין דרויסן, אין אַ מיניאַטור-פּאַנאָראַ-מע, קינסטלעך דעקאָראַטיוו קאָנסטרוירט. דער הויפּט-פּאַוויליאָן אין דער „ריזיקער" געביידע איז פּ אַ ש י ס ט י ש ע ד ע מ אָ נ ס ט ר אַ-צ י ע. אינעווייניק איז טאַקע די געביידע הויך און גרויס. ביים

אַריינגאַנג — צוויי ריזיקע געשטאַלטן: מוסאָליני און קעניג עמאַנועל. פאַרשטייט זיך, אַז דער קעניג איז נאָר אַ נעבן־זאַך. דער עיקר איז ער, דער דוטשע. ביידע אין אַ ריזיקער גרייס, עס זאָל וועקן באַוווּנדערונג. דער נייער יוליוס צעזאַר, נעראָן!.. און באַלד קעגנאַיבער אַ... מלאך. און גייסטו אַריין אין ערשטן אָפּטייל, זעגען אַלע ווענט פון אונטן ביז אַרויף צום סופיט, און אַפילו דער סופיט, אַלץ שוואַרץ־העמדלדיקע זעלנער... דאָס זענען ריזיקע פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיעס פון מיליטערישע פאַראַדן איבער די גאַסן פון רוים, אַזוי גרויס און אַזוי פאַרפילפאַכט, אַז עס זעט אויס, ווי מען וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַן אומענדלעכער קאַזאַרמע.

דער פּאַוויליאָן איז, אייגנטלעך, געווידמעט דער פונדאַציע פון פאַשיזם. יעדעס ווינקעלע איז הערויזירט. איר זעט פאַר זיך רוים אין בילד, מיליאָנען און מיליאָנען. דאָס איז לייכט צו מאַכן, די באַקאַנטע „טריקס” פון פאָטאָגראַפן, איין און דאָס זעלביקע בילד צו פאַרפילפאַכן. פאָטאָמאָנטאַזשן. אַלע מיט צעפאָכעטע פענער, אויפגעהויבענע קעפ, ביקסן אויף די אַקסלען. אַלץ איז מיליטאַריזירט. יוגנט און קינדער. אויף די פאָטאָגראַפיעס שמייכלען אַלע, אַלע זענען פריילעך...

גייט מען ווייטער. עס זענען, אייגנטלעך, קיין צימערן נישטאָ. איין גרויסער זאַל, נאָר מיט אָפּטיילונגען און אין הינטערגרונט — שפּיגלען, וואַנט־שפּיגלען, כדי דאָס אויג זאָל זיך נאַרן, כדי דאָס בילד זאָל פאַרפילפאַכט ווערן. אַלץ איז דאָ באַשטימט פאַר פאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע, כדי צו ווייזן דעם „גן־עדן” אויף דער וועלט אונטער דעם פאַשיסטישן רצושים. אפילו די קונסט האָט מען דאָ גענומען אַלס עדות. פאַרשידנאַרטיקע מאָזאַיק־אויסאַרבעטונגען, געשטאַלטן פון קעניג און זיין דיוק. דאַן קומען אַלערליי „אידיליעס” וועגן דעם לעבן אונטער דער שוואַרצער האַנט. בילדער און דיאַגראַמעס פון אַמאָל אין פאַרגלייך צו איצט. קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, אין וועלכע דער אַרבעטער איז „פאַראינטערעסירט”. היגיענע און זאָרג פאַרן קינד. און כדי דאָס צו באַשטעטיקן, איז פאַראַן אַ קינסטלעריש בילד, וואָס ווייזט די געבורט פון יעזוס קריסטוס, און באַלד דערויף — ווי עס ווערט געבוירן אַ היינטיק קינד אין איטאַליע. קומט עס אויס, אַז אין פאַרגלייך מיט אַמאָל, קומט היינט דאָס קינד אויף אין מוסאָליניס קעניגרייך זוניק און גליקלעך.

אַמאָל זענען געווען זומפּן, מאַלאַריע־נעסטן, און היינט — אויסגעטריקנטע און גרין־באַגראָזטע פעלדער. ווייסע ליכטיקע הייזקעס, אָבער אָרום און אַרום מיט טאַנקס, מאַשין־געווער, יוגנט מיט ביקסן. דער פּאַשיזם טריומפירט — אין איטאַליע איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די פילאַנטראָפּיע — אָנשטאָט דעם, די רעקאָנסטרוקציע־שוץ און הילף פון דער מלוכה.

אָט דעם דאָזיקן פּאַוויליאָן האָט די בעלגישע צענטראַל־מאַכט, וואָס אין איר שפּיץ שטייען עטלעכע סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן, אָפּגעגעבן דעם אויבן־אָן, דעם פראָנט־פּלאַץ, די מזרח־וואַנט. מיט זיין טורעם און געביי שטייגט ער אַריבער אַלע פּאַוויליאָנען, איבער אַלע בנינים, מען זעט אים אָן דורך אַלע אַלייען און פּראָמענאַדעס, ער שרייט איבער אַלע קופּאָלן און מאַסטן.

דער פּאַשיזם דעמאָנסטרירט זיך אויף דער וועלט־אויסשטעלונג.

דער איטאַליענישער פּאַוויליאָן וואַרפט אַ מאָדנעם פינסטערן שאָטן איבער די הערלעכע, רייצנדיקע, געשמאַקפולע געביידעס, דערונטער די בעלגיש־נאַציאָנאַלע, די פון דער שטאָט בריסל, דער פראַנצויזישער און פון די מזרח־פּאַוויליאָנען. די גרעסטע מייסטערס פון אויסשטעל־קונסט האָבן זיך געפלייסט דאָ עפּעס אויפצוּווייזן. נאָך דער קאָלאָניאַלער אויסשטעלונג אין פּאַריז, איז זי די איינציקע אין אייראָפּע לויט אַזאַ פאַרנעם, — אין געשמאַק שטייגט זי אַריבער די טשיקאַגער וועלט־אויסשטעלונג.

אַלץ וויל זיך דעמאָנסטרירן, אַלץ וויל זיך אַרויסווייזן. אפילו דער קאַטוילישער צענטער, וועלכער האָט אויסגעבויט אַ וווּנדערבאַרן פּאַוויליאָן, אין דער פאָרם פון אַ מעטשעט, מיט אַ סימבאָל פון אַ מין דריי־אייניקייט: אַ קלויסטער צום געבעט, אַ רעסטאָראַן און אַ.. דאַנסינג.

אָבער אונזער „אייגענער” פּאַלעסטינער פּאַווילאָן, וועלכער איז קוים מיט צרות דער לעצטער געעפנט געוואָרן, איז... אַ חרפה פאַר די ציוניסטן. איך רעד שוין נישט פונם אויסערלעכן אויסזען: די מאַמע רחלס קבר, און איגעווייניק איז גאָרנישט דאָ — אויסער אַ רעסטאָראַן מיט קעלנערס, וואָס טראָגן נומערלעך אין די מגן־דודס... און ווייסע רעקלעך מיט בלויע שליפעס. פאַראַן אַ ביסל דיאַגראַמען

וועגן ארץ־ישראל, און ווייטער — די ארץ־ישראלדיקע „פּראָדוקציע”: גאַזאַז...

און פונדעסטוועגן, ביינאַכט, ווען די מאַסן פאָנטאַנען צעפּאַלן זיך מיט אַ שוימיקן געדויש, און ווערן באַלויכטן פון סנאָפּעס בונטע ליכט, ווען פאַרהוילן ליכט שטראָמט אַרויס פון ערגעץ און באַגיסט די בנינים, ווען טויזנטער לעמפּלעך און לאָמפּן אין דער פאָרם פון הענגלעך וויינטרויבן, צינדן זיך אָן איבער די אַלייען, און דאָס גראָז, בלומען און פלאַנצן ווערן רעפלעקטירט, ווען דער געוויינלעכער סוחרישער טומל שטעלט זיך איין, ווערט מען ממש פאַרכישופט פון אָט דעם ווינקל — וואָס הייסט בריסלער וועלט־אויסשטעלונג 1935. ווער שמועסט נאָך, אז מען כאַפּט זיך אַריין אין דער אימיטירטער אַלט־שטאָט, אין אַלט־בריסל, קאָן מען זיך לייכט פאַרגעסן און גלויבן, אַז מען לעבט מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ווען נישט דער אָן־פונדאַמענטיקער טורעם, דער פאַשיסטישער דענקמאָל, וואָס שרייט אַלץ אַריבער און דערמאָנט אָן דעם היינט...

■■■■

די יידישע אימיגראַציע אין בעלגיע

דאָס קליינע בעלגיע מיט איר גרויסער אינדוסטריע, מיט איר פאַרהעלטניסמעסיק גוטער עקאָנאָמישער סיטואַציע, מיט אירע עטלעכע... סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן, האָט נישט קיין אַנדער דאגה, ווי צו פאַראומערן און פאַרביטערן דאָס לעבן פון פרעמדן. דאָס הייסט נישט, חלילה, פון רייכן פרעמדן, דעם וואָס קומט אַ לעבּטון אין אָסטענדע אָדער אין ספּאַ... ניין, „פרעמדער” — הייסט דער, וואָס איז אַנטלאָפן פון זיין היימלאַנד צוליב נויט, דלות און אַרבעטלאָזיקייט, און האָבן דאָ, אין לאַנד פון וואַנדערוועלדע, ווי עס איז מיט גרויס מי און שטאַרקע אָנשטרענגונג געשאַפן פאַר זיך אַ שטיקל באַזע צו פאַרדינען אַ פּענעץ ברויט; עס זענען די, וואָס האָבן אַנטוויקלט אין בעלגיע אַ קליינע אינדוסטריע, אויסאַרבעטונגען פון לעדער־שטאָף און דערמיט אַ באַוועג־געטון די רעדער פון דער גרויסער אינדוסטריע; דאָס זענען די, נאָך וועמען דער פריערדיקער

קעניג אַלבערט האָט געשיקט שליחים קיין האָלאַנד און זיך געבעטן ממש ביי זיי, זיי זאָלן צוריק קומען קיין אַנטווערפּען און ווייטער שלייפן און פּאַרקויפן די בריליאַנטן; עס זענען די, — נאָר עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס זענען יידן...

די „אויסלענדער" — דאָס מיינט יידן, זיי זענען גרויס אין די אויגן ביי די בעלגישע מושלים. און קעגן זיי — אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק נייע רעגיסטראַציעס, געזעצן און סכנות אַרויסגעשיקט צו ווערן פון לאַנד.

ערשט נישט לאַנג איז געווען דער שטורם איבער די „מאַרשעס"—די, וואָס דאָבן „שטעלן" אויף די מערק, דאָס בעלגישע סוחר־טום האָט בכלל געוואָלט פּטור ווערן פון אַזאַ מין קאָנקורענץ. די מערסטע טייל מאַרק־שטייערס זענען אָבער כשרע פון דור־דורות בעלגיער, האָט זייער „ווענדונג" געהאַט אַ קליינע פּעולה. עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט מיט רדיפות און „נומערוס קלאַוזוס" צו די „פּרעמדע" שטעל־שטייער, דאָס הייסט צו די יידישע. נישט אַלע האָבן געקריגן די באַוויליקונג צו האַנדלען, און די, וואָס האָבן יאָ געקריגן—האָבן אַ ספּעציעלן אָפּצייכן, וואָס זיי מוזן טראָגן אין לאַץ.

פּאַרטיק געוואָרן מיט די "מאַרשאַנעס", האָט מען זיך גענומען צו די אַרבעטער. אָבער דאָס האָט געטראָפן אין סאַמע האַרץ פון דער יידישער אימיגראַציע.

די געזעצן ווילן דערפירן צו אַ מאַסן־גירוש פון די „פּרעמדע", וואָס זענען שוין אַפילו דאָ קנאַפּע צען יאָר, און די מערסטע זענען יידן.

ביז איצט האָט יעדער „פּרעמדער" געדאַרפט האָבן אַ רעכט צו וווינען און אַ רעכט צו אַרבעטן. מיט גרעסערער אָדער קלענערער מי, אָבער אַזאַ וווין־ און אַרבעטס־שיין איז געגעבן געוואָרן. איצט ווערן די אַרבעטס־שיינען זייער באַגרענעצט (אַפילו די, וואָס האָבן עס שוין, וועלן זיי מוזן אויסטוישן, — צי זיי וועלן באַקומען נייע איז אַ פראַגע). די איצטיקע אַרבעטס־שיינען וועט מען קריגן נאָר אין דעם פאַל, ווען ס׳איז נישטאָ קיין איין בעלגישער אַרבעטסלאָזער אין דעם באַטרעפנדן פאַך. נאָר אַזוי ווי דאָס איז דאָך אַן אוממעגלעכע זאַך, איז כמעט אויסגעשלאָסן צו באַקומען די נייע אַרבעטס־שיינען.

ווייטער: נישט דער אַרבעטער קריגט דעם אַרבעטס־שיין, נאָר

דער באַלעבאָס, דאָס הייסט, ווען דער באַלעבאָס וויל צונעמען אַן אַרבעטער, דאַרף ער פאַר אים באַקומען די אַרבעטס־רעכט; קוים גייט דער אַרבעטער אַוועק פון דעם באַלעבאָס, פאַרלירט דער אַרבעטער דאָס רעכט צו אַרבעטן. די באַלעבאַטים, וואָס וועלן באַשעפטיטן „פרעמדע״ אַרבעטער, וועלן דאָס זיכער אויסנוצן: אי זיי וועלן רייסן די לוינען, אי זיי וועלן זיין באַשירמט פון אַ שטרייק. ס׳איז טאַקע נישט צו פאַרשטיין, אַז סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן זאָלן פאַרלייגן אַזאַ געזעץ, צו וועלכן קיין רעאַקציאָנערע און בורזשואַזע רעגירונג וואָלט זיך נישט דערטראַכט.

אין נייעם געזעץ זאָגט זיך אויך: אויב דער אַרבעטער וועט בייטן זיין פאַך, אָדער איבערגיין צו אַן אַנדער אָפטיילונג פון דעם פאַך, פאַרלירט ער די אַרבעטס־רעכט און ע׳ מוז קריגן אַ נייע דער־לויבעניש אויף אַרבעט.

אַזאַ דערלויבעניש אויף אַרבעט קומט בכלל אָן שווער צו קריגן, אויב מען איז נאָך נישט אין לאַנד קיין פולע צען יאָר.

עס איז זיך דעריבער לייכט פאָרצושטעלן די סיטואַציע ביים איצטיקן טאָג צווישן די יידישע מאַסן אין בעלגיע.

דאָס געזעץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 9־טן מאַי, און פון ערשטן סעפטעמבער אָן גייט עס אַריין אין קראַפט. עס איז אָבער דאָ נאָך אַ שפּאַרעלע פון האָפענונג: דאָס איז די פאָ־שטייענדיקע וואַלן, הגם אין בעלגיע עקזיסטירט נישט קיין פאָלקס־פראָנט און דאָס, וואָס ס׳איז געשען אין פראַנקרייך, וועט אַוודאי נישט מעגלעך זיין אין בעלגיע. דאָך איז דאָ אַ האָפענונג, אַז דער נייער פּאַרלאַ־מענט וועט די גזרה „אָפּשרייען״.

ס׳איז נישט מער ווי אַ טרייסט, נאָר אין אַזאַ פאַרצווייפלטער מינוט קומט אַ שטיקל בטחון זייער צונוץ.

■■■■

מאנטע קאַרלאָ

דער וועג פון ניצע קיין מאָנטע קאַרלאָ איז נאָך מער ווי אַ מעשהלע: אַן אויספאַנטאַזירט נאַטור-בילד פון אַ מייסטער פון טויזנט און איין נאַכט. פאָרסט לענגאויס אויף דעם שוואַרצן, גלאַנציקן אַספאַלט-ויעם צו דער בלויער-ווי-בלוי ריוויעראַ. אין גרינס און גאָלד שטייען די פּאַלאַצעטן, ווי די פּאַלאַצן אין ניצע, אַזוי וואַרטן זיי, די פּאַלאַצעטן, אין מנוחהדיקע דערפלעך אויף זייערע געסט. פון די גראַניט-שפיצן הענגען אַריבער איבערן וואַסער די שלעסער, און שמ״רס מעשה-ביכלעך וועגן די געפאַנגענע בת-מלכּהס קומען אויפן זכּרון... אָט פאָרט מען פאַרביי עזע. יאָ, דאָ איז ער געזעסן — ניטשע — און פון דאַנען אויס פילאָזאָפיש געדיכטעט זיין „זאַראַ-טוסטראַ״. דאָס שילדל איבער דער ווילע איז ווי אַ מזוזה פאַר די סנאָבישע הייזער, פאַר זייער באַרימען זיך. און ווייטער ציען זיך שטעטלעך און דערפער, טונעלן, פּאַלמעס, גרינס, זון, נאַטירלעכע פּאַרטן, גרינס-שיפן, דאַנקיס, לאַסט-וואָגנס, לוקסוס-אויטאָבוסן. אָט גריסט שוין פון דער ווייטנס דעם הערבאַנס שלאָס, דער טיטולירטער מושל פון דער מדינה מאָנאַקאָ, דער פּאַרמעלער הערשער פון זיינע 250 בירגער, וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט. יאָ, נאָר די צוויי הונדערט און פופציק בירגער, וואָס אַ טייל פון זיי זענען קרובים למלכות, און די אַנדערע — דינער און אַרבעטער. נישט איינמאָל האָט די דינער-שאַפט, דאָס הייסט דער רוב בירגער פון הערצנטום מאָנאַקאָ, גע-וואָלט דורכפירן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אויפן לעגאַלן וועג, דורך וואַלן. אָבער דער באַשיצער פון מאָנטע קאַרלאָ, פראַנקרייך, האַלט אַן אויג דערויף. עס איז אירס אַ טעריטאָריע, כּמעט אַ קאָלאָניע...

פאַרשטייט זיך, אַז מאָנטע קאַרלאָ עקזיסטירט אין זכות פון איר... „אינדוסטריע!" זי פּראָדוצירט מיליאָנערן און קבצנים. פּאַלט מען אַריין אין דער שטאָט מאָנטע קאַרלאָ, אין צענטער, און מען עט די גרויסע צאָל פון באַנק-הייזער און פינאַנץ-געשעפטן, און נאָך פון אַלע וועלט-בענק, קאָן מען מיינען, אַז מי יודע, וואָס פאַר אַ מסחר דאָ גייט אָן, און וואָס פאַר אַ באַנק-אָפּעראַציעס דאָ ווערן געטריבן. און אין דער אמתן? יאָ, שטעלט מען זיך אַוועק אין אַ געוויינלעכן טאָג לעבן אַ באַנק, קאָן מען גלייך דערקענען דעם „נערוו" פון דער שטאָט, זעסט ווי די באַנק-קליענטן האָבן אַן אַנדער אויס-זען ווי געוויינלעך, עס איז פאַראַן אַ באַזונדערער אומרו אין זייערע אויגן. דעם טשעק, וואָס זיי האָבן נאָר-וואָס געטוישט, איז ציטערדיק אין זייערע פינגער געלעגן, איצטער — ווער ווייסט, צי וועט ער זיך נאָך זען מיט זיינע פּאָר פראַנק...

8 אַזייגער אינדערפרי. די קאַזינאָ איז שוין אָפן. עס איז סע-זאָן-צייט. דער עולם פון גאָר דער וועלט איז נישט געקומען אַהער בטלענען... מען דאַרף „אַרבעטן". אין דרויסן, אין פּרעכטיקן פּאַרק, אין די אַלטאַנקעס שפּילט אַ סימפאָנישער אָרקעסטער. די גרויסע פענצ-טער זענען אָנגעגאָסן מיט גאָלד פון זוניקן, מילדן טאָג. נאָר ווער קוקט זיך דערויף אום? די „הערשאַפט" איז פאַרטיפט איבער די טישן, ווער ביי קאָרטן און ווער ביים „דריידל". דאָס מזל לויפט שנעל, פון איינעם צום אַנדערן און ווידער צום ערשטן, און קיינמאָל נישט צום דריטן, און זעלטן צום פערטן. נאָר אַלע שווייגן דאָ, מען רעגט זיך נישט אויף. די ליידנשאַפטן שפּילן אינעווייניק אין די בלוטן. די נערוון זענען אָנגעצויגן ווי שטריק. נאָר אויסערלעך מוז מען זיין רויק, נעט, דזשענטלמעניש, שטייף, קאַלט, אפילו פילאָזאָפיש. דאָ הערשט נישט קיין שווינדל, דאָ האָט מען צוטרוי, עס זענען פאַראַן פעסטגעזעצטע כּללים. דער עיקר — עס הערשט צוטרוי צו דעם מאַן, וואָס זיצט אויף אַ העכער בענקל און איז אָנגעטון אין סמאָקינג. אפילו גאַנץ פרי טראָגט ער שוין שוואַרצע קליידער. ער וואַרפט דאָס ביינדל, אַלעמענס אויגן זענען שפּיזן. פאַראַן אַזעלכע, וואָס זייערע בליקן זענען שוין אַזוי ראַפינירט, אַז זיי קאָנען אויסמעסטן לויטן וואַרף, וויפל מאָל דאָס טעלערל וועט זיך אַרומדרייען און צוריק-וואַרפן דאָס ביינדל, אויף וועלכן נומער עס וועט זיך אָפּשטעלן. נאָר עס איז שוין פאַרפאַלן, זיי האָבן שוין אויף אַ נומער געשטעלט...

זיי קאָנען אויסרעכענען די קראַפט נ אָ כ ן וואַרפן, און נישט פריער...

און אַנדערע חשבונען, פירן רעכענונגען, פילפּלען זיך אין משקולות... רופן אַרויס נעהיימע צרופים. און נישט זיי אַליין. זיי האָבן ספּעציעלע מייסטער, וואָס זיצן מיט בלייפען און פּאַפּיר-נאָטיצן. אַ גאַנצע לערע איז דאָס רעכענען, וויפל מאָל עס איז שוין אַרויס אויף דעם „8" און וויפל מאָל אויף דעם „14", און די „9" איז נאָך אין גאַנצן נישט געווען. דער עולם שטעלט, ווער מער און ווער ווי־ניקער, ווער עס געווינט און ווער עס פאַרשפּילט. נאָר אַלץ גייט צו אַזוי פייערלעך ערנסט, אַזוי שטיל, ווי גאָרנישט. די „לאַפּאַטקע" שאַרט צונויף די ביינדלעך, וואָס יעדעס דערפון איז אַ באַשטימטע סומע.

דער פּרינץ פון מאָנטע-קאַרלאָ, דער הערשער פון „לאַנד", איז תמיד דער געווינער. די מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט זענען די קאַזי־נאָ-דירעקטאָרן און הויפּט-באַאַמטע. די קאַזינאָ אין מאָנטע-קאַרלאָ איז נישט סתם אַזוי אַ „געמבלינג"-פּלאַץ, — דאָס איז אַ מ ל ו כ ה-אינ־סטיטוציע, אונטער מלוכה-קאָנטראָל. דערפאַר האָט זי זיך איר „מאָ־ראַל" און געזעצן. פאַר אַ געוויינלעכן אַרבעטער איז דער אַריינגאַנג אין דער מאָנטע-קאַרלאָ-קאַזינאָ נישט דערלויבט. וואָרים וואָס, מישטיינס געזאָגט, קאָן ער דאָרט פאַרשפּילן, וואָס קאָנען די פּראָפעסיאָנעלע געווינער פון אים האָבן?... און צווייטנס, עס לוינט נישט, עס איז נישט כדאי, אַז דער אַרבעטער זאָל זיך צוקוקן, זען מיט זיינע אויגן, ווי אַזוי עס ווערן געוואָרפן טויזנטער, צענערטויזנטער און אפילו מיליאָנען!... האָבן די אַרבעטער, די אייגנטלעכע בירגער פון דער מדינה מאָנאַקאָ, וואָס איר הויפּט-שטאָט איז מאָנטע-קאַרלאָ, נאָך נישט געזען דעם אינעווייניקסטן בנין פון דער קאַזינאָ.

דערפאַר ווייסן זיי אַ סך צו דערציילן וועגן אַנדערע זאַכן: ווי אַזוי עס ווערן פון די האָטעל-צימערן אַרויסגעטראָגן... פּיאַנאָס. יאָ, פּשוטע שפּיל-אינסטרומענטן. אָבער אינעווייניק ליגט אַ דערשאָ־סענער. מען קאָן דאָך נישט סתם אַזוי אַרויסטראָגן פון אַ האָטעל־צימער אַ טויטן. עס וואָלט נישט גוט געווירקט אויף די איבעריקע געסט. הגם די אַנדערע געסט אַרט עס אפשר נישט אַזוי שטאַרק. אין מאָנטע-קאַרלאָ גייט נישט אָן איינער דעם אַנדערן. ביים ראָלעטע-טיש איז איינער דעם אַנדערנס שונא, ווי צוויי שונאים אויפן שלאַכט־

פעלד... און נישט איין שאָס אין די הינטער-צימערן פון דער קאַזינאָ רופט אַרויס אַ מאָמענטאַלן ציטער ביי די זיצנדיקע. נאָר דאָס רעדל דרייט זיך ווייטער. דאָס לאָפּאַטקעלע שאַרט ווייטער די ביינדלעך, דער וואַרפער רופט אויס די ציפער. דער געווינער באַמיט זיך צו זיין רויק, און דער פאַרשפּילער באַהאַלט זיין אויפרעגונג.

און ביי יעדן טיש זיצן זיי, די דאַמען אין שוואַרצע שלייערן, יונגע און עלטערע. דאָס זענען, נעבעך, אלמנות, עלנטע, איבערגעלאָזטע מיט גרויסע פאַרמעגנס, ירושות. דער מיט טוך געדעקטער טיש אין ווייכן ליכט פון אונטער גרינע אַבאַזשורן ווירקט שטאַרק צו טרייסטן און פאַרגעסן. די אינערלעכעליידנשאַפט, דער באַהאַלטענער שוידער, דאָס כסדרדיקע אויפציטערן ביים אַריינפאַלן פון שפּיל-קייקעלע אין אַ באַשטימטן נומער — איז דער בעסטער מנחם-אבל זייערער. אויך זיי זיצן פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין אָוונט. אַ נס, וואָס איינס אַזייגער, לויטן שטרענגן רעגולאַמין, ווערט די שפּיל-קאַזינאָ געשלאָסן. דעמאָלט מאַכן די דירעקטאָרן זייער חשבון, וויפל זיי האָבן דעם טאָג געוווּנען.

און אויף די בערג, אַריבערגעשניטן די וואָלקנס, לייכט זיך אַ ריזיק גרויסער קרייץ, און דאָס שפּיגלט אָפּ מיט ציטער אין וואַסער, וואָס ריזלט זיך אַזוי שטיל, ווי זיידענע מארעס, דינע, געפּעלדלטע כוואַליעס. מאָנטע-קאַרלאָ שלאָפט נאָך נישט. אין יעדן לייכטנדיקן פענצטער איז אַן אויפנאַמע. פאַרן גוטן טאָן, איז אין דער שפּיל-קאַזינאָ אויך פאַראַן אַן... אָפּערע-טעאַטער. און הגם עס איז שווער זיך אָפּצורייסן פון שפּיל-טיש, מוז מען אָבער גיין הערן - יוצא זיין — דעם אָדער יענעם וועלט-באַרימטן זינגער. און אין דרויסן לייכטן רעפלעקטאָרן, וואָס מאַכן ביינאַכט די גראָז- און בלומען-טעראַסן נאָך גרינער און פאַרביקער. די פאַנטאַנען שפּריצן קאַפּויער פאַנטאַסטיש וואַסער-פייער. דער גרויסער צלם ברענט אין די וואָלקנס אַריין. און אויפן בית-עולם בלייכן זיך די מצבות, גאָלדענע אויפשריפטן. צווישן אַ סך אַנדערע אַ פּאָר ייִדישע נעמען: לאַסקי, טרוצקער, גריצהענדלער. איינזאַמע, קורצע אויפשריפטן: „געבוירן אין וואַרשע — געשטאָרבן אין מאָנטע קאַרלאָ“. עס קומט נאָר די דאַטע פון געבוירן און דער טאָג פון שטאַרבן. און אויפן געדאַנק קומען די בילדער: קאַזינאָ-פּאַרק, די מוזיק פאַרהילכט די געדעמפטע רעוואָלווער-שאָסן...

האָטעל-צימערן, לוקסוס-אַפּאַרטאַמענטן... בענק-הייזער, קאָנסולאַטן פון כמעט אַלע לענדער... לאָמבאַרדן, לאָמבאַרדן און לאָמבאַרדן. נאָטאַר-יוסן, איבערצושרייבן פאַרמעגנס... פּיאַנאָס, וואָס דינען פאַר טרומנעס. און נאָכאַמאָל דער ריזיק-גרויסער פייערדיקער צלם. דאָס בית-עולמל צווישן די בערג, די בלייכע מצבות, די גאָלדענע אויפשריפטן: גע-בוירן דאָ און דאָרט, געשטאָרבן אין מאָנטע-קאַרלאָ.

דאָס טל־ומטר־מלוכהלע לוקסעמבורג

די גאָר־גאָר קליינע מדינה, וואָס רופט זיך דווקא גרויס הערצאָגטום, ליגט צווישן דייטשלאַנד און בעלגיע, און איז אַ טעמע פון אַן אַ שיעור אַנעקדאָטן, און רופט אַרויס אַ געפּיל פון הומאָר ביים ריינדער.

לוקסעמבורג איז נישט די קלענסטע מדינה פון דער וועלט. מאָנאַקאָ איז נאָך קלענער. נאָר מאָנאַקאָ איז אין תוך קיין מדינה נישט. עס איז אַ שטאָט מאָנטע קאַרלאָ. עס איז קיין שטאָט אויך נישט — אַ קאַזינאָ, אַ רולעטשפּיל־פּלאַץ.

לוקסעמבורג איז אַ מלוכה מיט מלוכות גלייך, מיט אַן אייגן נאַציאָנאַלן לעבן. אין מיניאַטור־פאָרם — מיט אַן אייגענער קולטור.

אָפט פאָרט מען קיין לוקסעמבורג צוליב קוריאָזיטעט. טוריסטן ווילן זען, ווי די געשיכטע האָט זיך אַמאָל אַ שפּיל געטאָן, אַ פאָלק פון... דריי מאָל הונדערט טויזנט איינוווינער האָט די דאָזיקע שפּיל ערנסט אויפגענומען און זי אַנטוויקלט צו אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע און אַ פּאַרלאַמענט. אַ פאָלק מיט געזעצן, מיט פּאָליטיק, מיט שפּראַכן, מיט אַן אַרמיי, מיט מיניסטאָרן־קריזיסן און מיט אַן אינדוסטריע.

מיין ערשטער באַזוך איז צום לוקסעמבורגער קאָנסולאַט אין פּאַריז נאָך דער וויזע. מיך חידושט טאַקע, ווי קען עס אַ פאָלק פון דריי הונדערט טויזנט נפשות אויסהאַלטן קאָנסולאַטן אין אויסלאַנד? נאָר עס ווערט פאַרענטפערט: דער לוקסעמבורגער קאָנסול איז אויך קאָנסול פון האָלאַנד. צווישן די צוויי לענדער איז שוין פון לאַנג פאַרבונדן אַ היסטאָרישע שייכות, וואָס האָט אַמאָל געהייסן

„פערסאָנאַל-אוניע". ווען לוקסעמבורג האָט נאָך באמת נישט געקענט אויסהאַלטן אַן אייגענעם מלך, האָט די האָלענדישע מלוכה „אויס-געבאָרגט" איר קעניג, וועלכער איז געווען גרויס-הערצאָג פון לוקסעמבורג.

און אויב מען האָט דעמאָלט געמעגט אויסבאָרגן אַ קעניג, למאי זאָל מען איצט נישט אויסבאָרגן אַ קאָנסול?

און אפשר פאַרקערט: לוקסעמבורג צאָלט איצט זיין חוב צו האָלאַנד, און דער קאָנסול איז גאָר אַ לוקסעמבורגער.

אָזוי צי אַזוי, דער קאָנסול איז ווילּיק מיר צו געבן אַ וויזע פאַר דעם פּרייז פון פינף און פערציק פראַנצויזישע פראַנקן.

איך נעם זיך דינגען:

— אין אַזאַ קליין לאַנד אַזוי פיל געלט פאַר אַ וויזע?

דער קאָנסול פילט זיך נישט אָראָפּגעפאַלן:

— אונזער קליינע מדינה איז איצט זיכערער, ווי די גרויסע לענדער. אונזער מלוכה-בודזשעט האַלט-אויס דאָס גלייכגעוויכט. אָפּט-מאָל פאַרענדיקן מיר דאָס יאָר נאָך מיט אַן עודף. נישט געקוקט, וואָס אונזער צענטראַל-רעגירונג האָט איצט איבערגענומען די פּאָ-ליציי, וואָס איז ביז איצט געווען אַ מוניציפּאַלע.

פונדעסטוועגן מיין זשורנאַליסטן-קאַרטע מאַכט ווייכער זיין האַרץ, און איך באַקום אַ הנחה-וויזע פאַר צען פראַנק.

פריינט זאָגן מיר:

— למען השם, נישט אַריינגיין אין ערשטן וואַגאָן, באַלד נאָך דעם לאָקאָמאָטיוו, און אויך נישט אין לעצטן, ווייל עס קאָן טרעפן, ווען די באַן וועט אָנקומען קיין לוקסעמבורג, וועט איר אין ערשטן וואַגאָן, שוין זיין אין... בעלגיע, און אויב אין לעצטן וואַגאָן — וועט איר נאָך שטעקן אין פראַנקרייך.

עס איז אַ שפּאַס אויפן חשבון פון מדינת לוקסעמבורג. מען דאַרף אָבער אַכטונג געבן נישט צו כאַפּן אַ דרימל, ווייל דאָ קאָן שוין יאָ זיין געפערלעך. אויב אַ דרימל אויף 45 מינוט, למשל, קאָן מען שוין באמת זיין אין אויסלאַנד...

לוקסעמבורג פאַרמאָגט אַרום ניינציק קילאָמעטער די לענג, און איז געוויג געדיכט באַפעלקערט: הונדערט און צוואַנציק מענטשן אויף איין קוואַדראַט-קילאָמעטער.

דאָס פּראָבלעם פון ענגשאַפט איז שוין באַלד ווי אין דייטש-

לאַנד אָדער איטאַליע און ווער ווייסט, צו וואָס מען האַלט-אויס אַן אַרמיי אין לוקסעמבורג. אַן אַרמיי פון דריי הונדערט סאָלדאַטן!

די באַן קומט אָן צו דער גרענעץ, ביים אויסלאַז פון פראַנק-רייך, טאָנוויל. די פּאַסאַזשירן מאַכן דורך אַלע פאָרמאַליטעטן. לוק-סעמבורגער צאָל-אינספּעקטאָרן, אויסגעפּוצטע, הערלעך מונדירטע יונגעלייטלעך, מיט קריינדלעך אויף די היטלען — אַ צייכן, אַז זיי געהערן שוין נישט צו דעם רעפּובליקאַנישן פראַנקרייך, נאָר צום מאָנאַרכיסטישן לוקסעמבורג, קוקן דורך דעם באַגאַזש, פירן דורך די רעוויזיע שטרענג. דאַן קומט דער אינפאָרמאַציע-אינספּעקטאָר, ער הייסט ווייזן די פּעסער, באַטראַכט די וויזעס, פרעגט, פאָרשט און שרייבט.

די קאָנדוקטאָרן, די אייזנבאַן-אַרבעטער טוישן זיך דאָ. זייער אָרט פאַרנעמט איצט דער לוקסעמבורגער קאָנדוקטער און לוקסעמ-בורגער מאַשיניסט. מיר פאָרן אַריין אויף דער טעריטאָריע פון גרויס-הערצאָגטום.

פעלדער צעטיילט אין קליינע אָפּצוימונגען. מען זעט, אַז דעם פּויער איז נישט איבעריק באַקוועם, קליינע שטעטלעך און פאַבריק-צענטערס זעט מען אין וועג.

לוקסעמבורג האָט אַ גרויסע אייזן-אינדוסטריע, איבערהויפּט אין דער פּראָווינץ עש. איר פּראָדוקציע פון אייזן איז גרויס: זי קען זיך פאַרגלייכן צו די גרעסטע גיסערייען אין אייראָפּע. דער גרויסער אייראָפּעישער שטאָל-טרעסט האָט טאַקע זיין הויפּט-זיץ אין לוקסעמבורג.

עש, די הויפּט-שטאָט פון יענער געגנט, איז אַן אַרבעטס-צענ-טער. עטלעכע צענדליק טויזנט אינלענדישע און אויסלענדישע אַרבעטער. דאָרט זענען די צענטראַלעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. דאָרט שפּייען די קוימענס געדיכטע רויך-קנוילן, און ביי-נאַכט זעען די קנוילן אויס ווי כוואַליעדיקע רויטע וואָלקנס.

פון עש ביז דער רעזידענץ-שטאָט לוקסעמבורג איז אַ שפּאַן, און אָט גריסט טאַקע אַקעגן לוקסעמבורג.

אַלטע שלעסער און נייע בנינים. גאָטיק-סטיל, שפּיצן און טו-רעמס, פעסטונג-צייַן, און נייע אַמעריקאַנער סטיל-הייזער. אַ יונגע שטאָט, אַן אַלטע שטאָט איינגעצאַמט און פעסטונגען אין גרינס און אין רויזן, טאָלן, נאַטירלעכע שוץ-פעסטונגען און דער וועלט-באַרימטער

וויאַדוקט איבער דידאָזיקע טאָלן, וואָס שטייט אַזוי פריש און זיכער נאָך פון מיטן נײַנצנטן יאָרהונדערט.

דערדאָזיקער וויאַדוקט איז אַ צוציִונגס-פּלאַץ פאַר טוריסטן, דאַנק די מערקווירדיקע לאַבירינטן אונטן, אין טאָל. אין דער טיפֿקייט פון זעכציק מעטער אין די פעלזן זענען אויסגעהאַקט גאַנצע אונטערערדישע הײַלן און דורכגענג און אײַנגעקלאַמערט פעסטגעמויערטע קאַזאַרמעס.

ביז פאַר דער וועלט-מלחמה איז די הויפּט-שטאָט געווען דאָס אַלטע לוקסענבורג, דאָס לוקסענבורג פון פאַרצײַטן מיט אירע אַלטע, שמאָלע געסלעך און מערק. איצט שטייט לוקסענבורג אַלס מאָדערנע, אייראָפּעישע נײַ-שטאָט מיט ברייטע בולוואַרן, אַלעען און טעראַסעס, נײַע הײַזער, מאָדערנע האָטעלן און גרויסע געשעפט-הײַזער, לוקסוסדיקע קאַפעס און קינאָ-פּאַלאַצן.

דאָס אַלץ איז אין די נײַע קוואַרטאַלן. יעדער קוואַרטאַל האָט זיך זײַן נאָמען. דער לוקסענבורגער איז זיך נישט אַזוי גערן מיחס מיט די נײַע קוואַרטאַלן. ער וויל זיי נישט אָנערקענען, אַלס טייל פון דער הויפּט-שטאָט. איצט ציילט שוין די הויפּט-שטאָט לוקסענבורג, פופציק טויזנט אײַנוווינער, נאָר פאַר דעם לוקסענבורגער איז די ציפער נישט מאַסגיביק. ער האַלט זיך נאָך אַלץ בײַ ס׳זײַניקע: די שטאָט האָט נישט מער ווי... זעקס און צוואַנציק טויזנט אײַנוווינער.

אַ כאַראַקטער-שטריך: פּונקט ווי גרויסע מלוכות שטאָלצירן מיטן וווּקס פון דער באַפעלקערונג, שטאָלצירט לוקסענבורג מיט דער קלענער צאָל אײַנוווינער.

— זיי זענען פאַרליבט אין זייער קליינקייט.

דאָס ערשטע, וואָס עס אינטערעסירט צו זען אין לוקסענבורג, — איז זעלבסטפאַרשטענדלעך דער שלאָס-פּאַלאַץ פון דער גרויס-הערצאָגין, די מלכּה פון דער מדינה, ש א ר ל אָ ט.

זי איז נישט די ערשטע קעניגין פון לאַנד.

פאַר איר האָט געקיניגט איר שוועסטער, די גרויס-הערצאָגין מאַריאַ אַדעלהייט, וועלכע האָט איבערגענומען דעם טראָן פון איר פאָטער, דעם גרויס-הערצאָג ווילהעלם אין יאָר 1919. זי האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון דעם גרויסן כּבֿוד צו זײַן אַ קעניגין פון אַ טל-ומטר-לאַנד. די קרוין איז געבליבן פאַרשעמט. קיין יורש האָט זי נישט געהאַט. עס איז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג, נאָר

זיך צו דערקלערן אַלס... רעפּובליק. די פּאָליטישע ליידנשאַפטן האָבן זיך צעשפּילט, דיסקוסיעס אין פּאַרלאַמענט און אין מלוכה ראַט האָבן געפלאַקערט. ענדלעך, האָט מען באַשלאָסן די פראַגע איבערצוגעבן צום משפט פון פאָלק.

דאָס פאָלק האָט אין זיינס אַ רעפערענדום אָפּגעשטימט, אַז... נו, יאָ, לוקסעמבורג האָט זיך נישט צו פאַרגלייכן מיט די רעפּובליקן, עס איז נאָך נעבעך נישט געקומען צו אַזאַ מדרגה ווי פראַנקרייך, אַמעריקע, אָדער אַפילו דייטשלאַנד, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן די מאָנאַרכיע און איז געוואָרן אַ רעפּובליק. ניין! לוקסעמבורג מוז האָבן אַ געקרוינטן מלך. נאָר אַזוי ווי אַ יורש, אַ מאַן, איז אַלץ נישטאָ אויפן טראָן, טאָ זאָל שוין זיין אַ פרוי, אַלץ בעסער, ווי גאָרנישט. און דער גורל איז אויסגעפאַלן אויף מאַריאַ אַדעלהייטס יינגערע שוועסטער, אַ גאַנץ יונג מיידל נאָך — די הערצאָגין שאַרלאָט, וועלכע איז די היינטיקע הערשערין פון דעם קעניגרייכל.

נאָר שאַרלאָט האָט אָפּגעטון אַ שפּיצל דעם לוקסעמבורגער פאָלק. עס האָט נישט איין ברענענדיקע דיסקוסיע אַרויסגערופן אין פּאַרלאַמענט און נישט איין גלאָז פון ביר איז צעבראָכן געוואָרן אין דעם קאַפע.

נעמלעך: די גרויס-הערצאָגין שאַרלאָט... האָט ווי יעדער פּשוטער בשר-ודם, ווי יעדעס פּשוטע שניידער-מיידל זיך פאַרליבט...

נישט מען האָט איר גערעדט אַ שידוך, נישט מען האָט עס אויסגעפירט אויפן דיפּלאָמאַטישן וועג, כדי צו „זיכערן" שלום און פריינטשאַפט אין אייראָפּע. נאָר איינפאַך זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ גאַנץ שיינעם בחור, — אמת, נישט קיין אַבי ווער: אַ מיוחס, פּרינץ פעליקס, אַ ברודער פון דער עסטרייכישער קייזערין ציטאַ.

מילא, מיטן יחוס וואָלט אָנגעשטאַנען, בפרט עס איז צווישן די הערשער פון לוקסעמבורג תמיד געווען אַ סענטימענט פאַר עסטרייך. נאָך אין יאָר 1866 האָט דער גרויס-הערצאָג אַדאָלף פון נאַסאַו, דער איצטיקער קעניגינס עלטער-זיידע, געפירט צוזאַמען מיט עסטרייך קריג קעגן די פּרייסן, און ווען זיין פּראָווינץ איז געפאַלן, און איז פאַרנומען געוואָרן פון די פּרייסן, האָט ער בעסער זיך אויסגעוויילט גלות, געגאַנגען וווינען אין עסטרייך, איידער צו זיין אונטער דער פּרייסישער הערשאַפט.

דאָך, אין יאָר 1920, האָט דאָס לוקסעמבורגישע פאָלק פאַר-

נעסן אין די גרויס-הערצאָגישע סענטימענטן פאַר עסטרייך. עסטרייך איז געווען אַ פאַרבינדעטע מיט דייטשלאַנד. דייטשלאַנד האָט גע-בראָכן אין דער וועלט-מלחמה די נייטראַליטעט פון לוקסענבורג, און נישט געקוקט, וואָס אין לוקסענבורג איז פאַראַן אַן אַרמיי פון... דריי הונדערט סאָלדאַטן, האָט זיך דייטשלאַנד נישט אָפּגעשראָקן און אַריינמאַרשירט אין די גרענעצן פון גרויס-הערצאָגטום, אויפן מאַרשרוט קיין פראַנקרייך.

דעמדאָזיקן חטא קען דאָס לוקסענבורגישע פאָלק נישט פאַר-געסן, און ביזן היינטיקן טאָג טראָגט מען אַ טיפע שנאה אויף דייטשלאַנד. צוליב דער דאָזיקער שנאה האָט מען אָנגענומען אַ גע-זעץ, אַז בירגערשאַפט פאַר אויסלענדער מוז באַשטעטיקט ווערן דורכן פאַרלאַמענט נאָך אַן עפנטלעכער דיסקוסיע, כדי נישט צו דערלאָזן, די דייטשע אויסלענדער זאָלן זיך נאַטוראַליזירן, און ווער ווייסט אפשר שאַפן אַ מערהייט אין לאַנד. דאָס וואָלט חוץ אַלעם געווען אַ געפאַר פאַר דער קאַטוילישער רעליגיע, וואָס איז די הערשנדיקע אין לוקסענבורג, און די קאַטוילישע פאַרטיי, איז להכעיס די ליבע-ראַלן, און סאָציאַליסטן די רעגירונגס-פאַרטיי פון לאַנד.

דער פאַרלאַמענט און דאָס געזעץ האָבן געקענט דערקלערן אַ קאַמף דער קעניגינס שידוך-אויסוואַל אויף אַ גאַנץ איינפאַכן אופן: אַזוי ווי דער מאַן פון אַ קעניגין, מוז זיין אַ לוקסענבורגער ביר-גער, דעריבער קען זי, די קעניגין, נישט חתונה האָבן מיט אַן אויסלענדער. האָט די גרויס הערצאָגין שאַרלאָט געשטעלט אַ תנאי דעם פאָלק, דעם פאַרלאַמענט: „אָדער איר גיט בירגער-רעכט, דעם אויסדערוויילטן פון מיין הארץ, דעם פרינץ פעליקס (ער איז אַ ברו-ווער פאַרשוין, געווען דער קאָמענדאַנט פון פעסטונג פשעמישל פאַר די עסטרייכער אין דער מלחמה), אָדער איך גיב אייך צוריק די קרוין!״.

נאָכאַמאָל איז „קלאַפּ״ האָט שוין דאָס פאָלק נישט געקענט איבערטראָגן. פריער די גרויס-הערצאָגין מאַריע אַדעלהייט, דערנאָך — די הערצאָגין שאַרלאָט, וואָס איז? וואָס וואַרפט מען זיך עפּעס מיט קרוינען דאָ?... האָט מען דורכגעפירט אַן אָפּשטימונג אין פאַרלאַ-מענט איבער די בירגערשאַפט פאַר דער קעניגינס זיווג, און מיט דער מערהייט פון איין איינציקער שטים איז דורכגעגאַנגען צו געבן דעם פרינץ פעליקס לוקסענבורגער בירגער-רעכט. און ר'איז געוואָרן דער „פרינץ-מאַן״ פון דער גרויס הערצאָגין שאַרלאָט.

דערפֿאַר האָט דער „פּרינץ-מאַן״ באַלוינט דאָס לוקסענבורגער פֿאָלק מיט... זיבן עכטע לוקסענבורגישע בירגער: פֿון 1920 ביז היינט איז שוין די הערשערין פֿון לוקסענבורג געלעגן זיבן מאָל אין קימפּעט. זי האָט טעכטער און זין. דאָס פֿאָלק איז אויפֿגעריכט: ענדלעך, וועט אין לוקסענבורג הערשן אַ מאַן!...

דער קעניגלעכער שלאָס זעט-אויס גאַנץ נעבעכדיק. ענלעך צו אַ פֿעסטונגס-מויער. אַ געמיש פֿון גאָטיק און רענעסאַנס סטיל. געבויט אין יאָר 1563. געפֿינט זיך אין סאַמע געדיכטעניש פֿון יידישן קוואַרטאַל אין דער שטאָט, אין נאָענטער שכינות פֿון קראָמען און צעלניק געשעפֿטן.

פֿאַרן פּאַלאַץ שטייט אַ זעלנער אויף דער וואַך, ווי דער שטייגער איז, מיט גרויס ערפֿורכט און ווירדע. איך קום-צו, וויל אַריינגיין, דער זעלנער שטעלט מיך אָפּ: ווהין? איך ענטפֿער: איך וויל זען די גרויס-הערצאָגין שאַרלאָט.

דער זעלנער שמועסט זיך גערן אויס מיט מיר. ער ענטפֿערט מיר, אַז די גרויס-הערצאָגין איז פֿאַררייזט. זי איז איבערהויפּט די לעצטע צייט ווייניק דאָ אין לוקסענבורג. זי איז אין איטאַליע. זי קומט נאָר איינמאָל אין יאָר אין לאַנד אַריין: דעמאָלט, ווען זי דאַרף געבוירן אַ קינד.

דער סאָלדאַט גענעצט סיי-ווי-סיי און איז צופֿרידן, ווען ער קען זיך מיט עמעצן אויסרעדן, אין לוקסענבורג איז נישטאָ קיין געצוווּנגענער מיליטער-דינסט. בלויז אַ „פֿרייוויליקע אַרמיי״. דריי הונדערט סאָלדאַטן ווערן נאָך דעם, ווי עס ענדיקט זיך זייער דינסט יאָר, באַזאָרגט פֿון דער מלוכה אויף אַן אייביקער רעגירונגס-שטעלע. ער באַטראַכט זיך שוין פֿאַר אַ קומענדיקן באַאַמטן פֿון לאַנד.

קיין גענעראַל האָבן זיי נאָך נישט. בלויז אַ מאַיאָר. קיין קריגס-מיניסטער אויך נישט... דער אויסערן-מיניסטער איז שוין אויך קריגס-מיניסטער, פּונקט ווי די אַנדערע דריי „מיניסטאָרן״ האָבן פֿאַרשידענע פּאָרטפֿעלן.

דאָס מיליטער איז גוט באַוואָפֿנט מיט... ביקסן, שווערדן און רעוואָלווערן.

לעצטנס האָבן זיי שוין איין האַרמאַט. דאָס האָט מען, חלילה,

נישט געקויפט. די פּאַציפיסטן וואָלטן נישט דערלויבט אַריינשטעלן אין בודזשעט אַזאַ סומע פאַר „באַוואָפענונג", דעם האָרמאַט האָבן זיי פּשוט געקריגן אַ מתנה פון פראַנקרייך, נאָך דעם קריג.

דער האָרמאַט דינט טאַקע פאַר ספּעציעלע פייערלעכקייטן. ער שיסט צוויי מאָל אין יאָר, ווען עס איז דער גרויס-הערצאָגינס געבוירן-טאָג, און אויך ווען אַ נייער פּרינץ ווערט געבוירן.

לעצטנס, איז געשען אַן אינצידענט מיט דעם האָרמאַט: ביים לעצטן געבורט פון אַ קינד אין שלאָס, האָט דער האָרמאַט נישט געוואָלט שיסן... ער איז פּשוט געווען פאַרזשאַווערט. בכלל איז אַ פּראָבלעם מיט דעם האָרמאַט. מען קען נישט שיסן מיט אים — פּשוט, ווייל די קויל פאַלט אַרויס פון... לוקסענבורג און פאַלט אַריין אין אַ שכנותדיק לאַנד... עס קענען אַנטשטיין אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן דערפון. אפשר וועט די פעלקער-ליגע וועגן דעם זיך נאָך אַרויסזאָגן...

באַלד נעבן שלאָס געפינט זיך דער פּאַרלאַמענט. דאָס איז אַ פּשוטער בנין, זעט אויס, ווי אַ נעבעכדיקע שול אין אַ קליינער פּראָווינץ-שטאָט. דער „קאָנגרעס-בנין" איז געבויט אין יאָר 1857.

אָבער דאָרט, אינעווייניק, קומען עס פאָר די שטרייטיקייטן. אמתדיק הייס-בלוט פלאַקערט דאָרט. די ערשנדיקע פּאַרטיי איז די קאַטוילישע... פון די 54 דעפּוטאַטן האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זעכצן און די ליבעראַלע — זעקס. צווישן די זעקס ליבעראַלע קאָנגרעס-מענער איז דאָ איין ייד פון לאָטאַרינגישער אָפּשטאַמונג. אַן „עכטער" לוקסענבורגער, פון די יידן, וואָס געהערן אָן צו דעם גרויס-הערצאָגטום זייט הונדערט יאָר, ווען דער יידישער ישוב האָט זיך דאָ פּאַקטיש אָנגעהויבן.

דאָס לאַנד ווערט רעגירט „דעמאָקראַטיש", אַ שטייגער ווי ענגלאַנד. עס איז אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. אז מען וויל, איז די גרויס-הערצאָגין נישט מער, ווי אַ סימבאָל: אונטערצושרייבן די געזעצן און אַן אָביעקט פאַר פּאַראַדן און פייערלעכקייטן.

קיין סענאַט איז אין לוקסענבורג נישטאָ, בלויז אַ מלוכה-ראַט. אָבער די „ראַטגעבער" האָבן נישט קיין שטימרעכט. זיי האָבן בלויז

באַראַטונגס־רעכט. יעדעס געזעץ, איידער עס ווערט אָנגענומען, גיט מען זיי, ווי אַן איבערשטן אויטאָריטעט, צו באַטראַכטן. זייער דע־ציזיע ווערט נאָר גענומען אין אַכט, אָבער נישט באַשטימט. די מלוכה־ראַטגעבער זענען אַלטע, אויסגעדינטע געריכטס־פּרעזידענטן, אָדער אַנדערע הויכע מלוכה־באַאַמטע. זיי ווערן צו דעם דאָזיקן כּבודיקן אַמט באַשטימט פון דער מלוכה אָדער גרויסהערצאָגין.

די וואַלן זענען אין לוקסעמבורג דעמאָקראַטישע. גאַנץ אַנדערש, ווי אין דער רעפּובליק פראַנקרייך. דאָ האָבן פרויען רעכט צו וויילן און געוויילט צו ווערן. די וואַלן זענען געהיימע און פּראָפּאָרציאָ־נעלע.

דאָס גאַנצע לאַנד, ווי גרויס עס איז, איז איינגעטיילט אין צוועלף שטאַטן, אָדער ווי זיי רופן זיך דאָ — „קאַנטאָנען”. יעדער שטאַט האָט זיך זיין הויפּטשטאָט און זיין סיסטעם פון פאַרוואַלטונג. צווישן די „פּראָווינצן” זענען דאָ גאַנץ אָפט סיכסוכים. איבערהויפּט גייט אָן אַ קאָנפליקט וועגן די באַנען.

דער עקספּאָרט פון לוקסענבורג פון די אַרטיקלען, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין לאַנד, ווי אייזן און שטאָל (וואָס איז אַזוי גרויס ווי בעלגיע), לעדער און מאָזאַיק, איז פיל גרעסער, ווי דער אימ־פּאָרט פון אַנדערע אַרטיקלען. אַזוי, אַז לוקסענבורג האַלט אויס גלענצנד דעם „בודזשעט”.

דער לוקסענבורגער איז בטבע אַ ווילער מענטש. ער שמייכלט תמיד, ער איז ליבלעך און נאַיוו. ער שפּילט זיך מיט זיין אייגן לעבן, ווי עס איז די גאַנצע שפּיל אין מלוכה.

ער עסט גוט און טרינקט גוט. גייט פרי שלאָפן, גענעצט מיט פאַרגעניגן און שפּילט אין שאַך.

ער האָט זיין אייגן נאַציאָנאַל לעבן, אַ פּרעסע. די אָפיציעלע שפּראַך איז פראַנצויזיש. אָבער פּאַקטיש איז זי דייטש. דייטש רעדט די גרויס־הערצאָגין. דייטש רעדט מען אין פּאַרלאַמענט. דייטש לערנט מען אין דעם ערשטן יאָר אין שול (פון צווייטן יאָר אָן — פראַנ־צויזיש). אַלע צייטונגען, וואָס גייען אַרויס, זענען דייטשע, בלויז איין פראַנצויזישע. דאָך איז נישטאָ קיין שפּראַך־קאַמף, ווי אין בעלגיע.

מיט קיין טעאַטער קאָן זיך שוין לוקסענבורג נישט באַרימען,

אַז זי האָט אַן אייגענעם. צו דעם מוז זי שוין אָנקומען אי צו איר שכן פון מערב — פראַנקרייך, אי צו איר שכן פון מזרח — דייטש־לאַנד, אָדער בעלגיע.

בכלל איז מען אין לוקסעמבורג מער „געניינט" צו בעלגיע, איידער צו פראַנקרייך. לוקסעמבורג האָט איר אייגן נאַציאָנאַל־געלט: ניקל און פאַפיר, אָט אַזוי ווי בעלגיע. דאָך „באָרגט" מען זיך אויס געלט ביי בעלגיע. פשוט, דאָס בעלגישע געלט איז אויך אין אומ־גאַנג אין לוקסעמבורג.

דער יידישער ישוב אין גרויס־הערצאָגטום לוקסעמבורג ציילט ביים היינטיקן טאָג אַן ערך צוויי טויזנט פינף הונדערט נפשות. די גרעסטע צאָל זענען קאָנצענטרירט אין דער הויפּטשטאָט, אין לוק־סעמבורג גופא. אַן ערך טויזנט נפשות.

די יידישע בירגער פון לוקסעמבורג זענען שטאָלץ ביי זיך, ווילן נישט האָבן קיין מגע־ומשא מיט די אַנדערע, מיט די „אָסט"־און „וועסט"־יידן. זיי זענען טאַקע די רייכסטע אין לאַנד, פירן גרויסע מסחרים, די גרעסטע האַנדלס־הייזער. זיי האָבן זיך זייער געמיינדע, זייער „גראַן ראַבען", זייער סינאַגאָגע. די פינף הונדערט „מזרח"־יידן, די פוילישע, בונטעווען זיך. דאָס איז דאָס „פאָלק". פאַר זיי זענען די פראַנצויזיש־בעלגיש־דייטשע יידן צו אַריסטאָקראַ־טיש. זיי זענען די אָרעמסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעל־קערונג.

זיי פירן אויף זייער אופן אַ קולטורעלע טעטיקייט. דאָס „פאָלקס־הויז" האָט מיך באמת איבערראַשט. מיט אַ טאָג פריער האָב איך אפילו נישט געחלומט, אַז כ'וועל דאָ, אין לוקסעמבורג, טרעפן אַ יידישן קיבוץ, און אָט איז אַ גאַנץ היפּשער עולם, און די מער־סטע פון זיי — יוגנט. געבוירענע שוין דאָ און דערצויגענע, זענען זיי געקומען אויסהערן אַ יידיש וואָרט, אַ פאָרלעזונג, וואָס איז אין דער שנעל, אין איילעניש אָרגאַניזירט געוואָרן.

אויף זייער אופן טוען זיי קולטור־אַרבעט. אַ צוגאָב־שול, אַ דראַמאַטישער קרייז און אַ שטיקל ביבליאָטעק.

די יוגנט האָט ליב לוקסעמבורג; די שטאָט, וואָס איז באַקאַנט

אין דער וועלט אַלס די „רויזן-שטאָט“. און באמת, ווו מען גייט און ווו עס פאַלט דער בליק — רויזן און רויזן. אויף די פענצטער פון די אַלטע געביידעס, אויף די באַלקאָנען פון די נייע בנינים, אויף די סלופּעס פון די עלעקטרישע לאָמפּן, אויף די בולוואַרן און טעראַסעס — רויטע און ווייסע רויזן. און איבער דעם — וויקלט זיך אַ ברייטע גרינע לאַנדשאַפט אויף טאָל און באַרג.

אַ באַזוך אין קרופּס פאַבריק

עס האָט מיר געגומען אַ האַלבן טאָג — דאָס בלויזע דורכשנ־
דיקע ארומגיין די פאַבריק־בנינים. מ׳זאָגט: דריי פערטל פון שטאָט
עסען, געהערט צו די קרופּן. עס איז נישט קיין גוזמא. דאָ, ווו
עס ענדיקט זיך די פאַבריק, הויבט זיך אָן נאָכאמאָל פאַבריק!

גאַנצע גאַסן פאַרנעמען די ברוין־טונקעלע געביידעס. אַלטע
און נייע. די נייסטע — געבויט שוין לויט אָן אויסגערעכנטן עסטע־
טישן געשמאַק. נישטאָ די סטערעאָטיפּישע איינהייטלעכע פאַבריקס־
ווענט. עס זענען דאָ מויערן, וואָס דערמאָנען די אויסערלעכע זייטן
פון אַ טעאַטער. די פאַבריק־מויערן ציען זיך אַריין ערגעץ אין אַ
צווייטער שטאָט, ווו די פאַבריקן הויבן זיך אויפסניי אָן און דאָ
איז אַ גאַס, אָדער גאַסן, דאָס זענען זאָגט מען מיר „פּריוואַטע
גאַסן", עס געהערט צו קרופּן. דער פאַרקער, די טראַמווייען לויפן
אויף „זיין" טעריטאָריע, און אַז ער „וויל" קאָן ער דאָס פאַרווערן,
אָפּשטעלן.

עס איז זיך שוין שווער פאַרצושטעלן, וואָס אַזוינס די שטאָט
עסען איז, אָן קרופּן. אַז ווו מען גייט: קרופּס אייגנטום. עס דאַרף
גראָד נישט זיין קיין פאַבריק־טויער, קיין שטאַרצנדיקער קוימען.
עס מעג זיין אַ גאַנץ פּריוואַט־הויז, פאַרקל, געשעפט, עס געהערט
צו קרופּן. עס איז אַ טייל פון זיינע גיטער!

עס וואַרפן זיך אין די אויגן די אָפּטע מאָנומענטן, דענקמע־
לער פאַר קרופּן. בראָנזענע, פאַר דעם אַמאָליקן אומבאַדייטנדיקן
שמיד אַלפרעד קרופּ, וואָס איז דורך זיין פלייס דערהויבן גע־

וואָרן פאַר דעם נאַציאָנאַליסטן העלד פון דייטשלאַנד און פאַר דער ־רעק פון דער גאַנצער וועלט.

קרופּ און הערמאַן!

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז ביי קרופּן אין די פאַבּ־ריקן אַרבעט מען אויף „פרידלעכע" מכשירים, אומשולדיקע אַקער־געצייג. קרופּ איז דער סימבּאָל פון טויט־מאַשין. און אויף דעם אופן איז אויך אָוועקגעשטעלט געוואָרן ביים הויפּט־אַריינגאַנג צו זיין שטאָל־שטאָט דער שמיד אַלפרעד. אויפן דענקמאָל זעט ער אויס נישט מער, ווי אַ געוויינלעכער קליינשטעטלדיקער קאָוואַל־מייסטער אום זונטיק, בעת אַ צעך־פייערונג. אָבער אויפן פּיעדעסטאַל זיצן שוין צוויי פיגורן, אַן „ער" און אַ „זי" — סימבּאָלן: זי האַלט אַ קייט און ער אַ ראָד פון אַן אייזנבאַן־וואַגאָן — דער אָפּצייכן פון שטאָל־אינדוסטריע. דאָך, צופוסנס דעם „ער", ליגט אַ גרויסער בּראָנ־זענער האַמער. דאָס איז אייגנטלעך דער עיקר־דענקמאָל, מען האָט זיך גאָרנישט באַהאַלטן. כאַראַקטעריסטיש: דער דענקמאָל איז גע־שטעלט געוואָרן דעם שטאָל־ און אייזן־קעניג פון... זיינע אַרבעטער.

די שטאָט־פאַרוואַלטונג און צענטראַלע רעגירונג, אַלע האָבן לכּבוד דעם „אָרעמען שמיד" אָוועקגעשטעלט דענקמעלער, גאַסן און אינסטיטוציעס, און נישט נאָר אים אַליין, אַלפרעדן, נאָר אויך זיין זון, וועלכער איז שוין אויך אַ שוכן עפר. איצט פירט אָן מיט דער ריזיקער אינדוסטריע — אַן איידעם.

און צווישן פאָלק דערציילט מען לעגענדעס און עפּיזאָדן, מעשהלעך און פאַנטאַסטישע אויסטראַכטונגען. קרופּ איז ענלעך צו די אַמעריקאַנער מאַגנאַטן, און אפשר זענען די אַמעריקאַנער מאַג־נאַטן ענלעך צו קרופּן. עס איז דער זעלבער וועג צו רום, צו „פאַרגעטערונג".

איך בין שוין דריי טעג אין עסען. עס זענען די „געדיכטע" טעג פון היטלערס ממשלה. די גאַסן זענען נאָך פול און „האָפּער־דיק" פון דער נייער „דערלייזונג". ווי צוויי דריי יונגעלייטלעך טרעפן זיך צוזאַמען ווערט אַ „געשלאָסענע" ריי, מען גייט אַראָפּ פון טראָטואַר, און מען מאַרשירט שוין אין מיטן גאַס, אויפן ברוק, און ווידער צעזינגט מען זיך:

„שאַרף דאָס מעסער,
שטעל דעם ייד צו דער וואַנט!"

און די גאַס ווערט אָפּגערייניקט פון די יידן, ס'רוב אַלטוואַרג־הענדלער, שמאַטע־קלייבער, פּעדלער און לאַסט־טרעגער.

מיך לאָקט מער פון אַלץ צו באַזוכן די פאַבריק פון קרופּן. בלויז דער געדאַנק, וואָס איך זאָג וועגן דעם אַרויס, מאַכט מיינע פריינט אויפשוידערן. קרופּ? – דאָס איז דער בית־המקדש פון דייטשלאַנד. ווער איז זוכה דאָס צו באַזוכן? וועלכער געוויינלעכער בשר־ודם קאָן דאָרט אַריינקומען. אַ חוץ וואָס מען דאַרף זיין אַן עכטער אַריער, דאַרף מען נאָך האָבן זכות אָבות און זיין פּראָטעזשירט און רעקאָמענדירט.

נאָר איך פּרוּוו. איך נעם צוהילף מיין פּרעסע־קאַרטע, מיין לעגיטימאַציע פון אַמעריקאַנער און אינטערנאַציאָנאַלן זשורנאַליסטן־סינדיקאַט, און טאַקע מיט מיין „אַרישן" פּנים, און לאָז זיך אויף „קידוש השם" צו די טויערן פון קרופּס פאַבריקן. איך גיי דורך גאַס און געסל, צווישן רויטע מויערן־ווענט, ווי אין אַ קאַזאַרמע־הויף. איך פיל, ווי פון יענער זייט וואַנט אָטעמט אויף מיר טויט, פאַרניכטונג. דאָרט שאַרפט דער מלחמה־גאָט מולך זיין שווערד! איך מאַך זיך האַרץ, איך קום צו צום שווערן פעסט־פאַרריגלטן טויער, ווי דער טויער צו אַ תפיסה. איך קלינג אָן. אַ מונדירטער לאָקיי באַווייזט זיך, פרעגט שטרענג און העפלעך מיין בקשה. איך זאָג אים: אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט בין איך און איך וויל באַזוכן די פאַבריק.

ער גלאָצט אויס אַ פּאָר דערשטוינטע אויגן, פאַרדרייט מיט די פינגער די „קייזער ווילהעלם וואָנסע", און ווייסט מיר נישט, וואָס צו ענטפערן. איך פאָדער אָבער מיין רעכט, ער זאָל מיך אָנמעלדן אין דער ביוראָ. איך דערלאַנג אים מיין זשורנאַליסטן־קאַרטע.

דער געשפּרעך קומט פאָר דורך אַ שמאָלן שפּאַלט פון געעפנטן טירל. דאָס טירל פאַרמאַכט זיך צוריק. איך בלייב אין דרויסן. עס דויערט עטלעכע מינוט. די טיר ווערט ברייט אויפגעפּראַלט. דער וועכטער איז העפלעך און שמייכלדיק. די קאָרעספּאָנדענטן־קאַרטע פון אינטערנאַציאָנאַלן סינדיקאַט פון ציייטונגס־קאָרעספּאָנדענטן מאַכט ווייך דאָס וואָרט פון שטרענגן לאָקיי און בויגט די צונג פון דער שטייפער סעקרעטאַרין מיט אַ קרוין פון זילבער אויפן קאָפּ. זי רעדט צו מיר ענגליש. אַ „שטאָפּעט". אַ בחורל פון אַ יאָר

צוועלף, ווען מען האָט עס דאַרף נאָך זיין אין דער פאָלקסשול, מוג־דירט און מיט אויסגעבלאַנקטע משענע קנעפּ, לויפט אויפן באַפעל פון דער דאַמע. ער קומט צוריק מיט אַ מעלדונג: דער דירעקטאָר פון דער ווּיזיטן־אָפּטיילונג וויל מיך זען. די דאַמע און דער פּאָר־טיער באַגלייטן מיך ביז צו דער „ווינדע״. דער צוועלף־יאָריקער גייט מיט, גלייך און אויסגעצויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין הע־גער כאָטש מיט איין יאָר... מיר גייען איבער קאָרידאָרן. איך האָב די מעגלעכקייט צו באַטראַכטן דאָס פאַרוואַלטונגס־הויז פון דער פירמע קרופּ. איך וויל מאַכן פאַראַלעלן מיט די ביוראָ־געביידעס פון פאָרדן. דאָ איז עפּעס אַנדערש, דאָ איז טראַדיציע. אינעווייניק ברוין און מאַכאָן־רויט אינטים, האָטעל אָדער טעאַטער־אַרטיק. מיר קומען אַריין אין דער ווּיזיטן־אָפּטיילונג. דער דירעקטאָר טראָגט אַנט־קעגן זיין לינקע האַנט צום באַגריסן צוזאַמען מיט אַן אַנטשולדיקונג, וואָס גאָר די לינקע. די רעכטע איז ווי אַ טרוקענער צווייג, אַן אָפּגעדאַרטער, דאָס איז אַ מלחמה־„דערינערונג״.

דער דירעקטאָר גיט מיר עטלעכע לויפיקע אינפאָרמאַציעס. ער באַמיט זיך צו רעדן ענגליש. הגם איך זאָג, אַז איך פאַרשטיי דייטש, דאָך איז ער פאָרזיכטיק, וויל דערגיין די אמתע כוונה פון מיין באַ־זוך, און וואָס פאַר אַ כאַראַקטער מיין צייטונג איז. מען שמועסט וועגן פאָרדן... און... ראַטנפאַרבאַנד.

ראַטנפאַרבאַנד איז איצט אַ וויכטיקער ענין פאַר דער פירמע קרופּ. עס זענען נאָך פאַרבליבן פון איר באַשטעלונגען — מחמת דעם לערנט ער זיך, דער „פאָן״, דער, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געקעמפט קעגן צאַר, לערנט זיך איצט רוסיש. ער לייענט מיר אויס־צוגן פון רוסישע צייטונגען. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, אפשר וועט אַ רוסישער יאָ פאַרשטיין...

דער דירעקטאָר גיט מיר נאָך עטלעכע לויפיקע אינפאָרמאַ־ציעס. „ער גרייט מיך צו״ צום ווּיזיט. איך זאָל זיך נישט איבער־ראַשן. די פאַבריקן פוסטעווען. איינצלנע מענטשן זענען באַשעפטיקט. אינגאַנצן אַ פערצן טויזנט. אין „יענע״ צייטן האָבן געאַרבעט הונ־דערט און פופציק טויזנט. ווען „יענע״ צייטן זענען געווען, איז גרינג זיך משער צו זיין — בשעת דאָס צוגרייטן פייער, טויט און פאַר־ניכטונג פאַר דער וועלט.

עס ווערט געמאַכט אַ באַשטעלונג פאַר מיין ווּיזיט. עס איז

פרייטיק, און אויף מאָנטיק גאַנץ פרי. דער דירעקטאָר אַליין וועט זיין מיין וועגווייזער, ער פאַרלאָזט זיך נישט אויף קיין אַנדערן.

מאָנטיק 9.30 פרי. איך ווייס, אַז מיט דער דייטשער פּינקטלעכקייט טאָר מען נישט מיסברויכן. פינף מינוט פאַרשפּעטיקט, קאָן מיין „גוטער איינדרוק" אויף אים אָפּגעוואַשן ווערן. איך בין אין דער צייט. פּינקטלעך. דער דירעקטאָר „פאָן" באַגעגנט מיך מיטן ליבנסווירדיקן „גוט מאָרגן", און „גוט מאָרנינג, סיר!" אַלץ איז גרייט. נאָר... ער באַדויערט, וואָס מיין באַגלייטער וועט זיין — אַ קלוגע. עס קומט אריין אַ הער. דער „פאָן" שטעלט אים פאָר: אינזשעניער האַנס שאַפּ. ער וועט מיך באַגלייטן, ער רעדט ענגליש.

איך בין דאַנקבאַר דעם הער האַנס שאַפּ. אַ ליבנסווירדיקער מענטש, מיט, ווייזט אויס, ליבעראַלע אָנשויאונגען. איך דרינג עס אַרויס פון זיין שמועס, בעת מיר באַזוכן די פאַבריקן. אַ פּריוואַטער לוקסוס-אויטאָמאָביל מיט אַ מונדירטן שאָפער איז גרייט צו אונזער דיספּאָזיציע. מיר שטייגן אַלזאָ איין.

דאָס ערשטע — די מאַפּע פון די פאַבריקן. אַ ריזיקער ווייַסער טאָוול מיט פּונקטן. רויטע פלעקן צייכענען די ערטער, וווּ די פאַבריקן געפינען זיך אין עסען און אין דער אומגעגנט. דאַן קומען די פאַרבינדעטע פאַבריקן צו קרופּן, די נאָרד-דייטשע הוטע פון ברעמען, די מעטאַל און מאַשינענבוי אין דיסעלדאָרף, אין קעניגסבערג און אין מעמעל, אין באָכום און אין לייפּציג, אין האַמבורג און נאָך און נאָך צענדליקער שטעט און שטעטלעך אין און אַרום דייטשלאַנד. דאָס ערשטע, וואָס מיר באַזוכן, איז דער אָנדענק-זאַל, געווידמעט די העכער צוויי טויזנט געפאַלענע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון קרופּס פאַבריקן אויף די שלאַכטפעלדער. פון ערגעץ פאַלט אַ שוואַכער שיין פון אַ פאַרהוילן ליכט. יזכור-שטימונג. אַ גרויסער בראָנז-טאָוול מיט די נעמען אויסגעקריצט.

דער וועג-ווייזער דערקלערט:

— די אַרבעטער פון די פאַבריקן האָבן לויטן געזעץ געהאַט אַ רעכט צו בלייבן דאָ, זיי האָבן זייער חוב פאַרן פאָטערלאַנד געטון. זיי האָבן צוגעגרייט שיס-מאַטעריאַל. דאָך האָבן זיך זייערע פּאַטריאָטישע געפילן באַליידיקט צו בלייבן אין פאַבריק, און זיי זענען געגאַנגען אויף די שלאַכטפעלדער.

דערפאַר רוט דאָ זייער אָנדענקען.

איך וואַרף אַ באַמערקונג: — וויפל אַנדענקונגען אַזעלכע זענען עס אויף דער וועלט צעשטעלט, פאַראורזאַכט פון צווישן די ווענט, ווו מיר געפינען זיך איצט?

איידער מיר גייען אַרײַן אין די פאַבריק־אָפּטיילן, ווייזט מען מיר די „אויסשטעלונג". אַ ריזיק־גרויסער זאַל געבויט פון שטאָל. דאָרט געפינט זיך אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן אין די פאַבריקן פון קרופּן גופא, און אַלץ, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט פון קרופּס שטאָל און פון דעם נייעם מעטאַל „ניראָסט".

ווי אומעטום זענען דאָ אויסגעשטעלט די אומשולדיקע אויס־אַרבעטונגען: רעלסן, רעדער, געצייג, אַקער־אײַזנס און הייצקוימענס. פון אַ מעדאַליאָן ביז אַ לאָקאָמאָטיוו. איך זע דאָרט אַ דרוקערײַ. ווי קומט אַ דרוקערײַ? דער סוד קריכט אַרויס: ביי קרופּן האָט מען געאַרבעט געווער און אַנדערע מלחמה־כּלים. כּדי דאָס צו קאַטאַלאָ־גירן האָט מען געמוזט האָבן אַן אייגענע דרוקערײַ, ווו אייגענע פאַרטרויונגס־מענטשן האָבן נאָר געוווּסט די סודות.

ביים דורכגאַנג צום ערשטן פאַבריק־פּלאַנט שטעלט מען זיך אָפּ פאַר אַ קליין הילצערן הייזל, מיט אַ שינדל־דאַך און אַ בלעכערנער רער אַלס קוימען אויפן דאַך. דאָס איז דאָס „שטאַם־הויז". דאָס הייזל איז געבויט געוואָרן אין 1818. דאָרט האָט דער ערשטער קרופּ, דער שמידט פרידריך קרופּ, אין 1822 זיך געמאַכט זיין קוזניע און געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער גרעסטער וועלט־שטאָל־אינדוסטריע. און ווייטער גייען שוין די פּלאַנטן. עס איז נאָר דאָ דער פאָרד־סיסטעם, דאָס ריטמיש־מעכאַנישע געיעג ביי דער אַרבעט. די ריזיקע גרויסע שטאָלענע שאָפּעס זענען כּמעט ליידיק. מען אַרבעט נישט. דאָ און דאָרט זעט זיך אַ מענטש כּמעט אַרײַנגעשלונגען אין אַ שטאָלערנער רער... ער אַרבעט דאָרט, אָדער ער רייניקט. ערגעץ עגבערט מען אַ ריזיקע שטאָלערנע שטאַבע. דער גרעסטער וווּנדער ביי קרופּן איז די 1500 טאָן־פּרעס. אַ ריזיקע פּרעס־מאַשין, אָט אַזאַ, ווי ביי אַן אײַנבינדער, אָדער אין אַ ביוראָ, מיט וואָס מען נעמט אַראָפּ קאָפּיעס פון בריוו... לאָזט זיך אַראָפּ אויף שרויפן מיט אַ שווערקייט פון 1500 טאָן.

און ווען אַזאַ „פּרעסל" לאָזט זיך אַראָפּ אפילו אויף דעם דיקסטן שטיק שטאָל, ווערט עס אויסגעפּלאַטשט דין, ווי אַ פּאַפּיר. ביז איצט איז די דאָזיקע ריזיקע פּרעס געווען די אײנציקע אין

דער וועלט. איצט האָט ראַטן-רוסלאַנד טאַקע אין דער זעלביקער פאַבריק באַשטעלט אַזאַ „פּ־עסל״, און די „שוועסטער-פּרעס״ ווערט איצט געשאַפן.

אין משך פון פינף שעה, אויף שנעלער אויטאָמאָביל-רייזע פון איין אָפּטיילונג צו דער צווייטער, האָב איך ווייט נישט באַוויזן צו זען די גאַנצע אינדוסטריע. אַ שיף ברענגט אַריין צום קרופּ־פּאָרט די רוי-שטאָפן, און אַרויס גייט עס שוין געברענט און געלייטערט, געקלאַפּט און געשמידט, געפּאָרעמט און געבויט אין אַ פולשטענדיק גרויסן לאָקאָמאָטיוו, וואָס ווערט ווי אַ גולם געבוירן און איז גרייט זיך אַוועקצוּלאָזן אין אָריענט, אין טערקיי, ווו ער איז באַשטעלט געוואָרן.

צו דער גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט — קומט אויך צו די מע־כאַניזאַציע. דער אויטאָמאַט האָט אָפּגעשטופּט צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. אין איין אָפּטיילונג, אין דער וויכטיקסטער, ווו דער רוי־שטאָל-מאַטעריאַל ווערט אויף אַ שיף צוגעבראַכט צו די קעסלען, אַר־בעט איין מענטש מיט דער הילף פון אַ גאַנצע ריי עלעקטרישע ליכט-סיגנאַלן.

און אַלץ גייט זיך אויטאָמאַטיש אין זיין אָרט אַריין, אין זיין בראַנד-קעסל אַריין.

און די ריזיקע קעסלען ברענען. גיהנומס זענען געהייצט. גרויסע „לעפל״ מישן אינעווייניק און דער אָפּשיין פאַלט העל־רויט אויף די הימער, אויף די הענט, אויף די נאַקעטע פּלייצעס און ברוסטן פון די אַרבעטער.

מיר פאָרן נאָך באַזוכן די קרופּישע אַרבעטער-דערפער. פאַר־שטייט זיך, מען ווייזט נישט די ענגע געסלעך, די שמוציקע הייזער, וואָס זענען אין געאייל אין די „גוטע יאָרן״ אויפגעשטעלט געוואָרן פון פּריוואַטע אונטערנעמער, און ס׳זענען נעסטן פון פינסטערניש און פאַרוואָרלאָזטקייט.

איצט וווינט דאָרט די אַרבעטסלאָזיקייט און די נויט. אַהין, אין יענע הייזער בין איך אַליין געגאַנגען און שוין אָן אַן אויטאָמאָביל מיט אַ שאָפער.

און — ס׳איז קיין וואונדער נישט, וואָס היטלער האָט אַזאַ השפעה אין יענע גריבער-וווינונגען, די פאַרצווייפלונג העלפט מיט. דער נישט אָריענטירטער אַרבעטס-מענטש גיט זיך לייכט אונטער

דעם, וואָס שטרעקט אויס אַ האַנט. געפירט האָט מען מיך אין אַלענהאָף. די נייע עלעגאַנטע און מאָדערן-אויפגעבויטע דורך קרופישע פאַבריקן וווינונגען, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און ביי אינסטיטוציעס. רחבות-ברייטע גאַסן, זוניקע, לופטיקע און וואַרעמע הייזער, פאַר ווינציק געלט און — מיט אַ סך געניוס. די הייזער זענען פאַרן קרופישן סיסטעם, ווי בכלל פאַרן קאַפּיטאַליזם מער געווונטשן און ברענגט פאַר זיי איינציק און אַליין בעסערע רעזולטאַטן, ווי פאַר די אַרבעטער גופא.

מיר באַזוכן אויך די קרופישע „וואַרענהייזער". אַ גאַנצע גאַס מיט געשעפטן אין ביידע זייטן. דאָס זענען ריין-קרופישע אונטערנעמונגען. דער קרופישער אַרבעטער קריגט דאָרטן אַלץ, וואָס ער דאַרף. ביליקער ווי ערגעץ אַנדערש איז נישט, נאָר ער קריגט צוריק אַ דיסקאָנט פאַר אַ נישטיקער סומע יעדעס יאָר. די וואַרענהייזער זענען אַ געוואַלדיקע קאָנקורענץ צו די אַנדערע פּריוואַטע געשעפטן, צו די יידישע, הגם די וואַרענהייזער זענען גאַנץ פּריוואַט. איינע פון די פיל קרופישע אונטערנעמונגען און זיי ברענגען אַריין דער קרופּ-געזעלשאַפט ריזיקע סומעס ריווח אַ יאָר.

ביי די טויערן פון די קרופישע געשעפטס-גאַסן ברענען ריזיקע שילדן מיטן אויפשריפט „קרופּ", און שטעכן מיט זייערע עלעקטרישע פייערן אין דער נאַכט אַריין. זיי גיסן זיך צונויף מיט די ריזיקע קוימענס פון די הוטעס און באַגיסן העל רויט דעם רויך און פאַרע, ווי אויפשטייגנדיקע לאַוועס וואָלטן זיך געגאָסן צו די בלוטיקע וואָלקנס.

■■■■

בערלין, געטאָ 1936

צווישן גרענאַדיר-שטראַסע און אָראַנענבורגער גאַס איז געלעגן אַ גרויסער תהום.

דאָס זענען צוויי יידישע געגנטן.

גרענאַדיר און דראַגאָנער גאַסן און די געגנט אַרום זענען די מזרח-יידישע קוואַרטאַלן.

כאַראַקטעריסטיש מיט אַלץ, וואָס דערמאָנט אַ קליין שטעטל אין פּוילן. אַ שטיק פאַרבלאָטיקט גאַליציע הענגט אונטערן הימל.

נאָך די ערשטע רעוויזיעס איבער די שטיבער פון גרענאַדיר־שטראַסע, האָבן די נאַציס דורך דעם ראַדיאָ געמאָלדן וועגן זייער „טריומף" דאָרטן: אַז גאַנץ בערלין וועט פאַראומרייניקט ווערן פון דער שמוציקער גרענאַדיר.

אויף גרענאַדיר־שטראַסע זענען געווען קרעמלעך אויפן היימישן אופן. דאָרט האָבן זיך געמערט בתי־מדרשימלעך, שולכעלעך, מנינים, מקוואות.

איבער גרענאַדיר־שטראַסע האָבן געפּויזעט אַלערליי רבילעך, גוטע־יידן, „אייניקלעך" און בעל־דרשנס...

אויף גרענאַדיר־שטראַסע האָט געוווינט די אימיגראַנטישע אָרעמקייט, פרומע און נישט פרומע. דאָ האָט מען געקריגן אַ בוך, אַ יידישע צייטונג, דאָ האָט מען גערעדט אַפילו עטוואָס פאַרדייטשט, פאָרט יידיש.

אויף גרענאַדיר־שטראַסע האָט אויך געוווינט די אויפגעקומענע יידישע גבירישקייט, הייזער־אייגנטימער און סוחרים. פון דאַנען איז געגאַנגען געלט אין די קליינע פּויליש־גאַליציאַנישע שטעטלעך, צו קרובים און פריינט. אויף גרענאַדיר־שטראַסע האָבן אייגענע עקספּלואַטירט אייגענע. דאָ האָבן געגעסט די „אָנקל מאָזעסעס", דאָ האָט מען געפּראַוועט חתונות, געפייערט בר־מצוה'ס און געפירט סאָציאַליסטישע אַרבעט.

דאָ זענען געווען די קאַמערלעך און קרייזלעך צווישן אַרבעטער דאַן, ווען מען האָט נישט געטאָרט. דאָ האָט מען פריי און אָפן דיסקוטירט און געפייערט אַרבעטער יום־טובים, ווען ווין איז געווען רויט און וואָלקנס האָבן זיך געשפּרייט איבער בערלין. דאָ, אויף גרענאַדיר־שטראַסע, איז מען געווען נאָענט צום ביולאָוו־פּלאַץ, און דאָס קאַרל ליבקנעכט־הויז איז געווען די מזרח־וואַנט פון דער גרענאַדיר־שטראַסע.

די אָראַנענבורגער איז געווען די גאַס פון צילינדער־יידנטום, די פעסטונג פון די יאַהודים, הונדערט־פּראָצענטיקע דייטשן פון מאָזעס גלויבן. עס איז געווען עכט אַריש מיט העברעישע אויפשריפטן. עס איז געווען דייטש־נאַציאָנאַל מיט מגן־דודס אויף סינאַגאָגע־קופּאָלן. עס איז געווען יידישקייט אויף אַ ווייַנאַכטס־בוים, עס איז גע־

ווען שנאה און ביטול צו דער גרענאַדיר־שטראַסע, און דערמיט — פאַראַכטונג נישט נאָר צו די אַלע, וואָס וווינען אויף גרענאַדיר־שטראַסע, נאָר צו די לענדער, פון וואַנען זיי, פון גרענאַדיר־שטראַסע, קומען, און צו אַלע יידן פון יענע לענדער...

פון גרענאַדיר־שטראַסע ביז אָראַנעענבורגער איז עטלעכע מינוט גאַנג, נאָר עס איז געווען אַ גייסטיקער מהלך רב... איינער דעם אַנדערן האָבן זיך נישט געקענט און פאַרשטאַנען. די אָראַנעענבורגער האָבן זיך ארומגענומען מיט מויערן און שוצוונגען, דער „אָסט" זאָל דאָ נישט אריינדרינגען, זאָל זיך נישט מתחתן זיין, אַז קורפירסטענדאַם און שאַרלאָטענבורג זאָל זיי ביידע, אָראַנעענבורגער און גרענאַדיר, נישט אידענטיפיצירן אַלס איינס און דאָס זעלבע!

נאָר איצטער איז שוין די דערנענטערונג דאָ, נישט ווילנדיק איז זי דאָ. די אָראַנעענבורגער האָט פאַר דער קורפירסטענדאַם און שאַרלאָטענבורג דעם זעלביקן באַטייט, פאַרקערט, גרענאַדיר איז שטאָלצער און פרייער, אומאָפּהענגיקער און אייגנאַרטיקער. דער אָראַנעענבורגער באַמיט זיך צו קומען צו דער אינערלעכער מדרגה פון גרענאַדיר, נאָר קאָן עס נישט, ווייסט נישט ווי אַזוי. באָרגט מען אויס אַ ביסל וויסן, באָרגט מען אויס אַ פּאָר יום־טובים פון דער גרענאַדיר־שטראַסע, זאָל עס זיין דער הונדערטסטער מענדעלע־געבורט, מען דאַרף אָנפילן דעם אייגענעם חלל מיט עפּעס אינהאַלט. דער יונגער דור פרעגט, מאָנט. עס איז געטאָ, דאַרף דער געטאָ מיט זיך עפּעס פאָרשטעלן, דאַרף דער געטאָ האָבן אַן אייגענעם חותם, אַן אייגענעם פּרצוף.

סיי גרענאַדיר־שטראַסע און סיי אָראַנעענבורגער — דאָס איז אַלץ איין און דערזעלבער געטאָ, אַ געטאָ אָן מויערן און מיטלאַלטערלעכע ווענט, אַ געטאָ אָן טויערן, וואָס פאַרשליסן זיך ביינאַכט צו... אָבער ס'איז פאָרט צוגעשלאָסן, ס'איז פאָרט ווי אין אַ מויער, עס האָט די אַלע אייגנשאַפטן פון אַ געטאָ, דערזעלבער ציטער און פּחד זיך אויסצימישן מיט די, וואָס זיצן אויף יענער זייט טויער... דערפאַר דאַרף מען שאַפן אייגנס און היימישס. אַמאָל זענען אין געטאָ געבויט געוואָרן אייגענע שולן מיט שוץ־ווענט, פעסטונגס־מויערן, מען האָט געשטעלט וועכטער צו היטן די רו ביינאַכט און דאָס פאַרמעגן ביי טאָג. איצטער איז דאָס זעלביקע גאָר אויף אַן אַנדער אופן און אַנדער פאָרם. איצט בויט מען אייגן טעאַטער, אַ געטאָ־טעאַטער

פאַר יידן און פון יידן. דאָס אַריינגיין אין טעאַטער איז שטרענג, קיין נישט-ייד טאָר זיך דאָרט נישט געפינען ווי אַמאָל אין געטאָ־שול, טאָמער וועט דער נישט-ייד אונטערוואַרפן אַ פלעשל בלוט... מען ציטערט פאַר דעם עלילת־דם, מען שוידערט פאַר אַ פּראָוואָ־קאַציע. מען קאָן דאָ אונטערוואַרפן אַביסל אַריש בלוט אין אַט דעם „היכל”, וואָס הייסט יידיש טעאַטער, הגם עס ווערט געשפּילט אויף דייטש...

סיי די גרענאַדיר־שטראַסע און סיי די אָראַנענבורגער האָבן ביינאַכט איין און דעמזעלבן אויסזען: פינצטער אין די פראָנט־פענ־צטער. אַמאָל האָבן די פראָנט־פענצטער געלויכטן — אין אָראַנענבור־גער די זשיראַנדאָלן און אויף גרענאַדיר — די הענגלייכטער; איצטער איז שוואַרץ אויף די שויבן. ביינאַכט גלאַנצט פון דאָרט אַראָפּ די אומהיימלעכקייט און דאָס ליידיקייט.

די שויבן זענען שוואַרץ, אין די פענצטער איז פינצטער פּשוט, ווייל מען וווינט שוין היינט נישט אין די דאָזיקע שטובן. ווער עס האָט געקענט און זיך געכאַפּט באַצייטנס, האָט זיך אַריבערגעכאַפּט די נישט פאַרהאַנענע מויער פון געטאָ, מען איז אַרויס פון דער שטאָט, פון לאַנד, די אָראַנענבורגער און גרענאַדירער איינוווינער זענען צעזייט אין דער וועלט, ווער מיט מאַקדאָנאַלדס חסד און ווער דורך אַ סערטיפיקאַט. ווער עס איז אין אַ קיבוץ אין פּאַלעסטינע און ווער אויף דער עמיגראַציע אין פּאַריז, פּראָג, סאַן-פּאַולאַ, און אַפילו אין פּערו און עקוואַדאָר. דאָ פּוסטעווען די דירות, דאָ פינצ־טערן די שויבן און אויף אַלע ווייטע וועגן פון דער ברייטער וועלט שפּאַנען זיי די געוועזענע איינוווינער. דער גורל האָט אָבער ביידע, די אָראַנענבורגער און גרענאַדירער גאַסן פאַרפייניקט, איצטער האָבן ביידע, די געוועזענע צילינדערס און די קאַלפּיקן, די האַרטע קאַ־פּעלושן און די שטריימלעך זיך פאַרייניקט. אָראַנענבורגער האָט אויסגעפונען, אַז אַ חוץ שמוץ, שטויב און וואַנצן, האָט גרענאַדיר שטראַסע אויך נאָך עפּעס פאַרמאָגט: אייגנאַרטיקס, יידישלעכעס, תורה און וועלטלעכקייט. די וויסהענטיקע אָראַנענבורגער יוגנט, די דינע פינגער מיט די מאַניקירטע נעגל, וואָס זענען געלאָפן איבער די פּיאַנאָ קלאַווישן, האָבן דערקענט די שווערע דלאָניעס פון גרע־נאַדיר יידישע אַרבעטער הענט. איצטער קומט מען זיך צונויף ביי איין טיש פון... יידישן קאַפע, אין קיין אַנדער קאַפע קאָן מען

נישט גיין. דער אָראַנענבורגער קאָן אויך נישט, אַפילו מיט זיינע עכט-אייראָפּעישע מאַנירן, ווייל מען איז „דאָרט" אויף קורפירס-טענדאם נישט האָבן. אפשר ווייל מען זיינע פּאָר פּעניג האָבן, דער קאָפּע-אייגנטימער, נאָר דאָס פּובליקום, דאָס עכטע אָרישע פּובליקום ווייל נישט. מוז מען זיך טוליען איינס צום אַנדערן,ביידע יידנ־טומס. איז מען געוואָרן גוט-פריינטלעך, האָט מען דערפילט די קרובהשע נאָענטקייט, די פאַמיליאַרע פאַרבינדונג. האָט מען איבער-גענומען פון גרענאַדיר-שטראַסע דאָס דעמאָנסטראַטיוו-יידישע, דאָס טלית און תפילין יידישקייט. איז די מזרח וואַנט און דער הינטערן אויוון פון יידישן געטאָ, אָראַנענבורג און גרענאַדיר געוואָרן לייב-לעכע שוועסטער און ברידער. פאַר די דייטשע יידן איז דאָס שוין צליין אַן אָפּקום ניש, זיי קענען זיך פון דער אָנשיקעניש נישט אויסדרייען, האָט מען אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו דעם אייגענעם געטאָ.

שווער, זייער שווער מיט אַזאַ „אָריש" פּנים ווי מיינס אָנצו־קומען אין וועלכן עס איז יידישן אַנשטאַלט.

איך בין בלאָנד, עס דערוועקט חשד און מורא ביי די געטאָ-יידן פון בערלין. איך בין אַריינגעקומען אין קולטוס-ווין ביי דער סינאַגאָגע אויף אָראַנענבורגער גאַס, האָט מען מיר נישט גערן גע-געבן די דערלויבעניש צו באַזוכן דאָס יידישע מוזיי און אויסשטעלונג.

פון דעם פּאַרטיער ביז דעם קאַסירער פרעגט מען אייך איבער צי איר זענט אַ ייד.

ביים אַריינגאַנג הענגט אַ ברייטע אויפשריפט: „וועגן פּאָליטיק זאָל נישט אין די רוימען גערעדט ווערן". אָט ווי לייכט, אָן ווי-דערשטאַנד, מען האָט זיך דאָס אונטערגעגעבן.

וואָלטן דאָס די קאַטאָליקן אויך אויפגעשריבן אין זייערע קלוב-זאַלן, אין זייערע קירכן און געמיינדעס?...

די „אויטאָנאָמיע" אינם מוזיי גופא דערמאָנט די „אויטאָנאָמיע" אויף אַ יידישן בית-עולם.

עס איז יידישע טעריטאָריע...

דאָס יידישקייט דאָ האָט אינגאַנצן אָנגענומען אַ רעליגיעז-דעקאָראַטיוון כאַראַקטער.

מנורות, חנוכה-לאָמפּן, אַלטע מצבות, פּרוכתן. אַמאָל, זאָגט מען, איז דאָ געהאָנגען הירשנבערגס באַרימטע בילד „גלות", איצט

איז דאָס בילד נישטאָ. אויף מיין אָנפרעג ווו „גלות" איז, האָט דער באַאַמטער געענטפערט:

„גלות הענגט איצטער אויף אַלע ווענט, אין ווייטע לענדער".

ער זאָגט עס מיט אַ קרעכץ. די מיטגלידערשאַפט-ליסטן ווערן איינגעשרומפּענער, מען שטרייכט נעמען ווי נאָך אַ מגפה. דער באַזוך דאָ איז אַ מינימאַלער. פאַרשידענע יידישע קינסטלער, וואָס האָבן אַמאָל באַצירט די ווענט פון בערלינער עפנטלעכע און פּריוואַטע אויסשטעלונגען, האָבן איצט געקראָגן ווינקעלעך אין אַ דעם מוזיי, זייערע אַרבעטן זענען אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט. עקסטרעם פרום יידיש. היפּערנאַציאָנאַל, ביבלישע געשטאַלטן, פּאַלעסטינע-מאָטיוון מיטן זיסלעכן טעם. דער קינסטלער, וועלכער וואָלט געקענט מיט זיין ליים און פאַרב אויסדריקן דעם איצטיקן מאָמענט, פאַראייביקן די טראַגישע עפּאָכע פון דער צייט, האָט זיך אָפּגעקערט דערפון, נוצט עס נישט אויס. ער בליקט אַריבער זיין צייט. דאָס איז די געמיט-שטימונג פון דייטשן ייד אין יאָר 1936.

געטאָ האָט איבערגעלאָזט פאַר דורות אַ חותם, אַ ספּעציעל יידישן מאָטיוו אין דער דיכטונג, ניגון, מאַלעריי. געטאָ 1936 אין דייטשלאַנד וועט קיין אָריגינעלעס נישט איבערלאָזן. קיין אייגנאַרטיקעס ווערט נישט געשאַפן. עס איז נאָכאַמונג, נאָכמאַכונג. דער דייטשער ייד האָט איבערגענומען די גזירה ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. איך בין מודה, אַז דאָס יידישע טעאַטער פון קולטור-בונד איז די גרעסטע ראַסנשאַנד פאַרן געטאָ גופא. וואָלט עס כאָטש געווען אַן אייגנאַרטיק טעאַטער, אויף יידיש לשון, פון יידיש לשון, פון יידישע שרייבער, אויף יידישע טעמעס, אַז אייגנטלעך איז דאָך דאָס אייגענע ווי ביי זיי, ביי די דייטשן, אויף דער זעלבער שפּראַך און די זעלבע ווערק. נישט מער, וואָס דאָרט ביי זיי לאָזט מען נישט אַריין, און ערגער איז וואָס אין געטאָ-טעאַטער איז שטרענג פאַרווערט אַ נישט-ייד זאָל דאָרט קומען. דאָס איז אַפילו אַ גרעסערע באַליידיקונג, עס באַטייט, נישט ווירדיקייט פאַר אַ אַריער דאָ זיין טריט צו שטעלן!... און ווידער די זעלבע געשיכטע מיט מיר: מיין בלאָנדער קאָפּ זעט אויס פאַרדעכטיק. בעת איך בעט אַ בילעט צו דער פאָרשטעלונג, לויט דער פאַראָרדנונג פון קאָמיסאַר מעג יעדער דורכרייזנדער ייד באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער. איך לייג פאַר דעם פּרייז פאַרן בילעט דריי מאַרק מיט פינף פּפניג. מען

רעווידירט מיין פאַס. עס קומט זיי, די יידישע באַמטע, פאַר, אַז מיין נאָמען איז נישט עכט-יידיש... מל... מלאך, עס קלינגט אַריש... דאָך, דאָס וואָרט „מלאך" איז אַרויסגעשוואומען פאַר אַ העכערן באַאַמטן, אויך נישט קיין גרויסער למדן, כאָטש ער לערנט שוין זיינע קינדער לשון-קודש... מען באַוויליקט מיר שוין אייגנטלעך דעם בילעט, נאָר מען כאַפּט אַ קוק מיין פּראָפעסיע: זשורנאַליסט. מען ווערט אַזש דערציטערט. אַן אויסלענדישער יידישער זשורנאַליסט, דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן. איך פרעג: דורך וועמען? מען ענטפערט: דורכן קאָמיסאַר. וועלכן קאָמיסאַר? אפשר דעם יידישן? מען פאַרשטייט מיין אָנצוגעהערעניש. קאַרעסקי... קיין באַשטעטיקונג און קיין אָפּלייקענונג.

קיין בילעט, טראָץ אַלע באַמיונגען, האָב איך פאַרן יידישן טעאַטער נישט געקריגן. איך האָב געמוזט מיין „יידישקייט" שטילן אין איינעם פון די פילע „יידישע" קאַבאַרעטן, וואָס האָבן זיך געעפנט און דוקא אין שכנות צו קורפירסטענדאַם. ווידער דאָס אייגענע: יידן, בלויז יידן. אַ יידישע דינערשאַפט, יידישע אייגנטימער, יידישע אַקראָבאַטן, טענצער און טענצערינס, זינגער און פאַרשפּילער. אפילו די מוזיקאַנטן יידיש. דאָס איז געטאָ, יאָ, מאָדערנע געטאָ אין בערלין, 1936. יידישע קאַבאַרעטן לויט ראַסע. קיין ספּעציעלן אָנהאַלט האָט עס נישט דאָס יידישע געטאָ, קיין חכמה און קיין למדנות וועט דאָ נישט שפּראָצן, פאַרן דיכטער, מאָלער און זינגער וועט די געטאָ גאָר נישט זיין, עס איז נאָר בלויז אַן ענין פאַר פּובליציסטן, און אַ טראַגיש קאַפּיטל דערצו.

■■■■

דייטשלאַנד צום צווייטן מאָל

די פילאָזאָפישע גלייכגילטיקייט, מיט וועלכער דער דייטש, הויפּטזעכלעך דער בערלינער, נעמט אויף זיין גורל; דאָס אונטערוואַרפן זיך דער אָרגאַניזירטער קראַפט, איז מער נישטאָ. דאָס דערקענט מען גלייך. דער דייטש קאָן אויסבאַהאַלטן זיין אינערלעכע צעפאַרנקייט. ער האָט ליב צו גלויבן די אויטאָריטעטן. ער האָט אפשר

דרך־ארץ פאַר דער מאַכט. איצטער אָבער, אויף מיין צווייטער דורכ־רייזע דורך דייטשלאַנד, באַמערק איך אַ נערוועזיטעט. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז ערגעץ־ווו אין לאַנד קומען פאָר געשעענישן, וואָס מען וויל אים, דעם בירגער, נישט אויסזאָגן וועגן זיי. די פּרעסע דער־ציילט נאָר וועגן נצחונות. די זעכצן־יעריקע בחורימלעך, וואָס זענען ביים „געבוירט פון דריטן רייך" אַלט געווען פערצן, זיי גלייבן אפשר, די עלטערע קאָנען זיך שוין אויס אויף די פּלאַפּלערייען. אין די קריטישסטע מאָמענטן פון וועלט־קריג האָט מען זיי אויך אַזוי געזאָגט: „דער זיג איז הינטער דער טיר. מען דאַרף נאָר נעדולדיק זיין"... בכלל שפּעקולירט מען אויפן געדולד פון פאָלק. אָבער אין די אומ־רויקע אויגן פון די מאַסן זעט מען, ווי דאָס געדולט פּלאַצט, ווי שטריק נאָך שטריק רייסט זיך.

אַלע סמנים פון אינערלעכער צעפּאַרנקייט.

„ווען עס גייט שלעכט, וואַרף זיך אויפן יידן" — דאָס איז אַ צאַרישער מעטאָד. מען גייט אַראָפּ פון אַלעקסאַנדער־פּלאַץ־באַנהויף און מען זעט פאַר זיך יענע „סמנים", וואָס זענען גוט באַקאַנט פון דער מפּלה־צייט אויף די מזרח־פראָנטן! מען וויל כאַפּן פיש אין מוטנע וואַסערן. דער ייד! אָט זע איך אַזאַ בילד: אַ פּלאַקאַט אויף אַלעקסאַנדער־פּלאַץ. אויף אַ גרויסן ריזיקן פּלאַקאַט, אַ נאַקעטער ייד מיט אַ פּליכעוואַטן קאָפּ (גלייך נאָר יידן וואָלטן געהאַט פּליכן...) מיט גראָבע, תאוהדיקע ליפּן, מיט אַ לאַנגער, געהויקערטער נאָז, וואָס פאַר אַ העסלעכער נאַקעטער קערפּער, באַוואַקסן מיט האָר. אויפן בויך איז אויסגעמאָלט אַ... מגן־דוד. דאָס דאָזיקע עקלהאַפטע נפש דאַרף עס זיין דער סימבאָל פון אַלדאָס שלעכטס.

אויף דער פּלאַזשע, אויף פּאָלירטע ברעטלעך, זע איך שילדן מיט אויפשריפטן: „יידן זענען נישט געוואונטשן", און כדי צו באַווייזן דאָס יידישע פּנים, איז טאַקע אויך דאָ אויפגעמאָלט אַ ייד, אָט אַזאַ ווי אויפן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ — מיט אַ גראָבער געהויקערטער נאָז, מיט דיקע ליפּן און מוטנע אויגן און דערצו נאָך מיט אַ... צילינדער אויפן קאָפּ. פון וואַנען אַ צילינדער? מסתמא נעמט זיך עס דערפון, וואָס דער דייטש זעט יידן פרייטיק פאַרנאַכט אָדער שבת אינדערפרי גיין אין דער סינאַגאָגע.

איך האָב דעם זעלביקן פאַרנאַכט (עס איז געווען פרייטיק) זיך דורכשפּאַצירט אויף גרענאַדיר־שטראַסע. די גאַס איז ווי טויט. דער

געוויינלעכער רעש פון אַ פרייטיק פאַרנאַכט איז נישטאָ. מען זעט נישט מער די יידן מיט די נאַסע צונויפגעקלעפּטע פּיאות און רויטע פאַרשוויצטע פּנימער, וואָס גייען פון מרחץ. די גאַס זעט אויס ווי פאַר אַ פּאָגראָם אָדער ווי נאָך אַ פּאָגראָם. מען פילט, ווי דער ציטער ליגט באַהאַלטן הינטער פאַרהאַקטע טירן און פאַרמאַכטע לאָדנס. אַ קרעמל איז אָפן, אָדער אַ האַלבע טיר איז צוגעלענט, גרייט אויף יעדן פאַל. די קרעמערקע, אַ יונג מיידל, שפּרעכט דויטש (זי איז פון ריישע) און קוקט אויף מיר מיט אומצוטרוי. אַ פרעמד פּנים, „אַריש"... זי פרעגט מיך מיט פאַרבאָרגענער שרעק, וואָס איך ווינטש. איך ענטפער אויף יידיש: כ׳וויל זען יידן! ווערט מיין יידיש נאָך מער פאַרדעכטיק. זי שרעקט זיך נאָך מער. מען קאָן נאָך דערהערן, אַז מיר „שפּרעכן" יידיש, זי זוכט זיך שנעל אַרויסצודרייען, בלייבט מיר נאָר איבער, זיך צו פרעגן, ווו עס איז אין דער נאָענט אַ שול. איך פאַרענטפער זיך שוין אינאיינוועגס, כדי זי צו באַרויקן: איך האָב יאָרצייט.

די שול איז ליידיק. עס איז יענער פרייטיק, אויף וועלכן מען האָט זיך געריכט, אַז „עס וועט עפּעס געשען". די גרענאַדירער יידן, פון מאַרק-שטייערס, קרעמערלעך, כלי-קודש און בעל-מלאכות ביז הויז-אייגנטימער, האָבן מורא פון זייערע הייזער אַרויסצוגיין. אַפילו דאָס „רבילע", אַ פאַרוואָרפן „אייניקל" פון אַ גאַליציאַנער רבל, איז אויך „עפּעס נישט מיט אַלעמען" און איז אויך נישט געקומען צו קבלת-שבת. צו מנחה איז נאָך פאַראַן אַ קנאַפּער מנין: עטלעכע קדיש-זאָגער. צו מעריב איז דאָס אויך נישטאָ. דער שמש, וואָס האַלט מיך פאַר אַ קדיש-זאָגער און „שפּרעכט" מיט מיר, נאַטירלעך, דייטש, באַדויערט, וואָס כ׳מוז אומזיסט וואַרטן. ער גייט מיט מיר אַרויס דער לעצטער. ער זיפצט אין געשוירענעם קמץ-בערדעלע אַריין:

— אויף ווענען מען וואָלט געגלויבט, אָבער אויף „יעקע" נישט! דער דייטש זאָל גאָר ווערן אַ פּאָגראָמטשיק! דאָס וואָלט קיי-נעם נישט איינגעפאַלן... אַז מען זאָל שוין נישט קאָנען אין שולעכל צונויפשטעלן אַ מנין!

דער שמש פאַרשליסט די שול-טיר. אַ חוץ דעם געוויינלעכן קלאַפּ-שלאָס, הענגט ער נאָך אָן אַ פרענט-שלאָס. עס איז נאָך גענוג ליכטיק אין דרויסן. מיר לייענען נאָך איבער די „פּאַסנדע" אויפ-שריפטן, וואָס די לאָבוסעס האָבן מיט סמאָלע אָנגעשמירט. דער פּסוק

איז: „יידן גייען דאָ אַריין אויף אייגענער ריזיקע. דינאַמיט איז גרייט" און כאָטש דער שמש זאָגט: „עס איז גאָרנישט", איז ער פול מיט פחד. איך זע, ווי ער לויפט אַריבער די גאַס, באַהאַלטנדיק זיין קאָפּ אין די אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך געראַטעוועט פון אַ בראַנד.

איך בין דעם נאָענטסטן זונטיק געווען אין אַ קליינער קאַטוילישער קירך נעבן קופּערניק, אַ קירך פון אַ קליינער רוימיש-קאַטוילישער געמיינדע אין יענער געגנט. די קירך איז געווען פול מיט באַזוכער. ס'רוב עלטערע. דער עולם איז געווען צונויפגעפּרעסט, אָנגעפּראָפּט. עס האָבן געברענט אָן אַ שיעור ליכט, מער ווי געוויינלעך. דער גלח האָט גערעדט, גערעדט דרייסטע רייד וועגן פּאָליטיק. אָבער פּאָרט נישט דירעקט, דער עולם האָט דערוואַרט צו הערן דאָס וואָרט, וואָס זיי גאַרן! ער האָט גערעדט בלשון אָנצוהערעניש, אָבער מער נאָך ווי די ליכט האָבן די אויגן געברענט. איך האָב געהאַט דעם געפיל, אַז אין דער קירכע קניען איצטער אנוסים, און כאָטש דער אַריינגאַנג און דער אַרויסגאַנג איז געווען פריי און אָפן, האָב איך זיך נישט געקאָנט אָפּטרייסלען פון געדאַנק, אַז דאָס איז אַן אונטערערדישע הייל, און אַז דאָס אַלץ דאָ ווערט געטון אונטער דער גרעסטער געהיימניס, בסוד סודות...

* * *

קעגן יידן, קעגן קאַטאָליקן, קעגן ראַדיקאַלן! ווי גרויס איז די מחנה, וואָס ווערט פאַרפאָלגט? יידן זענען אָפּטימיסטן און רעכענען אויס: עטלעכע טויזנט. יידן „טרייסטן" זיך, אַז דאָס איז דער לעצטער אַקאָרד. אפשר זענען זיי גערעכט. אפשר האָט מען זיך אַ לאָז געטון אויף די קאַפּע-הייזער אין קורפירסטענדאַם, כּדי צו פאַרטומלען יענע אָפענע און באַהאַלטענע אַרויסטריטן פון די אַרבעטער-מחנות, וואָס האָבן זייער קאַמף צוגעגרייט אונטער דער ערד, אָדער כּדי צו פאַרטויבן די צוזאָגן פאַר די אייגענע רייען. מיט די קאַטאָליקן וועט מען זיך מסתמא ווי-עס-איז אויסגלייכן. יידן און ראַדיקאַלן האָט מען געשטעלט אונטער איין פייער-ליניע.

עס איז, אגב, מערקווירדיק, ווי די מאַסן לאָזן זיך דאָך נישט אַריינציען אַזוי לייכט. די פשוטע מאַסן שטעלן זיך איין און קויפן ביי יידן. עס האָט זיך שוין אויסגעאַרבעט אַ מין „סטראַטעגיע" ביים קויפן: מען גייט דורך הינטער-טירן, מען צעשטעלט שומרים און מען געפינט אויסריידן.

דער קאַמף גייט דורך די הענט פון דער רעגירונג. דער נייער פּאָליציי-פּרעזידענט פון בערלין „וואָרנט" קעגן איינצלנע אַנטי-יידישע אַרויסטריטן. „די רעגירונג פירט דעם קאַמף" — מעלדן די צייטונגען, מעלדעט דער ראַדיאָ.

דער פּאָליציי-פּרעזידענט וואָרנט: קיין איינצלנע אַרויסטריטן קעגן יידן, פּאַקטיש זענען יידן סיי-ווי אינגאַנצן רויִנירט. דאָס יאַהוּ-דישע „געמיינדע-בלאַט" דרוקט נאָך אַפילו אָן אויפפאָדערונג, אַז יידן זאָלן וויסן ווי אָפּצושאַצן דעם מאָמענט, זיך האַלטן ווירדיק און... זיצן אין די הייזער. גיין אין גאַס נאָר אין נויטווענדיקן פּאַל, זיך נישט ווייזן אויף קיין עפנטלעכע ערטער, אויסמיידן דאָס קאַפע-הויז, דעם קינאָ. די וואָרנונג איז אָבער אָן איבעריקע. מען זיצט סיי-ווי אין די הייזער. מען האָט מורא פאַר דעם דרויסן. ביי יעדן קלונג אין דער טיר גיט אַ צאַפּל דאָס האַרץ. דער אומרוּ פון די ערשטע צייטן האָט זיך צוריקגעקערט מיט דער גאַנצער קראַפט. נישט מער: איצט איז דאָ אַ האָפנונג, אַז ס'האַלט שוין ביים סוף.

סמנים פון אָט דעם סוף זעען זיך באַצייטנס. אָט, למשל, דער ווירטשאַפטלעכער צוזאַמענבראָך.

שבת 12 בייטאָג, אין די רעשיקסטע שעהן פון מסחר אין די „וואַרענהייזער", האָב איך אין הויפּט-מאַגאַזין פון הערטע (געוועזן טיצס) אָפּגעציילט פונקט 13 קונים, אָבער... נישט אַלע זענען געווען קונים. די פאַרקויפערינס, עכט-אַרישע מיידלעך, האָבן פשוט פאַר די אַרבל געצויגן יעדן פאַרבייגייער, מען זאָל אַריינגיין קויפן.

* * *

עטלעכע פון מיינע באַקאַנטע האָבן זיך איינגעשטעלט אויף... קידוש-השם און אַרויסגעפאָרן אויף פרישע לופט אין וואַלד נעבן שאַנצדאָרף, נישט ווייט פון בערלין. פון איין זייט ציט זיך דער ווייסער, גאָלד-זאַמדיקער שטראַנד, „באַצירט" מיט די „יידישע שילדלעך", און פון דער אַנדערער זייט — דער גרינער געדיכטער וואַלד. גיין אין וואַלד אַריין איז סיי-ווי געווען אַ סכנה, נישט מער, אין אַ ווילע נעבן וואַלד וווינט אַ באַקאַנטע עכט-אַרישע פאַמיליע, וואָס פאַרהאַלט זיך גוט מיט יידן, — וועט מען פאָרן צו איר, כדי צו פאַרברענגען עטוואָס אויף דער פרישער לופט.

עס זענען געווען מיט אונז אַ דריי יידישע משפחות מיט

עטלעכע קינדער. איך האָב געזען דעם צער פון אַט די קינדער, וואָס האָבן מיט פאַרבענקטע אויגן געקוקט פון איין זייט צום שטראַנד און פון דער אַנדערער זייט צום וואַלד. זיי האָבן געפילט דעם טראַגישן גורל פון זייער שטאַם. זיי, די קינדער, האָבן געשוויגן און שטיל געשפילט צווישן זיך. צום סוף האָט די ווירטין געמאָלדן, אַז צוליב זיכערקייט, וואָלט גלייך געווען, מען זאָל באַלד פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, ווייל די שכנים האָבן זיך דערוווּסט, אַז ביי איר זענען צו געסט יידן, פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט נישט געוואָלט די איידעלע פרוי שטעלן אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע און מען האָט זיך געגרייט צו פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. אָבער דאָס, וואָס איך האָב אַרויסגעלייענט פון די קינדערס אויגן, ווען מען האָט זיי, אין מיטן זוניקן טאָג, אָפּ עריסן פון דער גאָלדענער גרינקייט — וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איך האָב געזען אין זייערע אויגן ווי אַזוי עס קאָן ברענען בושה, ווי אַזוי עס קאָן פלאַקערן באַליידיקונג. און צו גלייכער צייט — אַ געוויסער שטאָלץ, דער שטאָלץ פון באַליידיקטע, פון מאַרטירער.

איך בין דעם זעלביקן אָוונט אָפּגעפאָרן פון בערלין. און הגם, אין דריי שעה אַרום בין איך שוין געווען אויף יענער זייט גרענעץ און געקאָנט פריי אָטעמען, זענען אָבער יענע קינדישע אויגן אַלץ געשטאַנען פאַר מיר און זייערע באַליידיקטע בליקן האָבן מיך אַן אויפהער פאַרפאָלגט...

■■■■

שמואל און גרעטאַ

דער באַשלוס איז געווען אַזוי :

— גרעטאַ, אונזער צוואַמענלעבן איז אוממעגלעך. די שכנים האָבן אָפן געזאָגט, אַז עס איז אַ געפאַר אַזוי אַפילו פאַר זיי. מען קאָן זיי נאָך אויך באַשטראָפן דערפאַר, וואָס זיי האָבן געוווּסט און געשוויגן.

אין אירע בלויע אויגן איז געשטאַנען אַ פייכטער שמייכל, זי האָט פאַרביסן אַ שפּיצל פון איר צונג, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט צום ערשט אַרומשלייפן דאָס וואָרט, וואָס זי האָט געזאָגט:

„שמיל" (דאָס וואָרט האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אַ דײַטשישן אַקצענט, הגם, אַזוי האָט זי אים, איר מאַן, גערופֿן אין משך פֿון זעקס יאָר), מיר וועלן זיך איבערציִען אין אַן אַנדער געגנט.

— ביסט אין געפֿאַר, גרעטאַ! און כאָטש די שטראָף דראָט מיך, בין איך גרייט צו לײַדן. איך קאָן מיר אָבער נישט פֿאָרשטעלן דאָס בילד, בעת מען וועט דיך פֿירן איבער די גאַסן מיט אַ שילד אויף דער ברוסט און מיט אַן אויפֿשריפֿט „די אַרישע טאָכטער האָט זיך געלאָזט שענדן פֿון אַ ייִד".

דער שטראָם טרערן, וואָס האָט זיך ערגעץ ווו געהאַט פֿאַרהאַלטן אין גרעטאַס האַלז, האָבן זיך געגעבן אַ ריס צו אירע אויגן זי האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן איר העלן קאָפּ האָר אויף זײַנע אַקסלען:

— מיך אַרט נישט, איך בין דײַנע!

שמואל באַרלאַס.—ער איז דער ערשטער פֿון די פֿינף הונדערט ייִדישע אַרבעטער, וואָס זענען דורך די דײַטשע אָקופּאַנטן גענומען געוואָרן פֿון פּוילן, ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין די קוילן-שאַכטן און דער ערשטער געקריגן אויפֿן שטערן אַ בלײַען פֿלעק פֿון קוילן-סם, אויפֿן שטערן—נישט אָפּצוּוואַשן עס. דאָך איז ער אָפּגעזאָגט געוואָרן פֿון אָט דער שווערער האַרעוואַניע, זיך שנעל איבערגעטראָגן קיין בערלין און אַרויסגעוויזן זײַנע פֿעיִקייטן ביים אַמאָליקן פֿאַך — בוכהאַלטעריי. אין יענער צײַט האָט ער זיך באַקאַנט מיט דער גאָלדיקבלאָנדער גרעטאַ, די טאָכטער פֿון אַ געוויינלעכן פּאָסט-טרעגער, זייער אַ וואויל אינטעליגענט מיידל מיט אַן אידעאַל צו זײַן אַ לערערין.

שמואל איז געוועזן עלטער פֿון איר און האָט פֿאַרשטאַנען אירע ווונטשן, און ווייל ער האָט פֿאַרדינט מער פֿון איר (זי האָט געאַרבעט אַלס טעלער-וועשערין אין דער קיך פֿון אַ קינדערגאָרטן), האָט ער געהאַט זײַן דירה-געלט (געוווינט האָט ער אַלס סובלאָקאַטאָר ביי גרעטאַס עלטערן), און אָנשטאָט צו עסן אין רעסטאָראַן, האָט גרעטאַ פֿאַר אים צוגעגרייט אַ מיטאָג, אַ נאַכט-עסן, און מיטגעגעבן, אײַנגעפּאַקט אין זײַן טעקע דעם פֿרישטיק. אויך ווען ער האָט זי מיטגענומען אין קינאָ אָדער אין טעאַטער, האָט זי שוין געזאָרגט, אַז „בוטערבראָט" זאָל נישט פֿעלן.

דער פּאָסט-טרעגער, גרעטאַס טאַטע, האָט געוואַרט אויף דער מינוט, ווען זײַן טאָכטער וועט אים ענדלעך אָנזאָגן די בשורה, אַז זי קלויבט זיך צו ווערן פֿאַרלאָבט מיטן הערן „שמיל" (אַלע האָבן אים

אַזוי געראָפּן) און נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס עס געדויערט אַזוי לאַנג. און כאָטש שמואל האָט אויסער פריינטשאַפט, עכטער און אויפריכטיקער געטריישאַפט, מיט קיין איין וואָרט נישט געלאָזט מערקן וועגן עפּעס אַ דערנענטערונג, האָט ער, דער פאָטער, פאַרשטאַנען, אַז דער געוואונטשטער טאָג וועט קומען און צו דעם טאָג האָט ער זיך געגרייט.

דער טאָג איז געקומען. גרעטאַ האָט אַ זאָג געטון:

— פאָטער (קיין מוטער האָט זי נישט געהאַט), ווי וואָלט געווען, ווען דו זאָלסט זיך אַריינציִען מיט דיין בעט אין מיין צימער אַריין, און איך אין דיינעם?

דער פאָטער האָט פאַרשטאַנען, אָבער געמאַכט זיך נישט פאַרשטיין. ער האָט געפרעגט:

— און „שמילס" צימער?

— וועט בלייבן אַ קאַבינעט; שמילס בעט וועט מען אויך אַריינשטעלן אין גרויסן צימער, ווו דו שלאָפסט איצט.

האָט דער פאָטער זיך צעשמייכלט און פאַרגעלייגט:

— אפשר אויסטוישןביידע בעטן אויף איין ברייט בעט?

איז גרעטאַ פייערדיק רויט געוואָרן, נאָר מיט פשטות געזאָגט:

— עס איז באַקוועמער אין צוויי בעטן.

האָט דער פאָטער זי אַרומגענומען, שטאַרק געדריקט צום האַרץ. (שמואל איז נישט געווען אין דער היים) און צוזאַמען מיט דער ערשטער פּאָסט, וואָס ער האָט פונאַנדערגעטראָגן, האָט ער אויך אויסגעקלונגען די נייס, אַז זיין טאָכטער, די געראָטענע גרעטאַ, איז פאַרלאָבט.

האָבן שכנים, גוטע פריינט און באַקאַנטע זיך געפרייט און הויפּטזאַכלעך דערמיט, וואָס דער חתן איז אַ ייד. דאָס איז פאַר אַ מיידל אַ פשוט גליק, האָט מען אים פאַרזיכערט, אַז גרעטאַ איז ווערט אַזאַ גליק.

גרעטאַ האָט דערגרייכט דאָס איריקע, זי איז געוואָרן אַ לערערין אין אַ מלוכהשער אָנפאַנגס־שול. שמואל באַרלאַס האָט געהאַט אַ גליקלעכע היים און אַ פרוי, וואָס ער האָט געליבט, ווי אַ טאָכטער. דער איידעם און דער שווער האָבן זיך אפילו גוטמוטיק געקריגט איבער דעם, ווער עס איז דער פאָטער פון גרעטאַ — ער,

שמואל, צי טאַקע איר טאַטע. נאָר אַזוי ווי עס איז נישט געווען קיין מאַמע, האָט דער שווער אויף זיך גענומען די ראָלע פון אַ מאַמע, און במילא איז שוין שמואל אַרײַן אין דער לאַגע פון גרעטאַס מאַן און פאָטער.

שכנים, גוטע פרײַנט און באַקאַנטע, האָבן רעכט געהאַט, אַז אַ ייִד איז פאַר אַ מיידל אַ גליק. גרעטאַס חברטעס האָבן זיך אָפט נאָכגעפרעגט אויף „שמילס" (אַלע האָבן אים שוין אַזוי גערופן — „שמיל") באַקאַנטע, וועלכע זענען נאָך בחורים...

די צײַט מאַכט צו אַלץ אַ סוף. דאָס וואָרט „ראַסע־ריינקייט" איז געוואָרן דאָס סם־וואָרט אין הויז פון פּאָסט־טרעגער. מען האָט עס נישט געקאָנט הערן. מען האָט עס נישט געקאָנט זען אין די צײַטונגען. די ערשטע צײַטן האָבן אַלע דרײַ — גרעטאַ, איר פאָטער און שמואל, אויסגעמיטן וועגן דעם צו רעדן. מען האָט עס געהאַלטן פאַר פאַרבײַגייענדיק. נאָר דאָס וואָרט האָט זיך דווקא געטראָגן אין דער לופט, געדרייט פאַר די אויגן און פאַרקלונגען די אויערן.

דער ערשטער, וואָס האָט וועגן דעם געגעבן אָנצוגעהערן, איז גראָד געווען שמואל. דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי זי, גרעטאַ, איז אַהיימגעקומען פון דער שולע בלאַס און אויפגערעגט. ער האָט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך צו איר געווענדעט:

— מען האָט דיר עפּעס געזאָגט?

זי איז אַנטלאָפן צו זיך, אין שלאָפצימער. נאָר באַלד איז זי צוריק אַרויסגעקומען און געלאַכט דורך טרערן, און ווי איר שטייגער איז, אַרויפגעוואָרפן זיך אויף זײַן אַקסל, און מיט אירע ווײַסע פינגער פאַרקראָכן אין זײַנע פעך־שוואַרצע געקרייזלטע האָר.

נאָר וואָס־ווײַטער איז געוואָרן אַלץ שווערער. די קינדער אין שולע האָבן איר געשטעלט פראַגן, צי איר מאַן איז אַ ייִד. און ביים אויסצאָלן איר געהאַלט, האָבן די באַאַמטע דערקלערט, אַז האָפנטלעך וועט זי וויסן ווי צו האַנדלען — „אין אײַנקלאַנג מיט די שטימונגען"...

פון די שכנים איז מען לײַכט פּטור געוואָרן. מען האָט געביטן די דירה אויף אַ קלענערע, דערפאַר אַ באַקוועמערע. נאָר די נײַע שכנים האָבן זיך אויך „דערוווּסט" און אָפן אַרויסגעוויזן זייער אומצופרידנקייט, וואָס האָט זיך אפילו געענדיקט מיט פאַראַכטונג.

האָט מען ווידער געביטן די וווינונג.

נאָר אָט זענען אַדורך די „נירנבערגער געזעצן", עס איז שוין איצטער געוואָרן אַ פאַרברעך צו זיין צוזאַמען. זייער גלייכגע־וויכט בנוגע דער „לאַגע" האָט מער נישט אויסגעהאַלטן. די ליבע צווישן גרעטאַ און „שמיל" האָט זיך נישט געענדערט און נישט אָפּ־געקילט, איז אָבער דאָס לעבן אַרום געוואָרן אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז נישט איינמאָל האָט שמואל געהאַט באַשלאָסן, אַז כּדי זי, גרע־טאַן, צו באַפרייען פון די „אומאַנגענעמלעכקייטן", וואָלט כּדאי גע־ווען, ער זאָל זי גטן.

נאָר זאָגן דאָס האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט דאָס אָפּגע־לייגט פון טאָג אויף טאָג.

די פלאַקאַטן אין גאַס, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט נאַקעטע, העסלעכע יידן, מיטן מגן־דודס אויף די האָריקע בייכער, מיט בערד און הויקערדיקע נעזער, און נעבן זיי — שלאַנקע בלאָנדע (אויך נאַקעטע) מיידלעך, און פאַרשידענע זידל־אויפשריפטן. און אַלץ האָט צו טון מיט „ראַסן־שענדונג", אַלץ האָט צו טון מיט זנות. דער עולם קוקט אויף די פלאַקאַטן און האָט הנאה פון די „געשיכטן", עס קיצלט זיי אין די געפילן... און מען קאָמענטירט עס אויפן גראָבן שטייגער. שמואל זעט די פלאַקאַטן און פילט אַ באַליידיקונג, אַ באַ־ליידיקונג צום מין מענטש, דעם מענטש, וואָס האָט דורכגעוועבט זיינע עראָטישע נייגונגען מיט איידעלע געפילס־פעדים. ער וואָלט געוואָלט אַרויס, צוזאַמען מיט זיין גרעטאַ, אויף וועמעס חשבון דער גאַנצער שונד ווערט פאַרפאַסט און „באַלויכטן". נאָר אַרויס איז אין איצטיקן מאָמענט אוממעגלעך. צו דעם אַלעם איז ער אַ „מענטש אָן אַ פאָטערלאַנד", אַ מענטש מיט אַ נאַנסען־פּאַס. די טירן זענען אומעטום פאַר אים פאַרשלאָסן.

זיין פּאָסטן האָט ער פאַרלוירן. זיינע באַלעבאַטים, יידן, האָבן זיך די ערשטע געראַטעוועט, אַנטלאָפן. און הגם גרעטאַ איז זייער פעיק אַלס לערערין, איז קיין ספק נישט, אַז אירע טעג אויף יע־נעם פּאָסטן זענען געציילטע. דאָס איינציקע, וואָס קאָן נאָך ראַטע־ווען איז — שיידונג.

און דערפאַר האָט ער איצטער געזאָגט זיין באַשלוס. און הגם זי האָט נישט געוואָלט הערן פון דעם, און פאַרזיכערט, אַז אפילו אין קאָנצענטראַציע־לאַגער וועט זי גיין און זיך נישט שיידן.

האָט ער, שמואל, וועגן דעם איבערגערעדט מיט איר פּאָטער.
און דער פּאָטער, דער פּאָסט־טרעגער, האָט געוואָלט אַ באַ־שטעטיקונג:
— אָבער, „שמיל", דאָס איז דאָך נאָר אויף דערווייל. ביז עס וועט זיך... דאָס וואָרט „ביז עס וועט זיך ענדערן", האָט ער שוין נישט געקאָנט זאָגן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַ מלוכה־אָנגעשטעלטער.
און כאָטש עס איז געווען אַ געהיימער און פעסטער בונד, אַז דאָס, וואָס זיי גייען טון, איז נאָר „פאָרמעל", פאַר דער מאַכט, אַז אין האַרץ בלייבן זיי נאָך מער און שטאַרקער פאַרבונדן, און כאָטש זיי וועלן נישט וווינען צוזאַמען, אונטער איין דאַך, וועלן זיי זיך באַגעגענען. טרעפן אויף ראַנדעוווען, אין אַנדערע שטאָט־געגנטן. אַז זיי וועלן זיך שוין פאַרשטענדיקן, גיין אין טעאַטער, עסן אין רעסטאָראַנען צוזאַמען, און אַז „וועזנטלעך" האָט אַזאַ שריט — שיידן זיך — קיין באַדייטונג נישט, האָט זי, גרעטאַ, געכליפּעט, באַשטעטיקט אַלע זיינע ווערטער, געזאָגט יאָ, געקלאָגט און אויף פאַרזי־כערט, אַז זי וועט אים אַלץ איינס פאַרריכטן די וועש, פאַרצירעווען די זאָקן און צונייען קנעפּלעך...

זיי זענען נישט געווען די איינציקע, אַ סך אַזעלכע פּאָרלעך זענען געווען אין געריכט. גרעטאַ האָט געוואָלט וויסן, צי ביי אַלע די קומט פאָר אין האַרץ דאָס, וואָס ביי איר. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט פאַרגעסן צו עסן זיין „פרישטיק", האָט זי, מיט עטלעכע מינוט פריער, איידער זיי זענען אַריין צום ריכטער, אַ זאָג געטון:
— שמיל, דו האָסט דיין בוטערבראָט אין דער אַקטן-טאַש!
ער האָט זי דערמאָנט:
— זיי איצטער פאָרזיכטיק מיט דיין ריידן צו מיר.
זענען אירע אויגן ווידער געוואָרן זילבערדיק פייכט.
אַרויסגייענדיק פון געריכט, האָט אויף זיי געוואַרט איר פּאָטער, אָט ווי מען וואַרט פאַרן שפּיטאָל, צו וויסן ווי אַזוי די אָפּעראַציע איז דורך.
לויטן פּלאַן האָט ער, שמואל, געדאַרפט אָפּפאָרן פון בערלין אויף פופצן טעג, כדי זי זאָל זיך צופּאַסן צו דער נייער לאַגע. סיי

זי, גרעטאַ, און סיי דער פאָטער, האָבן אים באַגלייט צו דער באַן. זי האָט זיך כסדר געהאַלטן אין ווישן די טרערן און געמאָנט:

— געדענק, שמילל, נישט מער ווי פופצן טעג.

ווען די באַן איז אָנגעקומען און ער האָט דערפילט, אַז זי ציט זיך צו אים צום קושן, האָט ער שטרענג באַמערקט:

— נישט דאָ, נישט דאָ, טייערע! עס קאָן ווערן אַ סקאַנדאַל.

נאָר זי האָט נישט אויסגעהאַלטן. בעת עס איז געוואָרן אַ געדראַנג פון די אויסשטייגנדיקע און איינזיצנדיקע, ווען יעדערער איז געווען פאַרנומען מיט זיך, האָט זי אים הייס אַ קוש געטון. ער האָט זיך אומגעקוקט, צי קיינער האָט נישט געזען. דער פאָטער האָט אים געדריקט די האַנט און געבעטן:

— יעדן טאָג אַ בריוו.

שמואל האָט זיין געגט ווייב יעדן טאָג געשריבן, איצטער נאָך הייסער און צאַרטער ווי פריער. ער האָט אויסגעזונגען זיין צער און זיין בענקשאַפט צו איר. איר פאָטער, וועלכער האָט די בריוו געקריגן אין פאָסט-אַמט צום אָפּטראָגן, איז אַריין אין טואַלעט פון דער פאָסט-געביידע, אויפגעריסן דעם בריוו, איבערגעלייענט און זיך גליקלעך צעשמייכלט.

■■■■

װ י ן ב ע ט ל ט

דאָס תּמיד מאַ י ע ס ט ע ט י ש ע, געמיטלעכע װין, דאָס װין פֿון גאַלאַנטקייט, פֿון שיק, פֿון ספּעציפֿישן „װינער שמייכל", װין פֿון װיגנדיקן װאַלצער,—עס װילט זיך אויסרופֿן: „הזאת נעמי?" אָט דאָס איז דאָס אײבּיק־זינגנדיקע און אײבּיק באַזונגענע װין? נאָר מיר דאַכט, אַז פֿון ערגעץ װוּ הייזעריקט זיך אַ שטימע, אַ ניגון, געמישט פֿון װאַלצער און „רות", „רופֿט מיך נישט נעמי, נאָר מרה — װײַל בּיטער איז מײַן לעבּן — — —"

איך װאָלט אַלע הויפּט־שטעט פֿון דער װעלט אַרײַנגעפֿירט קיין װין און צו זיי אַזוי געזאָגט: נאַט און זעט, װאָס פֿון איר איז געװאָרן, די קעניגין פֿון די הויפּט־שטעט, װײַל עס האָט זיך איר פֿאַרגלוסט אַ מלחמהלע צו פֿירן, זי איז, װי אין איכה שטייט געשריבּן „געגליכן צו אַ װיסטער אלמנה!"

װין איז אַ יורדטע, אָבּער פֿון יענע יורדים, װאָס װאַשן זיך די הענט צום עסן, הגם קיין עסן איז נישטאָ. װין בּערשט זיך די צעהאָדערטע בּגדים, זי װײַסט די קונץ פֿון לייגן אַ לאַטע, פֿאַרקלעפּן דעם אייגענעם טאָג, און אין טראַכטונג װעגן דער פֿאַרגאַנגענהייט — אָפּחלומען דעם הײַנט. װין שלינגט דאָס שפּײַעכץ, כּדי אַנדערע זאָלן מיינען, אַז דאָס איז דער נאָך־טעם פֿון אַ גוטן מאָלצײַט. אַך װין! װין פֿון דער אָפּערעטע, װין פֿון קופּלעטל, פֿון גאָרטן־טעאַטער, װין פֿון קאַפֿע־סאַלאָן, שטאַאַטס־טעאַטער, בּורג און פּראַטער —

צי װאָס בּיסטו איצטער געגליכן, װין?

װין האָט אינערלעך געפֿירט אַ קאַמף, צי זאָל זי זיך אַראָפּלאָזן צי נישט. אָבּער הונגער האָט זיך זײַנע אייגענע געזעצן, געזעצן,

וואָס שטויסן אַרויס געזעצן. איר זעט אין ווין אָן אַ שיעור בעטלער, ממש בעטלער, נאָר דאָס בעטלען איז אַ קונץ, האָט אין זיך קולטור, איז נישט אַזוי שמאַטעדיק, שרייענדיק, אַרבל־שלעפּערדיק ווי ערגעץ אַנדערש, ווי אין ווילנע.

נישטאָ נאָך אַזאַ שטאָט אין אייראָפּע, ווי מען זעט אַזוי פיל בעטלען ווי אין ווין, נאָר דאָ בעטלען נישט קיין בעטלער, דאָ שנאָרט מען נישט, דאָ בעטלט מען אָן ווערטער. אויף די רייכע און אויף די אָרעמע גאַסן, אין די ראָגן שטייען זיי אַזוי, יונגע לייט, צי יונגע פרויען, הויפּטזעכלעך יונגע פרויען, פיל־ווייניק, ווי מען רופט עס אָן אין ווין, נעט געקליידעט. און צונויפגענומען ביידע הענט, אָט ווי אין קירכע פאַר דער מאַדאָנע און — בעטלען אַ פּאָר גראָשן. אין דער האַלטונג ליגט ווירדע, אפשר פּאָרוואורף, וואָס די וועלט איז אַזאַ, אַז אָן אָרעם באַשעפעניש, וואָס הייסט מענטש זאָל זיך נישט קענען דערנערן, נאָר אויפן פנים איז פאַראַן שפלות, אי־נערלעכע רעזיגנאַציע.

און איבער די קאַפּייען גייען זיי די, בעטלער. די קאַפּייען זענען ווי פון פאַר דער מלחמה, גרויסאַרטיק, נאָר דער פלוש אויף די פּאָטעלן איז שוין אָפּגעריבן, אָפּגעבליאַקעוועט די גאַרדינען, אָט פּונקט ווי עס איז אָפּגעקראָכן דער „איך האַבע די ערע” פון דעם קעלנער, ער „האָט שוין היינט נישט אַזוי די ערע” פאַר די חשובע געסט, פשוט, ווייל זיי זענען שוין נישט אַזוי חשוב. דער ווינער קאַפּע־זיצער האָט נאָך אַ מאָל, צו דער „האַלבער שוואַרצע” זיך געהייסן געבן „געבעקס”, היינט ברענגט ער מיט אין קעשענע, איינ־געוויקלט אין אַ פּאַפּירל, אַ שטיקל ברויט פון דער היים, און בייסט עס צו... אַמאָל האָט יעדער חשובער ווינער געהאַט זיינע צוויי דריי שטאַם־קאַפּייען, פאַר מיטאָג אין איינער, נאָך מיטאָג אין דער אַנדע־רער — און אין אָוונט — מיט פאַמיליע אין דער דריטער, אין דער גאָר לוקסוסדיקער, אָדער אין אַ „ווייַן קעלער”, אין „ביר שטיבל”, היינט „דינט” אים איין קאַפּע־הויז, ער זיצט דאָרט פון גאַנץ פרי ביז גאַנץ שפּעט, אַ שאָד אַרויסצוגיין, כדי ער זאָל נישט דאַרפן נאָכאַמאָל אַריינקומען.... די ווינער קאַפּע־הייזער זענען ווי די ניו־יאָרקער אונטערערד־באַנען, ווי לאַנג מען זיצט אין זיי, אַזוי לאַנג דאַרף מען נישט נאָכאַמאָל צאָלן... אין קאַפּע־הויז לייענט ער קודם כל דורך אַלע ווינער צייטונגען, און די מערסטע אייראָפּעישע

בלעטער אין פאַרשידענע שפּראַכן, דאַן — די קונסט־זשורנאַלן, אויסער דעם, כאַפּט מען אַ „געמיטלעכן״ שמועס מיט אַ שכן, מען שרייבט בריוו, אָדער אַרטיקלען. טינט און פעדער, אַט ווי תּמיד פריש וואַסער, קומט צו צו דער שוואַרצער קאַווע, אַט פונקט ווי שוועבעלעך, וואָס דער קעלנער רייבט פאַר אים אָן, אַט פונקט ווי ער קאָן זיך באַנוצן מיט דער טואַלעט און האָבן פריי זייף און הייס וואַסער, אַט פונקט ווי ער קאָן זיך לאָזן רופן צום טעלעפאָן, דאָס אַלץ איז פאַר אַ נישטיקע פאַר גראָשן.

ווען נישט דאָס קאַפע־הויז, וואָלט אפשר דער געמיטלעכער ווינער בירגער דער ערשטער געמאַכט די רעוואָלוציע...

דער בעטלער טרעפט דאָ אַריין. דער בעטלער, דאָס איז דער פאַר־שאָטן פון יעדן מענטש דאָ, מען זעט זיך אין דאָזיקן געשטאַלט, דער איז אַלעמענס צוקונפטס־בילד, דערפאַר איז די באַציונג צום בעטלער אַ טאָלערירנדיקע, אי שרעקעוודיקע, ווען אַפילו מען זאָגט אים אָפּ (אין די מערכטע פאַלן זאָגט מען אָפּ), מאַכט מען עס אויך מיט דער ווינער העפלעכקייט „עס טוט מירווירקליך לייד...״ דער בעטלער אַנטשולדיקט זיך פאַר דער באַלעסטיקונג און שאַרט זיך אַוועק צו אַן אַנדער טישל, נעמט ווידער צונויף די הענט ווי אין אַ תּפילה ביז צום סוף, ער דאַנקט דער ליבנסווירדיקער קאַסירערין פון קאַפע־הויז דערפאַר וואָס זי... האָט אים נישט געמאַכט קיין שטערונגען צו באַזוכן דאָס קאַפע און שטערן די געסט.

אַ ריי טעאַטערלעך זענען פאַראַן. רעווי־טעאַטערן אויף פּראַטער אָדער אויף די „מערק״, בעת די אַנטראַקטן קומט אַרויס דער קאָנפעראַנסיע און בעט ביים האָכווירדיקן פּובליקום, אַז אַזוי ווי די געהאַלטן, וואָס די „גאָט־געבענטשטע טאַלאַנטן״ קריגן פון דער דירעקציע, גענוגנט אַפילו נישט אויף טרוקן ברויט (בוכשטעבלעך זיינע רייד) בפרט שוין אויף קליידונג, קראַנקן־קאַסע, שטייערן און דירה, בעט ער דאָס געערטע פּובליקום זאָל נישט נעמען פאַר אומגוט, וואָס די „גאָט־געבענטשטע טאַלאַנטן״ וועלן אַרומגיין מיט אַ טאַץ צווישן זיי, און יעדער וויפל ער קאָן, זאָל עפּעס אַריינוואַרפן.

און באַלד דערויף באַווייזן זיך די „טאַלאַנטן״, פאַראַן צווישן זיי גאָר באַגאַבטע, פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין דער אַרטיסטישער וועלט דאַן, יאָ דאַן, ווען ווין איז געווען די הויפּט־שטאָט פון אַן אימפּעריע, ווען אויף דעם גלאַטן ברוק פון די

ווינער גאַסן האָבן זיך געוויגט געזילבערטע פּאַנטאָפּעלעך אין מיטן גאַנג — וואַלצערס. דאַמאָלט, ווען אויף יעדע דריי ציווילע איז געווען אַ מונדיר! דאַמאָלט, ווען פון טשעכן און גאַליציע, אונגאַרן און טיראָל, זענען געווען די טאָג-טעגלעכע געסט פון דער קרוין-שטאָט, דאַמאָלט, ווען די ווינער אָפּערעטע האָט געקיניגט איבער לענדער און קאָנטינענטן, דאַמאָלט, אַך, דאַמאָלט! רום און קרענץ. אַפּלאָדיסמענטן און רעצענזיעס, היינט? היינט זענען אַפילו די אַפּלאָדיסמענטן אויסגעבײַטלט. דער זעלבער קאָנפעראַנסיע דערציילט וועגן יעדן איינעם פון די „שטערן" זיין אַמאָליקע גרויסקייט, און אין דעם זכות — אַ פּאָר וואָרעמע אַפּלאָדיסמענטן. אויפן פילאָזאָפישן שטייגער מאַכט ער עס, נאָר דער עולם, אָט פונקט ווי ער קאַרגט אַ פּאָר גראָשן, אַ נדבה, אַזוי קאַרגט ער אַפּלאָדיסמענטן. ווייזט אויס, דער געמיט איז נישטאָ.

אָט אַזוי בעטלט מען אויך נדבות פאַר... אַ דענקמאָל פאַרן קייזער פראַנץ יאָזעף...

מען שטרעקט די הענט צו די פאַרבייגייער, דאָס מאָל שוין נישט אָן ווערטער. דאָס האָט שוין אַ פּאָליטישע באַדייטונג, דאָ גיט מען שוין צו פאַרשטיין. הינטער ד״ר אויסגעשטרעקטער האַנט שטייט אַן אָריענטאַציע: צוריק אויפלעבן די מאָנאַרכיע. ערגעץ אין בעלגיע, אין אַן אויסגעבעטלטן פּאַלאַץ, זיצט ער, דער יונגער אָטאָ, זיין מאַמע בעטלט פאַר אים די קרוין. עס וועט זיין זייער אַמוזאַנט, ווען ער וועט געקרוינט ווערן, ער וואָלט געדאַרפן הייסן „דער מלך פון די שנאָרערס"... נאָר דערווייל וויל מען כאָטש אַ דענקמאָל פאַר זיין זיידן, מען קלויבט נדבות... און נישט ערגעץ-וווּ אין אַ ראָג-גאַס, ווי עס שנאָרן די „געוויינלעכע" בירגער אויף ברויט, מען שנאָרט פאַר דעם דענקמאָל אין... שענברון, אין דעם זומער-שלאָס, אין דער פראַנצויזישער אַלייע פון פרעכטיקן גאָרטן, אין די באַמאָלענע קאָרידאָרן פון געוועזענער אַרבעטער-קינדער-היים, פון איצטיקן מוזיי און... שפּעטערדיקער קעניגס רעזידענץ... די באַמערקונג איז נישט מיינע, נאָר יעדער קאָן זיך דאָס משער זיין. די קינדער-היים האָט מען באַזייטיקט, אַלע קעניגלעכע ציר-שטיקער, בילדער און אַנטיקן, וואָס זענען געווען צעהאָנגען, צעשטעלט איבער אַלע מוזייען, האָט מען צוריקגעבראַכט, צוריק געברענגט אין אָרדנונג יעדע זאַך אויף יעדן אָרט, די בודוואַרן און אויפנעם-זאַלן, דעם גאַנצן קעניג-קייזערלעכן

גלאַנץ האָט מען צוריק רעסטאַווירט. די עפּאָלעטן האָבן צוריק באַקומען זייער חשיבות. מען וואַרט נאָר אויפן מאָמענט, ווען דער הויף וועט צוריק אויפגלאַנצן, ווען די פאַנטאַנען וועלן זיך ווידער קאַפּויער הויבן מיטן פאַרביקן געשפריץ, אָט ווי אין ווערסייל, און די רוימישע אַרקן וועלן צוריק באַקומען זייער גלאַנץ. נאָר דערווייל בעטלט מען נדבות כאָטש אויף אַ דענקמאָל פאַרן קייזער פראַנץ יאָזעף.

ווי אַזוי דער דענקמאָל וועט אויסזען, ווייסט מען נישט, צי אַ בראָנזן ווערק, אויף אַ פּיעדעסטאַל, אַ פיגור אויף אַ פערד, צי — אַ לעבעדיקער מענטש, וואָס וועט הייסן אָטאָ האַבסבורגער, דאָס איז נאָך נישט באַקאַנט, נאָר דערווייל קלייבט מען נדבות. ווין בעטלט, אַ סך בעטלען אויף אַ שטיקל ברויט און אַ סך — אויף אַ שטיקל קעניג.

דאָס דריטע ווין

דער הויפּט-נערוו פון ווין איז טויט. דער נערוו איז — דאָס באַנק-וועזן, די באַנק-הייזער זענען פאַרקלאַפּט, די טירן — שטום, די פענסטער אויסגעלאָשן.

די אמתע סימנים פון באַנקראָט.

דער ווינער קרעכצט: אַך, דאָ איז געווען די צענטראַלע קרעדיט-אַנשטאַלט, דאָ איז געווען די היפּאָטעקן-קאַסע, און דאָרט — די אַרבעטער-באַנק.

מיר גייען צו אויף רען-גאַס נומער 3. אַ פּשוט הויז, צווייִ-שטאָקיק, גרוי, וואָכעדיק. אויסערלעך זעט מען גאָרנישט. אינעווייניק אין טויער — אַ שילד: „ט. ס. פאָן ראָטשילד". אָט דאָס איז עס. דאָס גרויע הויז האָט אַמאָל געשאָקלט מיט דער ווינער קעשענע. היינט? עס שטייט אַ לאָקיי מיט גרויסע פאַרדרייטע וואָנצעס אין אַ האַרטן קאַפּעליוש, און אַז מען פרעגט אים, ווי עס גייט, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט.

די גרויסע געביידע פון דער ווינער בערזע זעט אויס ווי אַ חורבה. זי פּוסטעוועט נישט ווינציקער, ווי דאָס בורג-טעאַטער, ווי די ערשט-קלאַסיקע האָטעלן אַרום דער אָפּערע.

דערפאַר פוסטעוועז נישט די רעגירונגס־הייזער, די אַלערליי אַמטן. עס מאַכט אַן איינדרוק, אַז ווין געפינט זיך אין קריגס־צו־שטאַנד. אָן אַ שיעור באַוואָפנטע לייט. צוליב דעם וואָס זיי טראָגן די שטאָלהעלמען, און אויך צוליב די מעסערס אויף זייערע ביקסן, דערקענט מען נישט, צי זיי זענען פּאָליציי־לייט, צי זעלנער. זיי זע־נען פול נישט נאָר אין די טויערן פון די רעגירונגס־געביידעס, נישט נאָר אויף דער גאַס אַרום די בנינים, נאָר זיי שטייען אויך באַ־האַלטן, ווי פּאַטרולן אין טראַנשייען, אין פּריוואַטע הייזער, וואָס זע־נען אין שכנות מיט די רעגירונגס־אַמטן. אָפּטמאָל זעט עס אויס, ווי באַוואָפנטע לייט וואָלטן געהאַלטן וואַך ביי די טירן פון פּריוואַטע בירגער. דאָס היטן זיי דאָס קעגנאיבערדיקע רעגירונגס־הויז.

און חוץ דעם — די פּאַטרולן אויף די גאַסן. יעדע עטלעכע מי־נוט — אַ פּאַטרול פון פוסגייער. אַלץ קריגס־גרייט, אַלץ באַוואָפנט. מען קוקט דיר אין די אויגן אַריין, מען פּאַרשט דיין יעדן טריט. און אומגעריכט לויפט אָן דער פּאָליצייאישער „עקיפּאַזש” און מען גיט זיך אַ לאָז אַרויס פון דאָרט מיט די ביקסן אין די הענט. דעם רויקן ווינער בירגער באַלעסטיקט מען. מען נישטערט אים דורך נישט נאָר מיט די אויגן, נאָר אויך מיט די הענט. טאָמער פאַרגלוסט זיך דיר שפּעט ביינאַכט צו טראָגן אַ פּעקל, ווערט עס עטלעכע מאָל גוט דורכגעטאַפּט ווערן, און טאָמער איז גאָר נישטאָ קיין פּאַרדעכטיקס. ווערט מען גלאַט אַזוי, כדי עס זאָל נישט לאַנגווייליק זיין, אויסבייט־לען צו דיין קאָפּ אַלע בייזע חלומות.

באַמיט מען זיך טאַקע וואָס פריער צו זיין אין דער היים. ניין אַזייגער זענען די גאַסן ווי אויסגעשטאָרבן. צען אין אָוונט קאָן מען שוין קיין מענטש נישט זען. בלויז דאָס שאַרפע ליכט פון די אויי־טאָמאַטישע רעסטאָראַנען פּראַלט אַרויס און באַלייכט דעם האַלב־טונ־קעלן אַספאַלט. ביי די אויטאָמאַטישע רעסטאָראַנען פאַרזאַמלען זיך, ווי פליגעלעך אַרום אַ ברענענדיקן לאָמפּ, די גאַסן־מיידלעך. עס איז כמעט ווי סימבאָליש. מיט זייער שטיין דאָ, ביי די רעסטאָראַנען, דערמאָנען זיי די, וואָס כאַפּן זיך אַריין נאָך אַ „בוטער־בראָט”, אַז אויך זיי, די פיין־שוועסטער, זענען גאָטס באַשעפענישן, אַז אויך זיי דאַרפן עסן...

כאַפּסט אַ שמועס מיט אַזאַ מיידל, און דאָס גאַנצע בילד פון עלנט שווימט פאַר דיר גרויליק אויף. קוים קריגט זי צוטרוי, ווערט זי

דיר דערציילן דאָס, וואָס צוויי מיליאָן בירגער פאַרשווייגן. זי איז סאַרקאַסטיש, גאַליק. די קאַרגשאַפט אין ווין איז אַזוי גרויס, אַז איר אָנבאָט פאַר אַ באַשיידענעם אָוונט-ברויט אין אַן אויטאָמאַטישן רעס-טאָראַן, ווו מען דאַרף אַ קעלנער קיין טרינק-געלט נישט איבערלאָזן, האָט נישט קיין בעלנים. איבעריקנס, די „זייטיקע" קאָנקורענץ איז גרויס... וואָס מען קאָן אַלץ פאַר אַ מאָלצייט נישט קריגן אין דעם אויסגעהונגערטן ווין!...

דאָס „רויטע ווין" איז איצט גרוי. ווער ווייסט, צי דאָס איז נישט די גרויקייט פון דעם אַש, וואָס ליגט איבער די נישט-איינגע-לאָשענע פונקען. דער אַרבעטער און דער פאָלקס-מענטש רעדן נאָך אַלץ מיט אינערלעכן פייער וועגן די העלדישע קאַמפן אין „יענעם" פעברואַר... און אין דער שטיל גיט מען זיך איבער פרטים וועגן וואַלישעס טויט. די אַרבעטער-הייזער, די קאַרל-מאַרקס-הויפן זענען איצטער נישט מער ווי מצבות, דענקמאָלן נאָך אַ גרויסער עפּאָכע. די גאַסן אַרום הייליגענשטאַט זענען פול אומרו, באַוואַכט נישט ווינציקער, ווי אַרום דעם „בורג". נישט מער: דאָ שטייען שוין נישט באַוואָפנ-טע לייט, נאָר שפּיאָנען. מען הענגט אויף דיר אָן די אויגן און מען פאָרשט די טריט. אפשר קומסטו, פרעמדער, מיט אַ פאַרבינדונג מיט די, וואָס וווינען אין אָט די הייזער. ערשט ווען מען הערט דיין דערקלערונג, אַז דו ביסט אַ טוריסט און דו באַזוכסט די געגנט בלויז פון נייגעריקייט וועגן, קערט מען זיך פון דיר אָפּ.

איבער די אַרבעטער-הייזער הענגט אַ וואָלקן. וויפל אַרבעט איז אין אָט די געביידעס אַריינגעלייגט! פּשוט און באַקוועם. עס האָט געשטאָכן די אויגן פון די פאַבריקאַנטן און אַדל-לייט. ס'האָט פאַר-דראָסן די פעיקייט פון דעם פּשוטן אַרבעטער אַזוי באַקוועם זיין פּאָזיציע איינצואָרדענען. די אַרבעטער-הייזער, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף העכער אַ קילאָמעטער די לענג, האָבן געבלענדט דאָס אויג און דערציילט פון אינערלעכער אָרגאַניזאַציע. די אַרבעטער-הייזער זענען געווען מער ווי וווין-הייזער, ס'זענען געווען אַרבעטער-שטעט.

נאָר איצטער זעען זיי אויס, ווי אָקופּירטע שטעט. עס איז שטיל אין די פאַרק-הויפן. דער אויפשריפט פון פאַראַד-אַריינגאַנג: „קאַרל-מאַרקס-האָף" איז פאַרשמירט, ס'איז אַ לאַטע פון פאַרב, און אויף אָט דער לאַטע — אַ נייער נאָמען: „הייליגענשטאַטהאָף" (לויטן

נאָמען פון דער געגנט). און כאָטש קינד און קייט ווייסן, וואָס היי־ליגעגשטאָט איז, — ס׳איז אַ ראַיאָן, וואָס ס׳איז אַזוי פּאָפּולער אין ווין ווי דער פּראַטער, — רופט מען די הייזער ביים אַלטן נאָמען: „קאַרל־מאַרקס־האָף״. אַפּנים, אויפן געמיט קאָן מען קיין לאָטעס נישט אַרויפ־לייגן, און דעם זכרון קאָן מען מיט פאַרב נישט פאַרשמירן...

קאַרל מאַרקס׳ נאָמען איז אָפּגעווישט, דאָלפוס׳ בילד הענגט אויף די מויערן פון די אַרבעטער־הייזער, מיט אונטערשריפטן: „מיר וועלן נקמה נעמען פאַר דיין אָפּגעהאַקט לעבן״. און אויף די ווענט פון די זעלביקע בנינים זענען נאָך פאַראַן די סימנים פון די קוילן, וואָס דאָלפוס׳ חיילות האָבן דאָ אַריינגעשאָסן...

ווער וווינט דאָ איצט אין די דאָזיקע הייזער? דער ערשטער, וואָס איך טרעף, ענטפערט מיר נישט גערן. מורא קוקט אַרויס פון די אויגן. די הייף זענען ריזיק גרויס, ברייט, פיין געפלאַנצט מיט ביימער, זאָרגפעליק זענען געהאַלטן די גראָז־טעראַסעס. בענק פאַר אָפּ־רו, קינדער־פּלעצער. פון די פענצטער פּראַלט אַרויס ראַדיאָ־מוזיק, ווינער וואַלצערס, זיסלעכע שטימונגס־לידער. לויט די ניגונים דער־קענט מען די איינוווינער. אַמאָל האָט דאָ פון יעדן פענצטער אין די מאָרגן־שעהן און אין די נאָך אַרבעטס־שעהן געהילכט מיט דעם „רויטן וועדינג״ און „לינקס, לינקס, לינקס״... איצטער?

די איינוווינער בייטן זיך, — נישט מיטן גוטן ווילן. די גע־מיינדע ווין האָט די הייזער געבויט פון 1926 ביז 1929. היינט ווערט מען פאַר יעדן מינדסטן חטא עקסמיסירט. אויפן אָרט פון די אַרבע־טער קומען באַאַמטע און פאַרשטעלטע „נאַציס״, שפּיאָנען און מאָנאַר־כיסטן.

■■■■

טשעכאָסלאָוואַקיי

אַ מאָדנע זאַך: דאָס וואָרט פּראָג קומט שטענדיק אַרויס עפּעס געדעמפּט, ווי עפּעס איינגעהילט אין שאָטנס פון מיטלאַלטער. געטאָ, אינקוויזיציע-צוואַנגען, געפּייניקטע, היילקע, קעלערס, געוועלבטע טויערן, שול-בוידעמער, היילן, פּראָצעסיעס, צלמים, ווײַרויך און אין דער לופט הערט זיך דאָס סמאַליען פון פלייש, מענטשן-פלייש, געבערנטע אברים פון יידן.

פּראָג. די הענגל-בריק איבער דעם קאַנאַל ביי דער אַלט-שטאָט. דער צלם, דער קרוציפיקס, די איבערשריפט „שמע ישראל”. וויפל מורא-גרוסן דאָס ברענגט, וויפל פּחד-שטימונג דאָס וואַרפט אָן!

און דאָך—פּראָג, פּראָג פון נאָך דער מלחמה, פּראָג נאָך איר באַפרייונג — ווי אַנדערש עס איז אין דער ווירקלעכקייט. אַ שטאָט, וואָס איז דורכגענומען מיט פרייד, מיט אויפלעבונג. אַ שטאָט, וואָס האָט איבערגעלאָזט די מיטלאַלטערלעכע דעקאָראַציע, די ראָטהייזער, די אַנטיק-זייגערס, די טורעמס און אַרום זיי זיך אויפגעבויט אויף אַן אַמעריקאַנער אופן. אַ שטאָט אַ זקן, נאָר איז באַנייט און באַיונגט געוואָרן. און אַלץ וואָס איז יונג—איז פרייד. פרייט זיך פּראָג מיט איר ווידערגעבורט, פרייט זיך דאָס אַלטע פּראָג מיט אירע נייע, ברייטע, רוישיקע גאַסן. אַ גאַנצן טאָג פרייד, אַ פולן טאָג פרייד!

פּראָג פאָרמירט זיך אין דער פאָרשטעלונגס-קראַפט אויף פאַרשידנערליי אופנים, נאָר נישט אַזוי ווי זי איז, אַזאַ ווי מען זעט זי אין דער ווירקלעכקייט.

די מענטשן פון פּראָג פרייען זיך. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז די פרייד פון אַ צוריקגעווינס, אַז פּראָג איז צוריק געוווּנען געוואָרן, באַפרייט געוואָרן. שוין באַלד צוויי צענדליק יאָר, און

די פרייד פון באַפרייונג איז נאָך נישט פאַרביי. ס׳איז זעלטן צו טרעפן נאָך אַזאַ שטאָט, וואָס זאָל דיך, אַ פרעמדן, אַזוי שמייכלדיק, אַזוי פריידיק אויפנעמען. אויף דער באַן, אין די פאַרשטעט. יעדעס פּנים איז ממש גוטמוטיק, ווי האַשעקס „בראַוועד סאָלדאַט שווייק״. דאָס גוטמוטיקע קוועלט אַרויס פון געמיט. זעליש ווערט דיר יעדער נאָענט, און דו פרייסט זיך מיט יענעמס פאַר דיר אומבאַשטימטער פרייד.

פּראָג האָט ווייט נישט קיין מיליאָן איינוווינער, נאָר וואָלסט געמיינט, אַז זי ציילט צוויי, דריי מאָל אַזויפיל. די הויפּטגאַס — אַמעריקאַניש, האַנדלסצענטער, ברייט, בולוואַריש, שורות אויטאָס, טראַמווייען, אויטאָבוסן, געשעפטן, גרויסע אויסשטעל-פענצטער, ריזיקע הייזער, קאַפעען „אויף די שטאָקן״, קינאָס, טעאַטער — אַלץ, אַלץ וואָס אַ גרויסע שטאָט פאַרמאָגט.

נאָר דוכטן דוכט זיך, אַז דאָ איז מער ווי אַ גרויסע שטאָט, אַז דאָ איז מער ווי מעטראָפּאָליטאַנישער רויש, אַז דאָס איז נישט סתם אַזוי נשמהלאָזער אַמעריקאַנער סטיל, אַ נאָכאַמונג, ניין — דאָס איז די מאָדערנע בוי-סימפאָניע. דאָס איז נישט קיין פּראַגע פון אויסלייגן אַזוי אָדער אַנדערש די גאַסן און בולוואַרן, נאָר דאָס ווייכקייט, וואָס נעמט דיך אַרום, דער מיטלאַלטער, וואָס שטייט דאָ ווי שטוקאַטורן, גזימסן, אַלטע אָרנאַמענטן צו אַ נייעם סטיל. איז שוין דאָס אַ קאָמבינאַציע, איז שוין דאָס אַליין אַ חשיבות.

אַלץ, דוכט זיך, איז סימפּאַטיש דאָ. די גאַס, די אַלטע און די נייע. די איבערגעבליבענע פולווער-טורעמס און די וואָלקנקראַצער-שפּיצן, די קאַסטילאַרטיקע בריקן און מאָדערנע וויאַדוקטן, די „ווענעציאַנישע״ געסלעך און די ברייטע אַספאַלט-וועגן.

נאָר מער סימפּאַטישער איז פאַרט דער מענטש. דאָס פּשטות פונם מענטש דאָ. אַ שטאָט אָן גאווה, אַ שטאָט אָן אָנגעבלאָזנקייט. די שטאָט און די מענטשן. ס׳איז די פאָלקסטימלעכסטע אַטמאָספער דאָ, וואָס איך האָב עס ווען אַמאָל געזען. ס׳איז אַ שטאָט נישט קיין צעקראָכענע און נישט קיין ווינט-רייסנדיקע. מען בויט רויק און זיכער, זיכער און פאַרויס. פּראָג פון נעכטן האָט נישט אַזוי איגזינען דעם מאָרגן ווי דעם היינט—די עולם-הזה. דו זעסט, ווי דער מענטש האָט הנאה פון לעבן, ער עסט זיינע „קניידלעך״ מיט גרויס אַפּעטיט, געשמאַק אויף ביידע באַקן און פאַרטרינקט מיט אַ „פּילזנער״ און האָט פרייד פון „דאָ זיין״...

דער פראגער בעט זיך אויס א ווייך געלעגער, א באקוועם בעט. נישט פאר די קומענדיקע דורות, נאר פאר זיך. קודם, דער עיקר—ער אליין. מען בויט מיט פלייס די נייע קווארטאלן, א גאנצע שטאט, א מאדערנע, א יונג-זוניקע איבער דער גרויער מיטלאלטער-לעכער. און דאס נייע וואקסט, וואקסט ארייז, ווי ציין ביי א קינד, נאך איידער די אלטע זענען ארויסגעפאלן. אמשטארקסטן קומט עס צום אויסדרוק אין דער געטא, אין אונזער פראג, אין יידישן פראג, דא וווּ עס שטייט די פראגער שול, דעם מהר"לס שול. ארום און ארום דער שול — א פיינער געפלאסטערטער ברוק, א נייער טראטואר. די שול אליין, ווי א קליינער דארפס-קלויסטער, וואס א שטורעם האט אראפגעווארפן דעם גלאקן-טורעם. א מויער מיט שמא-לע הויכע פעסטונגס-פענצטער, מיט שוין-פליגלען. א משופעדיקער דאך מיט קליינע טויבנשלאק-פענצטערלעך, א נידעריקער פארקאן, מיט דעכלקעס אויפן קארק. פראמערקעס און א גרויסארטיק פארקל, אן אויטאמאביל-וועג, א לוסטיקער שפאציר און געשעפטן קעגנאיבער — דאס איז דער דרויסן פון דער אלטער שול, פון מהרל"ס שול. דער דאזיקער משופעדיקער דאך, מיט פרישע דעכלקעס, מיט די פענצטער-לעך פאר טויבן, דעקט דאס איין דעם בוידעם, יענעם לעגענדארן בוידעם, ווו צווישן שמות און צעריסענע ספרים ליגט דאס געביין פון ליימענעם גולם.

און די פאנטאזיע האט געמאלן: א בלאטיקער צוגאנג ביים בית-עולם, צווישן ליימיקע בערגלעך, טאלן, גריבער, פייכטער בלע-טער-פוילעכץ, האלב-צעפרעסענעביימער, שאקלדיקע ברעטער אלס בריקן. שאטנס, שאטנס, שאטנס.

ווי א וויזיע ווערט צערונען ביים ליכט פון דער ווירקלעכקייט.

אמת טאקע, אז קעגנאיבער דער שול איז פאראן א בית-עולם— דאס אלטע יידישע בית-עולם אין פראג, וואס שמט דורך דורות און וואס איז איצט ארומגענומען מיט א מאדערן-קאנסטרויזרטן מצבה-פאר-קאן, א פארקאן, וואס זעט אויס אי ווי אין מצבות-סטיל, אי אין סטיל פון א מאדערנער קינא-וואנט. דאס בית-עולם, וואס שטייט ווי די מהר"ל-שול, אונטערן שוץ פון מוזיי-מיניסטעריום, איז שוין אליין א מוזיי. דערצו נאך האט די קהלה צוגעבויט א יידישן מוזיי-בנין, האט עס אויפגעהערט אי צו שרעקן, אי צו גלעטן מיט דעם לעגענ-דע-געוועב. עס איז געווארן גרוי און וואכעדיק.

די שול ווי די שול, אָבער דער יידישער „מאַגיסטראַט״, וואָס שטייט נעבן דער שול, מיט דעם יידישן ציפערבלאַט, זאָגט שוין אָן עפּעס וועגן אַ יידישער מלוכהלע דאָ, וועגן אַן אויטאָנאָמען ראַיאָן — דאָס געמעל, וואָס איז געבליבן אין זיין גאַנצער באַדייט פון אַמאָליקע צייטן אָן, פון מיטלאַלטער.

צי האָבן די פינף און דרייסיק טויזנט יידן, וואָס וווינען אין פּראָג, עפּעס אַ שייכות מיט אָט דער מהר״ל־שול, מיטן יידישן מאַגיסטראַט און מוזייאישן בית־עולם? מסתמא יאָ, אויף אַזויפיל ווי זיי אַליין האָבן אַ שייכות מיט די לעגענדע־פּעדים, מיט דורות־דערינערונגען, מיט מוזיי־שטויב. ווייטער ווי לעגענדע האָבן זיי אין דער שטאָט פּראָג נישט אַריינגעטראָגן. אין פּראָג בויט זיך אַן אינטערעסאַנט קולטור־לעבן, עטוואָס קאָסמאָפּאָליטיש, מכתמא מיט יידן, אָבער אָן יידישעס...

פּראָג, די שטאָט פון געטאָ, מהר״ל, גולם, קרייצצוגן, אינקוויזיציע־פּייניקונגען, די שטאָט, וואָס אויפן קרייץ איבער דעם קאָפּ פון געקרייציקטן שיינט ווי אַן אָרעאָל די ווערטער „שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד״, האָט דעם יידישן אָטעם אינגאַנצן אויסגעהויכט.

דיר גריסט אַקעגן דער גרוס פון אַרבעט. דער אַרבעטס־עמבלעם דעצידירט. אַנדערש ווי אין קאַטוילישן עסטרייך. דו זעסט עס אויפן אָנבילד פון געלט. עס איז כאַראַקטעריסטיש: אויף דער עסטרייכישער מינץ־מאָנעטע איז אויסגעקלאַפּט דאָס געשטאַלט פון דער הייליקער מאַריע מיט איר קינד יעזוס. אויף טשעכאָסלאָוואַקיש געלט איז אויסגעגאַנגען אַלערליי אַרבעטס־מכשירים, אַרבעטס־מענטשן, מאַדאָנעס אין אַרבעטס־בלוזן — דאָס איז סימפּטאָמאַטיש.

אַפילו ווען מען קלאַפּט נישט, דוכט זיך דיר אַלץ, אַז דו הערסט, ווי עס פּאַלט דער האַמער אויפן אייזן. פּראָג וויל אָניאָגן די צייט, ווען זי איז געשטאַנען ווייט פון אַנטוויקלונג, אַלס אומבאַדייטנדיקע פּראָווינץ־שטאָט פון אַ גרויסער אימפּעריע. פּראָג פאַרשטייט איצט איר אויפגאַבע: זי איז די הויפּטשטאָט פון אַ מלוכה, די הויפּטשטאָט פון אַ רעפּובליק און זי מוז און דאַרף דערגרייכן צו ווערן דאָס, וואָס זי איז באַרופן צו זיין.

טשעכאָסלאָוואַקײ איז אַ קאָמפּליצירטער ענין: אַ נאַציאָנאַלי־טעטן־שטאַט. עס זענען זיכער פֿאַראַן אינערלעכע רײַבונגען. אַנדערש איז אוממעגלעך. טשעכיע איז בלויז אַ דעמאָקראַטישער שטאַט און נישט קײן סאָציאַליסטישער. מען טאָלערירט מינדערהײט־קולטורן, אָבער מען דערמוטיקט נישט אין דער גאַנצער ברײט, אַז אַזוי זאָלן זײ זײַן. בלויז אַ סאָוועטישער אופֿן קאָן זיך מיט דעם פּראָבלעם אַן עצה געבן. טשעכיש איז די איבערמאַכט, האָט די איבערהאַנט, אָבער עס איז פֿאָרט מער ווי טאָלעראַנץ. קומט מען אין די געגנטן פֿון נאַציאָנאַלע מינדערהײטן, פֿאַרגעסט מען, אַז מען געפֿינט זיך אין טשעכיע. אפֿילו אין פּראָג גופֿא. קאָנסט זיך װענדן אין װעלכן ס'איז אמת, אין װעלכער מינדערהײטס־שפּראַך, דער באַאַמטער װעט דיר גאָרנישט טון קײן טובֿה, אַז ער װעט זיך פֿאַרשטענדיקן אין דער שפּראַך. עס איז בײַ אים נאַטירלעך, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך. טשעכיע איז נאַציאָנאַליסטיש, אָבער נישט שאָוויניסטיש. אין אײראָפּע, דווקא צווישן די באַפֿרײַטע לענדער, איז טשעכיע אפֿשר דאָס אײנציקע לאַנד, וואָס טאָלערירט מינדערהײט־קולטור. דער פֿרעמדער פֿילט עס און באַוווּנדערט עס.

אין פֿלוג דוכט זיך, אַז טשעכיע איז, אין דער דאָזיקער שווע־רער צײַט, אין צײַט פֿון עקאָנאָמישער דעפּרעסיע אין אײראָפּע, דאָס אײנציקע גליקלעכע לאַנד. עס איז דאָס אײנציקע לאַנד אין מערבֿ־אײראָפּע, וווּ עס איז נישטאָ קײן אַרבעטסלאָזיקײט. טשעכיע האָט עס דערווײַל אויף אַן אײנפֿאַכן און פּשוטן אופֿן געלײזט. די עפֿנטלעכע אַרבעטן. אָבער פֿון עקספּלואַטאַציע איז דאָס לאַנד נישט פֿרײַ. אומ־געקערט, זי האָט אויפֿגענומען דעם אַמעריקאַנישן ריטם, און צוזאַמען מיט דעם — דעם אַמעריקאַנישן יאָג־סיסטעם און לוין־דרוק. טשעכאָ־סלאָוואַקיע איז אַ סינטעז פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און פֿון אַמעריקע, נאָר פֿון בײדע איז אַרויסגעקומען גאָר עפּעס אַנדערש, אַ נישט געראָטנס. אַוודאי, אַז מען גיט אַ קוק אויף דעם קלײנעם שטעטל זלין, אָדער ווי מען רופֿט עס בײַם פֿאָלק „באַטאַ", פֿאַרשטײט מען, אין וואָס עס באַשטײט דער „סינטעז". דאָס איז אַ גענויע קאָפּיע פֿון פֿאָרד־סיסטעם מיט אַ סאָציאַליסטישן אונטערשלאַק. אַז מען וויל, קאָן מען אפֿילו זאָגן — עס איז אַ סאָציאַלער בלאָף!

אַוודאי, זלין איז אַ נײַ אויפֿגעבויט שטעטל. מאָדערנע בנינים,

הערלעכע ווינונגען, יונג און באַקוועם. אַ שטעטל פֿון בלויז אַרבעטער און באַאַמטע, אַ שטעטל פֿון האַנדל-פֿאַרטרעטער און שיך-סוחרים פֿון גאָר דער וועלט. עס דוכט זיך דיר אויבנאויף, אַז אַלע זענען דאָרט גליקלעך. אַרבעטער שמייכלען, זענען צופֿרידן. אָבער דער שמייכל, די צופֿרידנהייט איז אַן איינגערעדטע. באַטאַ האָט עס געשיקט איבערגעפֿלאַנצט די אַמעריקאַנער מעטאָדן אויפֿן טשעכאָסלאָוואַקישן באָדן. קליינע לוינען, קאָמפּאַקטע אַרבעטס-שעהן. נישט קיין לאַנגע, נאָר קאָמפּאַקטע, אַזוי אַז איין שעה באַשטייט פֿון טאָפּלטער פּראָדוקציע. דער אַרבעטער מיינט אָבער, אַז דאָס יאָגט ער זיך פֿאַר זיך. דאָ, ביי באַטאַן, האָט מען אים נאָר צוגעזאָגט, אַז ער איז אַ מיטבאַטייליקטער אין דער אונטערנעמונג, אַז ער האָט אַן אַקציע. די פֿאַרדינסטן פֿון די נישט-ממשותדיקע אַקציעס זעט ער קיינמאָל נישט, חוץ אַ צוגעוואָרפֿן ביינדל: אַ הייזקע, וואָס ער צאָלט אויס דער קאָמפּאַניע. אמת, טאַקע אַ ווויל ווינונגס-הייזל מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, אַזעלכע הייזלעך וואָלטן געדאַרפֿט האָבן אַלע אַרבעטער פֿון גאָר דער וועלט. אָבער פֿאַר דער באַקוועמלעכקייט רעכנט מען אָפּ געהעריק, ער אַרבעט עס שווער אָפּ. און דאָך מיינט דער זלינער אַרבעטער, באַטאַס שוסטער, אַז אים האָט מען עס געטון אַ גרויסע, גרויסע טובה.

איבעריקנס, מען מיינט שוין היינט גאָרנישט. באַטאַס בוכהאַלטערן רעכענען איבער, אַז די געשעפֿטן גייען שמעלער, אויב אַזוי דאַרפֿן צום ערשטן ליידן די „שותּפֿים”, דאָס הייסט, די אַרבעטער-„אַקציאָנערן”. צום ריווח זענען זיי נישטאָ, אָבער צו די פֿאַרלוסטן — די ערשטע.

■■■■

די שטאָט

לאָנדאָן איז גרויס. גרויסשטאָטיש און פאָרנעמלעך. לאָנדאָן איז מיט אַ פאָרמעסט. אָבער נישט גיגאַנטיש. נישטאָ דער שווונג, וואָס זאָל אַרויפציען און מיטרייסן. לאָנדאָן איז דער ריז פון אייראָפּע. אָבער יעדע מעטראָפּאָליע פון אַמעריקע — סיי פון צפון און סיי פון דרום — שטייגט איבעם לאָנדאָן מיט איר פאַרנעם און פאָרמעסט.

לאָנדאָן איז שיין. זיכער. נאָר נישט גראַציעז, נישט לוסטיק און נישט לופטיק. לופטיק אין זין פון לייכטקייט, עלאַסטישקייט און בויגעוודיקייט. לאָנדאָן איז מאַסיוו און ערנסט. שווער און פעסט. לאָנדאָן איז נישט קיין שטאָט פון דרויסן, פון פאַרבייגייער און דורכפאָרער; זי דאַרף זיך נישט צירן פאַר פרעמדע בליקן, און זיך נישט חנדלען פאַר פרעמדע מטבעות... לאָנדאָן האָט זיך אַוועקגערוקט אין דער זייט פון די וועגן, אַרומגערינגלט זיך מיט וואַסער, און זיך איינגעצנעסט נישט אויף דערווייל, און נישט פאַר קיין פרעמדע, פאַר געסט, נישט אויף אַ זומער-טאָג, נאָר פאַר זיך, אויף שטענדיק, אויף תמיד.

האָט לאָנדאָן, ווי אַ צנועה, וואָס איז אויסערלעך באַשיידן און אינערלעך טראָגט זי די „מעשים-טובים", אַזוי-אַ געטון: די ווענט — גראָ און פשוט, די גאַסן — איינפאַך, נאָר אינעווייניק, ביי זיך, אין די הייזער און פּאַלאַצן, אָנגעזאַמלט דאָס גאַנצע גוטס פון דער וועלט און די גאַנצע שיינקייט פון דער וועלט.

פאַר זיך און פאַר דער אייגענער משפּחה.

פאַר דעם ענגלענדער איז דאָס וואָרט „היים" געוואָרן אַ סימבאָל פון זיין העכסטן פאַרלאַנג און גרעסטן פאַרגעניגן. נישט בחינם

זאָגט מען, אַז דער ענגלענדער באַטראַכט זיין היים פאַר אַ שלאָס, און זיך — פאַר דעם הערשער פון שלאָס.

דער ענגלענדער איז אין גאַס, אין שטאָט אַזוי לאַנג, ווי דאָס פאָדערן זיינע „ביזנעס״. נאָך די געשעפטס־שעהן קאָן ער שוין נישט די שטאָט, האָט ער מיט איר קיין עסקים נישט און ממילא זאָרגט ער זיך נישט פאַר דעם אויסערלעכן פנים פון דער שטאָט.

דערפאַר ווערט לאָנדאָן שטיל נאָך זעקס אָדער זיבן אַזייגער פאַרנאַכט. דערפאַר איז לאָנדאָן פאַרגליווערט זונטיק און יום־טוב. און אין די האַנדלס־שעהן, ווען דער רעש איז גרויס און די מענגעס מענטשן — געדיכט, און די אויטאָבוסן זענען ממש, ווי אַ גערינגלטע קייט איינער הינטערן אַנדערן, איז עס דאָך מיט אַזאַ פייערלעכער שטילקייט קעגן ניו־יאָרק אָדער טשיקאַגאָ, אַקעגן ריאָ דע זשאַניירא, אָדער בוענאָס־איירעס.

גאָר אינטערעסאַנט זענען די לאָנדאָנער גאַסן און בנינים, ווו יעדער שטיין און מויער איז אַ בלעטל געשיכטע, איז אַן עפּיזאָד פון דער ציוויליזאַציע. לאָנדאָנער געסלעך און דורכגענגלעך, לאָנדאָנער מויערן און אַרכיטעקטור, לאָנדאָנער פּאַרקן און פּלעצער. לאָנדאָן מיט איר ווייטהאָל־אַלעע, מיט אירע רעגירונגס־געביידעס, פון וואַנען מאַכט און הערשאַפט שפּרייט זיך איבער לענדער און קאָנטינענטן. און לאָנדאָן מיט אירע „דאָקס״, די וואַסער־פּאָרט־געגנטן, ווו עס הויזט די גרעסטע אָרעמקייט פון דער וועלט. לאָנדאָן מיט אירע פּראָמענאַדעס פון די לאָרדן און פּרינצן, און די „איסט־ענד״ — די נעסט פון אימיגראַנטן. לאָנדאָן, וואָס גיט פרייהייט פון וואָרט אירע איינוווינער ביי זיך אונטער דער נאָז, אין... היידפּאַרק, און לאָנדאָן, וואָס באַדריקט און פאַרשקלאַפט, מאַכט אונטערטעניק פעלקער און לענדער. לאָנדאָן, די שטאָט, ווו דאָס וואָרט ק ע נ י ג איז דער העכסטער אויסדרוק פון באַגייסטערונג און ליבע, און ערשט נישט לאַנג־אַן „אַרבעטער־רעגירונג״. לאָנדאָן, די שטאָט פון צערעמאָניעס, פייערלעכקייט, אַלטערטימלעכע ריטער־פּאַראַדן, און לאָנדאָן מיט איר קאַלטן פּראַקטישן גאַס־גאַנג און אויסרעכענונג. די שטאָט, וואָס האָט אין אירע גרענעצן „די באַנק פון ענגלאַנד״, די קאַמער, וואָס ווענט און מעסט דעם גורל פון פעלקער און לענדער, און לאָנדאָן מיט אירע קינדערישע שפּילערייען אין מלך און מלכה...

לאָנדאָן, ווו דאָס וואָרט אַ ל ט ק ײ ט, איז דער הייליקסטער

באַגריף, און אין ריטם פון דער שטאָט פילט זיך פעסטקייט, זיכער־קייט און דער עיקר — פרישקייט.

אַ שטאָט, ווו אַלטע מענטשן זענען יונג, גלייך און געקרעפ־טיקט, און אונטער די כמורנע, אָנגעברוגזטע, שווייגנדיקע פּנימער שטראַלט אַרויס איידלקייט, העפלעכקייט און גאַסטפריינטלעכקייט. — דער דזשענטלמען.

מיט רויִקייט, געלאַסנקייט, באַזאָרגטקייט לייגט דער איינוווינער פון לאָנדאָן אַרויף זיין האַנט אויף אַלץ און אַלעם.

די שטאָט און אירע איינוווינער זענען איינס.

■■■■

ווייטשעפּל

אין שכונות פון די אָרעמע, פּאַרוואָרלאָזטע אַרבעטער־קוואַרטאַלן אין לאָנדאָן האָט זיך אויסגעצויגן דער יידישער געטאָ — דער וועלט־באַקאַנטער ווייטשעפּל.

ווייטשעפּל איז אַ ברייטע, אָפענע גאַס. אַ בולוואַר, אַ רוישי־קער, אַ באַוועגלעכער, און האָט אין זיך גלאַנץ פון אַ גרויסשטאָט.

אין תּוך אָבער איז ווייטשעפּל דאָס אייגענע, וואָס אַלע געטאָ־גאַסן איבער דער גאַנצער יידישער וועלט.

נאָר אייגנאַרטיקער און... טראַדיציאָנעלער.

ווייטשעפּל איז די רעזידענץ פון דער יידישער אָרעמקייט און — ווייטשעפּל איז דאָס קעניגרייך פון יידישער עשירות.

ווייטשעפּל איז האַנדלס־צענטער און ווייטשעפּל איז דער קלאָ־געדיקער יידישער וואַרשטאַט. ווייטשעפּל איז מאָדערן, און ווייטשעפּל־שטיבער האָבן נאָך נישט קיין עלעקטריש ליכט. ווייטשעפּל איז וועלטלעך און קליינשטעטלדיק אין די תּנועות און פירונג.

ווייטשעפּל איז די שאַנד פון „ענגלישן" יידנטום. די, וואָס קריגן „פליגן אין נאָז", אַנטלויפן „צו די גוים" אין דער וועסט־ענד, אַנטלויפן דאָרט מיט זייערע וווינונגען, האָבן מורא זיך אָנצו־שמעקן מיט קנאָבל־ריח. זיי קומען פונדעסטוועגן פון צייט צו צייט צוריק אין ווייטשעפּל מיט ווייב און קינד צו פאַרזוכן אַ מאַלצייט געקנאָבלט...

אין ווייטשעפל פירט מען מסחר, אין ווייטשעפל פּרעדיקט מען אידעאַלן, און אַליין פּאַרסנאַבּעט מען זיך ערגעץ ווייט, ווו מען האָט מורא די פּאַרע פון מויל אַרויסצולאָזן: טאָמער וועט דער שכן אויפכאַפּן אַ נישט-ענגלישן קלאַנג...

ווייטשעפל אַליין איז נישט ווייטשעפל. די אַלע אַרומיקע געסלעך, וואָס הייסן פאַרשיידענע נעמען, זיי הייסן ווייטשעפל.

ווייטשעפל איז אַ באַגריף. די ווייטשעפלער זענען כמעט אַ קלאַס!

אַמאָל איז די „איסט-ענד", ווייטשעפּל און די אַרומיקע געסלעך, געווען דער קוואַרטאַל פון הפקרות. נאָר יידן האָבן זיך דאָך דאָרט איינגענעסט מיט זייער מיטגעבראַכטער עקזאָטיק און איינגעוואָרצלטער אָרעמקייט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָרט וועלן זיי זיך פילן באַקוועמער, און אין דער אומבאַקוועמער באַקוועמלעכקייט האָבן זיי זיך „אַרויפגעאַרבעט", געוואָרן רייך, און אויסגעוואַנדערט— אָפּגעטראָטן פּלאַץ פאַר אַנדערע, פאַר ניי-געקומענע אימיגראַנטן, וואָס זענען שוין געקומען „נאָך אַלעם" און קאָנען זיך מער נישט „אַרויפאַרבעטן", און זענען שוין במילא דאָ געבליבן שטעקן צווישן אָפּגעריסענע ווענט און אויסגעקרימטע פענצטער.

די געסלעך אַרום ווייטשעפל זענען דורכויס יידישע נעסטן, און נישט בחינם האָבן זיי אַזאַ שם. די באַרימטע „לאַגע", מיט איר זונטיקדיקן מאַרק האָט נישט צו זיך קיין גלייכן אין דער וועלט. יידישע מיידלעך, „אויסגעגרינטע", וואָס שעמען זיך צו רעדן יידיש, קוקן אויס אַ בחור, וואָס קומט נישט, ביז גרויע פעדים נעמען זיך שפּינען אין די שוואַרצע האָר. קיין „גרינעם" האָט מען נישט געוואָלט נעמען, און קיין „געלער" וויל זיי נישט נעמען.

קיין אימיגראַנטן קומען נישט. די טויערן זענען פאַרשפּאַרט. ענגלאַנד האָט עס געטון אָן געשרייען, „דזשענטלמעניש", ווי אַמעריקע. זי לאָזט נישט אריין, און פּטור. און טאָמער קומט עמעץ יאָ אַריין, קאָן ער קיין אַרבעט נישט קריגן. אינספּעקטאָרס פון דער רעגירונג (וואָס נעמען זיך אָן דעם אַרבעטערס „לאַגע") באַזוכן די וואַרשטאַטן און היטן די אייגענע הענט פאַר פרעמדער קאָנקורענץ!

זענען די ווייטשעפלער „פּריילינס" איינגעזעסענע און פאַרגרויטע; נאָר „צווישן יידן" קומט מען נישט. ביי אַ פאַרזאַמלונג, ביי

אַ קלוב-צונויפקום, ביי אַ פייערוּנג זעט מען זיי נישט. אַ קשיא אויף אַ מעשה? אפשר שטייט זיי טאַקע נישט אָן...

לאָנדאָן, אייגנטלעך ווייטשעפּל, האָט נישט קיין געזעלשאַפט-לעך יידיש לעבן. מען ווייסט אפילו נישט, וויפל יידן עס וווינען אין לאָנדאָן. מען שאַצט איבער די מאָס און מען שאַצט אונטער. יעדער קרעכצט אַרויס דעם „אַמאָל”: אוי, אַמאָל איז געווען!.. נאָר איצט... איצט איז לאָנדאָן קליין-אַמעריקע, נאָר איינגעטריקנטער און איינגעגאַנגענער.

די רעדאַקציעס פון די צייטונגען גיבן צו: מיט יעדן על-טערן ייד, וואָס שטאַרבט אין ענגלאַנד, שטאַרבט אָפּ זייערער אַ לעזער...

דער אייגענער פּומון, וואָס אין אַמעריקע.

אומעטום זעט מען שפּורן פון דעם „אַמאָל”. אָבער די שפּורן זענען שוין ווי אַלטע אָפּגעקראָכענע אויפשריפטן אויף מצבות, איבער קברים פון גרויסע לייט. עס זענען נאָך געבליבן אַן „אַרבעטער-רינג”, אַ קולטור-פאַריין, אַ פּראָפעסיאָנעלער דאַמען-שניידער פאַריין; דאָס זענען איינקריצונגען, וואָס דאָס גאָלד-לייַשעכץ האַלט אין בלייכן זיך.

אין ווייטשעפּל „בליט” דאָס גאָלד-געסל. אַ שמאָל געסל, מיט אָפענע רינשטאָקן פון ביידע זייטן, איינגעהויקערטע שטיבלעך, אָפּ-געשיילטע ווענט און האַלב אויסגעקרימטע טירן-פענצטער. דאָס געסל איז איינס פון די רייכסטע אין לאָנדאָן. דאָרט הויזט דער יידישער גאָלד-האַנדל. קייטן, זייגערלעך, אוירינג און פינגערלעך. גאָלד פליסט אַרויס און געלט פליסט אַריין אין דאָזיקן געסל. יידן פון אונגאַרן, גאַליציע, רומעניע און פוילן האָבן דאָ לעגענדעס געשאַפן. און לע-גענדעס וועבן זיך וועגן ווייטשעפּלער רייכטום.

אין אַ זייטיק געסל, אין ווייטשעפּל, געפינט זיך דער פּראָ-פעסיאָנעלער פאַריין פון דאַמען-מאַנטלען-אַרבעטער.

כמעט דער איינציקער „אָרגאַניזירטער” פאַריין פון יידישע אַר-בעטער אין לאָנדאָן.

העכער פיר טויזנט מיטגלידער. אין אַן אַנדער פאַל וואָלט אַזאַ אָרגאַניזירטע אינסטיטוציע געקאָנט באַוויַיזן וווּנדער.

אָבער דער פאַריין איז נישט מער ווי אַ בערזע צו געפינען אַרבעט און... צו צאָלן מיטגלידס-שטייער.

און –

שפּילן אין דאָמינע.

אַן אייגענער בנין. גאָר אַ גרויסער. מיר קומען אַרויף—אָנגע־שמאָדערט, בלאָטיק און קאַזאַרמע-ריח. דער רויך פון ציגאַרעטן שטייט ווי אַ געדיכטער נעפּל, קיין פּנים נישט צו זען. מען הערט בלויז דאָס קלאַפּן פון די דאָמינעס, גלייך ווי צענדליקער שרייב־מאַשינען וואָלטן געאַרבעט.

ערגעץ אין אַ זייטיק צימערל שטייט די „קולטור״ פאַרשעמט און אויסגעלאַכט. אַ ביבליאָטעק-שענקל מיט אַן אויסגעשלאָגענער שויב, פאַרשטויבט. עטלעכע ביכלעך מיט צעפּרעסטע רוקנס און נאָכמער – אָן רוקנס, צעריסן און צעבונדן ווי נאָך אַ פּאָגראָם. שטייען זיי דאָרט, ווי אַ זכר פון גוטע צייטן... נאָר קיינער ווייסט שוין נישט פון די גוטע צייטן און זעלטן עמעץ געדענקט נאָך עפּעס וועגן זיי. קיין לייען-זאַל געפינט מען נישט און קיין צייטונג זעט מען פאַר די אויגן נישט אָן.

פרעג איך דעם באַאַמטן-סעקרעטאַר, אַ באַקאַנטער זשורנאַליסט י. ל. פּיין, וואָס איז פאָרט דער צוועק פון אייער פּראָפעסיאָנעלן פאַריין? ווייסט ער נישט וואָס צו ענטפערן. אַז קיין בעסערע באַ־דינגונגען, אַפילו עקאָנאָמישע, האָט מען אויך נישט אויסגעפּועלט. יעדער איינער שטרעבט צו ווערן אַ באַלעבעסל פאַר זיך... אַריינ־שטעלן אַ צוויי-דריי מאַשינען ערגעץ אין אַ קעלער, אָדער אין אַ געוועלבל, עקספּלאָאַטירן און אַליין ווערן עקספּלאָאַטירט – בינו-לבינו פאַלט ער אַרויס פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. און אַז עס גייט אים שלעכט אַלס באַלעבאָס, לאָזט ער שטיין די מאַשינען, קומט צוריק, פאַרשרייבט זיך אויפסניי אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און איז ווידער אַן „אָרגאַניזירטער״ אַרבעטער...

דערפון נעמט זיך, וואָס כּמעט יעדעס יאָר „קומען צו״ צום פּראָפעסיאָנעלן פאַריין עטלעכע הונדערט „נייע״ מיטגלידער. דאָס זענען די אויסגעשטראָכענע, אַוועקגעגאַנגענע, וואָס קערן זיך צוריק אין די אַרבעטער-רייען...

אויפן דריטן שטאָק פון דער אייגענער, האַלב-פאַרוואָרלאָזטער געביידע, געפינט זיך דער טעאַטער-זאַל. ערגעץ אַנדערש וואָלט אַזאַ

זאָל מיט אַ בינע, בענק און אַנדערע באַקוועמע איינריכטונגען גע־קאָנט שטאַרק אויסגענוצט ווערן לטובת דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון די פיר טויזנט מיטגלידער און זייערע משפחות. דאָ פוסטעוועט ער אָבער. די מיטגלידער דאַרפן קיין זאַך נישט צו האָבן. אַמאָל איז דאָ געווען אַ דראַמאַטישע סעקציע, אַמאָל האָט מען נאָך גע־האַט אַ קאָנצערט, אַן אָוונט, אַ רעפעראַט. איצט איז דאָס פון די פוסטע זאַכן, וואָס „אינטעליגענטלעך" טראַכטן אויס. צו דעם צוועק איז דאָ אַן „אַרבעטער־רינג", אַ „בן־אורי"־פאַריין, אַ פּאָר שרייבער, טאָ זאָלן זיי זיך פאַרנעמען דערמיט.

אַזוי שפּאַנט דער גייסטיקער עלנט איבער דער גרויסער גע־ביידע פון פראָפעסיאָנעלן פאַריין, ווו קאָמפּסלוסטיקייט האָט זיך פאַר־פלאָכטן אינעם שפּינוועבס, וואָס הענגט אַרונטער, ווי צעצויצעטע פלאָכטעס אין די ווינקלען פון די ווענט...

גייט מען אויף דעם „קולטור־אַדרעס" — דער „אַרבעטער־רינג" אין לאָנדאָן.

ווידער אַן אייגענער בנין. אַ נישקשהדיק־איינגעריכטער קלוב. אַביסל מער עסטעטיש און — קאַלט.

דער „אַרבעטער־רינג" ציילט עטלעכע טויזנט מיטגלידער אין בראַנטשעס. יעדער בראַנטש (צווייג) אַרבעט לויט דעם סיסטעם פון אויטאָנאָמיע.

יעדער צווייג האָט זיך ז ײ ן פּנים, זיין כאַראַקטער, זיין זין פאַר טעטיקייט און זיין קוק אויף קולטור.

נאָר —

קיין אַרבעטער זענען דאָרט כמעט נישטאָ. באַלעבאַטים, גע־וועזענע אַנאַרכיסטן, בונדיסטן אד"ג אַרבעטער פון טראַדיציע און אַלע מיט פאַריסענע נעז און מיט פּחד פאַר אַ ניי, פאַר אַ יונג, פאַר אַ פרישׂ לופטיק וואָרט.

דערביי — כסדרדיקע קאַמפן מיט די לינקערע קרייזן, אַ פאַר־לאַנג צו מאָנאָפּאָליזירן די געזעלשאַפטלעכקייט.

מען חלומט כּסדר צייטן, ווען דער אַרבעטער־רינג איז געווען טעטיק, טיכטיק און לעבעדיק־באַוועגלעך.

היינט זענען די פירער מאַט און מיד, וואָלט מען זיך גערן

אָפּגערוט, בתּנאי, אַז קיין אַנדערער זאָל נישט טון קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער. וואָרום די „אַנדערע" זענען יינגערע, נייערע, פּראָגרעסיווערע און קאַמפּס-לוסטיקערע.

איין נייע אינסטיטוציע איז, אונטערן דרוק פון דער צייט, יאָ געשאַפן געוואָרן.

א יידישע פאָלקסשול.

אין גאַנץ לאָנדאָן, אין „פאָלקסטימלעכן" ווייטשעפּל — א יי ן יידישע פאָלקסשול. מען לערנט דאָרט עטלעכע שעה אין דער וואָך! זונטיק נאָכמיטאָג!

וואָלטן פיל מיטגלידער פון אַרבעטער-רינג דאָס אויך געזען דערשטיקט.

עטלעכע עקשנים, מענטשן, וועמען די פאַרהאַרטעוועטקייט גרויקייט און איינגעשטאַנענקייט איז שוין צוגעטראָטן צום האַלז, האָבן מורא, אַז אין דער פאַרשטיקטער אַטמאָספער וועלן זיי אומקומען, קעמפן זיי פאַר דער שול און האָפן, אַז די עטלעכע צענדליק קינדער, וואָס קריגן יידיש-וועלטלעכע דערציונג אויפן שפּיץמעסער, וועלן אפשר מיט דער צייט אויפלעבן, אויפזינגען דאָס ליד, וואָס האָט אַמאָל, אמאָל אויך אין לאָנדאָן געקלונגען.

„בן-אורי"-קולטור-פאַריין.

א קולטור-קלוב מיט אַריסטאָקראַטישער באַנעמונג.

א יידיש בוך אין זיידענע טאַוולען. א גויש בוך אין א יידיש שיידל. יידישע מנורה-קולטור, חנוכּה-לעמפּל-קונסט, דיבוק- און גולם-קולט.

יחוס: ישראל זאַנגוויל איז געווען פון די גרינדער און פאַרזיצנדער.

גאַנץ אָפט קומען דאָרט פאַר אויסשטעלונגען פון יידישע מאָלער. דער קלוב אַליין לאָזט זיך קאָסטן און קויפט בילדער פון יידישע מאָלער אויף גוישע טעמעס און פון גוישע קינסטלער — מיט יידישן אינהאַלט.

די מיטגלידער זענען אָנגעשטעקט מיט דער „גוישער גאַס", נאָר קומען דאָ אָהער זיך אויסלעבן, נאָך אביסל גייסטיקן טשאָלנט,

אָט, ווי דער אַלרייטניק קומט אַראָפּ אין ווייטשעפּל נאָך געהאַקטע לעבער, שמאַלץ-הערינג, קישקע און מייערן-צימעס.

דער „בן-אורי"-קלוב געפינט זיך אין צענטער פון יידישן גע-טאָ — אַרום ווייטשעפּל, אין לאָקאַל פון יידישן עמיגראַנטן-הויז — דער „שעלטער".

דאָס איז אַן אינסטיטוציע פון „בעסערן טאָן". קולטור אויף געוועקסטע דילן.

„בן-אורי" לאָזט פונדעסטוועגן נישט דורך קיין געלעגנהייט פון פייערן ליטעראַרישע געשעענישן, און קינסטלער, וואָס באַזוכן לאָנ-דאָן, — זענען די געסט פון דעם קלוב.

אָבער פון „אַראָפּלאָזן" זיך צו דער מאַסע, וועקן די קולטור-נייגעריקייט אויף דער יידישער גאַס — דאָס נישט.

דער „בן-אורי"-קולטור-פאַריין איז פאַר יחידים, פאַר אייגן אויסלעבן זיך. ס'איז נאָר בלויז אַ פראַגע, צי זענען די יחידים שוין צופרידן מיט זייער אייגענער געזעטיקטקייט?

דראַנג פון קולטור איז ווי דראַנג פון טאַלאַנט: נישט האַלטן פאַר זיך, אין זיך. אַרויסדרינגען, באַ-העפטן זיך מיט יענעמס געדאַנק. אָנשלאָגן זיך אין יענעמס טראַכטן.

מאַסן-קולטור איז די אמתע קולטור.

פאַראַן אין לאָנדאָן אַן אַ שיעור „געזעלשאַפטן", לאַנדסלייט-פאַריינען, צדקה-חברות, שולן — אַ זומפּיקער טייך מיט אָנגעוואַקסן געמויזעכץ. איך האָב וועגן דעם נישט בדעה צו שרייבן און עס אינטערעסירט נישט אויך, הגם, צוליב אַ ספּעציעלן געוויקס, אַ ווילד-גראָז, האָב איך באַזוכט און זיך באַקענט מיט איין אינסטיטוציע, אַ כמעט פילאַנטראָפּישע, וואָס שיידט זיך אונטער פון אַנדערע צוליב איר סאָציאַלן באַטייט. וועגן דעם — עטלעכע ווערטער:

אונטער דעם נאָמען „יידישער שעלטער" האַלט זיך אויף אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט אַמאָל אַ גרויסע ראָל געשפּילט אין דער צייט, ווען דער יידישער עמיגראַציע-שטראָם האָט זיך געצויגן איבער ווייטע לענדער.

דער „שעלטער" איז אַמאָל געווען דער ערשטער אָזיס פאַר

די וואַנדערנדיקע, דאָס ערשטע אָפּרו-אָרט. די ערשטע פריינדלעכע האַנט האָט זיך דאָ געשטרעקט. אַ מאָלצייט, אַ נאַכטלעגער, אַ ביסל הילף און אַ בינטל עצות האָבן דעם וואַנדערער באַגלייט צו דער שיף, וואָס האָט זיך געלאָזט שווימען קיין צפון-אַמעריקע און קאַנאַדע, קיין דרום — אַרגענטינע און בראַזיל, און קיין אויסטראַליע און אַפריקע.

און פאַר די, וואָס האָבן געוואָלט דאָ בלייבן, האָט מען זיך באַמיט און זיי איינגעגעסט.

איצט איז די לאַגע אַנדערש. דאָס גרויסע הויז קוקט זיך די אויגן אויס נאָך אַ בינטל עמיגראַנטן. יעדע וואָך, אָדער יעדע צווייטע וואָך פאָרט פאַרביי אַ גרופּע, וואָס פאָרט קיין אַפריקע און צום מיינסטן קיין אַרגענטינע. שיקט מען שליחים זיי אָפּוואַרטן, זיי זאַט מאַכן און אויסרוען.

דער „שעלטער" איז די יורידישע אינסטיטוציע פאַר די צעטומלטע וואַנדערער, וואָס קאָנען זיך נישט אויספּלאָנטערן אין דער נעץ פון פּאַפּירן, דאָקומענטן און געזעצן.

צימערן ריינע; בעטן — ווייסע, קלאָרע און ציכטיקע. עס-צימערן, וואַש-צימערן און אַ צימער פאַר געזעלשאַפטלעכער אונטערהאַלטונג — דאָס איז אָנגעגרייט פאַר די דורכרייזנדיקע.

אַמאָל, ווען די עמיגראַציע האָט געבליט, און ווען עמיגראַנטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויך אין לאָנדאָן, האָט מען פאַר זיי וואַרשטאַטן איינגעאָרדנט, אַרבעט אויסגעפונען. איצט וואַרגט מען זיך מיטן געזעץ. ענגלאַנד ציטערט פאַר אַן איבעריקן טאָג, וואָס דער פרעמדער בלייבט, און טאָמער בלייבט עמעץ, מוז אים שוין דער „שעלטער" נעמען אונטער זיין שוץ, און זען, אַז קיין אַרבעט זאָל ער נישט קריגן, אַז פאַרדינען זיך זיין ברויט זאָל ער נישט מיט דער מי פון זיינע הענט, נאָר לעבן פון חסד, פון פילאַנטראָפּיע.

און אַזעלכע זענען דאָ אַ סך. אָפּגעשטעלטע צוליב סיבות; דאָקומענטן און קראַנקהייטן.

און ווען עס קומען אָן פאַרטיעס פון פוילן און ליטע, ווערט דאָס קליינע געסל, ווו דער „שעלטער" געפינט זיך, באַלעבט, אַז די טראָטואַרן זינגען אַזש מיט יוגנט און לעבעדיקייט. די פירער פון „שעלטער" שטוינען. צו אַזאַ מין עמיגראַנט זענען זיי גאָרנישט געוווינט. תמיד איז דער איבערוואַנדערער געווען אַ דערשלאָגענער, אַ

פאַרחושכטער, האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן, און פאַר דעם „פריצס קוק״ זיך געשראָקן. איצט פאָרט אַ באַוווסטזיניקע יוגנט, אינטעליגענט און אויסגעבילדעט, און מקנא איז מען די ווייטע לענדער, וווּהין אַזאַ שטראָם שטראָמט אַריין. ניי בלוט, מונטערער צופלוס, ליכטיקע יוגנט, און קומען קומען זיי פון פאַרפינצטערטע לענדער און צעבראָכענע שטעטלעך. און דאָך, אַזאַ יידיש, אַזאַ באַוווסטזיניקייט. מען רעדט מיט זיי וועגן שרייבער און ווערק און וועגן אַלע ווייסט מען און וועגן אַלץ האָט מען אַן אָנזונג.

און דאָ, לאָנדאָן — אַן איינגעצערטע זקנה, וואָס איז אפילו אין דער יוגנט נישט שיין געווען.

נאָך אַ טיפ פון עמיגראַנטן „ציען״ זיך דורך דעם יידישן שעלטער. דאָס זענען די... נישט־יידן.

ס׳רוב פון זיי: פּאָליאַקן און אוקראַאינער פון פוילן. אויך זיי וואַנדערן אויס מאַסנווייז. די רעגירונג און ספּעציעלע אינסטיטוציעס נעמען אַ טיכטיקן אָנטייל אין זייער אויסוואַנדערונג. מען קריגט פאַר זיי אַריינפאָר־דערלויבענישן. מען קריגט פאַר זיי ערד אין פּאַראַנאַ פון בראַזיל, אין פּאַראַגוויי. מען העלפט זיי מיט הוצאות, אַלץ ביז... גדיניע. ביז מען זעצט זיי אַרויף אויף דער קליינער שיף קיין לאָנדאָן.

ווייטער זענען זיי שוין ווי הפקר. זייער לאַגע איז מענטשלעך פיל טראַגישער, ווי ביי יידן. אַ ייד איז „אומעטום אין דער היים״. די נישט־יידן, ביי זייער ערשטער אַרויסוואַנדערונג, פילן זיך פאַרלוירן און פאַרפרעמדט. טוליען זיי זיך טאַקע צו יידן, האַלטן זיך אָן מיט זייערע בליקן אויפן יידס טריט, און האָבן זיי מורא צו פאַרלירן פון אויג... דאָ, אין „שעלטער״, ווערן זיי אויפגענומען דורך די פאַרוואַלטער צוגלייך ווי יידן. די ענגלישע טאָלעראַנץ האָט אויך אויף די יידישע אינסטיטוציעס אַרויפגעלייגט איר חותם. צווישן אַ פּאַרטיע יידישע עמיגראַנטן געפינען זיך תמיד עטלעכע נישט־יידן, און אַמאָל טאַקע אַ גאַנץ גרויסע צאָל נישט־יידן. דאָ, אין דער פרעמד, אין זייער גורל, דערפילן זיי גיכער די נאָענטקייט פון ייד. אַלע מעשיות, וואָס מען האָט אין זייערע מוחות דורכן גלח, אָדער „אינטעליגענט״, דעם לערער און שרייבער פון דאָרף איינגעפלאַנצט

וועגן שרעק און פחד, וועגן טייוולאָנישקייט פון ייד, ווערן דאָ צערונען.

אין לאָנדאָן זענען פאַראַן עטלעכע באַקאַנטע יידישע שרייבער. נישט מחמת עס איז אַ „צענטער" און נישט צוליב עפּעס אַ באַזונדערן קינסטלערישן גייסט. אַ צופאַל, אָדער אַן אויסוואַל.

צווישן די באַקאַנטע:

דער עסייאיסט לעאָ קעניג. דער איבערזעצער פון תּלמוד ד"ר מאיר זאַלקינד. דער דיכטער און מיסטיקער מנשה עובד. דער יונ־גער דערציילער י. ליסקי־פוקס. די דיכטערין מלכּה לאָקער און נאָך אייניקע, וואָס אַרבעטן מיט אין דער יידישער טאָג־צייטונג „די צייט".

איך ברענג נישט די נעמען דאָ סתּם, אָן אַ כּוונה, נאָר כּדי צו אילוסטרירן, אַז אָט די אַלע פערזענלעכקייטן האַלטן אין זיך זייער טאַלענט, און די מיסיע פון טאַלענט אויך אין זיך, און באַמיען זיך נישט צו שאַפן אין לאָנדאָן אַ צענטער, אַ גייסטיקן צענטער, וואָס זאָל זיי באַלייכטן, און די באַלייכטונג זאָל זיך אויס־שפּרייטן איבער דער יידישער גאַס.

מען האָט זיך אָפּגעשלאָסן נישט ווי פּרושים, נאָר ווי הויך פענצטערדיקע. גלייך מיט אַ שטאַפּל העכער פון ווייטשעפּל, איז מען מיט אַ שטאָק נידעריקער צום „פּאַרנאַס".

אַלע, מיטן אויסנאַם פון דר. זאַלקינד און יונגן ליסקי־פוקס, זענען אַנטלאָפן פון יידישן געטאָ, ווי דאָס וואָלט געווען זייער איי־גענע שאַנד. מען האָט זיך איינגענעסט אין די קאַפע־הייזער פון לעבן בריטישן מוזיי. מען קיבעצט און מען קרעכצט, וואָס דער גורל האָט פאַרוואָרפן אין דער קאַלטער מעטראָפּאָליע. נישטאָ קיין סביבה און נישטאָ קיין אינטערעס.

אויף אַ באַנקעט לכּבוד מיר, האָבן אָט די אַלע זייערע קרעכצן אויסגעזונגען, ווי דעמאָנסטראַטיוו.

אַ דעמאָנסטראַציע פון אונטערגאַנג.

יעדער איינער האָט געהאַט אַן עלעגיע צו זינגען. לאָנדאָן איז טויט! לאָנדאָן איז קאַלט. נישטאָ קיין אוידיענץ, נישט קיין טרייב־ווילן און — נישטאָ קיין יידישע מאַסע.

דער רוב מנין וויל נישט און דאַרף נישט קיין יידישע קולטור.

ער האָט זיך זיינע אייגענע אויסלעבונגען. אַ רב, אַ מקוה און — פערד-געיעגן.

דער אַרבעטער איז אויך אַזוי געוואָרן.

ווי-זשע זאָל מען גיין און אויף וועמען זיך אָריענטירן?

דאָך, ווען אָט די אויסגערעכנטע און נישט אויסגערעכנטע שרייבער וואָלטן אויף אַ רגע אין זייער גרויסקייט פאַרגעסן און איינגעזען, אַז אינטערעס קאָן מען וועקן, און אַז דער יידישער שרייבער אין אַזעלכע לענדער, ווו די אָפּגעשטאַנענקייט איז אַ שטיק טויטער גליווער, און מיט מי קאָן מען דאָך דעם טויטן ליים אויך אַ ריר טון, וואָלטן זיי צוגלייך מיטן בוך אויך געשלאָגן טשווע-קעס אין ברעטער פאַר אַ שאַנק פאַרן בוך. צוגלייך מיטן קינדער-ליד—אויך געשאַפן בענק פאַר אַ קינדער-שול. אַזוי וואָס? צי איז כאָטש איינער פון די יידישע שרייבער געווען אין דער איינציקער פאָלקס-שול פון אַרבעטער-רינג, דער אָנהויב פון אַ פאָלקסשול?

האָט איינער צוגעלייגט אָדער לייגט צו אַ האַנט עפּעס ממשות-דיקס צו באַשאַפן, און דאָס איז פון גלייכגילטיקייט זאָל זיך רירן? אויב עס קומט אויס צו לעבן אויף אַן אינזל, מוז מען דעם אינזל קולטיווירן.

און — ווער עס גלויבט אין כוח פון יידישן שאַפן, מוז אויך גלויבן אין נישט-אויסגעוועפּטן אָדער אַטראָפירטן כוח, וואָס איז פאַרבאָרגן אין די מאַסן.

יידישע שפּראַך פאַרטראָגט נישט קיין מליצה, און אין דער טי-פּעניש פון יידישן לעבן פאַרטראָגט מען נישט קיין אַריסטאָקראַ-טישקייט.

■■■■

דאָס טויער פון לאָנדאָן

נישט ווייט פון דער „סיטי"—דאָס אַלטע לאָנדאָן, דאָס האַרץ פון דער איצטיקער וועלט-שטאָט, געפינט זיך די באַרימטע פעסטונג „דאָס טויער פון לאָנדאָן". איבערטרעטנדיק די גרענעץ פון יענעם טויער, פאַרגעסט מען דעם אייגענעם שייכות צו דער איצטיקער, מאָ-דערנער צייט און מ'דערזעט זיך ווי איינגעקנאָטן אין דער מיטל-

אַלטערלעכער עפּאָכע. אַלץ איז געבליבן דאָרט אַזוי ווי מיט הונדער־טער, הונדערטער יאָרן צוריק — גרוי און פאַרשטיינערט. איבער דעם טויער פון דער פעסטונג רייסן זיך קאַפּויער טורעמס און משופּעדיקע דעכלעך, און די ווענטער אין דער הלבשה, ווי די געוועזענע לייב-גוואַרדיעס פון אַלטע קעניגן און פירשטן, מיט די נידעריקע קאַפּע-ליושן און רויט-באַזיימטע מונדירן, וואָס זענען ענלעך צו קליידלעך, דרייען זיך אַרום דאָ און צוזאַמען מיט זיי—דעם קעניגס לייב-היטער—מיליטער. שטאַרק הויכע זעלנער, גלייכע און שטייפע, אַז די ביקסן אויף זייערע אַקסלען זעען אויס קורץ... די קוטשמעס אין די אויגן אַריין, מיט רויטע רעקלעך געשנורט און געקייטלט. זיי דרייען זיך אַרום, ווי פאַרזונקען אין דער ערנסטקייט פון זייערע אייגענע טריט, וואָס ווערן אָנגעציילט און אויסגעשפּאַנט לויט אַ מספּר און אַ ריטם. דאָס אַלץ טראָגט דיך אַוועק, אַוועק צוריק, ווייט הינטער זיך, מיט יאָרהונדערטער. און אַלץ וואָס מען זעט און מען באַגעגנט אינעווייניק, אין דער פעסטונג, וואָס הייסט „דאָס טויער פון לאָנדאָן", ווערט פאַרשטענדלעך, נאַטירלעך.

דאָס ערשטע, וואָס מען ווייזט, איז דאָס צ י ר ו נ ג ס-ה ו י ז. דורך אַ קעלער-טיר און שמאָלער הייל-דורכגאַנג, ווו מ'שמעקט זיך אָן מיט פייכטקייט און שימל, קומט מען אַריין אין אַ גרויס צימער, ווו פאַרן אויג גיט אַ בלענד אַן אָנגעצונדענער בראַנד פון אַ ברי-ליאַנטענער פייער-שפּיל. אין מיטן צימער, אונטער שטאָלענע קראַטן-שטאַנגען, ליגט, ווי אין אַן אויסשטעלונגס-פענסטער פון אַ רייך יו-בילע-געשעפט, די רייכקייט פון ענגלאַנד און אפשר פון דער גאַנצער וועלט. די קרוינען, סצעפּטערס און קאָראָנאַציע-סיגנעטן פון אַלע קעניגן אין ענגלאַנד ביז צום היינטיקן דזשאָרדזש דעם 5-טן און אַפילו די גאָלדענע קרוין פון קרוינפּרינץ, פּרינץ פון אועלס.

די קרוינען זענען באַזעצט פון לויטער איידלשטיינער, ברי-ליאַנטן און רובינען. יעדע קרוין, לויט אַן אייגנאַרטיקן געשמאַק און לויט דער מאָדע פון יענער עפּאָכע. און אַ סימפאָניע פון פאַרבן שפּילט פון דאָרט און גיסט זיך ווי מיט כישוף-פייערן אין אויג אַריין. בלענדן, נאָר ברענען נישט. פלאַקערן און גלעטן דעם בליק. און עס דוכט זיך, ווי יעדער איידלשטיין רעדט מיט גאווה וועגן ענגלישן רייכטום, וועגן מאַכט און שטאַרקייט. אוו אַרום די קרוינען און סצעפּ-טערס, קאָראָנאַציע-רינגען, ליגן די גאָלדענע שווערדן פון מלך, מיט

וועלכע מען האָט פעלקער באַזיגט און לענדער איינגענומען. איצט רוען זיי אונטער גלאָז און קראַטן אין דעם שאַץ־קאַמער פון לאָנדאָנער פעסטונגס־מויער. איצט זענען שוין דאָ פאַראַן אַנדערע כּלי־זיין: האַרמאַטן און שראַפּנעלן. איצט דינען זיי, די שווערדן, נישט מער ווי אַלס דעקאָראַציע. פּונקט ווי דער קעניג אַליין און זיין סוויטע...

דאָס צירונגס־הויז איז אַמאָל געווען די תּפיסה, ווו עס פלעגן געהאַלטן ווערן די בוגדים פון קעניג. מען גייט דורך די ווינקעלעך, און די שטיינער־אויסקריצונגען דערציילן: דאָ אויף דעם אָרט איז אומגעקומען, געשטאָרבן, אָדער געקעפּט געוואָרן דער און דער מלך אָדער מלכּה, פּרינץ אָדער פּרינצעס־ין, שני־למלך אָדער הויף־האַר.

פון צירונג־הויז ציען זיך ווייטער וועגן געהיימע, טונקעלע, שמאָלע, צווישן פייכטע ווענט נידעריק־געוועלבט. אָט איז דאָס מאַטער־שטיבל, ווו מ'פלעגט די געפאַנגענע בוגדים פּייניקן, און אָט איז דאָס עקזעקוציע־הויז, ווו קעפּ פלעגן פליען. די גילאָטינעס און די העק שטייען אַזוי ווי שווייגנדיקע עדות, און אַז מען פאַרמאַכט די אויגן, דוכט זיך, ווי דער תּלין מיט דער שטאָלערנער שפּיציקער מיץ און פאַרהאָנגענע אויגן שטייט נאָך, און אויב ער אַליין שטייט נישט דאָ, דוכט זיך, ווי דער שאָטן פון זיין אויפגעהויבענער האַנט לויערט נאָך אויף די ווענט, ווי אַן אַריינגעקריצט בילד אין די קאַלטע שטיינער. און ריח פון בלוט שפּאַרט זיך אין דער פאַרדעמפּטקייט צו דער נאָז.

און אָט איז דער ווייסער טורעם, דאָס געווער־הויז פון ענגלאַנד. איצט איז עס אַ מוזיי פון פאַרצייטיקע קריגס־מכשירים. און מען וווּנדערט זיך שוין נישט, פונוואַנען האָט אַזאַ קליין פאָלק אַזוי שטאַרק אויסגעשטרעקט איר אָרעם, קאָנטינענטן צו פאַרטיליקן. מיט וועלכן כּוח האָט דאָס קליינע אינזל — דאָס איצטיקע ענגלאַנד, זוכה געווען לענדער צו פאַרכאַפּן און פעלקער אונטערטעניק צו מאַכן? דאָ זעט מען עס, ווי מלחמה איז געווען דער העכסטער באַגער זייערער, און כּלי־זין — דאָס שענסטע צירונג־שטיק. דאָ זעט מען, ווי דער פּרימיטיווער אָרט כּלי־זין — דער פיילנבויגן — איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיק קונסט, אין גראַווירונג, און די שפּעטערדיקע ביקס און רעוואָלווער איז פון די פיינסטע אויסשניצונג מיט מיזאַמקייט, געדולד און ליבע געמאַכט געוואָרן.

„דאָס טויער פון לאָנדאָן" ציט צו זיך טויזנטער באַזוכער יעדן טאָג פון דער פרעמד און פון לאַנד. דער ענגלענדער איז פּראַקטיש. ביי אים גייט צערעמאָניע מיט „ביזנעס". און דאָס „טויער" איז אַ גאַנץ פיין געשעפט. פון די עטלעכע מטבעות, וואָס די באַזוכער צאָלן אָפּ פאַר אַריינגיין, קאָן מען שוין באַלד אויסהאַלטן אַן אַרמיי; יעדנפאַלס די אַרמיי, וואָס איז נויטיק צו צערעמאָנירן דעם טויער-פעסטונג גופא. און דער עולם קומט און צאָלט און האָט הנאה. דער פרעמדער שטוינט און דער אייגענער באַוואונדערט. יעדער ענגלענדער ווערט אָנגעגאָסן מיט שטאָלץ און גלייכצייטיק מיט פּאַטריאָטישקייט אויף דעם, וואָס דאָס אַלץ איז זיין. זיין געשיכטע און די זאַכלעכע אילוסטראַציעס פון זיין געשיכטע. ער איז צופרידן מיט דער „דעמאָקראַטישקייט" פון זיינע מאַכטהאָבער, וואָס מען גיט אים די געלעגנהייט פאַר עטלעכע פעניס אָנצוטרינקען זיינע אויגן מיט די בראַנד-פאַרבן פון די קעניגלעכע קרוינען. און ער איז צופרידן בכלל, וואָס די קרוין פון מלך ליגט נישט ערגעץ דאָרט, אין באַקינגהער-פּאַלאַץ נאָר דאָ, אין שלאָס, אין פאָלקס-מוזיי. דערמיט מיינט ער, אַז ער, נאָר ער, דער „דזשאָן ביל", דער פאָלקס-מענטש, איז דער אמתער באַלעבאָס אויף דער קרוין, און אַז דער קעניג דאַרף די קרוין אָנטון, מוז מען קומען אָט דאָ אַהער, „צום פאָלק", און זי אויסבאָרגן אויף אַ רגע, אויף אַ שעה, אויף אַ טאָג...

און „דזשאָן ביל" — דאָס פאָלק, שטייט אויף די טורעם-דעכלעך פון לאָנדאָנער טויער און ווענדט זיין בליק ווייט, ווייט צו די וואַסערן, וואָס גאַרטלען אַרום לאָנדאָן.

■■■■

דער פּאַרלאַמענט

וועסטמינסטער איז אין לאָנדאָן דער שטאָט-טייל, ווו די אַריסטאָקראַטיע און פּאָליטיקער האָבן זיך איינגענעסט.

אין וועסטמינסטער געפינט זיך דער פּאַרלאַמענט, די „עבי", דער פּאַנטעאָן פון די געשטאָרבענע קעניגן און לאָרדן, דעם קעניגס פּאַלאַץ, דער באַרימטער פּיקאַדילי-בולוואַר און טראַפאַלגאַ-סקווער.

די בנינים פון פּאַרלאַמענט שטייען לענגאויס דער טעמזע,

פון דער טייך וואַשט די גרויסע פונדאַמענטן און ווינקל־שטיינער טאָג און נאַכט אַזוי. די גאָטישע אַרכיטעקטור אין לאַנגע, געוועלבּ־טע קירכן־פענצטער קוקן קאַפּויער צו די פאַרכמורעטע הימלען פול מיט ווירדע, זיכערקייט און פעסטקייט. דער וועסטמינסטער־זייגער, וואָס זיצט מאַסיוו אין פאַרלאַמענט־טורעם, רייסט זיך דורך מיט די פייערדיקע ציפערן דורך די אייביקע נעפּלען, וואָס הילן איין לאָנדאָן. דער גרעסטער זייגער אין דער וועלט. די ענגלענדער שטאָל־צירן מיט זיין פּינקטלעכקייט און זיי מיינען אויפריכטיק, אַז די זון און די פּלאַנעטן באַוועגן זיך לויט דער פּינקטלעכקייט פון אָט דעם זייגער...

באַנקעט ווי אין „טויער פון לאָנדאָן", אַזוי אויך דאָ, אויף דעם פּלאַץ אַרום פאַרלאַמענט, ווייעט טיט אַלטקייט, מיט סימבּאָל פון הערשאַפט און מאַכט. יאָר־יערלעך קומען צוזער אין די טויזנטער קינדער פון די ווייטע מזרח־פעלקער, פון דרום און צפון־לענדער, ווו די ענגלישע פאָן פלאַטערט, און דער „לייב" הויזט ביי די גרענעצן, פון קאָלאָניעס און דאָמיניעס, קומען זיי אָנקוקן די גרויסקייט פון זייער שטיפמוטער־לאַנד — ענגלאַנד. זיי פאָרשן, פון וואַנען קומט עס די מאַכט? פון וואַנען גייען אַרויס די געזעצן?

קאָן זיין, אַז פאַר אָט־אָ־די, אָדער פאַר די טויזנטער סטודענטן שוואַרץ־ און ברוין־הויטיקע, האָט מען דעם פאַרלאַמענט געבויט, ווי אַ פעסטונג און אַ קירכע צוזאַמען: זאָלן זיי זען, די קינדער פון די באַהערשטע, ווי שטאַרק און מעכטיק עס איז דאָס „מוטערלאַנד", און ווי ריזיק עס איז דער געבוי, ווו געזעץ ווערט פאַרגרונטפעסטיקט.

אינעווייניק זענען דאָ זאַלן פאַרן לאָרדן־הויז און פאַרן קאָנ־גרעס. חוץ דעם — אַ זאַל, ווו עס שטייט דעם קעניגס גאָלדענע שטול. דאָרט קומט ער, דער קעניג, צו דער דערעפענונג פון פאַר־לאַמענט. אויך אין לאָרדן־הויז, אַ מין סענאַט, ווו די סענאַטאָרן ווערן נישט געוויילט, נאָר באַשטימט פון קעניג און אויף אייביק, קומט דער קעניג און די קעניגין און זעצן זיך אויף די גאָלדענע טראָן־שטולן. נאָר קיינמאָל קומט נישט דער קעניג אין פאַרלאַמענט צווישן די דעפּוטאַטן, צו די פאַקטישע רעגירער פון לאַנד, צו די אויסדערוויילטע פון פאָלק. די דעפּוטאַטן פאַרלאַנגען דאָס גאָרנישט; נישט פאַר זיי דער כבוד. יעדער איינער אין ענגלאַנד בויגט זיך פאַר דעם קלאַסן־אונטערשיד און האַלט אים אויף, ווי אַ טייער

איבערבלייבעכץ פון אַמאָליקע צייטן: דער ענגלענדער, וואָס איז דורך און דורך קאָנסערוואַטיוו, רעספּעקטירט אַט די פאַנאַנדערטיילונג פון קלאַסן, אַפילו דעמאָלט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן כבוד.

אָן אַ שיעור רייכקייט דעקט צו די ווענט. גאָלד־געזימסן און טייערע געמעלן, ווערק פון פּענזל־מייסטער און גרויסע מאָלער שטעלן פאַר פאַרשידענע סצענעס און עפּיזאָדן פון היסטאָרישע עפּאָכן, וואָס האָבן צוטון מיט קעניגן, הויף־מעשיות און מלחמות. דער זיצונג־זאַל אַליין איז געדעמפּט, די טאָג־ליכט רייסט זיך קוים דורך דורך די פאַרביקע קליינע שויבעלעך; און אונטער די געמעלן, אין די ווינקלען, ליגן אייביקע שאָטנס, שאָטנס פון דורות און צייטן.

דעם פאַרלאַמענטס זיצונג־זאַל איז פּשוט, נישט באַקוועם. לעדערנע געזעסן אויף גלייכע בענק, ווי אין באַן־וואַגאָנען, אָדער גאַלעריעס אין אַלטע טעאַטערן. הויך, טונקל און אַלט. די אַלטקייט דערגייט אין ענגלאַנד צו אַ קולט, צו אַן עבודה זרה, אַ געצנדינסט, אַ פאַרהערלעכונג — אַ סימבאָל. אין פאַרלאַמענט איז עס שטאַרק קענטלעך, מען קוקט אָוועק די אייגענע אומבאַקוועמלעכקייט; פון דאַנען וועט מען זיך נישט רירן...

אויפן טיש לעבן פאָרזיצער, צוגלייך מיט דער „ביבל", ליגט אויך דער גאָלדענער „שטעקן" — דער פאַרלאַמענט סצעפּטער. אָן דעם דאָזיקן שטעקן איז דער פאַרלאַמענט קיין פאַרלאַמענט נישט, קיין געזעצן קאָנען נישט אָנגענומען ווערן, און די אָנגענומענע האָבן קיין האַפט נישט.

אַ פאָלק, וואָס פירט אַזאַ רעאַל־פּאָליטיק, וואָס פאַרמאָגט אַזוי פיל פּראַקטישקייט און קאַלטע איבערגעלעגנטקייט. קאָן זיך אַזוי שפּילן, אַזוי קינדעריש שפּילן.

בעת מאַקדאָנאַלדס אַרבעטער־רעגירונג האָט עס פּאַסירט: איינער פון די יונגע דעפּוטאַטן, וועלנדיק, אַז אַ געזעץ, וועלכן מ'האָט געהאַלטן אין אָפּשטימען, זאָל נישט דורכגיין, האָט זיך אויף אַ גרויס העלדישקייט פאַרמאָסטן, ער האָט אַוועקגעכאַפּט דעם „סצעפּטער", וואָס איז פאַר דעם פאַרלאַמענט־פאָרזיצער געלעגן, און אויס קאַפּעלויש־מאַכער איז דער גאַנצער פאַרלאַמענט!...

אמת, דער יונגער דעפּוטאַט האָט ריזיקירט מיט זיין לעבן. לויטן געזעץ מעג דער פאַרלאַמענט וועכטער, וואָס זיצט ביים אַריינגאַנג אין זיצונגס־זאַל אין אַ ספּעציעל ביידעלע, שיסן אָדער שטעכן

יעדן איינעם, וואָס באַלייריקט די „מאַכט״ פון פּאַרלאַמענט, דערמיט, וואָס ער כאַפּט אויס די „געטשקע״ — דעם גילדענעם שטעקן...

ווי אין „טויער פון לאָנדאָן״, ווי אויף אַלע אַלטע טויערן און בנינים פון דער אַלטער ריזיקער שטאָט, ווי אין די געריכטס-הייזער, שלעסער און פּאַלאַצן, אַזוי דאָ, אין פּאַרלאַמענט-בנין, דערציילט יע־דער שטיין און קאָנטור בלעטלעך הערלישע געשיכטע. געשיכטע. געשיכטע! דאָס דאָזיקע וואָרט ליגט אַזוי טיף איינגעקריצט אין יעדן שטיין און ווינקל. די קעלערן און היילן אונטער דער ערד, וואָס פירן פון איין פליגל צום אַנדערן, דערציילן געשיכטע. טרעטסטו אויף אַ שטיין, פון אַ באַהאַלטענעם דינעם רעפלעקטאָר פאַלט אַ שיין, ווי די זון וואָלט זיך דורכגעריסן דורך דיקע, עמבער-שויבן, און באַ־לייכט אַן אויפשריפט, וואָס זעט זיך קוים אָן אונטער דיינע פיס, דערציילט עס דיר, אַז אויף דעם אָרט, וווּ דו שטייסט איצט. וווּ דו טרעטסט איצט, איז געשטאַנען דער און דער העלד פאַר אַ טריבו־נאַל פון שונא און איז געמשפּט געוואָרן!

ווי אַ קייט פון קאַטעדראַלן, שלאָס-פעסטונגען, גרוי און גאָלד, מעשהלע און וואָר, ציען זיך די בנינים פון פּאַרלאַמענט און מיט די גאָטישע טורם-שפּיצן טייטלען זיי, ווי מיט פאַנטאַסטישע פינגער, אין דער וועלט אַריין דעם צייכן פון אַ גרויסער, אומבאַ־יגבאַרער אימפּעריע.

■■■■

דער פּאַנטעאָן

די וועסטמינסטער „עבי״ שטעלט מיט זיך פאָר דעם גרעסטן קבר, וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געהאַט.

געבויט נאָך אין דרייצנטן יאָרהונדערט, איז דאָרט ביזן היינ־טיקן טאָג קאָנסערווירט געוואָרן די גאַנצע געשיכטע פון ענגלאַנד אין... טויטע מענטשלעכע ביינער.

די „עבי״ איז דאָס קברים-הויז פאַר די אויבערשטע ריטער פון ענגלישן פאָלק. דאָס איז נישט קיין בית-עולם אויף פרייען פעלד, אויף בערג אָדער אין פעלזן. אַ בית-עולם אונטער אַ דאַך, אונטער גראַניט, ציגל, שטיינער און מאַרמאָר.

אין דרויסן איז עס ווי אַ קאַטעדראַל, און אינעווייניק איז עס פּתום ורעמסס פון קונסט. מען קאָן זיך קוים פאָרשטעלן, ווי ווייט, ווי טיף די מענטשלעכע, די אַרכיטעקטאָנישע השגה איז צו יענער צייט געווען, נישט מען דאַרף באַוווּנדערן די אומדערשעפּלעכע פאַנטאַזיע פון די, וואָס האָבן די „עבּי” געבויט, נאָר ס'איז אוממעגלעך צו באַגרייפן אויך די ווערק, וואָס מענטשלעכע הענט האָבן געמאַכט און אויסגעפּאַרטיקט.

די „עבּי” איז אינעווייניק הויך, שטאָקן־הויך; און מען דאַרף שטאַרק פאַרדייסן דעם קאָפּ צו דערכאַפּן די הויכקייט פון סופיט, און ערשט דאָ שניידט זיך אַריין אין בליק דאָס גרויסע ווונדער פון אַ סימפאָניע. געטע, בעת ער האָט באַזוכט די „עבּי”, האָט געזאָגט און צום טרעפלעכסטן זיך אויסגעדריקט: דער סופיט, אָדער די סופיטן אין דער „עבּי” איז „פאַרגליווערטע מוזיק”! אַנדערש קאָן מען דאָס נישט אָנרופן. די סופיטן, וואָס ציען זיך ווי איבער שמאָלע קאָרידאָרן פון מאָנאַסטירן, זענען ווי געשפּונען פון שטיין־פעדים, שטיין־פעדים, שטיין־געוועבן, אַזוי דין, אַזוי כּמעט דורכזיכטיק, און דערבּיי אַזוי בולט.

אינעווייניק איז יעדעס ווינקל, יעדער שטיין, ווו דו זיצסט אָדער טרעטסט — קבר. פאַרשטייט זיך, אַז די הונדערטער אומגעקומענע האַנט־קינסטלער, וואָס האָבן געוועלבט אָט די סופיטן, געקריצט די ווינקל־שטיינער, געשליפן דעם טייערן גלאָז פאַר די פענצטער, געצירט די טירן, געפאָרמט די קאָלומנעס, און וואָס זענען אומגעקומען ביי דער ארבעט דאָ, — זייערע ביינער ליגן נישט דאָ, און זייערע נעמען זענען נישט אויסגעקריצט אויף די שטיין־טאָוולען. פונקט ווי עס ווערט נישט דערמאָנט דער נאָמען פון די אַלע אומגעקומענע אויף די ים־שלאַכטן און ביי די טויער־געפעכטן — די פּשוטע זעלנער, אַרום די גרענעצן פון לאָנדאָן... דאָס פאָדערט קיינער נישט. איצט איז גענוג, אַז דאָרט, אין דער „עבּי” ליגט דער „אומבאַקאַנטער זעלנער”, וואָס מען האָט אים געבראַכט פון שלאַכטפעלד, און יעדער קלאַס טרייסט זיך, וואָס אפשר איז ער אַ זון פון ס'זייניקע.

דאָ רוט די געשיכטע פון ענגלישן העלדנטום. דאָ רוען העלדן נישט נאָר פון דער שווערד, נאָר אויך פון מסחר, חכמים ונבונים.

געלערנטע און פילאזאפן. דאָ איז אויך פאַראַן אַ ווינקל, וואָס רופט זיך „דאָס ווינקל פון די פּאָעטן”...

אַזעלכע זענען דאָ ווייניק, דאָס זענען פּאָעטן, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צום מלכות, צו דער קרוין, צו די לאָרדן — נאָר זייערע ביינער זענען זוכה געווען נאַציאָנאַליזירט צו ווערן. די איבעריקע, די פּשוטע זינגער פאַרן המון, פאַרן פאָלק — זייערע ביינער רוען ערגעץ אויף די פּשוטע בית-עלמינס, צוגלייך מיטן פאָלק...

אויך דאָ, אין שאָטן פון ט"יט, אין די שטיינערנע אויסקריצן פון דער געשיכטע, וואָס גליווערט דאָ, זענען פאַראַן קלאַסן און שיכטן. צימערלעך און קאַמערלעך און אָפּצוימונגען פאַר מער מיוחסים און פאַר נאָך גרעסערע.

דאָ, אין דער אַטמאָספערע פון „פאַרגליווערטער מוזיק”, געפינט זיך די קירכע, ווו מען זאָגט די ערשטע תּפילה פאַר דעם קעניג, איידער מען קרוינט אים. און אַ ביסל ווייטער, אין נאָענטער שכנות פון די קעניגלעכע קברים, אין אַ ווינקל, וואָס זעט אויס ווי אַ אַ תּפיסה, שטייט די קרוינונגס-שטול. אַ פּשוטע, אַלטע שטול. דאָרט באַזעצט מען דעם קרוין-פּרינץ און מען טוט אים אָן, און מען זאַלבט אים פאַר מלך איבער ענגלאַנד, און ער ווערט דער אויסדרוק פון ממשלה און פרייער פאַרקנעכטונג.

■■■■

פּיקאַדילי

פּיקאַדילי איז דער היפּוך פון גאַנץ לאָנדאָן, פון גאַנץ ענגלאַנד, פון ענגלישן פאָלק.

פּיקאַדילי איז גאַס. נישט גאַס פאַר ביי־טאָג, פאַר געשעפט, פאַר ביזנעס. פּיקאַדילי איז די גאַס פון פאַרווילונג, פון נאַכט-לעבן. פּיקאַדילי איז אַ שטיק פּאַריז, איבערגעפלאַנצט אין שטאָט פון נעפל. פּיקאַדילי איז די בראָדוויי פון לאָנדאָן, נאָר שענער, גראַציעזער, געשמאַקער און פיינער ווי אין ניו-יאָרק. פּיקאַדילי איז זיכער דער פּלאַץ פון אויסלענדער. גאַנץ לאָנדאָן איז ערנסט, טונקל גרוי און אָנגעצויגן; פּיקאַדילי איז ווייס, לייכט, שוועבנדיק.

פיקאַדילי איז ווי אַ קלייד מיט הונדערטער פאַלדן. די פאַלד רוישן, ווי דאָס געוויש פון זייד.

אין די פאַלדן האַלט זיך אויף די זינד פון ענגלאַנד. נאָר די זינד איז דאָ נישט וואולגאַר. ענגלאַנד סערווירט זינד אויף ווייסע טישטוכער מיט רויטע רויזן אויף טישן. קאַבאַרעטן, נאַכט־קלובן, געהיימע קאַפייען, און די הפקר-מיידלעך מישן זיך מיטן פובליקום אויף טריט און שריט.

ווי אין ניו-יאָרק, ווי אויף בראָדוויי — אַזוי שפּייען דאָ אויס טעאַטערן הונדערטער טויזנטער. און די הונדערטער טויזנטער צעשאַרן זיך איבער די טראָטואַרן פון פיקאַדילי און פילן-אָן די זייטיקע געסלעך, ווו רויטע לאַמטערנעס רופן, און ווייסע, פאַרהאַנגענע שויבן רייצן.

דאָס גייט דער צילינדער, דער באַפּראַקטער הער און ווייס-באַפּוטערטע דאַמע — פאַרברענגען די רעשט פון אָוונט. אַלץ גייט צו גאַלאַנט און ריטערלעך. לאַקייען און באַדינער. גרויסע לוקסוס-אויטאָמאָבילן און ברוין-גלאַנציקע פערד, געשפּאַנט אין קאַרעטן.

נישט ווייט פון פיקאַדילי, אין דער איסט ענד, ביי די דאָקס, וווינט די אָרעמקייט, אויב זי האָט ווו צו וווינען. דאָס בילד פון אָרעמקייט וועגט אַ סך מער אַריבער, ווי די בלענדנדיקע, פאַרשווענדערישע רייכקייט פון „פיקאַדילי״.

„דזשאָן ביל״ — דער אַרבעטער פון ענגלאַנד

לאָנדאָנער איסט-ענד איז דער סימבאָל פון אָרעמקייט, דחקות, פינצטערניש און אָפּגעשטאַנענקייט.

דאָרט, אין די ענגע, צעקרימטע הייזער, ווו שטיקער פאַלן פון די מויערן, וווינען די, וואָס האָבן אַ צייט לאַנג „זייער״ רעגירונג געהאַט — די אַרבעטער-רעגירונג.

דער דורכשניטס-אַרבעטער אין לאָנדאָן איז אָפּגעשטאַנען. ער איז נישט באַוווסטזיניק און פאַרשטייט נישט די גרויסע ראָלע, וואָס די געשיכטע האָט אים באַשטימט צו שפּילן.

די אָפיציעלע אַרבעטער-פּאַרטיי איז אין די הענט פון אַ הייפל

„פירער", און „דזשאָן ביל" — דער מאַסן-מענטש איז תּמיד גרייט אַוועקצוגעבן די מאַכט דער פּאַרטיי, וואָס וועט אויף איין פּעני ביליקער מאַכן אַ גלאָז ביר.

אַ גלאָז ביר איז אַ נאַציאָנאַלע פראַגע פאַר די לאָנדאָנער אַרבעטער.

און דאָס באַנקביכל (אין די גוטע צייטן), איז אַ גוט געווער אַרויסצוציען זיין שטים.

דער מאַסן-מענטש האַלט, אַז צו פאַרוואַלטן מיט זיינע אָפּגעשפּאָרטע פאָר שילינג איז די בורזשואַזיע מער מסוגל, ווי די מנהיגים פון דער לייבאָר-פּאַרטיי. ווי נאָר עמעץ האָט אַריינגעוואָרפן: „דער פונט שטערלינג וועט פאַלן", האָט דער אַרבעטער אַוועקגענומען די מאַכט פון דער לייבאָר-פּאַרטיי און זי איבערגעגעבן צוריק צו דער בורזשואַזיע.

דער פונט איז אָבער אַלץ געפאַלן, נאָר אים, דעם מאַסן-מענטש, גייט עס נישט אָן, ער האָט דאָס זייניקע געטון, זיין חוב צום קעניג, פאָטערלאַנד און אימפּעריע דערפילט.

איצט, ווייבאַלד דער פונט איז טאַקע געפאַלן אין... אויסלאַנד, און עס האָט דאָך אים נישט אָנגערירט, וואָרום אין ענגלאַנד איז דער פונט שטערלינג אַלץ די זעלביקע מטבע, גאָרנישט איז טייערער געוואָרן, און קיין זאַך האָט זיך נישט געהויבן אין פּרייז, איז עס דאָך אַ גוטע פאַרוואַלטונג, וואָס אַרט אים, דעם מענטש פון גאַס, אַז פאַר דעם פונט קריגט מען ווייניקער דאָלאַרן? ער דאַרף נאָר קויפן ברויט (זייער ווייניק) און ביר (זייער אַ סך), און ווען ער קריגט עס פאַרן זעלבן פּרייז ווי פריער, בעת דער פונט איז געווען אַ יחסן, וואָס-זשע איז אים דער חילוק?

און דעריבער קאָן ער, דער אַרבעטער, זיך ווייטער אָפּגעבן מיט זיינע תּענוגים און אַוועקטראָגן די לעצטע פּענעס, סיי וואָס ער פאַרדינט (אויב ער האָט אַרבעט) און סיי פון דער „דויל", דער אַרבעטסלאָזע-אונטערשטיצונגס-פאָנד — צו די פערד-„רייסעס" און צו די הינט-געיעגן.

די ענגלישע פּרעסע דערמאָנט אָפּט מיט מוסר, אַז די דרום- און צענטראַל-אַמעריקאַנישע לענדער, האַלטן דאָס פאָלק אין פאַרבלענדניש מיט די לאָטעריעס און מיט די צוזאָגונגען וועגן גליקלעכע גומערן, וואָס קאָנען זיך אין מזל-קעסטלעך דערקייקלען צו

דעם אָדער צו יענעם, און דערווייל ציט מען אַרויס פון פּאָלק דעם לעצטן סענט.

אָבער אַנטקעגן דעם, וואָס ס'קומט פאָר אין לאָנדאָן, זענען די לאָטעריעס אין אַנדערע לענדער — אַ מפּיל־קינד. גאַנץ לאָנדאָן (און מסתמא גאַנץ ענגלאַנד) שפּילט אין וועט־געיעגן אויף פערד און הינט. צו די וועט־געיעגן קומט אָפּט דער קעניג אַליין. ער האָט אויך אַליין אייגענע פערד, וואָס „לויפן" אין געיעג. אין דעם טאָג פון ערשטן יוני איז דער „דערבי־דעי", דער טאָג פון די גרעסטע פערד־לויפן, דעמאָלט לייגט כמעט גאַנץ לאָנדאָן אַוועק די אַרבעט און מען פאָרט זען די „רייסעס". די וועגן, וואָס פירן צו די „טרעקס" — דאָס לויף־פעלד, — זענען אַזוי געדיכט, אַז אַעראָפּלאַנען פון דער לופט־פּאָליציי מוזן רעגולירן דעם פאַרקער.

און דאָס גאַנצע לאַנד אָטעמט און פיבערט מיטן געלויף. יעדער האָט איינגעשטעלט אויף דעם אָדער אויפן אַנדערן פערדל. יעדע עטלעכע מינוט — אַן אַנדערע אויסגאַבע פון די צייטונגען מיט די רעזולטאַטן פון די „רייסעס". דער ראַדיאָ, די ספּעציעלע באַקאַנטמאַכונגען דורך פּלאַקאַטן העלפן מיט די נערוועזיטעט פון די מענטשן, וואָס פּרוּוון זייער מזל...

די פאַרשפּילטע, פאַרשפּילן נישט בלויז זייערע עטלעכע פּעניס, אָדער שילינגס, נאָר זייערע לעצטע פונקען פון מוט און קאָמפּלוסטיקייט. נאָכן פאַרשפּילן קומט די גלייכגילטיקייט, די רעזיגנאַציע, די אָפּגעלאָזנקייט. פאַרלאָזט מען דעם אייגענעם פינצטערן לאָך, וואָס הייסט וווינונג, און מען וויקלט זיך אין עפּושדיקן רויך פון שענקל און מען לעשט דעם לעצטן טלי אין זיך מיט ביר. אַזוי דויערט עס ביז — — —

ביז מען קריגט ערגעץ־ווו נאָך עטלעכע פּעניס און מען טראָגט עס ווידער אַוועק צו די הינט־וועט־געיעגן.

די הינט־וועט־געיעגן זענען לערך אַ נייע „אינסטיטוציע" אין ענגלאַנד, און דער עולם איז פאַרכאַפּט, פאַרשיכורט און מיטגעריסן. אַנשטאָט פערד — לויפן הינט. דאָס איז באַקוועמער און איינפאַכער. מען דאַרף נישט קיין ספּעציעלן פּלאַץ אויף מיילן ווייט הינטער דער שטאָט. דאָס איז גענוג ערגעץ אַ קליין שטיקל פּלאַץ, און דאָס קאָן מען איינאָרדענען אין פאַרשידענע שטאָט־טיילן, אין רייכע און אין אָרעמע געגנטן. און אַלע נאַכט קומען פאָר די הינט־געיעגן. עס קוי־

מען פרויען, אַרבעטער-פרויען, אָדער פרויען פון אַרבעטער, מיט זויגקינדער אויף די הענט, און מיט קליינע קינדער, וואָס האַלטן זיך אָן די פאַרטיכער... אָרעמע און פאַרפינצטערטע, אָפגעריסענע און דערשלאָגענע. די עטלעכע פּעניס, וואָס מען „שטעלט אויף אַ הונט" זענען אפשר די לעצטע, אָפּגעצערטע, אפשר דער ביסן ברויט אַרויסגעריסן פון דעם קינדס מויל!

ניין, קיין פרייד איז נישטאָ ביי דעם המון דאָ, ביי די „רייסעס". עס איז נאָר דאָ אַן אויפקאָך פון די בלוטן, אַן אויפפלאַם פון די אויגן, און דער שווייגנדיקער ענגלענדער ווערט רעדעוודיק, ניין, שעלטנדיק...

■■■■

לוויה פון ענגלישן קעניג

איך בין געווען איינער פון די אַנדערטהאַלבן מיליאָן פערזאָן, וואָס זענען געשטאַנען זעקס שעה אין אַ ריי, צו צוועלף מאַן אין דער ברייט, אויף אַ שטח פון דריי מייל, כדי אַריינצוקומען אין האַל, ווו עס איז געשטאַנען דער קאַטאַפאַלק מיטן קערפּער פון ענגלישן קעניג דזשאָרדזש דעם 5-טן... אויף דעם צודעק פון דער טרומנע איז געלעגן דער סצעפּטער און די קרוין, וואָס איך האָב שוין געהאַט געזען אין שאַץ-קאַמער פון „לאָנדאָנער טויער" און וועל זיי מיט עטלעכע טעג שפּעטער קענען נאָכאַמאָל זען...

איך בין געשטאַנען צוגלייך מיט די אַלע מענטשן, און בין אויסגעווייקט געוואָרן אין רעגן, און איינגעהילט געוואָרן אין נעפּל. און געטון האָב איך עס נישט כדי צו זען די טרומנע און די מיטלאַלטערלעכע וואַך, נאָר זיך צו שטופּן צווישן פאָלק, אויפכאַפּן די שטימונגען פון עולם און זיין אַן עדות פון זיין ליבשאַפט צום טויטן קעניג און צום ענין קעניג בכלל...

פון די געשפּרעכן פון מיינע שכנים האָב איך געקענט דרינגען, אַז גיכער פון אַלץ איז עס נייגיר, איז עס דאָס קענען זיך שפּעטער באַרימען, אַז מען האָט געשלאָגן דעם רעקאָרד פון אויסהאַלטן אַזאַ לאַנגע ריי. אַנדערע האָבן בכלל ביי דער געלעגנהייט געוואָלט אַ קוק טון אויף דער פייערלעכקייט, וואָס הערשט אַרום אַ

קעניג, וואָרום ביי זיין לעבן קאָנען זיי דאָס קיינמאָל נישט זען...

בין איך אויך, הייסט עס, געווען איינער פון די אַנדערטהאַלבן מיליאָן, וואָס זענען געשטאַנען פון פריען פאַרטאָג, כּדי צו קענען זען אַזאַ זעלטענעם ספּעקטאַקל, אייגנטלעך, אַ סך ספּעקטאַקלען מיט אַמאָל: אי די לוויה פון אַ גרויסן אימפּעראַטאָר, אי זעקס קעניגן און עטלעכע טיץ פּרינצן, אַ חוץ אַ מלוכה-פּרעזידענט פון פראַנקרייך, און אַזוי פיל פירער און פאַרפירער פון אונזער היינטיקן דור.

עס האָט געלוינט, נישט תּמיד טרעפט זיך אַזאַ געלעגנהייט.

ווי ווייט עס איז די ניכטערקייט פון ענגלישן פאָלק האָט מען געקענט באַמערקן גראָד אין די טרויער-טעג און אין לוויה-טאָג פון קעניג דזשאָרדזש דעם 5-טן.

אמת, לאָנדאָן האָט אין משך פון די אַכט טעג, זינט דער קעניג איז געשטאָרבן ביז נאָך דער לוויה, קיין אַנדער טעמע נישט געהאַט, ווי וועגן דעם קעניג.

אמת, די ציימונגען, שוין אַרייַנגערעכנט דעם סאָציאַליסטישן אָרגאַן „דיילי העראַלד״, האָבן אין משך פון די אַכט טעג גאָרנישט, אָדער כּמעט גאָרנישט, געגעבן, ווי נאָר וועגן קעניג און וועגן אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום קעניג.

עס האָט אויסגעזען, אַז נישט דאָס זענען ציימונגען, טאָגבלעטער, מיט די בעסטע און נייעסטע אַפּאַראַטן אויפצוכאַפּן אַלערליי נייעסן פון גאָר דער וועלט. נאָר דאָס זענען זאַמלונגען פון זכרונות, מאַגאַזינען און פאַמיליען-זשורנאַלן וועגן לעבן פון קעניגלעכן הויף.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָר געווען אויסערלעך. אין תּוך איז דאָס לעבן געגאַנגען מיט דעם זעלבן טעמפּאָ. עס איז נישט געמינערט געוואָרן דער אינטערעס צו געשעפט אויף איין האָר. מיטן טויט פון קעניג דזשאָרדזש און מיטן פּראָקלאַמירן דעם קעניג עדוואַרד איז קיין שום זאַך נישט געשען, האָט זיך גאָרנישט אויף קיין האָר נישט געביטן.

און דערפאַר קאָן מען נישט אויף פולע הונדערט פּראָצענט פעסטשטעלן די פולע צוגעבונדנקייט פון ענגלישן פאָלק צום קעניג.

קעניג דזשאָרדזש איז געווען אַ מלך-חסד, אונטער זיין רעגירונג האָט דאָס ענגלישע פאָלק געהאַט צו פאַרצייכענען פיל דערגרייכונגען, האָט געוווּנען דעם קריג, צוגעקריגן מאַנדאַט-לענדער,

אָבער מען זאָגט דאָך נישט, אַז ער, דער קעניג, האָט דאָס אַלץ ערוואָרבן... קעניג דזשאָרדזש איז נאָר געווען אַן עדות פון זיין צייט, אָט אַזוי ווי דאָס פאָלק איז אַן עדות. ניין, דאָס פאָלק, אייגנט־לעך, האָט אויף זיינע פּלייצעס דאָס אַלץ מיטגעמאַכט. געהאָלפן, גע־גאַנגען אויפן שלאַכט־פעלד, איבערגעלאָזט טויטע, פאַרקריפּלטע. יע־דער איינער ווייסט עס, אַז דער קעניג אין ענגלאַנד איז אַן אָביעקט פאַר יום־טובים, פייערלעכקייטן און... לוויות, אַז ער איז דער סימ־באָל פון אַ גרויס־מאַכט, און אַז אַלע, דיפּלאָמאַטן און גענעראַלן, פון העכסטן לאָרד ביזן נידריקסטן באַאַמטן, באַטראַכטן זיך, פאָרמעל, אַלס דינער פון זיין מאַיעסטעט, און אין נאָמען פון אָט דעם סימ־באָלישן „זיין מאַיעסטעט" ווערט אַרויסגעגעבן און דורכגעפירט גע־זעצן אַפילו דאַן, ווען „זיין מאַיעסטעט" איז פּריוואַט נישט איינשטימיק...

יאָ, דער קעניג אין ענגלאַנד איז טאַקע נישט מער ווי אַ אויטאָמאַטישער חתימה־לייגער, אַן אונטערשרייבער, אַ באַשטעטיקער, צי ער איז יאָ אָדער נישט מסכּים צו דעם, וואָס „זיינע דינער" באַשטימען. און כּדי דאָס זאָל האָבן אַ ווירקונג, מוז דער מענטש, דער קעניג, דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פון אַן אָפּגאָט, מוז זיין פּריוואַט לעבן ווערן אויסגערופן און אויסגעצויגן פאַר דער גאַס, מוזן אַרויסגיין ביולעטינען, פּאַלאַץ־צייטונגען, וואָס זאָגן אָן דעם פאָלק וועגן יעדער קלענסטער, נישט וויכטיקער געשעעניש אין פּאַלאַץ...

מוז מען דערציילן דעם פאָלק, אַז די ערשט געבוירענע פּרינ־צעסין האָט דעם ערשטן שמייכל געטון... אַז זי קריגט שווער ציינ־דעלעך... אַז עס איז דעם קינד אין משך פון דער וואָך צוגעקומען אַזוי פיל און אַזוי פיל לויט...

אויף דאָנינג־גאַס נומער 10 פירט מען פּאָליטיק. קאַלטע, אויס־גערעכנטע, ניכטערע, גוט־באַטראַכטע, פאָרזיכטיקע פּאָליטיק. אין קאָ־לאָניאַל־אָפיס וועגט מען דעם גורל פון ווייטע, פרעמדע פעלקער, אונטערטעניקע צו דער בריטישער אימפּעריע. אָבער דער מענטש, וואָס זיצט אין באָקהינגעם־פּאַלאַץ, איז עס אים ווירקלעך אַזאַ גרויסע נפקא־מינה, צי נאָך אַ הונדערט מיליאָן מענטשן זינגען צוויי מאָל אין טאָג דעם הימן צו אים, „גאָד סייוו די קינג", אָדער נישט. ער האָט אפשר זיינע פּערזענלעכע מענטשלעכע ליידן און צער, צוליב דעם, וואָס סך־הכּל זענען די אַלע, וואָס פאַררופן זיך אַלס „זיין

מאַיעסטעטס דינער״, גאָר די... באַלעבאַטים פון „זיין מאַיעסטעט״, בעת ער, דער געקרוינטער, איז זייער פאַקטישער דינער...

גאַנץ ענגלאַנד איז אין טרויער: אַלע דאָמיניעס, קאָלאָניעס און מאַנדאַט-טעריטאָריעס, אַזוי דערציילן די צייטונגען, אַזוי זאָגט מען אין ראַדיאָ. איז עמעצן איינגעפאַלן צו מעסטן דעם טרויער, לאָמיר זאָגן, מיטן טרויער פון אַ פשוטער פאַמיליע-טראַגעדיע, ווען עמעצער אין דער פאַמיליע שטאַרבט? ניין, דעם קעניגס טויט, ווי דעם קעניגס יובילײ, וואָס איז נישט לאַנג געפייערט געוואָרן אין לאָנדאָן, דאָס איז נאָר אַ שפּיל אַזאַ, אַ ספּעקטאַקל פאַר נייגעריקע מענטשן. בפרט נאָך פון דער אָרעמער שיכט זענען להוט נאָך אַ ביסל פייערונג. עס נעמט זיי אַ רגע אַרויס פון זייער אייגן גרוי לעבן. גיט מען זיך אַ לאָז נאָך אָט דער פייערונג, נאָך אָט דעם פאַראַד.

די „דינער פון זיין מאַיעסטעט״ ווייסן די שטימונג פון עולם, אָדער בעסער געזאָגט, זיי ווייסן ווי אַזוי די שטימונג אויפצובלאָזן, און ס׳געלינגט. מען מאַנעווּרירט דערביי אַזוי, אַז עס זאָל נישט שאַדן צו ביזנעס. דעם אָוונט, ווען דער קעניג איז געשטאָרבן, האָט מען ספּאָנטאַן איבערגעריסן אַלע פאָרשטעלונגען און פאַרווײַלונגען. דאָס האָט אָבער קיינעם נישט געשאַדט צום געשעפט, ווײַל אַלע פאַרווײַלונגען און פאָרשטעלונגען זענען שוין סײַ-ווי-סײַ געווען ביים סוף. צומאָרגנס, דורך די אַכט טעג ביז דער לוויה, האָבן טעאַטערן געשפּילט. די ליכטנדיקע קינאָ-שילדן אויף פּיקאַדילי האָבן זיך ווײַטער געלויכטן, די געשעפטן זענען נישט געשלאָסן געוואָרן, און די בענק, דער נערוו פון לאָנדאָן, פון ענגלאַנד און פון דער וועלט, זענען אָנגעגאַנגען מיט זייער איניציאַטיוו. געוויסע געשעפטן האָבן זיך אפילו – צוליב דער לוויה – פאַרבעסערט. אין די בילאַנסן פון פאַבריקן און אונטערנעמונגען וועלן סוף יאָר צוקומען נייע פּאָזיציעס פון גוטע רווחים. שוואַרצע שטאָפן, לילאַ שטאָפן... אָבער עס ליגן שוין אין די מאַגאַזינען אָנגעגרייט גרויסע קוואַנטומס פון פאַרטיקע זומער-קליידער, אַלערליי פאַרבן, העלע, רוישיקע, פאַר מענער-אָנצוגן און פרויען-קליידער. עס איז געוואָרן אַ געפאַר, אַז די גאַנצע שטויסן מיט אויסגעאַרבעטע זומער-מלבושים פון העלע סחורות וועט בלייבן ליגן, וואָרום דעם קעניג פון דער מאָדע קאָן נאָך איינפאַלן, חלילה, אַ מחשבה זרה, אין סאַמע ערב-סעזאָן קאָן ער אַרויסגעבן אַ באַפעל,

אַז מען זאָל טראָגן קליידער און אָנצוגן פון טונקעלע סחורות, אַלס צייכן פון טרויער... דאָס קאָן גלאַט ווערן אַ געפאַר, אַז די נישט־באַמיטלטע, דאָס רוב פון פאָלק, זאָל זיך אויפן פרילינג באַגיין מיטן ווינטערדיקן שווארצן קלייד. דאַן ווען דעם קעניגס טויט זיין פאַטאַל פאַר די סוחרים, נאָר אַפּנים, מען איז נישט געשלאָפן, און מסתמא אויף דער עצה פון האַנדלס־מיניסטער, האָט דער נייער קעניג, עדוואַרד דער 8־טער, זיך געווענדעט מיט אַן „אַפּעל צום פאָלק", אַז דער טרויער זאָל זיך נישט אויסדריקן אויסערלעך, דאָס הייסט אין קליידונג, אַז קליידן זאָל מען זיך, הייסט עס, ווי תמיד, אַזוי ווי די מאָדע האָט פאָרויסגעזען... נאָר טאָמער וויל עמעצער שטאַרק מקפיד זיין אויפן טרויער, קאָן ער טראָגן אַ שווארץ שלייפל, אַ שווארץ שניפּסל, און דאָס איז שוין די־והותר...

נאָר נישט בלויז אין די קליידער־קראָמען איז עס געגאַנגען. עס איז פאַראַן אין ענגלאַנד נאָך אַן אינדוסטריע, וואָס וואָלט באַוועלהט געוואָרן מיטן טויט פונעם קעניג. דאָס איז די אַמוזירונגס־אינדוסטריע. אפילו אויף איין טאָג, אפילו אין דעם לוויה־טאָג קאָנען זיי נישט היזק האָבן. ביזנעס איז ביזנעס. צוליב דעם טעם האָט מען אויך נישט פּראָקלאַמירט דעם לוויה־טאָג פון קעניג דזשאָרדזש אַלס נאַציאָנאַלן: קעשענע־טרויער־טאָג, — ווער עס וויל — זאָל האַלטן די געשעפטן אָפן, ווער עס וויל — דער זאָל אַרבעטן. און ווער עס קאָן מקריב זיין דעם טאָג פאַרן באַליבטן קעניגס וועגן — זאָל עס טון פרייוויליק. מילא, בעת דער לוויה איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַלץ איז געווען געשלאָסן, פשוט דערפאַר, ווייל מען דאַרף דאָך געבן אַ געלעגנהייט זיך אַליין און די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע בייצוויין אויף דער לוויה. אָבער נאָך דער לוויה, דעם זעלבן פאַרנאַכט, האָבן זיך שוין די גרויסע קינאָ־שילדן ווידער פּעלויכטן, און געררופן דעם עולם, וואָס האָט נישט געאַרבעט דעם טאָג, איז בכלל געווען יום־טובדיק. האָט מען זיך טאַקע אַ לאָז געטון אין די קינאָס, טעאַטערן, רעסטאָראַנען, וואָדעווילן, טאַנץ־סאַלאָנען און אויף „פּאַרטיס". איז געווען אַ מאָדנע זאַך צו זען פון איין זייט די צייטונגען מיט די בילדער, מיט די גרויסע אויפשריפטן: „דאָס ענגלישע פאָלק אין טרויער", און פון דער אַנדערער זייט איז טאַקע דאָס ענגלישע פאָלק גופא געשטאַנען, ווי די מאָדע איז

אין לאָנדאָן, אין לאַנגע, לאַנגע רייען ביי די קינאָס און טעאַטערן, כדי זיך צו דערשלאָגן צו אַ בילעט, כדי זיך אַ ביסל צו פאַרווײלן...

■■■■

פון „מיקי־מייזל" ביזן ענגלישן לייב

ענגלאַנד איז אַלאַרמירט געוואָרן, אַז מאָסליי, דער פאַשיסט־דעמאַגאָג פון ענגלאַנד, שאַרפט נישט בלויז זיינע ציין, נאָר אויך זיין מעסער, זיין כוח ווערט געשטיצט פון יענער זייט ריין, זיין יניקה איז אַ היטלעריסטיש־נאַציסטישע און נאָך מער: מען האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס „אָרעמע" דריטע רייך, וואָס פאַרווערט אירע בירגער אַרויסצופירן מער ווי 10 רייכסמאַרק, שיקט איבער דורך אירע אַגענטן און „פּרעסע־אַטאַשעס" מיליאָנען, און אַ גאַנצע ריי „אַרבעטסלאָזע" און סתם־מענטשן, וואָס קלויבן נישט שטאַרק איבער, פון וועלכע קוועלן עס קומען אַ פּאָר שילינג, באַקומען טאַקע פון די „געהיימע קוועלן" צו עטלעכע שילינג און דערפאַר זענען זיי די ערשטע צו גיין הערן מאָסלייס דרשות. פּשוטע מענטשן הערן זיך צו צו דעם, וואָס מען זאָגט זיי: דער פאַשיזם איז דער קנויט, וואָס דאַרף איינגעטונקען ווערן אין יידן־האַס און עס פלאַקערט אויף. און די ענגלישע רעגירונג אין נאָמען פון טאָלעראַנץ, פון פרייהייט פון וואָרט און שריפט, פאַרווערט נישט דאָס פּראָפּאַגאַנדירן ראַסן־האַס, שטערט נישט צו שאַפן קלובן, אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען, מאַניפעסטירן אין „שוואַרצע העמדלעך" און אַוועקלאָזן זיך איבערן דאָרף, ווו די אָרעמקייט איז אַמשטאַרקסטן. ספּעציעל ליידט דער ענגלישער פויער פון דעם קירכןשטייער. דער דאָזיקער מס איז אָפטמאָל אַזוי גרויס, אַז דער פויער קאָן אים בשום אופן נישט צאָלן. די אַנגליקאַנישע גלחים, וואָס זענען אויך ממונה אויף די שטייערן און פאַראינטערעסירט אין זיי, טרעטן אַרויס האַרב און שטרענג. מען רעקווירירט, וואָס עס לאָזט זיך. אָפטמאָל קומען צו בלוטיקע אַרויסטרעטונגען. די מאָסליי־לייט האָבן זיך אין דער צרה אָנגעכאַפּט, זיי האָבן גענומען שפּילן די ראָל פון די „גואלים". זיי קומען דאָס אַראָפּ אין די דערפער, און גראָד דאַן, ווען עס דאַרף דורכגעפירט ווערן אַ רעקוויזיציע (פון וואַגען

וויסן זיי צו קומען פונקט אין דער צייט? איז קלאָר, אַז מען גיט זיי שוין צו וויסן...). זיי, מכּלמומרשט, שטעלן זיך איין פאַר די פּויערים, און אָפּטמאָל צאָלן זיי אַליין פון זייער „אייגענער" קעשענע אָט דעם שטייער. דאָס מאַכט זיי, די פאַשיסטן, שטאַרק פּאָפּולער. מאָסליי ווערט שיער נישט אַ „דערלייזער". דער עולם נעמט עס אָן אין דעם זין, אַז ער גיט זיינס. ער איז טאַקע זייער רייך, אָט דער מאָסליי, ס'איז אָבער אַ גרויסער ספק, צי ער גיט פון זיין אייגענער קעשענע. נאָר דאָס מאַכט נישט אויס. ער באַקומט אויף זיין זייט די פּויערים, די אומוויסנדיקע אַרבעטער, פּרויען פון צווישן דער אָרעמקייט. איבערהויפּט איז אים געלונגען אַריינצוקריגן די דינסט־מיידלעך, אָט די, וואָס די לייבאָר־פּאַרטיי האָט זיי קיינמאָל נישט גע־קאָנט אָרגאַניזירן — די אַלע זענען זיינע אָנהענגער.

פאַרשטייט זיך, אַז די הויפּט־אָנהענגערשאַפט האָט מען דאָרט, אויבן, אין די הויכע פענצטער אויף ווייטאָל, אין די מיניסטעריומס. נישט אָפיציעל, עס וואָלט געוועזן נישט־דזשענטלמעניש, אָבער ווען מאָסליי וואָלט געוווּסט, אַז אין „דער הויך" וועט מען נישט שווייגן, וואָלט זיין חוצפּה נישט געשטיגן פון מאָל צו מאָל אַלץ אָפענער און שטאַרקער.

ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס, וואָס מען האָט אין אָנפאַנג גע־וואָלט איינרעדן דעם עולם, אַז דער נייער קעניג עדוואַרד דער 8־טער איז אַ דעמאָקראַט און סימפּאַטיזירט „מיטן פאָלק", אַז ער האָט אַפילו באַזוכט די מינען־אַרבעטער, איז מער „פּובליסיטי", ווי אמת. דעם קעניגס רייזע קיין דייטשלאַנד, דאָס איינלאַדן די נאַצישע קאָמבאַ־טאַנטן קיין ענגלאַנד, די לאָנדאָנער פּאַראַד־אויפנאַמע לכּבוד זיי — געדענקט זיך נאָך גאַנץ גוט.

די פירער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי ווייסן עס גאַנץ גוט. ספּעציעל זייער הויפּט־אָרגאַן „דיילי העראַלד". די דאָזיקע אַרבעטער־צייטונג, מיט אַ טיראַזש פון העכער צוויי מיליאָן עקזעמפּליאַרן, האָט אַמ־שטאַרקסטן זיך אָפּגעגעבן מיט דער קראַנקהייט, גסיסה און לוויה פון פאַרשטאָרבענעם קעניג, דזשאָרדזש דעם 5־טן. ווען מ'האָט אויפמערק־זאַם געמאַכט דער דאָזיקער צייטונג אויף דער פאַרשטאַרקטער געפאַר פון מאָסלייס פאַשיזם, האָט זיך די צייטונג אויסגעלאַכט און אָפּגעקוי־מען מיט אַ ווערטל „מאָסלייס פאַשיזם דאָ אין ענגלאַנד איז אַ שטיי־גער, ווי דאָס געצייכנטע פילם־העלדל „מיקי־מויז". ס'איז נישט מער

ווי אַ שפּילכל, טאָ ווער נעמט ערנסט, אַז „מיקי־מויז״, דאָס פילם־פיגורל, מאַרשירט מיט אַן אַרמיי פון נאָך אַזעלכע פאַפּירענע זעלנער־לעך און טינט־געצייכנטע שווערדלעך״...

אָבער „מיקי־מויז״־מאָסליי ווערט ערנסט און צוזאַמען מיט דעם פאַרגרעסערט זיך די געפאַר. דעם רעזולטאַט דערפון האָט מען געזען זונטיק דעם 22־טן מערץ 1936, אין איינעם פון די זאַלן אין לאָנדאָן האָט מאָסליי צונויפגערופן זיינע „תּלמידים״, כּדי פאַר זיי צו אַנט־פּלעקן זיין „תּורה״.

ער קען און ווייסט זיינע אָנהענגער. ס׳איז געווען פאַר איס אַ לאַנגזאַמע און פלאַנמעסיקע אַרבעט. פון קליינע זאַלעכלעך אין די זייטן פון שטאָט ביז צום אַלבערט־האָל, דאָס איז פאַר אים „פּראָגרעס״. ער איז שוין איצט אַ כּוח.

גלייכצייטיק מיט מאָסלייס אַרויסטריט אין אַלבערט־האָל, האָט די אַרבעטערשאַפט אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע אַרום דעם אַלבערט־זאַל. פון אַלע זייטן, פון אַלע ווינקלען פון לאָנדאָן און אומגעגנט האָבן זיך געצויגן מחנותווייז אַרבעטער און פּאָלקס־מענטשן, די אַלע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען די שטאַרקע געפאַר פון פאַשיזם אַפילו אין ענגלאַנד...

און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בריטישער לייב האָט גענומען אין זיין שוץ דאָס „אָרעמע מיקי־מייזל״, דעם „אומשולדיק־שפּילנדיקן״ מאָסליי. די מאַסן האָט מען איינגערעדט, אַז צוליב דער קאָנסטיטוציאָנעלער פרייהייט פון וואָרט, קאָן מען מיט קיין מאָסליי נישט קעמפן. און דער בריטישער לייב האָט לייכט געקאָנט באַווייזן, אַז די געזעצן זענען נאָר אין שוץ פון מאָסליי און נישט פון די אַרבעטער. האָט מען אינעווייניק אין אַלבערט־זאַל געהיט די פאַשיסטן פון אַן איבערפאַל, און די עטלעכע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אַריינ־געקריגן און געפּרוּווט וואַרפן אַ פּאָר ווערטער, האָט מען גאַנץ פיין צעממיתט. אָבער צום אמתן געשלעג איז ערשט דערגאַנגען אין דרויסן. מ׳קאָן עס נישט אָנרופן געשלעג, ווייל געשלאָגן האָט די ענגלישע פּאָליציי. עס איז מאָדנע צו זען, ווי דער פלעגמאַטישער, דזשענטל־מענישער פּאָליציאַנט האָט זיך אַ צאָרנדיקער אַ לאָז געטון מיט זיין גומי־שטעקעלע, ווי אַזוי די רייטער זענען אַריין אין די מאַסן. עס זענען געפאַלן אונטער די פערד מענער און פרויען און צעטראָטן געוואָרן פון פערדישע פיס.

און גלייך נאָכדעם, האָט אַ פּאָליציי-ריכטער פאַרמשפּט אַ ייד, פאַר שטערן „די פרייהייט פון וואָרט"... מאָסליין, מיט דעם, וואָס ער האָט געמאַכט אויסרופן... דער „שטערער" דאַרף באַצאָלן גאַנצע 10 פונט שטראָף.

דאָ גייט נישט בלויז אין דער שטראָף, פאַר אַזעלכע זאַכן פירט מען זיך אין ענגלאַנד צו באַצאָלן „סימבאָלישע שטראָפן". אָט האָט דאָך מאָסליי אַליין מיט עטלעכע וואָכן צוריק געדאַרפט צאָלן אַזאַ מין סימבאָלישע שטראָף פון... $^{1}/_{4}$ פעני, דאָס הייסט 2 מיט אַ האַלבן גראָשן. פאַר דעם „מיקי-מייזל" האָט דער בריטישער לייב איינזען, מאָסליין אַרט גאָר ווינציק די „מאָראַלישע" שטראָף, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן, ווייל „מאָראַל" איז אַן ענין פאַר נאַראָנים און אין בעסטן פאַל — פאַר בטלנים. ער האָט זיך גאָרנישט געפילט „מאָראַליש" געטראָפן פון דעם ריכטערס פסק-דין, פאַרקערט, ער האָט אין דעם געזען אַ פינגער פון הימל, אַז מ'הייסט אים אָנגיין מיט זיין טואונג... פון דעמאָלט אָן האָט ער טאַקע אויסגעברייטערט זיין „אַקציע"...

דעם אָרעמען ייד, וואָס האָט מיט זיין אומבאַהאָלפענעם מיטל, מיט אַ צווישן-רוף, געוואָלט אויסדריקן זיין פּראָטעסט קעגן ענגלישן היטלעריזם, האָט מען נישט באַשטראָפט מיט אַ „מאָראַלישער" שטראָף, נאָר מיט גאַנצע צען פונט. דאָס איז פונקט אַ חודש פאַרדינסט פאַר אים אין דער צייט, ווען ס'איז פאַראַן אַרבעט.

און דער „דיילי העראַלד"—דער אָרגאַן פון דער לייבאָר-פּאַרטיי—האָט נאָך דער דעמאָנסטראַציע קעגן היטלערס פאַרבינדעטן אין ענגלאַנד, מאָסליי, כמעט נישט רעאַגירט, אָפּקומענדיק מיט אַ פּאָר „לאָיאַלע" נאָטיץ-באַריכטן וועגן די געשעענישן אַרום אַלבערט-האָל...

בלומען אין אַמסטערדאַם

אַמסטערדאַם אַנטפּלעקט זיך פאַרן אויג, ווי אַ גרופּע כּישוף-אינזלען. דער חן פון ווענעציע און אַמעריקאַנער פּראַקטיקייט אין געבוי. די ווענט אָן ספּעציעלע אָרנאַמענטן. גאַנץ זעלטן זעט מען אַ קופּאָל, אַ געזימס, און כמעט גאָרנישט קיין געטינקטער מויער.

רויטע ציגל, שוואַרצע ציגל. שמאָלע פענצטער מיט ווייסע שויבן-רעמלעך. טורעמס נישט הויכע, פּירקאַנטיקע, שטאַרקע.

נישט אויף איין גאַס האָב איך זיך דערמאָנט אין... אַמעריקע. אַלט-אַמסטערדאַם האָט איר אַרכיטעקטור, די גלייכע און פּראַקטישע, איבערגעפּלאַנצט נאָך מיט הונדערטער און הונדערטער יאָרן אין... ניי-אַמסטערדאַם — דאָס היינטיקע ניו-יאָרק.

אַמסטערדאַם צויבערט מיט אירע שפּיגלען — מיט די לויפנדיקע וואַסער בולוואַרן. נישט בלויז דער ברייטער אַמסטל טייך, נאָר די צענדליקער אַנדערע קאַנאַלן, און איבער זיי די בריקן. בריקן פון פאַרשיידענעם אויסזען, כאַראַקטער און פאָרם. בריקן לויט די לעצטע נייקייטן פון טעכניק און בריקן פּרימיטיווע פון מיטלאַלטער: הילצערנע און שאָקלענדיקע, וועלכע זענען געבליבן אין זייער צושטאַנד ווי אַנטיק שטיקער, ווי איינע פון די פולע מוזעאומס אין דער שטאָט.

און איבער די טייך-גאַסן פליען טשאַטעסווייז די מעוועס, לאָזן זיך אַראָפּ און הויבן זיך אויף, ציען נאָך די פאָרנדיקע שיפלעך — די שיפלען-טאַקסעס און לאַדונגס-שיפן, שטעלן זיך אויף די דעכער פון די וואַסער קראָמען און וווינונגען, וואָס זענען צוגעאַנקערט צום ברעג. און דער ברעג איז נישט פאַרצוימט, נישטאָ קיין גרענעץ

צווישן וואַסער־גאַס און יבשה־גאַס. עס זעט אויס ווי ריזיקע מולטערס וואָלטן אַזוי געלעגן איבער דער שטאָט און וואַרטן אויף רעגן-וואַסער, און דער הימל טוט זיך דאָס זייניקע, רעגענען, רעגנט תמיד. די זון איז אַ זעלטענער גאַסט, און דער שטראַל קושט זעלטן די איינוואוינער פון נידערלאַנד, און אפשר דערפאַר זענען די נידערלענדער אַזוי קאַלט און פּראַקטיש, און די פרויען אַזוי מיאוס און מענעריש.

דער האָלענדער אונטערשיידט זיך נישט אַזוי שטאַרק פון ענגלענדער און אַמעריקאַנער. סיי אין זיין אויסזען און סיי אין זיין וווקס. הויכע און קרעפטיקע, בלאָנדע און געזונטע. ער איז נאָר נישט אַזוי אָנגעצויגן און שטייף. ער איז מער צוגעלאָזן און פשוט. די גוטמוטיקייט זיינע ווי ביים דייטש ביי אַ קריגל ביר, די אַרבעטזאַמקייט פון אַן אַמעריקאַנער און די גייציקייט פון הערשן און באַהערשן ווי ביים ענגלענדער.

אַ פאָלק פון אַכט מיליאָן און הערשט איבער 50 מיליאָן. נאָך ענגלאַנד איז האָלאַנד די צווייטע, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין ווייטן אינדיע און געוועלטיקט מיט מאַכט און פויסט. אַ פאָלק, וואָס האָט ביי זיך אין היימלאַנד אַלע פרייהייטן, קאָן אַזוי אונטערדריקן און עקספּלואַטירן. אָן ליאַרם דערדריקט זי און מאַכט אונטערטעניק די אונטערגעוואָרפענע צו איר, די 50 מיליאָן איינוואוינער פון ווייטן, ווייטן מזרח אינדיע.

אַמסטערדאַם די שטאָט צירט זיך באַשיידן, נאָר פון דער באַשיידנקייט שרייט אַרויס די מעטראָפּאָליע און דער פאַרנעם. אַמסטערדאַם פאַרמעסט זיך מיט וועלט-שטעט, אירע אַכט-הונדערטטויזנט איינוואוינער פילן אָן די גאַסן, דער אויטאָמאָביל-פאַרקער איז דאָ נישט אַזוי שטאַרק ווי ערגעץ אַנדערש, דערפאַר דער ביסיקלעט, דאָס רייט־וועגעלע פאַרנעמט גאָר, גאָר אַן אָנגעזעען אָרט. יונג און אַלט, מאַן און פרוי פאָרן אויף די רייט-וועגעלעך, טשאַטעסווייז, מחנותווייז, אויף אַכס מיליאָן איינוואוינער, איז דאָ דריי מיליאָן ביסיקלעט-פאָרער. דער האָלענדער איז שפּאָרזאַם און ר׳וועט נישט אַוועקגעבן עטלעכע מאָל אין טאָג צו 12 סענט דער טראַמוויי קאָמפּאַני, נישט דער באַן און נישט דעם אויטאָבוס, מיט זיין רייטוועגעלע שטופּט ער זיך דורך די ענגע, די שמאָלע געסלעך פון אַלט-אַמסטערדאַם, ער לויפט מיט געשיקטקייט און גאַלאָפּ האַרט ביים

ברעג, אַפּאָר סענטימעטער אָפּגערוקט פון וואַסער, ער יאָגט זיך איבער די וועגן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, ער איז געניט אויף די צוויי רעדלעך, ווי דער מעקסיקאַנער אויפן פערד. גאַראַזשן פאַר אויטאָמאָבילן איז פאַראַן ווינציק, אָבער גאַראַזשן פאַר די רייט-וועגעלעך, פיל, אויף יעדער גאַס, אויף יעדן פּלאַץ און דורכגאַנג.

אַמסטערדאַם מאַכט אַן איינדרוק פון אַ שטילער שטאָט, אָבער מען פילט דעם אָטעם פון אַ מעטראָפּאָליע. אַ טאָג-לעבן, אַ נאַכט-לעבן, געשעפטן אויפן גרויסן אופן, מאַגאַזינען פון ערשטקלאַסיקן לוקסוס, פאַבריקן און וואַרשטאַטן. הגם, די בריליאַנטן-בערזע איז שוין לאַנג נישט דאָס וואָס געווען, וואָרום אַמסטערדאַם איז דאָך אין אַלע צייטן געווען די הויפּט-צושטעלערין פון דיאַמאַנטן-שטיינער פאַר דער וועלט. אין בוידעם-שטיבלעך, אין קעלערס, אין וואַרשטאַטן זענען טויזנטער, טויזנטער אַרבעטער געזעסן ביי די שלייף-רעדער און געשליפן דעם דיאַמאַנט, ווי דורך כשוף אַרויסגעקריגן פון גיילן, פאַראיילטן, פאַרפלעקטן שטיינדל, די לעבעדיקסטע פייערן, און אין דער רויטער ציגל-געביידע, אין דער בריליאַנטן-בערזע האָבן אַרומ-געשמייעט די פּאַרקויפער און זייערע מעקלער. מען איז געקומען פון אַלע עקן וועלט, מען האָט געקויפט און געמעקלערט, און ווייל דער מסחר איז כמעט אַ יידישער פון אַלע צייטן אָן געווען, איז דער האַנדל אויך אַ יידישלעכער, און בפרט נאָך ווען די יידן פון פוילן, פון גאַליציע, וועלכע האָבן דעם האַנדל אַנטוויקלט אין אַנט-ווערפּען פאַר דער מלחמה, און האָבן דעם אַנטווערפּענער מאַרק אַריבערגעטראָגן קיין אַמסטערדאַם אין צייט פון מלחמה, האָט זיך, ווי אין אַנטווערפּען, אויך דאָ, דער האַנדל געפירט יידישלעך. עס האָט זיך צונויפגעפּאַרט די האָלענדיש-יידישע, שטרענגע פרומקייט און אויסערלעכע אַסימילאַציע, מיט דער מזרח-אייראָפּעישער יידישער באַוועגלעכקייט און ספּעציפיש יידישער אייגנאַרטיקייט. און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ שיכט, אַ טיפּ פון דעם נייעם דיאַמאַנטן-האַנדל, מיט אַ יידישער האַנדלס-שפּראַך, מיט אייגנאַרטיקע יידישע מנהגים, מיט ספּעציפיש-יידישע תנועות און העוויות.

די האָלענדישע יידן, דהיינו די פּאָרטוגעזער און אויך דייטשן, האָבן קוקן קרום אויף זייערע „אָסט-ברידער", האָבן פונדעסטוועגן איבערגענומען די תנועות אין האַנדל. מען האָט זיך אויסגעלערנט דאָס ביסל יידישע ווערטער, וואָס זענען געוואָרן ווי אַ קאָדעקס

אינם מסחר, די באזונדערע האנדלס־עטיק, וואס איז פארבונדן מיט דער יידישער פאלקסטימלעכקייט. ווי למשל, דאס גאנצע געשעפט, די טראנזאקציע, וואס ווערט געשלאסן אין די טויזנטער, טויזנטער גילדנס, באשטייט נישט אויף פאפירן, אונטערשריפטן, וועקסלען אדער טשעקן. בלויז איין ווארט: „מזל ברכה". און דאס געשעפט איז גע־שלאסן און קיין חרטה איז נישט גילטיק. טאמער א סיכסוך און מען גייט אין געריכט, פרעגט דער ריכטער, צי מען האט געזאגט „מזל ברכה" בשעת דעם קנין? און אויב עס איז דא עדות, אז איין צד האט עס געזאגט, און דער צווייטער האט געהערט דאס ווארט, איז עס נאך בעסער ווי אן אונטערשריפט און ס'איז געזעצלעך...

דאס ביסל גויים, וואס זענען אריינגעטון אין דאזיקן מסחר, האבן איבערגענומען די ווערטער, די יידישע און יידישלעכע. מען האט מיר אין דער בערזע פארגעשטעלט עטלעכע סוחרים, עכטע האלענדער, זיי האבן מיט מיר גערעדט א פיינעם יידיש, קארעקט און אקצענטירט, פיל בעסער, ווי די גאליציאנער, וואס צעקוועטשן יעדעס ווארט. און אוודאי און אוודאי פיל בעסער ווי די האלענ־דישע יידן, וואס פארשטייען בכלל נישט קיין יידיש ווארט.

דער ענין פון איבערנעמען יידיש אין דער האלענדישער שפראך איז שוין נישט פון איצט, פון דער בריליאנטן־בערזע. יידיש, אדער די פארייידישטע העברעיזמען זענען גאנץ שטארק פארטראטן. אין דער האלענדישער שפראך. רעדנדיק מיט א האלענדער, סיי אין דער הויפט־שטאט, סיי אין די קליינע שטעטלעך, אדער צווישן די פארמער, דוכט זיך, אז עפעס האט מען דא צו טון מיט א גאנטן שפראך־שבט צו יידיש. שוין אויף דער באן האב איך זיך אנגע־שטויסן אויף דעם. מיין באן האט זיך אפגעשטעלט אויף א הינטער־שטאטישע סטאנציע אין אמסטערדאם. איך פרעג זיך ביי א שכן, וואס זיצט לעבן מיר, צי דאס איז שוין אמסטערדאם? איך ווייז אים דעם אדרעס, זאגט ער מיר:

— דא איז צו פרי אראפצוגיין, איר מוזט פארן אין... מקום־אלף. איך האב נישט פארשטאנען, וואס ער מיינט מיט דעם העב־רעישן אויסדרוק „מקום אלף", און ער האט מיר דערקלערט: מקום אלף, מיינט מען אמסטערדאם צענטראל, דער צענטער פון שטאט. איך האב אים געפרעגט, צי ער איז א ייד. עס האט זיך ארויסגע־וויזן, אז זיינע אבות אבותיגו זענען קיין יידן נישט געווען. איך

האָב שפּעטער אין שמועס צווישן מענטשן גאַנץ אָפט געהערט פאַר־שידענע יידיש־העברעישע אויסדריקן, ווי אַ טייל פון זייער לשון, און אַז אַמסטערדאַם ווערט אָנגערופן „מקום", און דער פּאָסט־טרע־גער ווייסט עס אין אַמסטערדאַם.

עס איז קיין ספק נישט, אַז דער גרויסער יידישער צענטער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַמסטערדאַם, און ספּעציעל פון 16־טן יאָרהונדערט, האָט אַוועקגעלייגט אַ באַזונדערן אייגנאַרטיקן שטעמפּל אויף דער שטאָט, און עס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף אירע איינ־וווינער. דאָס ביסל יידישע ווערטער איז אַ טייל פון דער ווירקונג. דעם אָטעם פון דעם איינפלוס זעט מען היינט אין טעגלעכן, אין פּראַקטישן לעבן. צען פּראָצענט פון אַלע שטאָט־איינוווינער זענען יידן, האָלענדישע פון פּאָרטוגעזישער און דייטשער אָפּשטאַמונג. און אפשר צוליב די צען פּראָצענט יידן, איז אַמסטערדאַם, די מעטראָ־פּאָליע פון נידערלאַנד, דער שטאָלץ פון האָלאַנד, די שטאָט, וואָס איז ווי אַ קינדער־מעשהלע פון אַן אַלטן, אַלטן ספר אַרויס; מיט אירע אַלטע קירכעס און היסטאָרישע בנינים. די שטאָט, וואָס איז אַן אייביקע טעמע פאַר דעם מאָלערס פּענזל, אַ ליד פאַר אַ דיכטערס געמיט. די שטאָט מיט איר רעמבראַנדט־פּלאַץ, מיט אירע מאָלערײ־מוזייען, מיט אירע קאָכנדיקע נאַכט־לאָקאַלן, מוזיק־קאַפעען און קאַ־באַרעט־קלובן. די שטאָט פון רום, די שטאָט פון בלומען־מאַרקן און בלומען־פּאַרקויפערינס. בלומען און בלומען. פאַרביק און בונטיק אויף אַלע ראָגן און ביי אַלע עקן — בלומען־פּאַרקויפערינס. און צוגלייך מיטן האָלענדישן קעז און געווענזלטן הערינג — קויפט מען בלומען. די פרוי פון אַרבעטער פאַר איר מאַן, און דער מיליאָנער פאַר זיין ווייב. פרישע בלומען! יעדן טאָג פרישע בלומען! לעבעדיקע ערשט־געשניטענע פון בלומען־פעלד, פון בלומען־בייט, פון דער אָראַנזשע־ריע אַרויס. אין יעדן פענצטער, אויף יעדן טיש בלומען און בלומען!

אַמסטערדאַם, די שטאָט פון רעמבראַנדט און שפּינאָזע, הייסט גאָר: מקום אַלף!...

„יאָרנשטאַט"

מען דאַרף נישט לאַנג זוכן אין אַמסטערדאַם דעם זכר פון אַמאָ־ליקן און פולס פון איצטיקן יידישן לעבן.

מען זעט עס גלייך, דער געטאָ שווימט אַנטקעגן, דאָס בילד אַנטפּלעקט זיך. ס'איז דער זעלבער ייד ווי אין וואַרשע, נאָר מיט אַן אַנדער לשון, און במילא מיט אַנדערע באַגריפן. די אַסימילאַציע פּאַרט זיך דאָ נישט, ס'איז דאָס גלות־געשטאַלט, אָן אינערלעכן שטאָלץ. ער איז נישט אַסימילירט, אויסגעמישט, ער איז אין דער מיט—נישט אַהין און נישט אַהער.

דער יידישער געטאָ האָט נישט געביטן זיין פּנים פון אַמאָל, אין מיטלאַלטער. די זעלבע יאָדענהאַם און יאָדענסטראַט, די ברייטע יאָדענגראַכט, און צענדליקער אַנדערע גאַסן און געסלעך, וואָס טראָגן אויף זיך אויפשריפטן, וואָס הויבן זיך אָן מיטן וואָרט „יאָדען", ווו עס האָבן געלעבט און לעבן נאָך טיילוויז היינט אין זעלבן מצב די איינגעוואַנדערטע פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, און... די איינגעוואַנדער־טע פון פוילן, פון זעכצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אַרום נײַנציק טויזנט זענען זיי אין צאָל, די האָלענדישע יידן, די איינגעבירגערטע און פאַרפונדעוועטע. אָבער נישט פאַר יעדן איז דער פונדאַמענט גלייך. אין מלחמה־צייט האָבן די גאַליצישע יידן פון אַנטווערפּן אומגעקערט אַמסטערדאַם איר הויכן אָנזען אויף דעם וועלט־מאַרק פון בריליאַנטן־האַנדל, איז אַנטווערפּן געבליבן ווי אָפּגעשטאָרבן. האָט די בעלגישע רעגירונג געשיקט שליחים צו די יידן אין אַמסטער־דאַם און זיך געבעטן:

„קומט צוריק קיין אַנטווערפּן, די בערזע איז ליידיק און דער מאַרק איז וויסט!" און וויבאַלד, אַז די מלוכה בעט צוריק, איז מען געגאַנגען. די וואַליוטע אין בעלגיע איז אַ קליינע. פאַר איין האָלענ־דישן גילדן, קריגט מען שיער נישט 15 בעלגישע פראַנק. האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז מען קאָן דאָרט, אין בעלגיע, קריגן ביליקערע אַרבעטס־הענט און טייערע פרייזן פאַר דער סחורה — האָט מען זיך צוריקגעפּעקלט. איצט זענען דאָ אין אַמסטערדאַם איינצלנע דימענט־שלייפערייען. די, וואָס אַרבעטן ביי דעם טייערסטן שטיין, די, וואָס שלייפן אוצרות צווישן זייערע פינגער, לעבן אין דער גרעסטער אָרעמקייט — אַזוי דאָ און אַזוי אין אַנטווערפּן.

די אַלטע יידישע גאַסן שטעלן מיט זיך פאַר נעסטן פון אָרעמ־קייט און שמוץ, אָפּגעריסנקייט און חושך. די הייזקעס האַלטן זיך קוים, ווי געקלאַמערט מיט די לעצטע כוחות איינס אָנם אַנדערן. שולן און שולן, יעדער לאָדן האָט עפעס וואָס צו דערציילן, און יעדער שוועל האָט עפעס וואָס צו זאָגן. דער האַנדל גייט מיט אַלט אייזן און הערינג, בלומען און פישלעך. שבת איז שטיל, פאַרהאַמערט, פאַר־קלאַפּט. די מלכה שבת שפּאַצירט איבער די ברודיקע גאַסן און איז זיך טובל אין די דורכלויפנדיקע אָפענע קאַנאַלן, וואָס זענען גראָד נישט אַזוי ציכטיק און קרישטאָל־ריין...

די אַלטע הייזקעס וואָשן זייערע פונדאַמענטן אין אָט די קאַ־נאַלן. שטייען דאָרט ווי „ביז איבער די קני" אין וואַסער. דאָרט שווימען אַרום העלצער, פעסלעך, און שלאָגן זיך אָן ביי די פאַר־קלאַמערטע טירן.

אַ גאַנצע וואָך זיצן די באַלמעלאָכעס ביי זייערע וואַרשטאַטן אין אַזעלכע מיני אינקוויזיציע־קעלערן, עפּעס אַ צוגעבוי צו זייערע הייזלעך, נידעריק, אַז מען קאָן דאָרט נישט שטיין, נאָר זיצן. ביי דעם קליינעם שוסטער־טישל, אויף דעם קיילעכדיקן בענקע־לע קלאַפּט מען אויס אויף דער פאָדעשווע די וואָך־פרנסה — אָט אַזוי ווי דער הענדלער אויפן מאַרק שרייט אויס מיט אַ הייזעריקן קול דעם טאָג חיונה.

איבער די פענצטער פון די יידישע קרעמלעך מערקט זיך דער אויפשריפט „אָרט", דאָס איז דער טייטש „אונטער ראַבינאַט־אויפזיכט", דאָס וואָרט „כשר" איז נישט גענוג און נישט מאַסגעבנדיק. און דער ראַבינאַט איז אַ מאַכט, איז אויטאָריטעט און הערשט איבער די נײַנ־ציק טויזנט יידישע נפשות.

און די 90 טויזנט יידישע איינוווינער האָבן אויך אַ מאַכט און אַ דעה איבער דער שטאָט, פון די פיר שטאָט־באַלעבאַטים זענען דריי — יידן, — זאָגט עס די באַפעלקערונג אין אַ גוטמוטיקן טאָן.

און די דריי פון די פיר שטאָט־באַלעבאַטים האָבן זיך דאָס גענומען מאָדיפיצירן דעם געטאָ. אַביסל אויסלופטערן דעם דלות, עטוואָס ליכטיקער מאַכן דעם חושך. אַ נייער געטאָ איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט מאָדערנע הייזער, מיט ברייטערע גאַסן, מיט נייע און שיינע וואַסער־טעראַסעס, מיט ברייטע פענצטער און הויכע טירן און דאָרט אַריבערגעטראָגן דעם יאָדנשטאָט.

וווינט דער יאָדנשטאָט איצט אין נייע, אין מאָדערנע, אין באַקוועמע גאַסן און לאָקאַלן, נאָר דער האַנדל גייט אָן דאָ, אויף אַלט יאָדענהאַם.

זונטיק, ווען איבער גאַנץ „מקום", אַמסטערדאַם, זענען די געשעפטן צו, איז דאָ אָפּן, און דער האַנדל גייט אָן אין פולן ברען, קומען די האָלענדער אַהער, קומען קויפן פרישע איינקויפעכצן. מען קומט אויפן רייט-וועגעלע און אויף דעם אויטאָמאָביל. מען קומט צופוס, מען האַנדלט און מען דינגט זיך און מען קויפט מציאות אונטער דער אויפזיכט פון ראַבינאַט.

■■■■

יאָדיש, יידיש אין אַמסטערדאַם

קאָנסערווירטע יידישקייט.

פון דעם גאַנצן גרויסן רום, וואָס דאָס האָלענדישע יידנטום האָט אין זיך געטראָגן, פון דעם גאַנצן גלאַנץ דעם אַמאָליקן איז געבליבן בלויז אַביסל קאָנסערווירטע שמות: אַ שול, די גרויסע פּאָרטוגעזישע שול, וואָס שטייט שוין, הגם זי ווערט נאָך באַנוצט, אונטער דער אויפזיכט פון קונסט-מיניסטעריום. אַן „עץ-חיים"-סעמינאַר מיט אַ גרויסער ביבליאָטעק, אַ ביבליאָטעק, וואָס פאַרמאָגט העכער 50 טויזנט ג... גמרות, שאלות-ותשובות און אַנדערע ספרים און שמות און — דאָס יידיש-היסטאָרישע מוזיי, איז שוין אַ באַזונדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע און געהערט צו די רעגירונגס-מוייזען.

די גרויסע פּאָרטוגעזישע שול איז נאָך ביי היינטיקן טאָג דער שטאָלץ פון דער פּאָרטוגעזיש יידישער קהילה. אַ הויכער בנין, שוואַרץ-רויטע ציגל, אָן באַזונדערע באַפּוצונגען, אָדער אָרנאַמענטן, נישטאָ דער פּאָלקסטימלעכער חן און די אייגנאַרטיקייט פון די אַלטע שולן. עס קאָן אויסזען ווי אַ שפּייכלער, אָדער אַ קאַזאַרמע. די שול, געבויט אין דער צווייטער העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט, איז נאָך פעסט און שטאַרק און היבשלעך פריש אין איר אויסזען.

אינעווייניק שטעלט זיך שוין דאָס בילד אַנדערש פאָר. אויך דאָ איז נישט פאַראַן קיין ספּעציפישעס, וואָס מען איז געוווינט צו זען אין שולן — ווי בכלל אין בנינים מיט אַ האַלבן טויזנט יאָר

צוריק. אַזוי בויט מען אַ שול היינט, פּראַקטיש און באַקוועם. נאָר, וואָס די שאָטנס פונם מיטלאַלטער האָט מען איבערגעלאָזט, די הענגלייכטער, די רערן, דריי־הונדערט און עטלעכע און זעכציק ליכט ברענען דאָרט בעת אַ שבתדיקן דאַווענען. נישט קיין נאַפט־לאָמפּן, נישט קיין גאַז און עלעקטרע, בלויז ליכט פון חלב. געלע פלעמלעך ברענגען גרוסן פון דעם ווייטן אַמאָל.

אין מיטן דער שול, איז פאַראַן אַ פּלאַץ, וואָס חוץ אַ ספרדישער ייד טאָר זיך דאָרט קיינער נישט געפינען. קיין אשכנזי טאָר דאָרט נישט דאַווענען, אויב ער קומט בכלל אין דער שול אַריין. דאָס איז כמעט דאָס איינציקע, וואָס די „פּאָרטוגעזער" האָבן צו ווייזן, חוץ דער ביבליאָטעק ביי זייער סעמינאַר. די שול איז אַרומגענומען מיט אַ דיקן מויער, ווי אַ פעסטונג. עס האָט נאַטירלעך, געדינט פאַר אַ שוץ־וואַנט, אַ פעסטונג אין די צייטן פון די קרייץ־צוגן און אַנדערע אָנפאַלן. די פעסטונג־מויער האָט אין זיך אַ גאַנצע רייע בנינים, וווינונגען פאַר די כלי־קודש און באַדינער. דאָרט געפינט זיך אויך די גרויסע „יידישע" ביבליאָטעק און סעמינאַר.

צוויי גאַנץ ענגע צימערן פון ברוינעם האָלץ מיט אַ פענצטער. די ווענט באַשטייען פון בלויז ספרים אין אַ גאַנץ גוטער אָרדנונג צעשטעלט און אָפּגעהיט. אַ גאַלעריע, און אויבן ווידער... עין־יעקבס, משניותן, שולחן־ערוכס פון פאַרשידענע דרוקן און לויט פאַרשידענע נוסחאות. לויט השערות — האָט אין דער ביבליאָטעק ברוך שפּינאָזאַ געזאָלט מאַכן זיינע שטודיומס, און עס קאָן זיין, אַז דאָ ביי די טישן, הגם די ביבליאָטעק, איז אין די לעצטע צענדליק יאָר איבערגעפירט געוואָרן, האָט ער געשריבן אַ טייל פון זיין טראַקטאַט. מען דערציילט, אַז נישט ווייט פון דער שול, אַ פינף מינוט גאַנג, האָט שפּינאָזאַ געוווינט, מען האָט מיר טאַקע אָנגעוויזן אויף אַן איינשטאָקיק, געמויערט הויז, מיט אַ טויער־אַריינגאַנג ווי צו אַ הייל, אָט אָ דאָ אויף דער היינטיקער וואַטערלאָ־פּליין, האָט ער געוווינט. דער ביבליאָטעקאַר לייקנט עס קאַטעגאָריש אָפּ. ברוך שפּינאָזאַ, וועלכער איז געבליבן אַזאַ ליכטיקער סימבאָל פאַר דער וועלט, ליגט נאָך אַלץ אין... חרם ביי דער פּאָרטוגעזישער, יידישער קהלה. דער שאָטן פון שוואַרצע ליכט איז נאָך נישט אָפּגעטאָן פון שפּינאָזאַס אָנדענק ביי אָט די יידן. און עס וואָלט געווען אַ „חרפּה" פאַר זיי, זיי זאָלן

צוגעבן אז דער גרויסער אפיקורס איז געווען אן אריינגייער אין זייער ביבליאָטעק.

ווען דאָס וואָלט זיך אפילו אָרויסגעוויזן פאַר אמת, וואָלט מען אויך יעדן שפּור דערפון פאַרווישט.

אָט אַזוי זענען אויך פאַרווישט געוואָרן די שפּורן פון דער באַזונדערער וויכטיקער ראָל, וואָס יידן האָבן געשפּילט אין דער ני־דערלענדישער מלוכה. פאַר דעם ביסל פּערזענלעכער פרייהייט, האָבן זיי טייער באַצאָלט. נישט איינמאָל האָבן די פּאָרטוגעזיש־שפּאַנישע יידן אָרויסגענומען די רעגירונג פון אַ פאַרלעגנהייט. זיי האָבן מיט־געבראַכט גאַנצע אוצרות און עס אַוועקגעגעבן אָדער אַוועקגעבאָרגט דער מלוכה, וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט צוריקבאַקומען. איצט, קיין אַנטיסעמיטיזם איז נישטאָ, נאָר אין די גרויסע געשעפטן, האַנדלס־הייזער, אונטערנעמונגען, לאָזט מען קיין יידן נישט אַריין, קיין יידישע אָנגעשטעלטע נעמט מען נישט צו.

דער קאַטאָליציזם איז דער הערשער פון לאַנד. הגם, אָפיציעל איז די הערשנדיקע רעליגיע די פּראָטעסטאַנטישע, און די קעניגין איז אַ פּראָטעסטאַנטין, דאָך ווערט נישט נאָר דאָס פּאָליטישע, נאָר אויך דאָס עקאָנאָמישע לעבן אין לאַנד קאָנטראָלירט פון די קאַטאָליקן.

דאָס קאָנסערוואַטיווע יידישקייט ווערט ביסלעכווייז אויסגערונען. די געמישטע חתונות זאָגן עדות דערויף.

מיך האָט אינטערעסירט דער דאָזיקער איבערבלייב אין יידישן לעבן, די אייניקלעך פון די קדושים. איך האָב געוואָלט דערגיין פון זייער איצטיקער אָנגעהעריקייט צום פולסירנדיקן יידישן לעבן, און עס נישט דערגאַנגען.

איך בין געווען ביי זייערס אַן אונטערנעמונג פון אַ קולטור־אינסטיטוציע. אַ כאָר. בלויז מענער זינגען דאָרט. די לידער: קאַפּיטלעך תהילים, שיר השירים און אויסצוגן פון תנ״ך. דער בשמים־ריח פון מיטלאַלטער גייט זיי נאָך.

דער פּאָרטוגעזישער ייד איז אינגאַנצן אַ קעגנזאַץ צו דעם „האָך־דייטשן יודע״. דער „האָך־דייטשער״ איז דער אַריסטאָקראַט, דער יחסן, דער רייכער, גרויסער געשעפטס־מאַן און דער איינפלוס־רייכער מענטש. דער פּאָרטוגעזער איז די מאַסע — דער „נידעריקער״ קלאַס. די הענדלער אויף די מערק, די שטעלן־שטייער, די אויפקוי־פער און פאַרקויפער פון אַלט־אייזן און שמאַטעס. זייערע טעכטער

פילן אָן די וואַרשטאַטן און זייערע זין — די פאַבריקן. נאָר צום באַדויערן, ווי אָפּגעשטאַנען און צוריקגעשטאַנען. דאָס אַרבעטס-קינד פונעם פּאָרטוגעזישן אָפּשטאַם ווייסט נישט פון קיין אָרגאַניזאַציעס און פאַריינען. עס זענען אים פרעמד די גרויסע אידעאַלן, וואָס העלן אויף אין די אַרבעטער-רייען. דאָס פּאָרטוגעזיש-יידישע קינד איז פרום און צוריקגעהאַלטן, באַגנוגנט זיך מיט וואָס עס לאָזט זיך און זענען געטרייע פּאַטריאָטן. זיי זענען אַנטציקט פון זייער פּאָטער-לאַנד און באַגייסטערט פאַר זייער קעניגין ווילהעלמינאַ.

אין אַ קיילעכדיקן געבוי, וואָס טראָגט דעם נאָמען וואָג־בינין, וואָס אַמאָל איז עס געווען דאָס צען-הויז פאַר האַנטווערקער און איז איצט אַ קליינער מוזיי, געפינט זיך אין צוויי קליינע חדרימלעך דער יידישער, היסטאָרישער מוזיי.

דאָס, וואָס עס איז געבליבן פון דער גרויסער עפּאָכע, פון די „גאָלדענע" צייטן איז: פּרוכתן און מענטעלעך, עץ-חיימס, בשמים-ביקסן און אָן אַ שיעור רבנישע טאַבאַק-פּושקעס. אתרוגים-האַלטערס, זיגלען און פינגערלעך פון רבנים. עס זענען דאָ גאַנץ אינטערעסאַנטע עקספּאָנאַטן: מעדאַלן און קמיעות, פאַרשידענע מגילות, געשריבענע און געצייכנטע, די מערסטע פון זעכצנטן יאָרהונדערט.

אין אַ באַזונדערער אָרדנונג זענען אויסגעלייגט די מילה-מכ-שירים, וואָס פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָנזען. אַ חוץ דעם כסא-של-אליהו ביי ברית-מילה, מיט אויסגראַווירונגען פון די מילה-ברכות אין בראָנז, געפינען זיך אויך די קינדער-מלבושימלעך, וואָס מ'האָט מיט זיי אויסגעשלייערט די קינדער צו ברית-מילה. דאַן קומען אַלערליי מע-סערס און טעלערס.

עס קומען פאַרשידענע מאָדעלן פון שולן און סוכות, ספירה-ציילערס און אַ שבת-אויוון, ווי אויך אַ שאַך-ברעט אויף וועלכן מ'האָט געמעגט שבת שפילן אין שאַך. ווו מען קערט זיך, אַלס אַלטע רעליגיעזע אַנטיקן און צו די אַלטע קומען צו נייע פון זעלבן מין.

ווען אַ פרעמדער באַזוכט דעם יידישן היסטאָרישן מוזיי, דאַכט זיך אים, אַז עפּעס אַנדערש איז אין יידישן לעבן נישט געווען און איז נישטאָ.

די רעגירונג זאמלט אלץ, וואס האט א שייכות צום יידישן לעבן פון אמאל. אבער פארלויפיק איז נישטא, ווער עס זאל אנווייזן אויף א יידיש לעבן פון היינט, נישט די שול און נישט די מקווה.

אזוי ארום שאפט זיך א שטיק יידישער גליוועך, דער גליווער, וואס ליגט ערגעץ אויף שול-בוידעמס צווישן שמות, האט דא געקריגן א וועלטלעכן אנזען.

אמסטערדאם — די שטאט, וואס האט ווייט און ברייט געקלונגען אין דער יידישער וועלט. די ערשטע יידישע דרוקעריי, דער גייסטיקער צענטער פון אנטרינענע. דער נייער לעבנס-שטייגער און עקאנאמישער אויפבלי פון זעכצנטן, זיבעצנטן און אכצנטן יארהונדערט, איז איצט צו וואס דערפירט געווארן?

נאר נייע צייטן און נייע קלאנגען, אן אנזאג פון א ניי-יידיש לעבן. פון ארבעט און שאפונג. די גאנצע רירעוודיקייט פון איצטיקן מאמענט, אלע פראגן און פראבלעמען ברענגען מיט זיך מיט די עמיגראנטן, די פון מזרח-אייראפע.

■■■■

כ רר ׳ רר ד ר ש

דער גורל האט א זעץ געטון מיט א האמער אין הארץ פון יידישן לעבן, און עס צעשפריצלט, און די פונקען זענען זיך צעפלויגן אויף ארבע פינות העולם. די יידישע עמיגראציע, באלד נאך דער מלחמה איז נישט נאר געגאנגען אין די ווייטע לענדער, איבערן ים, נאר האט זיך אויך אפגעשטעלט דא, אין מיטל און אין מערב-אייראפע.

נידערלאנד, אדער וואס איז גיכער באקאנט אונטערן נאמען האלאנד, איז איינע פון די עמיגראציע-מדינות.

באלד נאכן אויסברוך פון... שלום, ווען די פייער-קנויטן האבן זיך ערשט אין פוילן אנגעהויבן צו צעברענען, זענען אין צווישנצייט א סך ארויסגעפארן. געפארן איז מען מיט דער דעה אריבערצוכאפן זיך איבער דעם וואסער. האלאנד האט געהאט איינע פון די פאפולערסטע פארטן, דורך וואנען מען האט געזאלט אפשווימען, ווער

קיין אַרגענטינע און ווער קיין קאַנאַדע און נאָך ווער — אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

פונעם גרויסן שטראָם האָבן זיך איינצלנע אָפּגעשטעלט. סיבות — פון נישט קאָנען ווייטער פאָרן. האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז אויך דאָ, אין אַמס ערדאָס, קאָן מען מאַכן אַמעריקע. דער עיקר — חשק צו דער אַרבעט איז דאָ, און ביי וואָס צו פאַרדינען לאָזט זיך אויך געפינען. האָלאַנד איז נישט אַריינגעטרעטן אין דער וועלט-מלחמה, פאַרקערט: דאָס קליינע לאַנד האָט נישט צוגעלייגט. מ'האָט פאַרדינט פון אַלע מלחמה-פירנדיקע צדדים. די שפּע האָט דאָ געזונגען פון די גאַסן אַראָפּ, איז מען שוין געבליבן און זיך איינגעהויזט. דערצו נאָך, באַלד נאָך דער מלחמה, האָבן די יידישע קריגס-געפאַנגענע אין דייטשלאַנד נישט געקאָנט מער בלייבן. צוריקפאָרן איז נישט געווען נאָך וואָס, די צוקונפט פון מזרח-אייראָפּע האָט אַנטקעגנגעשפּילט אויף אַ פידל אָן סטרונעס, איז אַ טייל פון זיי געגאַנגען קיין האָלאַנד.

פון דעמאָלט אָן הויבט זיך אָן דאָס קאַפּיטל פון נייעם ישוב. אָבער דאָס פּאַקטישע פּנים פון אַ יידישן צענטער, קריגט עס ערשט אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר, דעמאָלט, ווען די שוין פון לאַנג איינגעוואָנדערטע האָבן גענומען „אַראָפּנעמען" זייערע קרובים, און מיט די קרובים זענען מיטגעקומען פריינט, און נאָך דעם איינצלנע מענטשן, און אַזוי האָט עס זיך „געצויגן", ביז די ציפער האָט אונטערגעצויגן דעם סך-הכל פון פיר טויזנט נפשות.

און עד כאן.

און פונקט ווי ערגעץ אַנדערש, אַזוי האָט אויך האָלאַנד אויפגעהאָנגען אַ שלאָס ביי דער טיר: „פאַר פרעמדע איז דער איינגאַנג פאַרבאָטן"! פאַר פרעמדע מיינט מען פאַר אַרבעטער, וואָרום פאַר סוחרים און טוריסטן זענען אָנגענרייט די אַלע דריי און אַ האַלב הונדערט בריקן, וואָס שניידן דורך די שטאָט, זיי זאָלן קאָנען שפּאַנען און פריי זיך באַוועגן פון איין שטאָט אָדער לאַנד-טייל אין אַנדערן.

די פיר טויזנט מזרח-יידן זענען האָרעפּאַשניקעס, אין דעם אָדער אַנדערן זין; מען אַרבעט שווער און מען מאַכט קוים אַ לעבן. בפרט נאָך די, וועלכע זענען אָנגעוויזן צו אַרבעטן ביי יענעם, און

דער „יענער", וואָס איז אַליין אַן עמיגראַנט, האָט נישט צו געבן. איז טאַקע שלעכט, און טאַקע ביטער אויך.

און די עמיגראַנטן זאָגן:

— נאָך גוט, וואָס מען קריגט אַביסל פון דער אַרבעטס-פאַר־זיכערונגס־קאַסע. די אַזוי־גערופענע אַרבעטסלאָזע־אונטערשטיצונג. דער־ווייל האָט נאָך האָלאַנד ביז איצט נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן אַ פרעמדן, אַן אַריינגעקומענעם, און אַן „אייגענעם". דאָס אָרעמע שטיקל ברויט באַקומען אַלע, וואָס האָבן קיין אַרבעט נישט — גלייך. אָבער קעגן דעם אופן קעמפט שוין איצט דער... האָלענדישער אַרבעטער, די סינדיקאַטן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און וועלן עס מסתמא אויספירן אויך.

די אָסט־יידן פון אַ גאַנץ יאָר — די סוחרים, די אַרויפגעאַר־בעטע, די באַלעבאַטים, האָבן זיך זייער פאַריין: „אָסט יידישער פאַריין", און די אַרבעטער — איינע פון די שענסטע אינסטיטוציעס אין מיטן וואַנדערוועג. דאָס איז דער אַרבעטער קולטור־פאַריין ש. אַנ-סקי.

אין אַ פאַרוואָרפענער גאַס, אין יידישן געגנט, איין גאַנץ־ענ־גער צימער — דאָס איז די נעסט פון יונגן, פרישן און קעמפעריש־יידישן וואָרט.

אַכציק מיטגלידער, נאַטירלעך, צעטיילט אין פראַקציעס. דער גייסט פון דער אינסטיטוציע איז אַ פּראָגרעסיווער. דער כאַראַקטער — אַ דורכויס־אַרבעטער־אינסטיטוציע.

אַ שאַנק ביכער, פאָרלעזונגען, לעקציעס, אָוונטן. די אַרבע־טער־יוגנט קומט אַהין, אין ש. אַנ-סקי פאַריין, ווי צו זיך אַהיים, אין אַן אייגן ווינקל אַריין.

■■■■

ראָטערדאַם

ראָטערדאַם איז דאָס אויג פון האָלאַנד. דאָס וואַסער־אויג. פון־דאַנען קוקט האָלאַנד צו דער וועלט. ראָטערדאַם איז דאָס טויער אין דער אָפענער וועלט אַריין, אין אַלע טיילן און קאָנטינענטן.

דאָס האָלענדישע פאָלק איז אַ וואַסער־פאָלק, לעבט פון וואַסער,

אָטעמט מיט וואַסער-לופט. דער האָלענדער איז אין תוך אַ מאַטראָס אַ פּיראַט, דעריבער איז זיין נשמה מער געניגט צו ראָטערדאַם, דער פּאָרט-שטאָט, ווי צו האַג, דער קרוין-שטאָט. און ס'איז קיין חידוש נישט, וואָס ראָטערדאַם איז איינע פון די וועלט-פּאָרטן, און די שיפן פון דער גאַנצער וועלט ווערן צוגעאַנקערט צו אירע ברעגן.

דער פּאָרט איז אימפּאָזאַנט. טאָג און נאַכט שפּייט דאָרט פּאָרע און רויך. לאַסט-שיפן און זעגל-שיפן, פּאַסאַזשיר-שיפן און קריגס-שיפן. עס געדויערט שעהן-לאַנג אַרומצופאָרן דעם פּאָרט. דאָ העשען די הויב-מאַשינען, דאָ פּיבערן די עלעווייטאָרס. אַרגענטינער ווייץ און קאַליפאָרניער פרוכט, יאַפּאַנער זיידנס און בראַזיליאַניש געהילץ, אַלע רוי-שטאָפן פון דער וועלט ווערן דאָ געבראַכט, און פונדאַנען—אָפּגעשיקט אויף קלענערע וואַסער-וועגן אין אַלע טיילן פון אייראָפּע.

האָלאַנד שטאָלצירט מיט ראָטערדאַם, און ראָטערדאַם—מיט איר פּאָרט. ראָטערדאַם קעמפט מיט בעלגיע פאַר דעם אויבנאָן אויף די ימען. זי קאָנקורירט מיט אַנטווערפּען. עס געלינגט איר. זי האָט שוין באַלד צעשלאָגן אַנטווערפּען. אַמאָל האָט דער אַנטווערפּענער פּאָרט געשמט אין גאָר דער וועלט, איצט שטייט דער פּאָרט אין אַנטווערפּען, ווי פאַרלאָשן, פאַרגליווערט. מען קוקט זיך אויס די אויגן נאָך אַ פרעמדער שיף. די לאָד-אַרבעטער בלייבן מיט אַראָפּגעהאָנגענע הענט, און די קרומע, געדרייטע געסלעך, וואָס פאַרקויפן „פאַרגעניגן“ צו די מאַטראָזן און פאַרבייפאָרער, שטייען וויסט און ליידיק.

אַלץ ציט קיין ראָטערדאַם.

ווער-זשע קאָנקורירט מיט ראָטערדאַם? דער קריזיס, די וועלט-נויט, דער וועלט-בראָך. עס איז זייער פיינלעך צו זען דעם ריזיקן שיפן-בית-עולם אין ראָטערדאַם. נאָך פונדערווייטנס שטאַרן אַרויס די מאַסטן, ווי פאַרגליווערטע טענענבוימער. ווייט פון פּאָרט, אין אַן אויסגוס, שטייען הונדערטער, הונדערטער „געפרוירענע“ שיפן. דאָס האָט מען זיי אַהינגעבראַכט פון אַלע וועלט-טיילן, זיי זאָלן דאָרט שטיין און זיך אויסרוען ביז דער קריזיס וועט אַריבער. איצט איז נישטאָ וואָס צו טון מיט זיי. גלאַט זיי לאָזן קורסירן — נישטאָ נאָך וואָס און פאַר וועמען. פאַר די שיפס געזעלשאַפטן לוינט בעסער צו צאָלן דירה-געלט, אָדער קבורה-געלט דער האָלענדישער פּאָרט-פאַרוואַלטונג, איידער זיי צו האַלטן ביי זיך. לויטן געזעץ מוז כאָטש

איין מענטש זיך געפינען אויף אַ „פּאַרלאָשענער” שיף. נאָר אויך דאָס קאָרגט מען. ס׳איז געגוג איין שומר אויף צטלעכע שיפן.

ביינאַכט גייט דער דאָזיקער שומר אַרום מיט זיין לאַמטערן, ווי עפּעס אַ געשפּענסט. עס שאַרט זיך דאָס געלע, אומהיימלעכע פּלעמל איבער דעקן און לייטערס. די הויכע מאַסטן שטאַרן קאַפּויער ביז אין די וואָלקנס אַריין, ווי סילועטן פון ריזיקע פינגער. און די קוימענס — ווי די טורעמס פון אַ פאַרגליווערטער שטאָט.

און אָט אַזוי קוקן פאַרגליווערט די טויזנטער שיפן־אַרבעטער, מאַטראָזן און לאַסט־טרעגער, אָט די, וואָס זענען מיטגעקומען מיט די שיפן און זענען שוין צוריק צו זייערע לענדער נישט געגומען גע־וואָרן. די שיפן האָט מען פאַרזאָרגט ווי עס איז, זיי פאַראַנקערט. קיין קוילן דאַרפן זיי נישט „פרעסן”, איילן, שמירן און פוצן — אויך נישט. ווען די צייט וועט קומען, וועט מען זיי אויספוצן און שייערן. די אַרבעטער דאַרפן אָבער יאָ עסן. פאַר זיי האָבן די שיפס־קאָמפּאַ־ניעס נישט געזאָרגט וועגן דירות. אַלץ איינס — זיי ווייסן, אַז ווען „די צייט וועט קומען”, וועלן זיך, אָט די הונגעריקע און דערשלאָגע־נע מאַטראָסן און פּאָרט־אַרבעטער אָפּרופן פון זייערע לעכער אַרויס, פון די נאָרעס און זיך שטעלן מיט געבויגענע פּלייצעס צו דער אַרבעט...

נישט נאָר דער שיפן־בית־עולם איז פאַרגליווערט, נאָר דער גאַנ־צער פּאָרט האַלט ביים אויסגיין. די נייע הויב־מאַשינען אַרבעטן מעשים, די מאָדערנסטע טעכנישע איינריכטונגען סאַפּען און שניידן די לופט. וואָס אַ טאָג ווערן אַלץ מער אַרבעטער רעדוצירט, אַרויס־געשטויסן און אויסגעהונגערט.

האַרט ביים פּאָרט געפינט זיך דער בנין פון דער אינטערנאַציאָ־נאַלער ים־אַרבעטער־פעדעראַציע. די האָלענדישע אָפּטיילונג. פון אַלע פענסטער און טירן פלאַטערן אַראָפּ די רויטע פענער, פלאַטערן ווי אַ בלוטיקע כוואַליע, און וואָס אַ שעה — וואַקסט די ים־אַרבעטער־מחנה פאַר די טירן און אַריינגענג. דאָרט זוכן זיי אַן אויסוועג, אַן אָנזאָג, ווו זיך צו ווענדן און ווי אַזוי זיך צו ווענדן. די בליקן, אָנ־געגעסן מיט צאָרן, זענען געווענדעט צו די אויטאָמאַטישע הויב־מאַ־שינען און צו די פאַרקילטע שיפן. און די פויסטן ווערן פון זיך אַליין געבאַלט...

אין ראָטערדאַם איז דאָס יידישע לעבן, אָדער דאָס לעבן פון די יידן, נישט אַזוי אָנזעעוודיק, ווי אין אַמסטערדאַם. אויך דאָ אַהער האָט די שפּאַניש-פּאָרטוגעזישע אינקוויזיציע אַ וואָרף געטון אַ הויפן יידן. צוזאַמען מיט די שפּעטער-צוגעקומענע „האָך-דייטשע יאָדען", האָבן זיי געגרינדעט דעם יידישן קיבוץ, נאָר זייער צאָל איז קליין און זיי לעבן צעוואָרפן, האָבן זיי, אַ חוץ איין געסל, קיין ספּעציעלן געטאָ נישט געשאַפן. נישט אויסערלעך און נישט אינערלעך. די ראָטערדאַמער פּאָרטוגעזיש-דייטשע יידן האָבן זיך געוואָרפן אין די אָרעמס פון אומבאַוווסטזיניקער אַסימילאַציע, אָדער צוזאַמענגאַס. געמישטע חתונות זענען געוואָרן אַן אָפטע דערשיינונג, אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. איצט דערוואַכט דאָס געפיל פון מורא. איצט, נאָך הונדערטער יאָרן, וועקט זיך אויף דאָס יידישע געפיל בײַ די „יאָדן".

מיר איז אויסגעקומען בײַצוזײַן אַ פאַרזאַמלונג פון די האָלענדישע „יאָדן" וועגן קאַמף קעגן די געמישטע חתונות. עס זענען טאַקע געקומען זייער אַ סך פון די „געמישטע". די פּאָרלעך האָבן נישט געוווסט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דער ראַבינער האָט גערעדט, דער קאַנטאָר האָט געזונגען פּסוקים פון תהילים און — דער עולם האָט זיך אַמוזירט.

מײַנע באַגלייטער האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז דאָס איז בײַ די האָלענדישע „יאָדן" רירט זיך אונטערן דרוק פון דער צייט. דער „צייטדרוק" רופט אַרויס די קליינע צאָל פּוילישע יידן, די דריי הונדערט משפחות, וואָס האָבן זיך דאָרט איינגענעסט אין די לעצטע עטלעכע יאָר.

דריי הונדערט „אָסט"-יידישע משפחות. קיין גרויס עשירות איז בײַ זיי נישטאָ. פאַרקערט — אַ גרויסע אָרעמקייט און דחקות. מיטן אויפגיין פון מאָרגנשטערן, צעלויפן זיי זיך איבער שטאָט און שטעטלעך, איבער דאָרף און דערפלעך. יעדער טראָגט אַ פּאַק סחורות אויף זיך—איז שוין דער פּאַק באַלד אַזוי גרויס, ווי ער אַליין. מען קלאַפּט אָן אין טירן, מען שלאָגט פאָר סחורות, מען מאַכט רחמנות-פּנימער, און דער האָלענדער קויפט. אָן געלט צי מיט געלט, ער באַצאָלט צי ער זעצט אָן — דאָס איז גאָרנישט, אַבי מען מאַכט אויף... שפּײַזן, אויף באַן-הוצאות. און פּרנסה? איז טאַקע נישטאָ. מען מאַטערט זיך...

אַפילו פרויען פאַרנעמען זיך מיט פּעדלערײַ. יונגע מיידלעך. אין די ערשטע צייטן האָט עם זיי „געגליקט", נאָר שוין מער נישט.

די אַרבעטסלאָזיקייט אין די אַרבעטער-שטובן, האָט זיי, די פעדלערס אינגאַנצן „אָוועקגעשטעלט". זייער קונה איז געווען דער אַרבעטס-מענטש, איז אָבער איצט דער דלות גרויס און די פאַרצווייפלונג — נאָך גרעסער.

מען איז אַריבערגעקומען פון פוילן, מייסטנס פון גאַליציע. מען „וווינט" אין אכסניהס—זעקס-זיבן „בעטלעך" אין איין צימער. אונטער יעדן בעטל — די „קראָם", דער פאַק מיט סחורה.

די יוגנט איז אַביסל אָרגאַניזירט. אַ קולטור-פאַריין אויפן נאָמען פון י. ל. פרץ. אַ קאַפע-לאָקאַל פאַר איין מאָל אין דער וואָך. אַ ביבליאָטעק-שענקל מיט אַ קאַרג ביסל ביכער. אַמאָל — אַן אָוונט. קיין גאַסט קומט נישט צו זיי. עס „לוינט נישט" צו באַזוכן די 35 מיטגלידער.

און דווקא אַ ווילדער יונגער עולם. אַ דורשטיקער און אַ באַ-גייסטערטער. די יידן פון אַ גאַנץ יאָר רודפן זיי. מען האַלט זיי פאַר „לינק". איינער דערציילט מיר אַ קוריאָז: בעת מען האָט געגרינדעט דעם קולטור-פאַריין, איז מען געגאַנגען מאַכן זאַמלונגען. צופעליק וווינט אַ ייד אַ שניידער אין שטאָט, וועלכער הייסט פרץ. איז מען געגאַנגען צו איינעם, אַן אַרויפגעאַרבעטן, ער זאָל זיך באַשטייערן פאַר דעם פרץ-פאַריין, האָט ער אויסגעשאָסן מיט כעס:

— וואָס, אַז דער שניידערוק, דער פרץ, וועט זיך מאַכן אַ פאַ-ריין, זאָל איך געבן געלט? אַז נישט דערלעבן וועט ער עס...

אַ געוויסע פעולה האָט אָבער דער פרץ-פאַריין יאָ געהאַט אין שטאָט. אַ געוויסע פאַראינטערעסירונג מצד... נישט-יידן, און אפילו— האָלענדישע „יאָדן".

עפעס האָט מען דאָרט, צווישן די „האָלענדער", זיך דערוווסט וועגן יידישן מאַסן-לעבן, וועגן יידישער קולטור און קאַמף פאַר דער קולטור. מען האָט זיך געחידושט...

עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ בש תפותדיקע פאָרשטעלונג פון דעם פרץ-קולטור-פאַריין און דעם האָלענדיש-„יאָדישען" יודען-פעראיין. עס איז געווען אַ מין וויכוח-אָוונט. יעדער צד האָט געדאַרפט באַ-ווייזן מוסטערן פון זיין אַרבעט. אַ גרויסער עולם איז געקומען, אַ ריזיקער עולם. די האָלענדיש-יידישע יוגנט האָט געבראַכט מוסטערן אין האָלענדיש און געגעבן... פשוטע וואָדעוויל-לידלעך, צווידייטיקע סצענקעס. אַלץ האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון געשמאַקלאָזיקייט און

איז געווען ביליק ביז גאָר. דער פּרץ־פּאַריין האָט געגעבן אויסצוגן פון די שענסטע און בעסטע שאַפונגען פון דער יידישער ליטעראַטור, הן אין סצענקעס, הן אין רעציטאַציעס, אין לידער און אין פאַר־לעזונגען.

די האָלענדישע פּרעסע האָט דעם אָוונט שטאַרק קאָמענטירט, זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין כאַראַקטעריסטישקייט, און נאַטירלעך, גע־לויבט דעם פּרץ־פאַריין. אַדאַנק דעם, האָבן נישט נאָר די „יאָדישע" האָלענדער, נאָר אויך די אמתדיקע האָלענדער געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין אַ שפּאַרעלע פון אונזער שאַפן.

ראָטערדאַם איז די צווייט גרעסטע שטאָט פון האָלאַנד. אַ שטאָט, וואָס צייכנט זיך אויס מיט איר אייגנאַרטיקייט אין סטיל און פאַרב. ראָטערדאַם איז דאָס צוציונגס־אָרט פאַר די האָלענדישע און אויסלענ־דישע מאָלער. דער פאָרט, די „גראַכטען" און וואַסער־אויסגוסן. ראָ־טערדאַם איז פיל אינטערנאַציאָנאַלער, ווי וועלכע ס׳איז אַנדערע פּאָרט־שטאָט. די גאַסן זענען פול מיט מענטשן, וואָס די שיפן האָט אַהער פאַרשלעפּט, און פירן זיי שוין נישט צוריק. בלייבט מען דאָ — און מען גיט צושטייער אַן אייגנאַרטיקן טאָן צו די פיל טענער פון דער פאַרביקער שטאָט.

■■■■

אַ מוזיי פאַר אַרבעט־באַשיצונג

אין אַמסטערדאַם געפינט זיך אַ מוזיי, וואָס האָט, דאַכט זיך, קיין גלייכן נישט אין דער וועלט, דאָס איז אַ מוזיי פון... גוטע ווונטשן. אַן אויסשטעלונג פון מכשירים, וואָס דאַרפן שיצן, היטן און וואָרענען די אַרבעטער, זיי זאָלן נישט צעניזוקט ווערן בעת דער אַרבעט.

דער אַרבעטער, וואָס האָט אַ חוץ זיין טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר אויסקומעניש און עקאָנאָמיע הינטערשטעליקייטן, וואָס האָט צו קעמפן מיטן גאַנצן געזעלשאַפטלעכן סיסטעם, זיך ווערן קעגן עקספּלאָאַטאַציע, האָט אויך ביי דער אַנטוויקלונג פון מאָדערנער טעכניק, צו קעמפן מיטן מלאך־המות, מיט רעדער, רערן, קעסלען, טראַנסמיסיעס, צייַן, פאַסן, עלעקטרע, גאַז, ליכט, וואָס יעדעס באַזונדער און אַלץ צוזאַ־מען זענען ווי מלאכי־חבלה, גרייט צו פאַרשלינגען דעם אַרבעטערס

לעבן, אים צו צערייסן, צעפליקן, פארטיליקן, אוועקשליידערן, אויב נישט איינגאנצן אים טויטן, איז לכל־הפחות אים אפרייסן גלידער, פינ־גער, הענט, אויסברענען אויגן און אים אוועקווארפן א צעקריפלטן, א קאליקע אויפן גאנצן לעבן.

חוץ דעם: קומען די סיסטעמאטישע טויט־שטאפן ביי דער שווערער אינדוסטריע און לייכטער פאבריקאציע. דאס כסדרדיקע איינאטעמען די פארשיידענע זויער־שטאפן, דאס שטענדיקע זיין אין די מינעס, אין די גלאז־גיסערייען, אין די שטאל־ווארשטאטן. דאס אלץ פרעסט, דרינגט אריין אין די לונגען, פארצערט די ענערגיע, און גרייט צו א זיכערן פריצייטיקן טויט.

מיט דער אנטוויקלונג פון דער טעכניק, האט זיך אויך אנט־וויקלט די צאל פון די קרענק, די דירעקטע פאלגן פון דער אינ־דוסטריע. קאפיטאל האט נישט קיין אינטערעס צו באשיצן די אר־בעטער־לונגען, די ארבעטער־פינגער, הענט, אויגן, אנדערע גלידער, פונקט, ווי עס איז נישטא קיין אינטערעס צו שיצן דעם ארבעטערס לעבן און פארהיטן זיין געזונט.

ווינציק אויגן קוקן זיך אויס אריינגענומען צו ווערן אין די טיפענישן פון די שאכטן? אין די גיהנומס פון שטאל־גיסערייען? אין די בראנד־אויוונס פון גלאז־פאבריקן?

אבער אונטערן דרוק פון דער צייט, פאר דעם כסדרדיקן פא־דערן פון די ארבעטער, אז זייער לעבן זאל נישט זיין אזוי הפקר־דיק און וואלוול, אז פאר געשעדיקט ווערן ביי דער ארבעט דארף מען קריגן באלוינונג, און אין פאל פון טויט ביי דער ארבעט, מוז די משפחה באזארגט ווערן, איז אויב אזוי, שמעקט עס דאך מיט געלט, מיט „אומזיסט״ געלט, דארף מען בעסער איינפירן פארזיכטס־מיטלען, בעסער איינמאל קויפן א שוץ־אפאראט, איידער שטענדיק צאלן היזק־געלט.

פארשטייט זיך, אז דערוויל איז נאך די סכנה נישט אזוי גרויס מצה... די ארבעטער. נישט איבעראל און נישט אומעטום ווערט אזא פאדערונג געשטעלט, און נישט יעדער פאבריקאנט האט דערוויל חשק די אפאראטן איינצופירן.

אין די לענדער, ווו עס עקזיסטירט דער פארזיכערונגס־געזעץ, און די ארבעטער זענען פארזיכערט אין פאל פון אומגליקס־פאל אדער טויט בעת דער ארבעט, זענען שוין די פריוואטע אדער

מלוכהשע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן פאַראינטערעסירט, אַז זיי זאָלן, קריגן פאַרזיכערונגס־אָפּצאָל (גאַנץ אָפּט פון די אַרבעטער־שכירות), און נישט צאָלן די פאַרזיכערונגס־געלטער.

האָבן זיי דאָס איינגעפירט די שוץ־מעטאָדן ביי די מאַשינען אַנדערש נעמען זיי נישט אויף זיך די אחריות פאַר די צעשעדיקונ־גען, און ווילנדיק־נישט־ווילנדיק מוז דער אונטערנעמער נאָכקומען דעם פאַרלאַנג פון... די אַסעקוראַציע־געזעלשאַפטן.

נישט ווייט פון רייכס־מוזיי געפינט זיך דער מוזיי פון אַר־בעטס־שוץ. אַ קליינער בנין, איין גרויסער צענטראַל־צימער, עטלעכע גאַלערייען, עטלעכע קליינע נעבן־צימערן און אַ קעלער.

אין דעם מוזיי ווייעט נישט דער גליווער פון דורות, פון אַלט־וואַרג און שימל, נישט קיין איינגעזאַלצענע מומיעס און נישט קיין איינגעפּאַסטע גרויסע איידל־שטיינער אין קעניגלעכע קרוינען. עס איז דאָ דער אָטעם פון דער צייט. מען פילט דעם פּולס פון אַר־בעט, פון טעכניק. אין נאַטירלעכער גרויס, אָדער אין מיניאַטור־פאָרם זעט מען אַלערליי מאַשינען, מאָטאָרן, טראַנסמיסיעס, רעדער און שאַרפן. דאָ זעט מען ווי נישטיק עס איז דער מענטש, דער אַרבע־טער, וועלכער פּלאָנטערט זיך אַרום דעם, וועלכער דאַרף באַהערשן און געוועלטיקן איבער די ריזיקע כּוחות פון די עלעקטרישע גולמס — די מאַשינען.

דאָ זעט מען, ווי לייכט עס איז אומצוקומען אין דעם גע־ווירבל פון די מאַשינען, אינם קאָך פון קעסלען, אין די וויבראַציעס פון עלעקטריע.

אָט ווייזט מען אַ קעסל. אַ קעסל אין אַ פאַבריק. דער קעסל האָט געפּלאַצט. סיבה: די היץ האָט איבערגעשטיגן דעם פּראָצענט פון וואַסער, עטלעכע קוואָרט אויסגעקאָכט וואַסער. ציפער: עטלעכע טויט. עטלעכע צענדליק פאַרוווּנדעט. דער קעסל איז מיט אַ שטאַר־קער קראַפט געשליידערט געוואָרן אויף אַ הויך פון עטלעכע מע־טער. דאָס דיקע אייזן איז צעבויגן געוואָרן, ווי אַ דין בלעכל אין קינדער־שפּילכל.

איצט איז דאָ אַן אַפּאַראַט, וואָס ווייזט די אָנקומענדיקע סכּנה און אַלאַרמירט באַצייטנס, אַזוי אַז די אַרבעטער האָבן גענוג צייט צו אַנטלויפן.

אָט שטייען די שטיין־שלייפערייען. דער גע‏יעג אין פאַבריק

איז גרויס. דאָס ראָד מאַכט דריי טויזנט פינף הונדערט אַרומדרייאונגען אין אַ מינוט. מיט צוויי־דריי אַרומדרייאונגען אין דער מינוט מער — ווערט דער שטיין צעשפּרונגען, און פון דער קראַפט קאָנען די שטיין־שטיקער אומברענגען, אָדער שווער פאַרווונדן דעם שלייפער. די צייכענונג ווייזט אַ צעשפּרונגענעם שטיין, און באַלד דערנעבן — אַן אַפּאַראַט, וואָס פאַרשליגט אין זיך די שטיין־שטיקער און דעם שלייפער קאָן עס נישט שאַטן.

אָט קומען אַ גאַנצע ריי זעגן, אייזן־זעגן, האָלץ־זעגן. מען זעגט מער נישט אויפן פּרימיטיוון אופן. די עלעקטרע טרייבט דאָס האָלץ אונטער די שאַרפע ציין פון דער מאָטאָר־זעג. צוזאַמען מיטן האָלץ מוז מיטגיין די האַנט, דער פינגער פון זעגער. אַ הונדערטסטל־טייל פון אַ מילימיטער פאַרזען, און דער מאָטאָר שלעפּט דעם פינגער, וועלכער פאַלט אַן אָפּגעשניטענער צוגלייך מיט דעם צעזעגטן שטיק האָלץ.

אַן איינריכטונג ביי די זעג־ציין ווייזט אָבער, ווי פאַרזיכערט מען קאָן זיין. דער אַפּאַראַט קאָנטראָלירט דאָס צוקומען פון פינגער צו די שאַרפע שפּיצן.

ביי דער אַרבעט, אָדער ביי מאַשינען, וואָס זענען נישט שעדלעך, וואָס מען קאָן זיך נישט צעקאַליעטשען, איז אָבער דאָ אַן אַנדער מזיק – דאָס איז דער שטויב, וואָס באַקומט זיך פון געגנשטאַנד, ביי וואָס מען אַרבעט. שטייען אַפּאַראַטן, וואָס ווייזן ווי אַזוי דער גאַנצער שטויב ווערט אויטאָמאַטיש אַוועקגעצויגן און טראָגט זיך דורך רערן אַרויס אויף דער גאַס, אין קאַנאַל אַריין.

אָנפאַנגענדיק פון אַפּאַראַטן צום געברויך אין די פאַרשיידענע מינעס, אַרבעטס־קליידער, וואָס זאָלן נישט דורכלאָזן די פאַרניכטנדיקע שטאָפן צום קערפּער, גאַז־מאַסקעס און אָטעם־מכשירים, ביז צו אַ געוויינלעכער ניי־מאַשין, וואָס האָט נישט איין צעבראָכענער נאָדל אַריינגעיאָגט אין דעם שניידערס האַנט. איצט, אַ קלייניקייט, און מען איז פאַרזיכערט פון דעם.

דרוק־מאַשינען און צעמענט־קאַסטנס. מאַסקעס פאַר אַרבעטער, וואָס דראַפּען זיך אויף גלייכע ווענט. דהיינו, פאַר מאָלערס, עלעקטראָטעכניקער. פאַרזיכערונגס־קייטן פאַר די קלעטערער אויף דעכער. נייע סאָרטן רושטאָוואַניעס. הענטשקעס און אַרבעטס־שיך. היטלען און ברילן. אַלץ דינט דעם צוועק, אַז די אַרבעט זאָל אומשעדלעך זיין פאַר דעם אַרבעטער.

אינטערעסאנט איז די אפטיילונג פון ליכט. עס ווערן אילוס-טרירט פארשיידענע מינים ליכט, וואס זענען אנגעווענדעט געווען אין די פאבריקן, אין ווארשטאטן, און וואס דארפן אנגעווענדט ווערן.

דאס עלעקטרישע ליכט שפילט א גרויסע ראלע ביי דער אר-בעט. דורך די דיאגראמישע אילוסטראציעס ווערט באוויזן, ווי שעד-לעך די לאמפן זענען, וואס פאר א שלעכטע ווירקונג עס האט פאר די אויגן און אויפן גאנצן נערוון-סיסטעם פון ארבעטער.

עס באווייזט, ווי די ארבעטער אין די פאבריקן, אויף אן אינ-סטינקטיוון אופן, גאנץ פרימיטיוו, שיצן זיך קעגן דער פלאג. זיי הענגען ארום די לאמפן מיט שטיקלעך צייטונגס-פאפיר, אבי נישט דאס ריינע ליכט, דאס שטארקע און שאדנדיקע, זאל נישט אויס-פרעסן זייערע אויגן.

די נייע שוץ-לאמפן זענען פשוט. דאס ליכט איז פארבארגן אין שיין-שיסלען, דער אפשיין פאלט אויף דעם ארט פון דער מא-שין, ווו די אויגן זענען קאנצענטרירט, ביי דער נאדל, ביי דעם רעדל, אדער ביי דעם שארף. דער גאנצער צימער איז אין טונקל-קייט. דאס איז א וויסנשאפטלעכע מעטאדע.

עס שפילט אויך א גרויסע ראלע די פארב פון די פאבריק-ווענט. ווער האט זיך מיט דעם אמאל אפגעגעבן, רוי, ציגל, רויט, אפגעריכן, און דאס האט זיך שווער געלייגט אויף דעם ארבעטערס געמיט, אויף דעם ארבעטער, וועלכער האט די העלפט פון זיין לעבן פארבראכט אין און צווישן אט די רויטע, ציגלנע ווענט. עס ווערט באוויזן, אז נישט בלויז דאס ליכט איז וויכטיק, נאר די פארב, בלויליך-ווייס דארף זיין אין די פאבריקן, אויף וועלכע די אפשטראלונגען פון נייע ליכט-איינריכטונגען, וועלן האלטן געזינטער דעם ארבעטערס אויגן.

עס וואלט נאך כדאי געווען אין א מוזיי אויך צו ווייזן די פארשיידענע נאפט-קאגאניקלעך, די קליינע, אן-גלעזלדיקע קאפטשענ-דיקע לעמפעלעך, ביי וועלכע עס זענען געזעסן אונזערע נייטארינס, שניידערינס און שוסטערס, און זיך די אויגן ארויסגענומען ביי די נאדלען איינפעדעמען און דראטוועס ציען...

א ספעציעלן צימער פארנעמט דער מוסטער פון... א פאבריקס-שפיטאל, און ווייזט, וואס פאר א באהאנדלונג עס דארף קריגן דער קראנק-געווארענער ארבעטער בשעת דער ארבעט, אדער צופאל ביי

אַ מאַשין. עס ווערן דעמאָנסטרירט אַ גאַנצע ריי אַפּאַראַטן פאַר דעם דאָזיקן צוועק.

אין דער אָפּטיילונג זענען אַממיינסטן אינטערעסאַנט די דיאַגראַמען. דאָס זענען ביטערע ציפערן, טרויעריקע סך-הכּלען פון „אָפּשפּאָרונגען" ביי דער אַרבעט. עס הענגען מאַסקעס, וואַקסענע פּנימער, וואָס אילוסטרירן די פאַרשיידענע פאַרבן, אָדער פאַרבלאַזיקייטן פון אַרבעטער בשעת דער אַרבעט. אַ סצענע פון דיאַגראַם-פיגורן באַצייכנט וויפל ענערגיע דער אַרבעטער פאַרברויכט ביי פאַרשיידענע אַרבעטן. למשל: דער ליידיקגייער פאַרנוצט פון זיין ענערגיע 1920 פּראָצענט. דער קלעריקאַל — 2186; אַ שניידער — 2282; אַ צייכנער — 2380; דער שטיינהאַקער — 4238; דער האָלץ-זעגער—4908. אינטערעסאַנט איז, אַז דער פוטבאָל-שפּילער פאַרנוצט גאַנצע 5000 פּראָצענט ענערגיע, באַלד גלייך מיט דעם האָלץ-העקער, וועלכער פאַרנוצט 6000.

די ציפערן זענען שייך נאָר צו מענער. פאַר פרויען ציילט זיך אַנדערש:

די ליידיקגייערין — 1330; די שניידערין — 1496; די מאַשין-שניידערין — 1628; אַ דינסט-מיידל — 2475; אַ טאָג-לוין-דינסט — 2962; אַ וועשין — 3419.

פאַרשטייט זיך, אַז די צאָל פאַרנוצטע פּראָצענטער אין דער שווערער אינדוסטריע, אין די קוילן-מינעס, אויף די פּלאַנטאַציע-פעלדער פון קאַווע און טאַבאַק, ווערט דאָ נישט אויסגערעכנט. אָפּנים — דאָס גייט נישט אַריין אין מספּר.

אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג ווייזט די פאָלגן פון דער אַרבעט. אונטער גלאָז ליגן די אָפּגעשפּאָרטע „פאַרמעגנס" פון די אַרבעטער. דאָס זענען זייערע צעפרעסענע לונגען.

אָט זענען לונגען, וואָס האָבן בעתן לעבן איינגעאָטעמט אין זיך דעם שוועבל-זויער-שטאָף. רויט, נאָר נישט פון צירקולירנדיקן בלוט, נאָר רויט פון אַ בראַנדיקן גיפט, דורכגעגעסן און פאַרשרפהט.

אָט זענען לונגען פון אַ קוילן-מינען-אַרבעטער. שוואַרץ, צעפרעסן פון דעם קוילן-זויער-שטאָף, אָט זענען לונגען בלוי, ווי געשוואָלענע מילצן. דאָס איז פון אייזן-אָקסידן. עס זענען פאַראַן לונגען, וואָס האָבן דעם אויסזען, ווי גרינער שטיין. דאָס איז פון צעמענט- און שטיין-אַרבעטער. דאַן קומען די לונגען פון טאַבאַק-אַר-

בעטער און די, וואָס האָבן געאַרבעט ביי פאַרשיידענע גאַזן. די לונ־גען האָבן געטון דאָס זייעריקע — איינגעאָטעמט אין זיך אָט די דאָזיקע גאַזן און גיפטיקע שטאָפּן. די פאַבריקס־אייגנטימער האָבן אויך געטון דאָס זייעריקע און... נישט געגעבן קיין פאַרהיטונג פאַר די דאָזיקע סמען.

ביים אַרויסגיין פון מוזיי לייענט זיך אַן אויפשריפט:

„בעסער זיך פאַרהיטן פריער — איידער היילן דערנאָך".

עס איז אַ גוטער ווונטש. ווער זאָל היטן? אָט דער, וואָס האָט נישט מער ווי די הענט צום פאַרדינגען, צום פאַרקויפן, צו אַרבעטן, און לונגען צו אָטעמען גיפט? אָדער די, וואָס האָבן געלט, מאַכט און... אַ גרינגשעצונג צו זייערע אַרבעטנדיקע?

■■■■

דער מוזיי פון זאַק־דרייב

איבער די אַמסטערדאַמער גאַסן האָב איך בייגעוווינט אַ מאָד־גע דעמאָנסטראַציע: דאָס איז געווען פאַר ווייַנאַכטן, פאַר דעם יום־טוב פון „הייליקן ניקאָליי". דעמאָלט, ווען מ'קויפט מתּנות פאַר די קינדער. די געשעפטן זענען אָנגעפּראָפּט מיט יונגוואַרג, וואָס קומען באַגלייט פון זייערע מוטערס און קויפן זיך איין פאַרשיידענע שפּי־לעכלעך.

דייטשלאַנד איז די צושטעלערין פון אָט די שפּילעכלעך און אַממייסטן פאַבריצירט מען דאָרט... בלעכענע סאָלדאַטלעך, פאַרשידן געווער, פּיסטאָלעטן, שווערדלעך, פאַנצער־טאַנקעס, האַרמאַטעלעך, ביקסן און אַלע אַנדערע אָפּבילדונגען פון כּלי־זין.

דאָס דייטשע קינד ווייסט נישט פון קיין אַנדער שפּילעכל, ווי זעלנערישע צאַצקעס. גראָד די פאַבריקן אַרבעטן טאָג און נאַכט נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער וועלט.

האָט זיך אין האָלאַנד אָנגעהויבן אַ באַוועגונג קעגן... די מלחמה־שפּילערייען, אַ דעמאָנסטראַציע האָט זיך געצויגן איבער די גאַסן מיט אויפשריפטן, וואָס האָבן געפאָדערט ביי די מאַמעס נישט צו קויפן אָט די קריגס־שפּילעכלעך — נישט איינצופלאַנצן אינם קינד דעם חשק צו רויבן, צו הרגענען זיך, צו שלאָגן!

ס'איז באמת געווען אַ רירנדע דעמאָנסטראַציע. דאָס קליינע

האָלאַנד האָט אַ שפּיי געטון איר „גרויסן שכן", דייטשלאַנד, און גע־וויזן, וואָס עס הייסט „אַנטוואָפענונג". דער אָנהויב דאַרף געמאַכט ווערן ביים אומשולדיקן קינדס שפּילעכל.

עס האָט זיך באַשטעטיקט, אַז די מערס ע גרויסע געשעפטן פון קינדער־שפּילצייג, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קויפן „כלי־זין" פאַר קינ־דער און די מאַמעס, האָבן אַוודאי געפאָלגט און נישט געקויפט דאָס פאַרדאַרבנדיקע שפּילצייג.

דער נידערלענדער האָט שטאָלץ דערקלערט: ער איז קעגן קריג, קעגן רויב, קעגן פעלקער־רציחה. נישט אומזיסט האָט ער זיך נישט געלאָזט אַריינציען אין דער מלחמה (הגם האָלאַנד האָט געמאַכט דאָס בעסטע געשעפט און איצט, ווען די זיגער און באַזיגטע דאַרפן צאָלן די מלחמה־חובות, לאַכט האָלאַנד אין די פויסטן אַריין) און איז שטאָלץ, וואָס אין האַאַג, די קרוין־שטאָט פון דער מדינה, געפינט זיך דער שלום־פּאַלאַץ, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן פון אַלע פעלקער און איז געעפנט געוואָרן קורץ פאַר דער... וועלט־מלחמה...

און אין פלוג קאָן מען טאַקע מיינען, אַז האָלאַנד איז דאָס פרידלעבסטע לאַנד, און דער האָלענדער — דער שטילער, צוריקגעצוי־גענער, דער מענטש פון דער פאַמיליע, דער איינגעזעסענער, אַרבעט־זאַמער און שפּאָרעוודיקער—איז דער סימבאָל פון פרידן און פרייהייט.

דאַרף מען אָבער נאָר אַ קוק טון אין דעם אַמסטערדאַמער קאָ־לאָניאַלן מוזיי און זען דעם היפך. מען איבערציינט זיך, מיט וואָס פאַר אַ כיטרעקייט, שטאַרקייט, מאַכט און ברוטאַליטעט דאָס קליינע, קוים אַכט מיליאָנעדיק פאָלק, הערשט, אינטערדריקט און באַלעבאַטעוועט איבער ווייטע קאָנטינענטן, איבער אַ באַפעלקערונג פון זעכציק מיליאָן!

דער קאָלאָניאַל־מוזיי איז איינער פון די שענסטע אין שטאָט און פאַרנעמט עטלעכע גרויסע בנינים. דאָס איז דער שטאָלץ פון האָ־לאַנד. דאָ באַווייזט זיך דער האָלענדער מיט „זיין" עשירות. דאָס, וואָס די נאַטור האָט אים ביי זיך אין לאַנד נישט געגעבן, האָט ער אַליין גענומען אין ווייטן וועלט־טייל — אין אינדיע. עס ליגן אויסגעלייגט קינסטלערישע מאַפּעס, וואָס געבן אַן אָפּבילד אין מיניאַ־טור פון יענע מקומות. ביי זיך אין לאַנד האָט מען געפּרוווט שאַפן אַ... קינסטלערישן באַרג, אַן אָנשיט, כדי צו זיין מיט לענדער גלייך... כדי מ'זאָל נישט קאָנען זאָגן, אַז האָלאַנד איז אַ פלאַכלאַנד. ביי זיך אין לאַנד, איז די ענגשאַפט אויף אַ שטיקל ערד גרויס, און מען

האָט אויף אַ קינסטלעכן אופן פאַרגרעסערט דעם שטח, פאַרשאָטן אַ גרויס שטיק פון ים, און דאָ, וווּ מיט אַ צייט צוריק זענען נאָך פישער אַרומגעפאָרן אויף שיפלעך און געפאַנגען פיש, גייט איצט אַרום דער פויער מיט זיין אַקער, און גרויסע פעטע ווייס־זאַנגען כוואַליען זיך.

און דאָ אין מוזיי זעט מען אַזאַ שפע פון רייכטום, אַזאַ אָנגעלאָדן גוטס. דער זאַק־רויב ליגט אויסגעלייגט פאַר די אויגן פון דער וועלט צו זען און מקנא צו זיין. אָט איז פעפער און אָט—די עכטע, די בעסטע יאַוואַ־קאַווע. דאָ ווייזט מען טאַבאַק, קאָקוס, גומע, מאַיס. אָט ליגן מוסטערן פון צינק, און אָט איז פעטראָלעום. דאָ קומען שטיינקוילן, דימענט־שטיינער און גאָלד.

די אילוסטראַציעס און בילדער ווייזן, ביי וואָס פאַר אַ באַדינגונגען די דאָרטיקע, די איינגעבוירענע קומט אויס צו אַרבעטן. הונדערט זעקס און צוואַנציק שיפן פון האָלענדישן האַנדלס־פלאָט פלעגן כסדר פאָרן הין און צוריק נאָך דעם דאָזיקן זאַק־רויב. וואָלטן כאָטש די אינדיער געהאַט ברויט פאַר זייער מי, ווינונגען און געלעגערס, מנוחה און פרייהייט. עס דערציילן די, וואָס זענען צוריקגעקומען פון דאָרט, ווי אַזוי די בייטש אין דעם באַלעבאָס' האַנט פייפט איבער די פלייצעס פון די אונטערטעניקע. ווי אַזוי עס פירט זיך אויף דער נידערלענדישער באַאַמטער אין וויטן לאַנד, דער פרעמדן־לעגיאָן און זיינע אָפיצירן — די געדונגענע קנעכט. די עקספּלאָטאַציע האָט דערגרייכט דעם העכסטן פונקט איצט אין האָלענדיש־אינדיע.

דאָרט, ווי איבעראַל, און נאָך מער ווי איבעראַל, ליידט נישט דער מינען־אייגנטימער, דער גאָלד־ און קוילן־מאַגנאַט, עס ליידט נישט דער באַאַמטער, וואָס איז פון פאָטערלאַנד געשיקט געוואָרן אין וויטן לאַנד, צווישן פּרימיטיווע איינוווינער איינפירן ציוויליזאַציע און פּראָגרעס... עס ליידט נישט דער מיסיאָנער, נאָר דאָס רוב פון די זעכציק מיליאָן איינגעבוירענע ליידן און שווייגן. זיי האָבן אַפילו נישט די פּריווילעגיע פון זייערע ברידער־שכנים, די אינדיער פון בריטישער פאַרקנעכטונג. האָלאַנד, זאָגט מען, איז „שטאַרקער און ברוטאַלער". דאָס כמעט תמעוואַטע פנים פון האָלענדער ווערט רויט און צעפלאַמט, בעת ער קומט אַהין אין וויטן מזרח צו זיינע „אונטערגעוואָרפענע".

אין קאָלאָניאַל־מוזיי אינטערעסירן אַמּמייסטן די בילדער, וואָס דער האָלענדער האָט אַרויסגעשטעלט צו באַרימען זיך: זעט, וואָס פאַר אַ אינדוסטריע מיר האָבן דאָרט איינגעפירט! וואָס פאַר אַ מעכאַני־

זאַציע! די טעכניק דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט. אין יאָר 1895 האָבן זיי אַרויסגעצויגן 82 טויזנט טאָן אַ יאָר, און אין יאָר 1930 — גאַנצע זעקס מיליאָן!

איז דאָס נישט אַ דערגרייכונג פאַרן... האָלענדישן קאַפּיטאַליזם?

איך שפּאַציר איבער די זאַלן—ווייסע, הויכע, פּשוטע, אין אינ-דישן סטיל. עקספּאָנאַטן, פיגורן, לעבנס-מנהגים פון די אינדיער אין זייערע לענדער און לאַנד-שטרעקעס, זייערע אייגנאַרטיקע קליידער, זיי-ערע יום-טובים, זייערע פייערונגען, זייער גאָטעס-דינסט און זייערע פּאַראַדן.

אָט ליגן אין אַ געפּאַנצערטן צימער די קרוינען מיט די גרויסע בריליאַנטן געפּאַסט אין זיי. די פאַרשיידענע גילדערנע און העלפאַנט-ביינערנע כּלי-זין, מיט די רובינען און מאַרקיז-איידלשטיינער — אַ ציַ-רונג-אוצר—דאָס האָבן „געשענקט" די אינדישע פּרינצן און האַרן פון זייער „מוטערלאַנד" די נידערלענדער און די ווילהעלמינאַס...

עס זענען אָבער נישט אויסגעשטעלט די געקלאַמערטע פויסטן פון די אינדישע מאַסן, וועלכע זענען געצווונגען געוועזן זיך אַראָפּצו-לאָזן אין די טיפענישן פון די ימען — פּערל אַרויסצוברענגען, אין די אומענדלעכע היילן פון שטיינקוילן, אין די מינעס פון דימענטן, שטיין ביי די פּאָמפּ-מאַשינען פון אייל און פּעטראָלעום, זיך שפּרייטן אויף די קאַווע-פּלאַנטאַציעס.

עס ווערט נישט אַרויסגעשטעלט דער פלאַם, וואָס גליט אין די אויגן, פלאַם פון הונגער און צאָרן. דאָס געהערט נישט צו דער עק-זאָטישקייט. אַ קו—אַן אָפּגאָט, אַ פּריסטער אין די פּריסטער-קליידער, אַ טענצערין — דאָס זענען זאַכן, וואָס מען ווייזט...

צוזאַמען מיט מיר האָבן אַרומגעשפּאַצירט עטלעכע יונגע אינדיער, וועלכע זענען שוין גאַנצע אייראָפּייער. זיי זענען דאָ געקומען שטו-דירן. דאָס, וואָס איך האָב נישט געזען אויף דער אויסשטעלונג אין מוזיי, האָב איך געזען אין זייערע בליקן.

■■■■■

אַ באַזוך אינם „שלום-פּאַלאַץ" אין האַג

„האַג", „דען האַג", „גראַפענהאַג" — דאָס אַלץ איז איין וואָרט. אויף יידיש רופט מען עס האַג און פּטור. האַג איז די קרוינשטאָט פון נידערלאַנד, די רעזידענץ פון דער קעניגין. עס איז די שטאָט,

ווו עס רוען די ביינער פון ברוך שפּינאָזע, און עס איז די שטאָט פון שלום-פּאַלאַץ.

שפּאַצירט מען איבער די גאַסן פון האַג, דוכט זיך, אַז מען האָט דאָ צו טון מיט אַ פאַרשלאָפן שטעטל, אַ שטעטל פון זקנים און אָפּגעלעבטע. ה״ג, ווי יעדע הויפּט-שטאָט, האָט אַ גרויסע באַאַמטנ-שאַפט. אָנהויבנדיק פון דער קעניגין ווילהעלמינאַ מיט איר סוויטע, מיט איר מאַנס סוויטע, איר קרוין-פּרינצעסינס סוויטע און די סוויטע פון יעדן סוויטע-מענטש, שטעלט עס שוין פאַר אַ היפּשן עולם פון מונדירטע און ציווילע ליידיק-גייער, פאַראַדן-מאַכער. דאַן קומען הויפ-לייט, דינער און דינערינס, משרתים, קעכינס און קוטשערס.

אין האַג געפינט זיך די רעגירונג מיט אַלע אירע אַמטן: מיניס-טאָרן און מיניסטעריומס; דער פּאַרלאַמענט און סענאַט מיט זייערע קאַנצעלאַריעס און סעקרעטאַרן; דאָס הויפּט-געריכט מיט אָן אַ שיעור אַדוואָקאַטן און „מאַכערס"—זיי אַלע פאַרפּילן דאָס קרוינשטעטל—האַג.

דערנאָך ערשט קומט די אַרמיי: פּשוטע זעלנער און הוזאַרן. פוסגייער און רייטער, מעש-באַקנעפּלטע און גאָלד-באַשליפלטע. זעלנער, וואָס דאַרפן היטן די גרענעצן פון קעניגרייך, זעלנער, וואָס דאַרפן גיין אין פּאַראַדן, מאַטראָסן און קאַפּיטאַנען, אָפיצירן און גענעראַלן, און ווען דאָס אַלץ לאָזט זיך אַרויס איבער די גאַסן מיט די הויכע גרוי-בלויע היטן און צו דעם אַלעמען קומען צו די אויסגעדינטע פון די קאָלאָניעס, נאָך גאַנץ יונגע מענטשן, נאָר זיי זענען שוין אויף רעגירונגס-פּענסיעס. דאָס, וואָס פאַרהעלטנישמעסיק יונגע מענטשן זע-נען שוין אויף אייביקע רעגירונגס-פּענסיעס, איז אַ רעזולטאַט דער-פון, וואָס יעדן באַאַמטן פון די קאָלאָניאַלע געביטן אין אינדיע, סיי די ציווילע באַאַמטן, סיי די מיליטערישע, ווערן — אַ חוץ זייערע גוטע געהאַלטן, פאַררעכנט איין יאָר דינסט פאַר צוויי... פאַרשטייט זיך, מיט אויסצייכענונגען און מעדאַלן פאַר זייער „פּאַטריאָטישער" לייסטונג. נו, לאָמיר זאָגן, אַז איינער איז אַוועקגעפאָרן צו צוואַנציק יאָר אין די קאָלאָניעס, און האָט דאָרט געדינט פופצן יאָר, וואָס איז אים פאַררעכנט געוואָרן פאַר דרייסיק, איז ער גום פינף און דריי-סיקסטן יאָר צוריקגעקומען אַ פּענסיאָנירטער שוין אויפן גאַנצן לעבן.

דער דאָזיקער גאַרניש-טועוודיקער קלאַס, פאַרפלייצט די גאַסן פון האַג, פאַר אים, ווי פאַר די אַנדערע רעגירונגס-אָנגעשטעלטע, זענען אָפן די קאַפעען און שענקען, הוליע-פּלעצער און פאַרוויילונגס-ערטער.

די הויפּט־גאַסן זענען שמאָלע און מאָדערנע, אָן אַן איבערבליי־בעכץ פונם מיטלאַלטער און... קוביסטיש, פוטוריסטיש. איך האָב נאָך אין קיין שום אַנדערער שטאָט, אפילו אין אַמעריקע, נישט געזען אַזאַ מאָדערניסטיש־איבערגעבויטע שטאָט ווי האַג. האָלענדישע אַרכי־טעקטור איז באַקאַנט אין דער וועלט. אין ראַטנפאַרבאַנד נעמט מען דעם האָלענדישן סטיל אַלס מוסטער פאַר געבוי, זייער איינפאַכקייט האָבן די האָלענדער פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק קונסט, אַ ניי־מאָדיש קינדער־מייסעלע, הייזער — ריזיקע בנינים פון טונקעלן גלאָז, גאַנצע געביידעס פענצטער, רעמען פון ווייסן שפּיגל־מעטאַל, וואָס לייכטן ווי זילבער־שטאַנגען קעגן טאָג. און אין אָוונט ווערן זיי אָנגעגאָסן מיט גרינעם און ראָזן ליכטשיין פון רעפלעקטאָרן.

אין האַג געפינט זיך אַ... פרידנס־פּאַלאַץ, אַ מין שלאָס־טעמפּל פאַר פעלקער און לענדער. דאָ, פון דעם פּאַלאַץ, וועלכן ס'האָט, אגב, אויסגעבויט דער אַמעריקאַנער מולטי־מיליאָנער קאַרנעגי, האָט באַדאַרפן קומען די ישועה פאַר דער גאַנצער וועלט... פעלקער האָבן זיך גע־דאַרפט פאַרברידערן מיט פעלקער, שטרייטיקייטן פון לענדער האָט מען נאָר דאָ געדאַרפט ברענגען, אָט דאָ צום גרינעם טיש פונם אינ־טערנאַציאָנאַלן געריכט, און אַלץ וועט שוין „אויסגעלייזט" ווערן...

קאַרנעגי האָט נישט געקאַרגט קיין געלט. ער האָט אויפגעבויט זיין טעמפּל אַזוי, אַז די „מלאַכי־השלום" זאָלן האָבן גאַנץ באַקוועם... די געביידע איז איינע פון די אימפּאָזאַנטסטע, רויטע ציגל מיט ברייטע פענסטער פון קליינע געקעסטלטע שויבן, צען טויערן צום אַריינ־גאַנג. אַ הויכער טורעם מיט אַ זייגער, פון פאָרנט אַ טעראַסע, מיט ברייטע שטיגן צום אַריינגאַנג, בלומען־בייטן, גרינע טעפּיך־גראָז און אַ זעלטן־שיינער פאָנטאַן.

מיט דער אינערלעכער איינריכטונג פון דער געביידע, פון הויפּט־זיצונגס־זאַל און פון די באַזונדערע צימערן, האָבן זיך פאַרנומען די „פעלקער" און זייערע הערשער, וועלכע בענקען אַזוי שטאַרק נאָכן שלום...

אָט זעט זיך אין קאָרידאָר אַ וואַזע, אַ ריזיק־גרויסע בראָנזן־וואַ־זע, גראַווירט פון די פיינסטע מייסטער, די וואַזע איז אַ מתנה פון אונגאַרן, און אין זעלבן קאָרידאָר, וואָס איז אַזוי פיין אַרכיטעקטאָ־ניש געוועלבט, זענען פאַראַן אַ ריי טייערע שטיי־לאָמפּן, קאַנדעליאַב־רעס — דאָס איז אַ געשאַנק פון עסטרייך. דער גרויסער „רודף־

שלומניק״ ניקאָליי דער צווייטער, האָט אויך מהנה געווען דעם פּאַלאַץ מיט אַ פּרעזענט — אַ טייערע פּערסישע וואַזע. אַ ריזיק גרויסער טעפּיך געשענקט פון פּערסיע. אין איינעם פון די זאַלן געפינט זיך אַ וואַנט-געוועב, אַן אויסגעהאָפטן יאַפּאַניש בילד, וואָס טויזנט יונגע פרויען האָבן דריי יאָר כסדר געהאָפטן. און ווי אַזוי, סיי דער בלוטיקער צאַר ניקאָליי דער צווייטער, סיי די עסטרייך-אונגאַרישע מאָנאַרכיע האָבן פאַרשטאַנען דעם פעלקער-שלום, דאָס האָט דאָך די וועלט געזען בעת דער גרויסער וועלט-מלחמה פון 1914—1918... יאַפּאַן איז נאָך היינט אַן אָנהענגער פון פרידן. דאָס זעט מען דאָך אויף די שלאַכטפעלדער פון כינע... דאָרט געפינען זיך „פריינטשאַפטס״-אָנדענקונגען פון... דייטשלאַנד. היפּש באַנאַלע און זיסלעכע סימבאָלן, אַ שטייגער, ווי „מולך״, דער גאָט פון קריג, ליגט באַזיגט מיט אַ צעבראָכענער שווערד, און איבער אים טריומפירט די יונגפרוי פון פרידן מיט אַ לאָרבער-קראַנץ...

אין איין זאַל, דאָס איז דער זאַל פון אינטערנאַציאָנאַלן געריכט, איז פול מיט טעקעס פּאַפּירן. דאָס זענען די „ספּראַוועס״ פון פאַרשידענע מלוכות, דאָ דאַרף מען „פרידלעך״ אויסגלייכן די סכסוכים...

נאָר זעלטן-ווען ברענגט אַהער אַ וועלכע ס'איז מלוכה אירע טענות און קומט שוין יאָ ווען פאַר אַ משפט—וואַרפט זיך די שטאַרקערע מלוכה קיינמאָל נישט אונטער און די סכסוכים ווערן פּאַקטיש אַנטשידן... אויפן שלאַכט-פעלד. די אַמוניציע-פאַבריקן זענען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט און די אַרמייען פאַרגרעסערן זיך... איך גיי איבער די זאַלן און מיך וווּנדערט: הלמאי האָט די האָלענדישע רעגירונג נישט אָפּגעגעבן דעם פרידנס-פּאַלאַץ פאַר דעם אַנטי-מלחמה-קאָנגרעס, וואָס איז אין אויגוסט-חודש 1932 פאָרגעקומען אין אַמסטערדאַם. איך האָב זיך דאָס געפרעגט ביים פירער און ער האָט גאַנץ אויפריכטיק געענטפערט: דער פרידנס-פּאַלאַץ געהערט דאָך נישט צו דער האָלענדישער רעגירונג, נאָר צו די „פעלקער״. יאָ, דער פרידנס-פּאַלאַץ געהערט צו די פעלקער. דער פּאַלאַץ איז פאַרטיק געוואָרן אין יאָר 1913 און נאָך דער פייערונג פון דער דערעפענונג פון דעם פּאַלאַץ האָט זיך באַלד די וועלט אָנגעצונדן אין אַ גרויסן מלחמה-בראַנד!